STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06884

DI YIDISHE GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יידישע געשיכטע

לויט פּראָפעסאָר ג ר ע ץ און אַנדערע קוועלן
מיט אַן הקדמה פון הלל צייטלין.

פינפטער באַנד
פון די גאונים ביזן גירוש־שפּאַניע

פאַרלאַג ש. סגל — בוענאָס איירעס

Editorial S. SIGAL - Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Hecho el depósito que marca la ley

Prof. Dr. H. GRAETZ

HISTORIA DEL PUEBLO JUDIO

QUINTO TOMO

Publicado por la
EDITORIAL S. SIGAL
Corrientes 2854
Buenos Aires
Rep. Argentina

1949

א י נ ה א ל ט.

די עפּאָכע פון די גאונים

קאַפּיטל איינס: יידן אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם — — 7
קאַפּיטל צוויי: יידן אין שפּאַניע אונטער די וועסטגאָטן און אַראַבער 15
קאַפּיטל דריי: די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידנטום אין די לענדער פון איסלאַם — — — — — — — — — — — — — 21
קאַפּיטל פיר: די קאַראַאימער (קראים) און אַנדערע סעקטעס — 29
קאַפּיטל פינף: יידן אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע — — — — — 35
קאַפּיטל זעקס: דאָס יידנטום אין בבל; דער אונטערגאַנג פון עקזי־לאַרכאַט — — — — — — — — — — — — — — — 47

די יידן אין מערב־אייראָפּע

קאַפּיטל זיבן: נייע קולטור־צענטערן אין מערב־אייראָפּע — — 61
קאַפּיטל אַכט: די יידן אין די מזרח־לענדער און די דערווייליקע ישיבות אין אַפריקע — — — — — — — — — — — — — 79
קאַפּיטל ניין: די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון שפּאַנישן יידנטום — 85
קאַפּיטל צען: דער ערשטער קרייץ־צוג — — — — — — — — — 105
קאַפּיטל עלף: די יידן אין שפּאַניע אונטער די אַלמאַראַווידן — — 113
קאַפּיטל צוועלף: דער צווייטער קרייץ־צוג; די שמד־גזרות אין די מאַכמעדאַנישע לענדער — — — — — — — — — 125
קאַפּיטל דרייצן: די יידישע לאַגע אין דער עפּאָכע פון רמב״ם — 141
קאַפּיטל פערצן: ר׳ משה בן מיימון (רמב״ם) — — — — — — 157
קאַפּיטל פופצן: די יידישע לאַגע אין מערב־אייראָפּע און די גרויסע מחלוקת — — — — — — — — — — — — — — 173
קאַפּיטל זעכצן: די אויפלעבונג פון דער קבלה — — — — — — 189
קאַפּיטל זיבעצן: די שרעקלעכע רדיפות און די וכוחים איבערן תלמוד 197
קאַפּיטל אַכצן: די ווייטערדיק אַנטוויקלונג פון דער קבלה — — — 215
קאַפּיטל ניינצן: דער גירוש פון פראַנקרייך — — — — — — — — 237
קאַפּיטל צוואַנציק: דער ״שוואַרצער טויט״ און די שרעקלעכע יידן־יידן־שחיטות — — — — — — — — — — — — — — 251
קאַפּיטל איין און צוואַנציק: די ירידה פון שפּאַנישן יידנטום — — 268

די עפּאָכע פון די גאונים

קאַפּיטל איינס

יידן אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם

עס זיינען נאָך נישט אַריבער קיין גאַנצע צען יאָר נאָך מאַכמעדס טויט. און די בעסטע לענדער פון צפון און צפון־מערב אַראַביע האָבן זיך שוין געפונען אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם. מיטן שווערד אין איין האַנט און דעם קאָראַן אין דער אַנדערער האָבן זיך די האַלב־ווילדע מדבר־קינדער אַריינגעריסן אין די לענדער פון אַזיע און צפון־אַפריקע, און ווי אַ שטור־רעם־ווינט האָט זיך איבער די דאָזיקע לענדער געטראָגן זייער מעכטיקער אויסרוף: „נישטאָ קיין גאָט אויסער אַללאַ און מאַכמעד איז זיין נביא!״

דער ערשטער מאַרשרוט פון די אַראַבישע מחנות איז געווען קיין פּערסיע, און באַלד איז צעפאַלן געוואָרן אָט די פון אַלטקייט אָפּגעשוואַכטע מלוכה אונטער דעם מעכטיקן שטויס פון די העלדישע גלויבנס־קעמפער. דאַן זיינען געקומען די ביזאַנטינישע פּראָווינצן פּאַלעסטינע, סיריע און עגיפּטן, וואו די יידישע באַפעלקערונג, אונטערדריקט פון די קריסטלעכע דעספּאָטן, האָט געקוקט אויף די אַראַבער, ווי אויף אויסלייזער און באַ־פרייער. מעדינאַ, אַן אָאַזע אין דעם גרויסן מדבר, וואָס די איינוואוינער האָבן ביז אַהער גאָרנישט געוואוסט פון איר, איז איצט געוואָרן די געזעצגעבערן פאַר מיליאָנען, ווי רוים אין די אַלטע צייטן, און די באַ־זיגטע האָבן געמוזט אָדער אַנערקענען מאַכמעדן פאַר אַ נביא און זיך אונ־טערגעבן דעם איסלאַם, אָדער צאָלן שטייער די אַראַבישע מושלים.

דער באַזיגער פון פּאַלעסטינע איז געווען דער צווייטער קאַליף אָמאַר. ער האָט זיך גלייך אַליין באַזעצט אין דער אַמאָליקער יהודהשער הויפּטשטאָט (638), און פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן הייליק אויך פאַר די מאַכמעדאַנער. אָמאַר האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער באַרימטער פעלדזן־מאָשעע (אָם סוקאַראַ), אויף דעם אָרט, וואו ס׳זאָל האָבן גע־שטאַנען דער בית המקדש, און ביז היינטיקן טאָג פאַרהייליקן די מאַכמעדאַ־ניש־גלויביקע אָט דעם בית־המקדש־פעלדזן נישט ווייניקער, ווי דעם שוואַרצן שטיין אין דעם מעקאַנישן קאַאַבאַ־טעמפּל, אין וועלכן זיי גלויבן

צו זען די פוס־טריט פון דעם ערשטן יידישן פּאַטריאַרך — אברהם. די באַזיגטע קריסטלעכע בעלי־בתּים פון שטאָט, וועלכע זיינען איצט אונ־טערגעוואָרפן געוואָרן דעם רעזשים פון איסלאַם, האָבן זיך, נאַטירלעך, געמוזט אָפּזאָגן פון אַלע זייערע פּריווילעגיעס. דאָס האָט זיי שטאַרק אויפ־געררייצט קעגן די מיטהעלפער פון דעם אַראַבישן נצחון, די יידן, און לויט אַ געוויסן נוסח זאָל דער בישאָף פון ירושלים, סאָפראָניוס, האָבן אַפילו בפירוש אויסגערעדט מיטן קאַליף אָמאַר, אַז ער גיט אים איבער די שליס־לען פון שטאָט, נאָר אונטער דעם באַדינג, אויב די יידן וועט אויף ווייטער אויך זיך פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין זייער אַמאָליקער הויפּטשטאָט. אויף וויפיל ס'איז צו גלויבן, איז אָבער פון דער השתדלות גאָרנישט געוואָרן, און די מוסולמענישע הערשאַפט האָט די פּאַלעסטינישע יידן פּאַקטיש באַ־פרייט פון דער געדריקטער לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען.

פאַרדינט פונעם מאַכמעדאַנישן נצחון האָבן אויך די יידן אין בבל, וועלכע האָבן, צוזאַמען מיט די כאַלדעאישע (נעסטאָריאַנישע) קריסטן, אַרויסגעוויזן אַ גרויסע שטיצע אָמאַרן אין זיין קאַמף מיט די לעצטע מלכים פון דער סאַסאַנידישער דינאַסטיע. אָמאַר האָט די שטיצע פאַר־שטאַנען אָפּצושאַצן און די קריסטלעכע קהלות, ווי די יידישע,ביידע האָבן פון אים באַקומען גרויסע הנחות. די ערשטע האָט ער געשענקט אַ געוויסע אַדמיניסטראַטיווע זעלבסטשטענדיקייט מיט אַן אייגענעם פירער און הויפּט־ריכטער (אונטערן נאָמען „קאַטאַליקאָס", און פאַר די בבלישע יידן איז צוריקגעשטעלט געוואָרן די אויטאָנאָמישע הערשאַפט פון די עקזי־לאַרכן, וועלכע איז שטאַרק געפאַלן געוועזן אין די לעצטע צייטן פון דער פּערסישער ממשלה. אָמאַר האָט געלאָזט ברענגען צו זיך דעם לעצטן אָפּשטאַמלינג פון די ריש גלותאס (ממילא אויך — פון די מלכי בית דוד), מיטן נאָמען בוסתנאי, האָט אים געגעבן פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון דעם פּערסישן קעניג כאָזרו, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים ווי אַ געפאַנגענע, און איבערגעגעבן אין זיינע הענט די פּאָליטישע און געריכט־לעכע פירונג פון דער יידישער קאָלאָניע אין בבל.

וועגן דעם דאָזיקן בוסתנאי דערציילט זיך אין אַ פאַרצייטיקער לע־גענדע דאָס ווייטערדיקע: איינער פון די פּערסישע מלכים האָט געלאָזט אויסראָטן דעם גאַנצן שטאַם פון די יידישע עקזילאַרכן אין בבל, און נאָר די אלמנה פון דעם דערהרגעטן עקזילאַרך (חנינאי) איז דערוויל געבליבן

לעבן. דאַן האָט זיך דעם מלך געחלומט אַ שרעקלעכער חלום: אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט ארום מיט אַ האַק אין זיין פּרעכטיקן גאָרטן (בסתן) און האַקט אויס איין בוים נאָכן אַנדערן. נאָר ווען ער האָט אויפגעהויבן די האַק אויף דעם לעצטן צווייגל פון לעצטן בוים, האָט זיך אַנטקעגן אים אַוועקגעשטעלט אַ גרויער מאַן און אים, דעם מלך, אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטון מיט דער האַק, אַז ער אומגעפאַלן און זיך באַגאָסן מיט בלוט. דער קעניג האָט דעמאָלט זיך אַנגעהויבן בעטן ביי דעם אַלטן מאַן און זיך שווערן פאַר אים, אַז ער וועט נישט אויפהייבן מער זיין האַנט אויף דעם לעצטן צווייגל און עס היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזען, ווי פון זיין שטערן רינט בלוט. האָט ער געשיקט רופן אייבעם פון די ייִדישע חכמים, וואָס האָט געקענט פּותר זיין חלומות, און יענער האָט אים אַזוי באַשיידט זיין שרעקלעכע זעאונג: דער אויסגעהאַקטער גאָרטן — דאָס איז דער שטאַם פון דוד המלך, און דאָס איבערגעבליבענע צווייגל איז דאָס קינד, וואָס דאַרף אין גיכן געבוירן ווערן פון דער מעוברתער עקזילאַרכן. און דעם מלך איז דער באַשייד געפעלן געוואָרן, האָט ער געהייסן אָפּהיטן דער אלמנה פון דעם געטויטן עקזילאַרך. ווען זי האָט געבוירן אַ זון, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן בוסתנאַי. און בוסתנאַי איז אויסגעוואַקסן און האָט געלערנט תורה און משנה, הלכה און חכמה. דעמאָלט האָט אים דער מלך באַשטימט פאַר אַ ריש גלותא און געגעבן אים אַ באַזונדער שטעמפּל מיט אַ הערב. שפּע־טער, נאָך דעם נצחון פון די קאַליפן, האָט בוסתנאַי, ווי געזאָגט, באַ־קומען פאַר אַ ווייב די געפאַנגענע טאָכטער פון קעניג כאָזרו, און אין זיין צייט האָט זיך ייִדן גאַנץ רואיק געלעבט.

באַזונדער פעסט און געהויבן איז געוואָרן די לאַגע פון די בבלישע ייִדן אין די צייטן פונעם פערטן קאַליף אַלי, מאַכמעדס מיטקעמפער און איידעם (656). אים האָבן אַרויפגעזעצט אויפן קאַליפן־שטול די אַראַבישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געטויט די פריערדיקע קאַליפן אָמאַר און אָסמאַן. ער האָט אָבער אויך באַקומען אַ סך שונאים און פאַרביטערטע קעגנער, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון מאַאַוויאַ, אַ קרוב פון דעם געהרגעטן אָסמאַן. אין דעם קאַמף האָבן די בבלישע ייִדן, נאַ־טירלעך, נישט געקענט בלייבן נייטראַל, און זיי האָבן זיך אָפן איינגע־שטעלט פאַר דעם באַגאַבטן אַלי; זיי האָבן אים געהאָלפן איינגעמען די

שטאָט פירוז־שבור, און לויט אַ געוויסער לעגענדע, זיינען אַלע ניינציק טויזנט יידישע איינוואוינער, מיטן אָרטיקן ריש מתיבתא מר יצחק בראש, ארויסגעגאַנגען אים מקבל פנים זיין און באַגריסן (668). פאַר דער פריינט־לעכקייט האָט אַלי געשענקט דעם ריש מתיבתא עטלעכע באדייטנדיקע פריווילעגיעס, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן צו פראַקטיצירן דער טיטל גאון פאַרן ריש מתיבתא. וואָס האָט געשפילט אין דער יידי־שער זעלבסט־פאַרוואַלטונג נישט קיין קלענערע ראָלע פון ריש גלותא. די דאָזיקע נייע לאַגע, וואָס האָט געשאַפן ווי אַ מין קאָנקורירנדיקע מאַכט פאַרן ריש גלותא, האָט געבראַכט אין אָנהויב צו פאַרשידענע סכסוכים און רייבונגען צווישן דיביידע פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקע־רונג אין לאַנד. ביסלעכווייז זיינען אָבער די באַציאונגען רעגולירט און אויסגעגלייכט געוואָרן, און עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אָרגאַנישע איינהייט אין דער פירונג פון בבלישן יידנטום, מיט באַשטימטע, אָפּגע־טיילטע פונקציעס פאַרן ריש גלותא, ווי פאַר די פאָרשטייער פון דער גאונות. דער ערשטער האָט פאַרטראָטן די אָפיציעלע, פאָליטישע מאַכט; ער האָט איינגעמאָנט די שטייערן פון די יידישע קהלות, באַשטימט פאַר־וואַלטער און ריכטער, זיך משתדל געווען פאַר דער צענטראַלער רעגירונג וועגן דער גרינדונג פון נייע אינסטיטוציעס, און איז פון דער באַפעלקע־רונג אויך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ וועלטלעכער מאַכטהאָבנדיקער פירשט. דאַקעגן איז די רעליגיעזע איינהייט פון בבלישן יידנטום און זיין גייסטיקע אויסבילדונג געלעגן אין גאַנצן אין די הענט פון די צוויי גאונים — די פירער פון די ישיבות אין סורא און פומבדיתא. זיי האָבן אַרויסגעגעבן נייע געזעצן און תקנות, און האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַשטראָפן פאַר נישט אָפּהיטן זיי. זיי האָבן געמוזט באַשטעטיקן יעדן באַשטימונג פון ריש גלותא בנוגע צו דיינים און לערער, און בכלל האָבן זיי געהאַט אַ שטאַרקע דעה אין אַלע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן פון דעם פאָלקס־לעבן. די עקזילאַרכן גופא אַפילו זיינען אויך אין אַ געוויסער פאָרעם געווען אָפּהענגיק פון די גאונים, וואָרים כאָטש דער טיטל ריש גלותא איז אי־בערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור אין דער בוסתנאַישער דינאַסטיע, האָט דאָך יעדער נייער ריש גלותא געמוזט האָבן די אָפיציעלע הסכמה פון ביידע גאונים.

אַן אויספירלעכע שילדערונג פון די פייערלעכקייטן ביים באַשטימען

אַ נייעם ריש גלותא איז דערגאַנגען צו אונדז אינעם „ספר היוחסין" פון ר' נתן הבבלי, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט. ער דערציילט:

„ווען יידן האָבן געדאַרפט אויפנעמען אַ ריש גלותא, זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען די ראשי ישיבות מיט אַלע אָנגעזעענע בעלי־בתים, נדיבים, זקנים און שופטים פון גאַנצן לאַנד אין אַ גרויסן רייך באַפּוצטן זאַל, וואו עס זיינען געשטאַנען שטולן פאַר אַלע פאַרזאַמלטע און באַזונדער דריי שטולן אויבנאָן פאַרן ריש גלותא מיט די צוויי גאונים. דאָ שטעלט זיך אויף דער גאון פון סורא און זאָגט מוסר דעם ריש גלותא: ער זאָל זיך נישט גרויס האלטן און נישט דריקן דאָס פאָלק. דאַן גייט מען אַוועק אין שול (דאָס קומט פאַר דאָנערשטיק), וואו די גאונים גיבן אים סמיכה און בענטשן אים און מ'בלאָזט שופר, כדי אָנצוזאָגן דעם גאַנצן פאָלק פון קליין ביז גרויס: „זאָל לעבן אונדזער האַר דער נשיא פלוני בן פלוני! ער איז אונדזער פירשט! ער איז דער ראש הגולה, די קרוין פון ישראל!" — און מען באַגלייט אים אַהיים מיט גרויס פּאַראַד. פאַר זיין הויז בלאָזט מען מיט טראָמפּייטן, און די רייכע שיקן דעם ניי־אויסגעוויילטן נשיא טייערע מתנות: גאָלד, זילבער, טייערע קליידער און אַנדערע צירונגען. שבת קומט פאַר ביים ראש הגולה אַ פּרעכטיקער באַל, אויף וועלכן עס זיינען איינגעלאַדן די אָנגעזעענסטן יידן פון לאַנד, ווי אויך אַלע הויכע באַאַמטע פון שטאַט, און צום דאַווענען אין שול ווערט דער נשיא ווידער געפייערט מיט אַלערליי כבודים: פאַר אים ווערט אויפגעשטעלט אַ באַזונ־דער עסטראַדע, וואָס איז אויסגעבעט מיט פורפור און זייד; די גאונים בוקן זיך פאַר אים און זעצן זיך אויף זייערע שטולן, לעבן אים, ערשט דאַן, ווען ער ענטפערט זיי אויף זייער באַגריסונג. די ספר תורה ווערט צו אים צוגעטראָגן און דאָס גאַנצע פאָלק בעט פאַר זיין געזונט. פון דעם שבת אָן גייט דער עקזילאַרך נישט אַרויס פון שטוב גאַנצע זיבן טעג, און ביי נייטיקע פאַלן פאָרט ער אַרויס אין אַן עקיפּאַזש, רייך אָנגעטון און באַגלייט פון פופצן מאַן מיט אַ שקלאַף, וואָס לויפט נאָך פון הינטן".

די הוצאות פון דעם עקזילאַרכישן הויף, אין אַ סומע פון זיבן הונ־דערט גאָלדענע רענדלעך, פלעגן געדעקט ווערן מיט די הכנסות פון די יידישע קהלות אין בבל און דערצו זיינען צוגעקומען נאָך אויסערגעוויינ־לעכע הכנסות פון איינצלנע פּערזאָנען.

דעם צווייטן ראַנג אין דעם בבליש־יידישן קהלה־לעבן האָט פאַרנו־

מען דער ריש מתיבתא (אָדער ווי מ'האָט אים איצט גערופן: גאון) פון סורא, וועלכער איז אין אַ סך הינזיכטן געווען געשעצט העכער פון זיין קאָלעגע אין פומבדיתא אַפילו אין דעם פאַל, ווען יענער איז געווען פיל עלטער פון אים. בנוגע צו דער פאַקטישער אַקאַדעמישער און געזעצגעבנ־דיקער טעטיקייט איז אָבער פומבדיתא געשטאַנען נישט נידעריקער פון סורא און האָט געהאט אויך די זעלביקע פריווילעגיעס און זכיות. אַט די ביידע ראשי ישיבות האָבן געהאט ארום זיך אַ קאָלעגיע, אין וועלכן עס זיינען ווידער געווען פאַרשידענע ראַנגען און מדרגות. דער נאָענטסטער בייזיצנדיקער פון ריש מתיבתא איז געווען דער הויפט־ריכטער אָדער „אב בית־דין". אונטער אים זיינען געשטאַנען זיבן „ראשי כלה" (לערער פון די אַקאַדעמישע פאַרזאַמלונגען) מיט דריי חברים, וועלכע האָבן צוזאַמען גע־בילדעט אַ מין קליינעם סענאַט.

דאָס זיינען געווען די שטענדיקע זיצונגען פון דער אַקאַדעמיע. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען עטלעכע זיצונגען אין באַשטימטע צייטן, וואָס דער־מאָנען שטאַרק מיט זייער אָרגאַניזאַציע די זיצונגען פון אַ פּאַרלאַמענט. די דאָזיקע זיצונגען פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל אין יאָר, אין אדר און אלול, און פלעגן זיך ציען אַ גאַנצן חודש. אויף די זיצונגען זיינען אויך באַהאַנדלט געוואָרן פאַרשידענע טעאָרעטישע באַלייכטונגען פון צווייפל־האַפטיקע תלמודישע הלכות; די הויפט־טעטיקייט פון אַט די זיצונגען איז אָבער געווען געווידמעט פּראַקטישע פראַגן. דאָ זיינען באַהאַנדלט און אָנ־גענומען געוואָרן נייע געזעצן און תקנות, און פון דאַנען פלעגן אַרויסגע־שיקט ווערן תשובות אויף אַלע שאלות פון פאַרשידענע קהלות, וואָס זיינען אריינגעקומען אין דעם משך פון דער גאַנצער צייט. די דאָזיקע תשובות פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג, — אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט (אויסער דער שטענדיקער קאָלעגיע) זיבעציק פאַקטישע מיטגלידער („אלופים") און דרייסיק קאַנדידאַטן (בני קיומי) — האָבן געמוזט גע־חתמעט ווערן פון ריש מתיבתא, און ער פלעגט זיי אָפּשיקן דורך באַשטימ־טע שלוחים צו די דיינים אָדער ראשי הקהלות.

די קהלות גופא ווידער האָבן אויך געהאט באַשטימטע פאַרוואַל־טונגס־אָרגאַנען, וואָס האָבן ארומגענומען אַלע פונקציעס פון דעם שטאָ־טישן לעבן. בראש פון דער קהלה, ווי אַ גייסטיקער פירער און וועגווייזער, איז געשטאַנען דער דיין, וועלכער איז געווען אי ריכטער, אי רעליגיעזער

לערער. ער פלעגט זיך אויסוויילן פון די קהלה־מיטגלידער צוויי בייזי־צערס, און די דריי זיינען געווען צוזאַמען דער שטענדיקער בית־דין. דורכן בית־דין האָבן געמוזט דורכגיין און באַשטעטיקט ווערן אַלע אַקטן פון חתונה־פאַרבינדונגען, גטן, געשעפטלעכע אָפּמאַכן, ווי בכלל אַלערליי שאלות פון דעם רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ווי ס׳איז צו גלויבן, זיינען אויך די קינדער־שולן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט די בתי מדרשים, געשטאַנען אונטער דער השגחה פונעם דיין. איבער די ווירטשאַפטלעכע ענינים פון דער קהלה האָט געהאט צו פאַרוואַלטן אַ באַ־זונדער קאָלעגיע פון זיבן אָנגעזעענע בעלי־בתים (פרנסים). אַט דאָס קאָ־לעגיום האָט געהאט אַ באַדייטנדיקע מאַכט איבער די מיטגלידער פון דער קהלה, און אויסער דער געוויינלעכער שטראָף (מלקיות) פאַר פאַרברעכער קעגן די געזעצן פון דער תורה, מיט וועלכער דאָס ייִדישע בית־דין האָט זיך שטענדיק באַנוצט, האָט די קהלה־פאַרוואַלטונג זיך געקענט באַנוצן אויך מיטן שרעקלעכן חרם ביים באַשטראָפן יענע ייִדישע מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן אירע פאַראָרדענונגען.

ביי אַזאַ פעסטער אינעווייניקסטער אָרגאַניזאַציע האָט די ייִדישע קאָלאָניע אין בבל וואָס ווייטער אַלץ מער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ זעלבסטשטענדיקער ייִדישער מלוכה אונטער דער פאָן פון איסלאַם. די מאַכט פון די ייִדישע הערשער האָט זיך אָבער פאַרשפּרייט גאַנץ ווייט איבער די גרענעצן פון בבל. אין צפון ביז טראַנסקאַווקאַזיע, אין מזרח ביז אינדיע, אין מערב און דרום ביז אַפריקע און די פּירענייען — אור־מעטום, וואו נאָר ס׳האָט דערגרייכט די הערשאַפט פון קאַליפאַט, האָט מען זיך צוגעהערט צו די באַשטימונגען פון די ייִדישע געזעץ־לערער אין סורא און פומבדיתא, און פון די אַלע לענדער פלעגט מען זיך ווענדן צו זיי מיט שאלות וועגן צווייפלהאַפטיקע רעליגיעזע און יורידישע הלכות. אויף אַזאַ אופן זיינען די נאָרמעס פון תלמוד פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע ייִדישע קבוצים, און דאָס האָט ווידער אַ סך מיטגעווירקט, צו דער־נענטערן צווישן זיך די אָפּגעזונדערטע טיילן פון דער אומה, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער די לענדער פון אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע.

קאַפּיטל צוויי

יידן אין שפּאַניע אונטער די וועסטגאָטן און אַראַבער

אין דער צייט, ווען די יידן אין מזרח האָט זיך רואיק און פריי גע־לעבט אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די אַראַבישע קאַליפן, האָבן די יידן אין די קריסטלעכע לענדער געמוזט אויסשטיין שווערע און אכזריות־דיקע רדיפות.

באַזונדער טרויעריק איז געווען די לאַגע פון דער יידישער קאָלאָניע אין שפּאַניע. אויפן באַפעל פון דעם פאַנאַטישן קעניג כינטילאַ, האָט דער גרעסטער טייל פון די שפּאַנישע יידן זיך געמוזט אויסשמדן, און די איבעריקע זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד. די משומדים האָבן אַפילו געמוזט געבן אַ פייערלעכע שבועה, טריי צו דינען דער קריסטלעכער קירך און זיך אָפּצורייסן אין גאַנצן פון דעם גלויבן פון זייערע עלטערן; פּאַקטיש האָבן זיי אָבער נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף זיך, ווי אויף קינדער פון דער אויסגעוויילטער יידישער אומה, און ווי נאָר דער גרויזאַמער הערשער האָט געשלאָסן די אויגן, זיינען זיי גלייך צוריק אַריבער צום יידישן גאָט און דער יידישער תורה. עטלעכע יאָר האָבן זיי נאָך דעם אָפּגעלעבט במנוחה, אונטער דער שוץ פון דעם יידנפריינטלעכן קעניג כינדאַסווינד (642—652). דער זון און נאָכפאָלגער פון דעם קעניג, רעצעזווינד, איז אָבער געווען צו יידן גאַנץ אַנדערש געשטימט. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ הייליקער אויפגאַבע, אויסצוראָטן אַלע יידן פון זיין לאַנד, און באַזונדער אכזריותדיק האָט ער גערודפט די „יודאַיזאַנטעס", די אָפיציעלע קריסטן, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט אָפּצוהיטן אַלע געזעצן פון יידנ־טום. „זיי זאָלן דורך אונדזער פרומקייט פאַרבעסערט אָדער דורך אונדזער שטרענגקייט פאַרטיליקט ווערן", — האָט דער קעניג פאַרביטערט אויס־גערופן, און ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן: די „יודאַיזאַנטעס" זיינען פאַר־ברענט אָדער פאַרשטיינט געוואָרן, און די איבערגעבליבענע פון זיי האָבן ווידער געגעבן אַ פייערלעכע שבועה, אַז פון איצט אָן וועלן זיי נישט האָבן מער קיין שייכות צו יידן און וועלן נישט היטן קיין יידישן געזעצן און

מנהגים. נאָר דאָס איינע האָבן זיך די אומגליקלעכע אָפּגעבעטן: קיין חזיר־פלייש קענען זיי נישט עסן — עס עקלט זיי; דערפאַר האָבן זיי זיך פאַר־פליכטעט צו עסן אַנדערע שפּייזן, וואָס זיינען געקאָכט מיט חזיר־פעטס.

אויף דעם אַלעם האָבן זיי געשוואוירן ביי דער הייליקער דריי־איניקייט; דאָס איז אָבער נאָך אַלץ ווייניק געווען, כדי אויסצולעשן דעם יידישן פונק, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו גליען אין זייערע געפּיי־ניקטע הערצער, און אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען געמוזט אָננעמען נייע מיטלען קעגן די פאַרברעכערישע „יודאַאיזאַנטעס".

אונטער דעם קעניג וואַמבאַ (672 — 680) איז די יידישע לאַגע נישט בעסער געוואָרן. די יידן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די מורדים פון דרום־פראַנקרייך (סעפּטימאַניע), וואָס האָט אָנגעהערט ביז אַהער צו דער שפּאַנישער קרוין. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן און די יידן זיינען באַשטראָפט געוואָרן צוזאַמען מיט די מורדים.

וואַמבאַס נאָכפאָלגער, ערוויג (680), איז געווען אַ געבוירענער ביזאַנטינער, וואָס האָט מיט פאַרשידענע פאַלשקייטן און שווינדלערייען אויסגענאַרט די קרוין פון דעם געזעצלעכן הערשער, און כדי זיך ריין צו וואַשן פון דעם חטא האָט ער געמוזט זיך צוחנפהנען צו די גייסטלעכע און זיי געווינען פאַר זיך. נאַטירלעך, זיינען יידן געווען זיין ערשטער קרבן, און אויף דעם קירכן־קאָנגרעס אין טאָלעדאָ האָט ערוויג באַשוואוירן די פאַרזאַמלטע, זיי „זאָלן פאַרטיליקן מיטן וואָרצל די יידישע פעסט". צו דעם צוועק האָט דער קעניג פאָרגעלייגט דער פאַרזאַמלונג צו באַשטעטיקן גאַנצע זיבן און צוואַנציק פּאַראַגראַפן, פון וועלכע נאָר איינער רעדט וועגן יידן און די איבריקע באַשעפטיקן זיך ווידער מיט די פאַרשאָלטענע „יודאַ־איזאַנטעס". אין דעם פּאַראַגראַף וועגן יידן האָט ערוויג פאָרגעלייגט אַ קורצן מיטל: יעדער ייד, וואָס וועט זיך נישט אָפּשמדן אין דעם משך פון אַ יאָר צייט, פאַרלירט אַלע זיינע גיטער, און באַקומט הונדערט שמיץ. דאַן שינדט מען אים אָפּ די הויט פון קאָפּ און שטערן צום צייכן פון אייביקער שאַנד און מ'שיקט אים אַרויס פון לאַנד. מיט דעם זעלביקן „דערפינדע־רישן" גייסט זיינען דורכגעדרונגען אויך די פּאַראַגראַפן וועגן דער שמירה איבער די יידישע קריסטן. דאָ ווערן איבערגעחזרט אַלע אַכזריותן פון די פריערדיקע פרומע הערשער, מיט אַ צוגאָב פון נייע אוממענטשלעכע רדי־פות.

די פאַרזאַמלונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער פון יידן־אָפּשטאַמענדיקער אַרציבישאָף יוליאַן, האָט אָנגענומען די פאָרשלאַגן פון קעניג, און אין צוויי טעג אַרום זיינען די יידן, ווי די יידישע קריסטן, געוואָרן צוזאַמענגערופן אויף איין פּלאַץ, וואו מ׳האָט פאַר זיי געלייענט די ניי־באַשטימטע געזעצן. צום גליק פון שפּאַנישן יידנטום זיינען דאָס מאָל אויך די געזעצן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און די פּאַקטישע הער־שער פון לאַנד, די פעאָדאַלן, האָבן באַשיצט די יידן פון אַלע אַכזריותן.

די דאָזיקע שטיצע האָט זיך אָבער אויפגעהערט צו פּראַקטיצירן אין די צייטן פון דעם קעניג עגיקאָ (687 — 701). אָט דער הערשער האָט אָנ־געגריפן דעם לעבעדיקסטן נערוו פון דער יידישער עקזיסטענץ: ער האָט די יידן און די יידן־קריסטן פאַרבאָטן אין גאַנצן יעדן געשעפטלעכן פאַר־קער מיט קריסטן; דערצו האָט ער נאָך אַרויסגעריסן פון יידישע הענט דעם רייכן האַנדלס־פאַרקער מיט אַפריקע, און געלאָזט קאָנפיסקירן אַלע זייערע אומבאַוועגלעכע גיטער (693).

נאָך אַזעלכע געזעצן איז שוין די יידן מער נישט געבליבן קיין אויס־וועג, און זיי האָבן געפּועלט ביי זיך, צו מאַכן אַ געפערלעכן שריט: זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט זייערע ברידער אין צפון־אַפריקע, וועלכע האָבן געלעבט רואיק אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם, און געוואָלט אַרויס־רופן אַ פולשטענדיקע מלוכה־איבערקערעניש, מיט דער הילף פון די אומ־צופרידענע פעאָדאַלן (694). צום אומגליק, איז אָבער די יידישע פאַרשווע־רונג אַנטדעקט געוואָרן, און דער אויפגערייצטער קעניג האָט זיך אויף אַ שרעקלעכן אופן נוקם געווען אָן די „העזהדיקע״ מורדים. ער האָט אַלע יידן, „די וואָס לעבן אין שפּאַניע, ווי יענע, וועלכע האַלטן זיך אויף אין די גאַלישע פּראָווינצן״, דערקלערט פאַר שקלאַפן און זיי איינגעטיילט צווישן די קריסטלעכע בעלי־בתים פון לאַנד, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין רעכט זיי צו לאָזן פריי. דערצו זיינען אַלע יידישע קינדער, עלטער פון זיבן יאָר, איבערגעגעבן געוואָרן אין קריסטלעכע הייזער. אָן אויסנאַם האָט עגיקאָ געמאַכט פאַר די קריגערישע יידן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף די גרענעץ־בערג צווישן שפּאַניע און גאַליע און געשיצט דאָס לאַנד פון אָן אָנפאַל.

דאָס איז געווען דער לעצטער גיפט־טראָפּן פון דער אָפּשטאַרבנדי־קער וועסטגאָטישער דינאַסטיע. יידן האָבן געליטן אַ קורצע צייט פון דער

שענדלעכער גזירה, די שפּאַנישע מלוכה האָט אָבער באַצאָלט דערפאַר מיט איר לעבן. די יידן, וועלכע האָבן אין פאַרשידענע צייטן אויסגעוואַנדערט פון שפּאַניע, ווי יענע, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין דעם שפּאַנישן גיהנום, האָבן געשלאָסן יד אחת מיט דעם העלדישן מאַכמעדאַנישן באַ־זיגער טאַריק, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד מיט זיין צפון־אַפרי־קאַנישער מחנה.

נאָך דער באַרימטער שלאַכט ביי קסערעס (יולי 711), אין וועלכער עס איז אומגעקומען דער לעצטער וועסטגאָטישער קעניג (ראָדעריך), זיינען די אַראַבער געוואָרן די בעלי־בתים פון דעם גרעסטן טייל פון לאַנד, און אומעטום זיינען זיי פון יידן שטאַרק געשטיצט געוואָרן. איז אַריינגעפאַלן אַ שטאָט צו די מאַכמעדאַנער אין די הענט, האָט זי דער קריגס־פירער אי־בערגעגעבן יידן אַפּצוהיטן, און ער אַליין איז געגאַנגען מיט זיין מחנה ווייטער, זיכער אין דער העלדישער איבערגעגעבנקייט פון די יידישע הי־טער. ווען טאַריק איז צוגעקומען צו דער וועסטגאָטישער הויפטשטאָט, צו טאָלעדאָ, זיינען זיך אַלע קירכלעכע און וועלטלעכע גדולים צעלאָפן, און אין דער צייט, ווען די איבערגעבליבענע קריסטן האָבן אין די קירכן מתפלל געווען פאַר דעם נצחון פון דער הייליקער אמונה, — האָבן די יידן אויפ־געעפנט די טויערן פון שטאָט פאַר דעם אַראַבישן זיגער און אים אויפגע־נומען מיט אַ באַגייסטערטער שמחה. טאַריק האָט זיי איבערגעגעבן די באַוואַכונג פון דער שטאָט, און איז געלאָפן מיט זיין מחנה פאַרפאָלגן די אַנטלויפנדיקע (712).

אַזוי זיינען די יידן צוריק געוואָרן בעלי־בתים איבער די שטעט, פון וועלכע מ׳האָט זיי ערשט נישט לאַנג אַזוי אַכזריותדיק געטריבן. ווען זיי האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, האָבן די אַראַבער גוט געדענקט די יידישע שטיצע, און זיי האָבן יידן געגעבן אַלע בירגערלעכע און רעליגיעזע פריי־הייטן. יידן האָבן נאָר געהאַט צו צאָלן אַ געוויסן קאָפּ־שטייער, ווי אומ־גלויביקע, גלייך מיט די אונטערגעוואָרפענע קריסטן, אָבער אין אַלע אַנ־דערע הינזיכטן זיינען זיי געוואָרן פריי און זעלבסטשטענדיק, און די גרוי־סע יידישע קהלות, וואָס האָבן זיך אין גיכן אויסגעפורעמט, ווי קאָר־דאָווע, טאָלעדאָ, א״א, האָבן אויך געהאַט אַזאַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ווי די קהלות אין בבל.

צום גליק פון שפּאַנישן יידנטום זיינען די ערשטע אַראַבישע עמירן

(הערשער) אין שפּאַניע ווייט געווען פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, און זיי האָבן יידן נישט געמאַכט קיין שום שוועריקייטן. מאַאַוויאַ, יעזיר דער ערשטער, אַבדול־מאַליק, וואַליד דער ערשטער און סוליימאַן (656 717) זיינען געווען געשטימט מער וועלטלעך ווי רעליגיעז, און זייער ווייטער בליק האָט זיך גאַנץ ווייניק צוגעפּאַסט צו דער באַגרענעצטקייט פון קאָראַן און די אַנדערע מאַכמעדאַנישע מסורות (סונאַ׳ס). זיי האָבן ליב געהאַט די אַראַבישע דיכטקונסט און מענטשן פון פעדער זיינען פון זיי נישט ווייני־קער געשעצט געוואָרן, ווי מענטשן פון שווערד. דאָס האָט אויף די יידן זייער גוט געווירקט און זיי האָבן זיך באַלד צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון דער אייגנטלעכער אַראַבישער קולטור. די אַראַבישע שפּראַך איז יידן נישט שווער אָנגעקומען צו דערלערנען, ווייל זי איז זייער נאָענט צו העב־רעאיש, און די יידישע באַציאונג צו העברעאיש גופא האָט זיך אויך שטאַרק פאַרבעסערט, אונטער דעם איינפלוס פון דעם אַראַבישן געשמאַק בנוגע צו דער ריינקייט פון דער שפּראַך און איר ריטמישן קלאַנג. צו דעם איז צוגעקומען אויך דער פאַקט, וואָס די אָנהענגער פון קאָראַן האָבן, ווי פריער די אָנהענגער פון דער עוואַנגעליע, אָנגעהויבן צו געפינען אין די הייליקע שריפטן רמזים אויף דער דערשיינונג פונעם אַראַבישן נביא, און די יידן האָבן זיך געמוזט מער פאַרטיפן אין דער שפּראַך פון די נביאים, כדי צו קענען ענטפערן זייערע מאַכמעדאַנישע קעגנער.

קאַפּיטל דריי

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידנטום אין די לענדער פון איסלאַם

די דירעקטע קאָנסעקווענצן פון דעם יידישן פּאַרטיפן זיך אין דער העברעאישער שפּראַך איז געווען די שאַפונג פון אַ מין ניי־העברעאישער פּאָעזיע. עס האָבן זיך באַוויזן דיכטערישע נאַטורן, וועלכע האָבן באַצוואונגען דעם וואולקאַנישן גייסט פון דער העברעאישער נבואה־שפּראַך, און אים איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון געמאָסטענע פערזן מיט באַשטימטע תנועות, — ענלעכע צו דעם כאַראַקטער פון דער אַראַבישער דיכטונג. אין דער צייט אָבער, ווען די אַראַבישע דיכטער האָבן געזונגען פון קריגערישע העלדישקייטן, שטאַרקע ליידנשאַפטן און אומגעצוימטער ליבע, האָט די העברעאישע פּאָעזיע זיך נישט באַפרייט פון איר אייביקן אינהאַלט: גאָט און זיין משפּט, די פאַרלאָזנקייט פון דער יידישער אומה, אירע ליידן און האָפענונגען .דאָס זיינען געווען פּאָעטישע האַרץ־אויסגוסן אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס האָבן זיך גאַנץ ווייניק אונטערגעשיידט פון די ביזדעמאָלטיקע ברכות און תפילות אינעם אַלטעגלעכן און יום־טובדיקן דאַוונען, און דעריבער טאָקע זיינען זיי באַלד אַריינגענומען געוואָרן אינעם סדר פון די תפילות, ווי אַן הוספה צו דעם געוויינלעכן שול־גאָטעסדינסט (אונטערן נאָמען פיוטים — פון פּאָעזיס, פּאָעטיקאָ).

דער ערשטער פון די דאָזיקע פייטנים (פייטן — אויטאָר פון פיוטים) איז געווען איינער מיטן נאָמען יוסי בן יוסי היתום פון פּאַלעסטינע, וואָס האָט געלעבט, לויט דער השערה, אין דער לעצטער העלפט פון זיבעטן יאָרהונדערט. אים ווערן צוגעשריבן די באַרימטע פיוטים, וואָס ווערן געזאָגט צו מוסף פון צווייטן טאָג ראש השנה (אהללה אלהי, אפחד במעשי, אנוסה לעזרה) און יום כפור אין דער עבודה (אתה כוננת, אזכיר גבורות). אין די פיוטים קלאָגט די פאַרביטערטע כנסת ישראל מיטן מויל פון דיכטער און בעט זיך ביי איר האָרציקן פאָטער אין הימל:

קום צו מיר, פרעג זיך אויף מיר נאָך —
מ'האָט מיך ארומגעשווירן, איך בין פאַרשטומט
און קען קיין מויל נישט עפענען.
מיינע שערער זאָגן: דאָס שעפעלע איז אַ פאַרשטויסנס,
זיין היטער און זיין באַשיצער רופט זיך נישט אָפּ...
אָ, זע, דרינג אַריין אין מיין פיין, אין מיין עלנד,
איך האָב נישט קיינעם, וועמען צו רופן,
פאַר וועמען זיך צו קלאָגן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דערמאָן זיך אָן דיין הויז־פייגעלע,
פרעג זיך נאָך אויף דעם שטומען טייבעלע!
שאַל צו זיי אין שופר,
טו אַ פייף צו זיי מיט דער שטים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

זעט: אָט איז אַ פאָן אין די בערג,
אָט הערט זיך אַ שופר־שאַלן איבער דער ערד,
און אַ געזאַנג טראָגט זיך פון פאַרשטומטע שטימען —
יונ'ס קינדער בוקן זיך פאַר ציונס זין!

די דאָזיקע פיוטים האָבן נישט, נישט קיין גראַמען און נישט קיין זילבענמאָס, און דאָס איינציק קינסטלערישע אין זיי איז דער אָנהויב פון די פערזן, וואָס איז צונויפגעשטעלט לויטן אלף־בית (אַקראָסטיכאָן). דערפאַר האָבן זיך די שפּעטערדיקע פייטנים שוין מער גערעכנט מיט דער אויסערלעכער קינסטלערישער פאָרם פון זייערע פיוטים און זיי געשאַפן נאָר אין גראַמען און מיט אַ ריטמישן קלאַנג. אַזעלכע זיינען די געגראַמטע יוצרות און קרובות פאַר די פייערלעכע שבתים (פרשת החודש, פרשת שקלים) פון אַ געוויסן ר' ינאי.

דער פרוכטבאַרסטער פון די דעמאָלטיקע פייטנים איז געווען ר' אליעזר הקליר, ר' ינאיס תלמיד. זיינע צאָלרייכע פיוטים זיינען ריטמיש און געגראַמט. דערביי זיינען זיי אָבער אויך האַמעטנע, האַרט און פאַרטונקלט. ער האָט געשאַפן איבער הונדערט און פופציק ליטורגישע פיוטים פאַר אַלערליי יום־טובים און תעניתים, נעמענדיק ווי אַן אינהאַלט פאַרשידענע אגדות און מדרשים, און ווייל ער האָט זיך געהאַלטן שטרענג אין

די ראַמען פון ריטמישע און געגראַמטע סטראָפן, איז ער אָפט געצוואונ־גען געווען צו באַשאַפן אייגענע שפּראַך־ווענדונגען און אויסדריקן, וועלכע זיינען גאַרניש צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון דער העברעאישער שפּראַך. נישט געקוקט אויף דעם, זיינען פונדעסטוועגן אליעזר הקלירס פּיוטים אָנגענומען געוואָרן אין אַלע יידישע קהלות פון בבל, איטאַליע, דייטשלאַנד און פראַנקרייך, נאָר די שפּאַנישע יידן אַליין זיינען געווען אַן אויסנאַם אין דער הינזיכט — זייער שפּראַכגעפיל האָט זיי אָפּגעשטויסן פונעם קאַלירס באַרבאַריזמען. אין די דערמאָנטע לענדער, דאַקעגן, האָבן זיך די פּיוטים בכלל וואָס ווייטער אַלץ מער איינגעבירגערט אין דעם יידי־שן שול־לעבן, און מיט דער צייט האָבן זיי אפילו אַרויסגעשטויסן די אגדהשע דרשות, וואָס פלעגן געוויינלעך געהאַלטן ווערן בעתן דאַוונען.

נישט אָן אַן איינפלוס אויף דער יידישער גייסטיקער אויסבילדונג איז אַריבער אויך די אַלגעמיינע קולטור־אויפלעבונג, וואָס האָט אַרומגע־נומען די מאַכמעדאַנישע וועלט פון זיבעטן ביז ניינטן יאָרהונדערט. יידן האָבן זיך איצט גייסטיק צוזאַמענגעלעבט מיט די קולטורעלע אַראַבער, ווי אַמאָל מיט די העלענען, און באַלד האָבן זיך פון זיי אויסגעטיילט באַדייטנ־דיקע קרעפטן אויף אַלע געביטן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שאַפן און דענקען. פיל פון די דאָזיקע געבילדעטע יידן האָבן אפילו איבערגענומען די שפּראַך פון יענע, פון וועלכע זיי האָבן געצויגן זייער גייסטיקע יניקה, און זיי האָבן געשריבן זייערע ווערק אין דער אַראַבישער שפּראַך אָדער איבער־געטראָגן אין דעם לשון דאָס בעסטע און שענסטע פון די אַלטע ליטעראַ־טורן: די גריכישע און רוימישע.

אין די ערשטע צענדליקער פון ניינטן יאָרהונדערט האָט זיך באַ־רימט געמאַכט ווי אַסטראָלאָג און אַסטראָנאָם דער ייד מאַשאַלאַ בן אַטאַ־די (813). שפּעטער, אין די פערציקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, האָט זיך דער ייד סאַגל־אַל טאַבאַרי פון טאַבאַריסטאַן אויסגעצייכנט ווי אַ דאָקטער און מאַטעמאַטיקער, און האָט איבערגעזעצט אין אַראַביש די גריכישע אַסטראָנאָמישע ווערק פון דעם באַרימטן פּטאָלאָמעאוס. באַרימט ווי אַ גרויסע אויטאָריטעט אין מעדיצין איז געווען אויך סאַגלס זון, אבו־סאַגל־אַלי, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צום איסלאַם און האָט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין אַ קאַליפישן הויף. אין קיירואַן (טוניס) האָט געלעבט אַלס לייב־מעדיקער פון קאַליף דער ייד יצחק הישראלי (850 — 940), וועלכער

האָט אָנגעשריבן ניין באַדייטנדיקע מעדיצינישע ווערק אין אַראַביש, און איז אָנערקענט געוואָרן אויך פון די שפּעטערדיקע דורות פאַר אַ שטאַרקן בר סמכא אין מעדיצינישע פראַגן. דער זעלביקער יצחק האָט פאַרפאַסט אויך וויכטיקע פילאָזאָפישע ווערק, פון וועלכע עס זיינען דערגאַנגען צו אונדז אין העברעאישע איבערזעצונגען דער „ספר הגבולין" מיטן „ספר היסודות". דער תלמיד פון יצחק הישראלי, דונש אבן תמים (900 — 960), האָט זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסנשאַפט, און פון אים שטאַמט די באַקאַנטע איינטיילונג, לויט וועלכער דעם נידעריקסטן אָרט אין דער וויסנשאַפט פאַרנעמט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מוזיק; דעם מיטעלן — נאַטור־לערע און מעדיצין, און דעם העכסטן — מעטאַפיזיק און טעאָלאָגיע.

ביי אַזאַ ענגן גייסטיקן צוזאַמענלעבן צווישן יידן און דער אַראַבישער אינטעליגענץ, האָט זיך ביי די ערשטע געמוזט אַנטוויקלען אַ נייע באַציאונג צו דער טראַדיציאָנעלער יידישער וועלט־אַנשויאונג, און דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אין דעם קאַמף וועגן תלמוד, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אומה און געבראַכט ענדלעך צו אַ טרויעריקער שפּאַלטונג מיט אַלע דערמיט־פאַרבונדענע קאָנסעקווענצן.

דער תלמוד האָט באַהערשט דאָס גאַנצע יידישע לעבן — אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער, סיסטעמאַטישער אַרבעט פון די אמוראים, סבוראים און גאונים איז געשאַפן געוואָרן אַ מין תלמודישע אַטמאָספערע, וואָס האָט אַרומגענומען יעדן שריט פון דעם יידישן שאַפן און ווירקן. די דאָזיקע ספּעציפיש־יידישע אַטמאָספערע האָט אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער אַרומגענומען בלויז פּאַלעסטינע, בבל און אַ קליינעם טייל פון אייראָפּע. איצט אָבער, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון איסלאַם, זיינען די יידן פון אינדיע, ביז שפּאַניע און פון קאַווקאַז ביז טיף אין אַפריקע געוואָרן פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן זעלבסטשטענדיקן קבוץ אונטער דער הערשאַפט פון די קאַליפן, און דאָס האָט אויך געווירקט צו פאַרשפּרייטן די ממשלה פון תלמוד איבער דעם גרעסטן טייל פון דער אומה. די מערסטע קהלות האָבן זיך פרייוויליק אונטערגעגעבן די געבאָטן פון דעם הייליקן יידישן קאָדעקס, און מיט דער צייט האָט זיך דאָס יידישע לעבן אין גאַנצן צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער — די תלמודישע באַגריפן און געזעצן זיינען געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער יידישער פּסיכיק.

אָט דער פּראָצעס האָט אָבער געפונען פאַר זיך אויך באַדייטנדיקע שטערונגען. די יידן פון אַראַביע, וואָס האָבן איינגעוואָנדערט קיין פּאַלעסטינע, סיריע און בבל, — זיי האָבן נישט געקענט צופּאַסן זייער לעבן צו דעם גייסט פון תלמוד. דאָס זיינען געווען קינדער פון מדבר, מענטשן פון שווערד, קריגער און רייטער, וועלכע זיינען געוואוינט געווען פון דער היים צו אַ לעבן פון אומבאַגרענעצטער פרייהייט און קריגערישע העלדישקייטן, און דאָס לעבן לויט די געבאָטן פון תלמוד האָט אויף זיי געמוזט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ שרעקלעכן אַסקעטיזם. און דאָ זיינען גראָד די יידן, וועלכע זיינען נענטער געשטאַנען צו די מאַכמעדאַנער, אָפטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין ויכוחים מיט די לעצטע וועגן אויסטייטשונגען פון פאַרשידענע שטעלן אין דער ביבל, און זייערע נישט פאַרפּלפּולטע מוחות האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן דעם פאַקט, וואָס די תורה אַליין איז גאָר נישט אַזוי האַרב און שלעכט. נאָר די תלמוד־לייט, הייסט עס, זיי האָבן אָנגעהויפט גאַנצע בערג מיט דינים און גזירות און חומרות און סיגים, וואָס לאָזן נישט געניסן פון קיין פאַרגעניגן, שטערן אויף יעדן טריט און שריט, און מאַכן דאָס גאַנצע לעבן פאַר אַ מין אָפּקומעניש אין גלות.

אויף דעם באָדן זיינען אויסגעוואַקסן פאַרשידענע אַנטי־תלמודישע באַוועגונגען, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט אין דעם משך פון איבער הונדערט יאָר. די ערשטע פון די דאָזיקע באַוועגונגען זיינען געווען פאַרבונדן מיט פּאָליטיש־רעליגיעזע אויפשטאַנדן און משיח־חלומות. אַזוי האָט אַ געוויסער ייד פון סיריע, מיטן נאָמען סערענוס, זיך אָנגעגעבן פאַר משיחן און צוגעזאָגט צו באַפרייען דאָס הייליקע לאַנד פון דעם מאַכמעדאַנישן יאָך; זיין ערשטע עובדא איז אָבער געווען, צו באַפרייען יידן פון די תלמודישע גזירות און חומרות. סערענוס האָט מבטל געווען די דינים פון תלמוד וועגן פייערן צוויי טעג יום־טוב, וועגן יין נסך, וועגן טרפה־שפּייזן און נאָך אַנדערע באַדייטנדיקע חומרות, און דאָס האָט זיין דערפאָלג נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר פאַרשטאַרקט. עס זיינען צו אים צוגעשטאַנען מאַסן יידן פון די שכנישע לענדער און אפילו אין דער ווייטער שפּאַניע האָט זיין רוף געפונען אָן אָפּקלאַנג. די דאָרטיקע יידן זיינען ערשט מיט צען יאָר צוריק באַפרייט געוואָרן פון דעם וועסטגאָטישן יאָך, אַ דאַנק די נצחונות פון איסלאַם, און איצט האָבן זיי זייער האָב און גוטס פאַרלאָזט און זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון דעם סירישן משיח. דעם לעצטנס שטערן

איז אָבער באַלד פאַרלאָשן געוואָרן, און דער קאַליף יאַזיד האָט אים, ווי אַ געפאַנגענעם, איבערגעגעבן אין די הענט פון דער יידישער געריכטס־מאַכט. פון די אָנהענגער האָבן דעמאָלט אַ סך זיך אָפּן מתודה געווען אין זייער זינד קעגן דער יידישער מסורה און זיינען צוריק אַריינגעטראָטן ווי מיטגלידער אין די יידישע קהלות. אַנדערע דאַקעגן, זיינען געבליבן ביי זייער עקשנות און נישט געוואָלט זיך ווידער אונטערוואָרפן די תלמודישע האַרבקייטן.

מיט דריי צענדליק יאָר שפּעטער איז אין אַן אַנדער ווינקל ווידער אַנטשטאַנען אַן אַנטי־תלמודישע באַוועגונג, פאַראייניקט מיט מיסטישע פאַנטאַזיעס. דאָס איז געווען איינער פון איספּאַהאַן אין פּערסיע, מיטן נאָמען עובדיה אבו־איסא. ער האָט זיך תחילת אָנגעגעבן נישט פאַר משיחן אַליין, נאָר פאַר אַן אָנזאָגער פון דעם לעצטן, און אָנגעזאָגט האָט ער, אַז גאָט האָט אים באַרופן, צו באַפרייען דעם יידישן שטאַם פונעם יאָך פון די פעלקער און פון די אומגערעכטע הערשער.

ווי אַ „נביא" האָט אַבו איסאַ זיך גענומען דאָס רעכט, צו ענדערן אַ סך געזעצן פון דער תורה, און אָט די רעפאָרמען האָבן אים אויך נישט געשטערט צונויפזאַמלען אַרום זיך גאַנצע צען טויזנט מאַן. לויט די באַ־גריפן פון דער אַראַבישער וועלט, האָט אַבו־איסאַ אויך פאַרוואַנדלט זיינע אָנהענגער אין קריגער, און מיטן שווערד האָט ער געוואָלט איבערצייגן די קעגנער אין זיין אמת. דאָס איז אים אָבער נישט געלונגען: ער אַליין איז אומגעקומען אין קאַמף און די מחנה איז געוואָרן צעקלאַפּט. די איבערגע־בליבענע אָנהענגער האָבן, אגב, אויב נאָך זיין טויט נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין אים, און ביז צענטן יאָרהונדערט האָט עקזיסטירט אַ סעקטע פון די דאַזיקע איסוואַאיטן, וועלכע זיינען אין אַ סך הינזיכטן איבערגע־טראָטן די געבאָטן פון תלמוד. שפּעטער האָט זיך פון די סעקטאַנטן גופא אויסגעטיילט איינער מיטן נאָמען יודגאַן און געגרינדעט אַ נייע סעקטע. די יודגאַנטן האָבן צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג די יידישע תפילות און תעניתים; זיי האָבן אָבער אָפּגעלייקנט אַלע שטרענגקייטן פון תלמוד וועגן שבת, שפּייזן און נאָך אַזעלכע ענינים.

כאַראַקטעריסטיש ביי די אַלע באַוועגונגען איז דאָס, וואָס די טאָן־געבער פון יידנטום, די גאונים, האָבן גאָרנישט געטון, כדי צו פאַרהיטן די געפאַר; זיי האָבן כסדר געזוכט צו באַשיצן זייערע אייגענע אינטערעסן

און דערמיט אַליין אפשר דערנענטערט די צייט פון דער שפּאַלטונג. עס האָבן זיך באַנייט די אַמאָליקע אַרומרייסענישן צווישן די עקזילאַרכן און די גאונים, און אַזוי ווי די פּאַקטישע מאַכט איז נאָך געווען אין די הענט פון די ערשטע, האָבן זיי געהערשט, ווי דעספּאָטן און זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט. דער עקזילאַרך שלמה, בוסתנאַיס אַן אוראייניקל, האָט באַשטימט, למשל, אַ געוויסן אומבאַדייטנדיקן נאַטרונאַי כהנא פאַר אַ גאון אין סורא, און האָט אויסגעמיטן דעם באַקאַנטן געזעץ־לערער אחאי פון שבחא. דער לעצטער איז דאַן אַוועק קיין פּאַלעסטינע (750), וואו ער האָט פאַרפאַסט אַ מין פּראַקטישן האַנטבוך פאַר די הלכות פון תלמוד, אונטערן נאָמען שאלתות דר' אחאי. אַן ענלעך ווערק, אונטערן נאָמען הלכות, איז אין יענער צייט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויך פון דעם ריש ישיבה פון סורא מיטן נאָמען ר' יהודאי.

קאַפּיטל פיר

די קאַראַאימער (קראים) און אַנדערע סעקטעס

אויב די אַנטי־תלמודישע באַוועגונגען אונטער דער פאָן פון פאַלשע משיחים האָבן אפילו נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין טיפן רושם, האָבן זיי דאָך געוויזן, אַז אין דער שטימונג פון פאָלק איז פאַראַן אַ באָדן פאַר אַ באַוועגונג קעגן דער צו־שטאַרקער אָנהויפונג פון רעליגיעזע באַרמען און געבאָטן, און דאָס האָט גוט פאַרשטאַנען איינער, וואָס איז אַמבעסטן צוגע־פּאַסט געווען צו דער אָנפירערשאַפט פון אַזאַ מין באַוועגונג.

דאָס איז געווען ענן בן דוד פון דער בוסתנאַישער דינאַסטיע. דער דאָזיקער זון פון עקזילאַרכן איז געווען אַ טיפער קענער פון די הייליקע שריפטן, פון תלמוד און פון דער אַראַבישער ליטעראַטור. ווייל אָבער עס איז באַקאַנט געווען, אַז ענן איז אַ קעגנער פון אַ סך תלמודישע געזעצן, האָט מען אין די לומדישע קרייזן געקוקט אויף אים קרום, און איין מאָל איז די דאָזיקע אומצופרידנקייט דערגאַנגען ביז אַן עפנטלעכן אַרויסטריט קעגן דעם אַריסטאָקראַטישן פרייַדענקער. דער צוזאַמענשטויס איז פאָרגע־קומען אויף דעם ווייטערדיקן אופן:

נאָכן טויט פון עקזילאַרך שלמה (760), זיינען די איינציקע יורשים אויפן עקזילאַרכן־טיטול געבליבן: ענן מיט זיין ברודער חנניה, וועלכער איז געווען פיל ווייניקער געלערנט פון אים. די גאונים (ר׳ יהודאי און זיין ברודער דודאי) זיינען אָבער געווען קעגן דעם אַפּיקורסיש־געשטימטן ענן, און אַ דאַנק זייער השתדלות איז פאַר אַן עקזילאַרך באַשטימט געוואָרן ענס יונגערער ברודער חנניה. דאָס האָט דעם גאוהדיקן ענן שטאַרק אָנגע־גריפן, און ער האָט צונויפגענומען אַרום זיך אַ פּאַרטיי פון זיינע אָנהענ־גער, וועלכע האָבן אים בשתיקה געקרוינט פאַר אַן עקזילאַרך. ווען די זאַך איז דערגאַנגען צום באַגדאַדער קאַליף אַל־מאַנסור, האָט ער דעם נישט־געזעצלעכן „ראַס־אַל־דזשאַלוט" (ריש גלותא, עקזילאַרך) פאַרמשפּט צום טויט. דאַן איז ענן געפאַלן אויף אַן אָריגינעלער המצאה: ער האָט זיך פאַר־טיידיקט פאַרן הערשער דערמיט, וואָס ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר

אַן עקזילאַרך איבער יידן פון אַ גאַנץ אַנדער גלויבן, — איבער יידן פון אַ גלויבן, וואָס איז פיל נענטער צו די יסודות פון איסלאַם, און האָט גאַנץ ווייניק געמיינזאַמעס מיט דעם תלמוד־גלויבן פון זיין ברודערס קהלות. די פּאַרטיידיקונג איז אַנגענומען געוואָרן פון קאַליף, און פון דעמאָלט אָן טרעט ענן אַרויס ווי אַ געזעצלעכער פירער פון אַ נייער סעקטע אין יידנ־טום, אַ סעקטע פון יידן, וואָס האַלטן זיך בלויז ביי דער תורה און אָנערקע־נען אין גאַנצן נישט דעם אינהאַלט פון תלמוד.

ענן האָט פאַרגעוואָרפן די תלמודיסטן, אַז זיי האָבן געפעלשט דאָס ריינע יידנטום, און חוץ דעם, וואָס זיי האָבן צוגעגעבן אַזעלכע געבאָטן, וועלכע זיינען אין דער תורה גאַרנישט דערמאָנט, האָבן זיי אויך געמי־נערט אַ סך געבאָטן פון דער תורה, ווייל זיי האָבן אויסגעטייטשט אירע פסוקים נישט בוכשטעבלעך, נאָר לויט דעם זין זייערן. זיין דעוויז איז גע־ווען: „זוכט פלייסיק אין די הייליקע „שריפטן" און פון דאַנען איז אַנט־שטאַנען דער נאָמען קראים, בעלי מקרא, אין קעגנזאַץ צו די רבניטן, די אָנהענגער פונעם רבנישן תלמוד.

כדי צו באַקענען זיינע אָנהענגער מיטן גייסט פון זיין לערע, האָט ענן פאַרפאַסט אַ פירוש אויף דעם ביבלישן קאָדעקס מיטן נאָמען „ספר המצוות", וואו ער האָט אַנטוויקלט זיינע מופתים און אַרגומענטן קעגן דער געטלעכער הייליקייט און ריכטיקייט פון די תלמודישע געבאָטן; דער־ביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ געוויסע אויסגעהאַלטנקייט, און אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן פאַר אַ כלל, אַז מ'דאַרף זיך האַלטן שטרענג ביי דעם בוכ־שטעבלעכן טייטש פון דעם הייליקן טעקסט, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט דערפון אפילו אין יענע פאַלן, וואו דאָס איז געווען קעגן אַלע פאָדערונגען פון לעבן און כמעט אויך קעגן דער מעגלעכקייט. דעם יידישן קאַלענדאַר, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן זינט דעם פערטן יאָרהונדערט, האָט ענן אָפּגעשאַפט, און איינגעפירט צוריק דעם פרימיטיוון קאַלענדאַר־סיסטעם, וואָס האָט זיך פּראַקטיצירט ביי יידן אין די צייטן פון בית־המקדש. בנוגע צו די געזעצן וועגן שבת איז ענן געווען פיל האַרבער פון תלמוד; שבת טאָר מען, לויט זיין לערע, פון פייער בכלל נישט געניסן, קיין רפואה נישט מאַכן און נישט נעמען, פון שטוב נישט אַרויסטרעטן (אויב די באַפעלקע־רונג אין שטאָט איז געמישט פון יידן און נישט־יידן), קיין וואַרעמע שפּייז נישט עסן און אַזוי כסדר. שטאַרקע ענדערונגען האָט ענן אַריינגעבראַכט

אויך אין דער אָרדענונג פון די יידישע יום־טובים און דער נאַציאָנאַלער יום־טוב חנוכה צום אָנדענקען פון די חשמונאים איז פון אים אין גאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן.

די געזעצן וועגן חתונה־פאַרבינדונגען צווישן בלוט־קרובים זיינען פון דעם קאַראַאימישן געזעץ־לערער אויך אויסגעטייטשט געוואָרן זייער האַרב, און די קרובים, וואָס לויט די תלמודישע געזעצן האָבן זיי יאָ גע־מעגט חתונה האָבן צווישן זיך, האָבן דאָס לויט ענאַנס לערע נישט געטאָרט. דאָס זעלבע איז געווען אויך מיט נאָך אַנדערע געביטן פון דעם אַלטעגלעכן לעבן, וועלכע זיינען אַ דאַנק דער נייער אָרדענונג שטאַרק געוואָרן באַ־שרענקט און באַגרענעצט. דאָס רעליגיעזע לעבן האָט דורך דער קאַראַאי־מישער לערע באַקומען זייער אַ טרויעריקן און טרוקענעם כאַראַקטער. און ווייל די גאַנצע לערע איז באַשטאַנען אין אייגענע אויסטייטשונגען פון דעם ביבלישן טעקסט, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן די קורצזיכטיקייט און נישט באַגרינדעטקייט פון ענאַנס אויפטו. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאַפן צענדליקער פּירושים אויף די פּסוקים פון דער תורה, און יעדער איינער האָט זיי, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען אַנדערש פון צווייטן, אַזוי, אַז אַנשטאָט צו זיין אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע מיט אַ קלאָר באַשטימטן קאָדעקס, האָבן די קאַראַאימער גופא זיך אויך געטיילט אויף פאַרשידענע סעקטעס מיט גאַנץ זעלבסטשטענדיקע מנהגים און געזעצן.

דערווייל איז אָבער אין ביידע לאַגערן נאָך פריש געווען דער איינ־דרוק פונעם ערשטן ריס און דער צאָרן איז געווען זייער העפטיק. די פּי־רער פון ביידע ישיבות האָבן ענאַנען מיט זיינע אָנהענגער אַריינגעלייגט אין חרם און אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל, און פון דער צווייטער זייט האָבן אויך די קאַראַאימער זיך אָפּגעריסן אין גאַנצן פון די רבנישע יידן: נישט געוואָלט זיך מתחתן זיין מיט זיי, נישט געגעסן מיט זיי צוזאַמען און אויסגעמיטן אפילו זייערע הייזער שבת, ווען ביי זיי האָט געברענט פייער. נאַטירלעך, האָט מען זיך דערביי פון ביידע זייטן באַנוצט אויך מיט מער ממשותדיקע רדיפות, און דער סוף איז געווען, אַז ענאַן מיט זיין פאַרטיי האָט אין גאַנצן אויסגעוואַנדערט פון לאַנד און זיך באַזעצט אין פּאַלעס־טינע. דאָ האָט ענאַן פאַרענדיקט דעם בנין, וואָס ער האָט אָנגעהויבן בויען

אין בבל, און אין גיכן איז ער געשטאָרבן (אָדער געטויט געוואָרן פון אַ פאַנאַטישן רבניסט) 1).

נאָך עננס טויט איז די הנהגה פון דער סעקטע איבערגעגאַנגען לויט דער קאַראַאימישער מסורה, צו זיין זון און אייניקל, מיט די נעמען שאול און יאשיהו. זייער טעטיקייט האָט אָבער נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום שפורן, און די אויטאָריטעט בנוגע צו אַלע פראַגן פון דער סעקטע איז איבערגעגאַנגען צו זייטיקע געלערנטע, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַ שטאַרקן פלאַנטער אין דער קאַראַאימישער לערע און נישט געלאָזט איר זיך פונאַנדערוואַקסן. דער ערשטער פון די דאָזיקע געלערנטע איז געווען דער דיין בנימין בן משה נאַהאַווענדי פון פערסיע (800 — 830). בנימין איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דעם ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט געהערשט דעמאָלט אין דער אַראַבישער וועלט, און ער האָט געלערנט, אַז גאָט ווי אַ וועזן, וועלכן מ׳קען נישט צושרייבן קיין שום קערפּערלעכע אייגנשאַפטן, האָט נישט געקענט זיך פאַקטיש באַטייליקן אין דער יצירה פון דער וועלט אָדער אין דעם פאַקט פון מתן תורה. די אַלע אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע שילדערונגען פון דער תורה מוזן דעריבער אויסגעטייטשט ווערן נישט בוכשטעבלעך. בנוגע צו די פראַקטישע געבאָטן פון דער תורה האָט בנימין פאַרפאַסט צוויי זאַמל־ווערק: „ספר הדינים" און „ספר המצוות", און אויך דאָ האָט ער זיך נישט געהאַלטן שטרענג ביי די יסודות פון די ערשטע קאַראַאימישע געזעץ־לערער.

אָפּגעטראָטן פון די ערשטע עיקרים אין דער קאַראַאימישער לערע זיינען אויך נאָך אַנדערע ביבל־דערקלערער, און אָט דער מאַנגל פון אַ פעסטן סיסטעם האָט געבראַכט צו אייביקע רייבונגען און סכסוכים אין די רייען פון דער נייער סעקטע. אַ געוויסער ישמעאל פון דער שטאָט אקבארא

1) אין די קאַראַאימישע שולן ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג אָפּגעהאַלטן יעדן שבת אַ תפילה פאַר דער נשמה פונעם גרינדער פון דער סעקטע; אין דער תפילה זאָגט זיך: „גאָט, דער גאָט פון אונדזערע עלטערן, וועט זיך דערבאַרעמען איבער אונדזערע טויטע... און צום ערשטן איבער אונדזער פירער, דעם פירשט ענן, דעם געטלעכן מאַן און עקזילאַרך, וועלכער האָט אויסגעטראָטן פאַר אונדז אַ וועג צו דער תורה, האָט באַלויכטן די אויגן פון די קראים, אָפּגעצויגן אַ סך פון זינד און פאַרברעכן און אונדז געפירט אויפן גלייכן וועג. דער גאָט פון ישראל זאָל אים מאַכן רוען אין אַ פרעכטיקן רו־אָרט, נעבן די זיבן כתות פון צדיקים, וועלכע ירשהנען דעם גן עדן".

האָט איינגעפירט גאָר אַ נייעם סדר בנוגע צו שפּייזן (כשר און טרפה) און צום שבת. אים האָט ווידער נאָכגעטון איינער מיטן נאָמען משבי פון סיריע און איינגעפירט נייע דינים וועגן יום־כפור און אַנדערע יום־טובים. דאַן איז געקומען אַ דריטער, מוסא־אַלי־זאַפראַני (אַבו־אימראַן־אַל־טיפליסי) פון באַגדאַד, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין טיפליס (אַרמעניע) און גע־גרינדעט אַן אייגענע קאַראַאימישע סעקטע.

מיט דער צייט זיינען אָנגענומען געוואָרן געוויסע מיטלען, כדי אָפּ־צושטעלן דעם פלאָנטער פון די ביבל־אויסטייטשונגען, און דער סוף איז געווען, אַז די קאַראַאימישע טעאָרעטיקער זיינען איינגעגאַנגען אויף אַ גע־וויסער פשרה בנוגע צו די טראַדיציאָנעלע מנהגים פון דער אומה. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער פּראָצעס פון דער קאַראַאימישער שפּאַלטונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צייטן פון דער חשמונאַישער הערשאַפט (צדוקים). ווי געזאָגט, האָט מען זיך פון דער יידישער זייט גאַנץ ווייניק גערעכנט מיט דעם שאָדן פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אומה, — מען האָט באַלד אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די סעקטאַנטן, ווי אָפּגעפאַלענע בלע־טער פון דעם יידישן בוים, וואָס דאַרפן אין אַלע הינזיכטן פאַרגליכן ווערן מיט פרעמדע. מ'קען אָבער אויך נישט זאָגן, אַז די גאַנצע באַוועגונג איז אַריבער אָן אַ שום איינדרוק אויף דעם טאָן־געבנדיקן טייל פון דער יידי־שער אינטעליגענץ.

די אָנפאַלן אויפן תלמוד פון פאַרשידענע קרייזן האָבן קודם כל אויפ־געוועקט דעם פאָרשונגס־גייסט פון די תלמודיסטן גופא, וועלכער האָט אין דער לעצטער צייט נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטענסיווע טעטיקייט. דאַן איז ווידער צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די קראים האָבן זיך פאַרטיפט אין די הייליקע שריפטן און פלייסיק געלערנט די העברעאישע שפּראַך, כדי צו קענען טיפער אַריינדרינגען אין דעם פשוטן, בוכשטעבלעכן זין פון די פסו־קים. דאָס האָט געמוזט ווירקן אויף די תלמודיסטן, און זיי האָבן אויך אָנ־געהויבן זיך מער אָפּגעבן מיט דעם שפּראַכלעכן שטודיום פון דער ביבל. די פאַרטיידיקער און באַשיצער פון די תלמודישע אויסטייטשונגען האָבן איצט פון די פסוקים גופא געמוזט דערווייזן יעדעס מאָל די ריכטיקייט פון דער תלמודישער דערקלערונג, און דאָ האָבן די שפּראַכקענער זיך אַרומגעז־זען, אַזביידע צדדים לייענען פשוט פאַלש די ווערטער פון דער תורה. די סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס די הייליקע שריפטן, וועלכע זיינען אי־

בערגעגאַנגען אין פֿאָלק פון דור צו דור, זיינען געוועזן געשריבן אָן נקודות (וואָקאַל־צייכנס), און נאָר געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנו־מען ספּעציעל מיטן לייענען אָדער איבערשרייבן די ביבל, האָבן געוואוסט, ווי צו לייענען און אויסלייגן לויט דער מינדלעכער מסורה. אָט די מסורה איז איבערגעגעבן געוואָרן בעל פּה (מינדלעך) פון איינעם צום אַנדערן; און ווייל דאָס האָט זיך פּראַקטיצירט אין דעם משך פון הונדערטער דורות איז די מסורה גופא אויך פֿאַרגרייזט געוואָרן און די איבערשרייבונגען פון די הייליקע שריפֿטן פֿלעגן אַרויסקומען מיט שרעקלעכע פֿעלערן. די דאָזי־קע פֿאַרגרייזטע עקזעמפּליאַרן פון דער תורה פלעגן צעשיקט ווערן הונ־דערטערוייז אין די צעשפּרייטע קהלות פון אַלע לענדער, וואו זיי זיינען ווידער איבערגעשריבן געוואָרן פֿאַר די קומענדיקע דורות, און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דער פֿאַרדאַרבונג פון דעם הייליקן טעקסט.

איצט, ביי דעם קאַמף איבער יעדן וואָרט פון תנ״ך, האָט מען דייט־לעך געזען די שלעכטע פֿאָלגן פון דער נאַכלעסיקייט און די גייסטיקע פֿי־רער פון דער אומה האָבן זיך גענומען ברענגען די זאַך אין אָרדענונג. ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן, ערשטנס, אַ סיסטעם פון פֿאַרשידענע נקודות (וואָקאַל־צייכנס), וואָס דאַרפֿן פֿאַרטרעטן דאָס אָרט פון וואָקאַל־בוכ־שטאַבן. אָט די נקודות ווערן געשטעלט אונטער די בוכשטאַבן (לויט דעם בבלישן סיסטעם — איבער די בוכשטאַבן) און צוזאַמען מיט די דגושים (אַקצענט־צייכנס) און טעמים (טראָפּ, אינטאָנאַציע־צייכנס) ווייזן זיי יעדן אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן, ווי צו לייענען דאָס געשריבענע וואָרט און ווי עס צו באַטאָנען. דאַן האָט מען גענומען קאָנטראָלירן און פֿאַרגלייכן די ביבל־טעקסטן פון פֿאַרשידענע לענדער, און מיט דער הילף פון דער טראַדיציאָ־נער מסורה האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו באַצייכענען דעם גאַנצן טעקסט מיט די דערפֿונדענע נקודות.

פון דעמאָלט אָן זיינען די הייליקע שריפֿטן צוגענגלעך געוואָרן פֿאַר אַלע אָן שום באַזונדערע מסורות, און דאָס האָט נישט ווייניק מיטגע־ווירקט אי צו דער פֿאַרשפּרייטונג פון דעם תנ״ך גופא אין אַלע שיכטן פון דער אומה, אי צו דעם פֿאַרפֿולקאָמען פון דער העברעאישער גראַמאַטיק.

קאַפּיטל פינף

יידן אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע

כמעט גלייכצייטיק מיט די אַנטי־תּלמודישע באַוועגונגען אין די לענדער פון קאַליפאַט איז פאָרגעקומען אַן אומגעוויינלעכע געשעעניש אי־נעם לעבן פון דער יידישער קאָלאָניע אין דרום־מזרח אייראָפּע. פאָרגע־קומען איז דער פאַקט, ווי דורך אַ צופאַל, אָן באַשטימטע כוונות און פאָר־באַרייטונגען. די קאָנסעקווענצן זיינע זיינען אָבער געווען זייער וויכטיק: עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע מלוכה פון יידיש־גלויביקע, וואָס האָבן זיך ענג צוזאַמענגעלעבט מיט דער יידישער אומה און אירע הייליקסטע טראַ־דיציעס.

די כוזרים (אָדער כאַזאַרן), אַ פינישער שבט, אין קרובהשאַפט מיט די בולגאַרן אָדער אונגאַרן, האָבן זיך נאָך פון די צייטן פון דער „גרויסער פעלקער־וואַנדערונג" באַזעצט אויף דעם גרענעץ־פּאַס צווישן אַזיע און אייראָפּע, און געגרינדעט דאָ אַ מעכטיק קעניגרייך, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן שטח פון דער וואָלגאַ ביז די צפון־ברעגעס פון קאַספּישן ים (אין דער געגנט פון היינטיקן אַסטראַכאַן). די כאַזאַרישע מלכים, אונטער דעם טיטול כאַקאַנע (אָדער האַגאַנע) האָבן כסדר געפירט מלחמות מיט די אַרו־מיקע פעלקער: פריער האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין פּערסיע און אויף איר אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק; דאַן זיינען זיי אַריבער קאַווקאַז, חרוב געמאַכט אַרמעניע און איינגענומען די קרימער האַלב־אינדזל, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן כאַזאַריע. די ביזאַנטינישע מלכים האָבן געציטערט פאַר די האַלב־ווילדע כאַזאַרן און זיך אויסגעקויפט פון זיי מיט שטייערן און מתּנות, די בולגאַרן און נאָך אַנדערע סלאַווישע שטאַמען פון יענער געגנט זיינען גע־ווען אונטערגעוואָרפן דער כאַזאַרישער הערשאַפט. די רוסן ביים דניעפּער האָבן געמוזט יערלעך ברענגען דעם כאַזאַרישן מלך אַ באַשטימטן מס, און מיט די אַלמעכטיקע זיגער פון יענער עפּאָכע, די אַראַבער, האָבן זיי אויך געפירט בלוטיקע מלחמות.

לויט זייער גלויבן זיינען די כאַזאַרן אין אָנהויב געווען קרוביש מיט

די שכנישע סלאַוויאַנער: זייער געצנדינגסט איז געווען גראָב, ווילד און פּאַראייניקט מיט שענדלעכער אויסגעלאַסנקייט; שפּעטער זיינען זיי באַאיינפלוסט געוואָרן פון די דורכפאַרנדיקע אַראַבער און גריכן, און האָבן טיילווייז אָנגענומען דעם איסלאַם און דאָס קריסטנטום. אָט די ביידע אמונות האָבן אָבער באַלד אָפּגעטראָטן זייער פּלאַץ, און דאָס יידנטום איז געוואָרן די הערשנדיקע אמונה אין לאַנד.

דאָס איז געשען אין אַכטן יאָרהונדערט, ווען יידן האָבן געליטן שטאַרקע רדיפות אין פּערסיע און ביזאַנטיע, און האָבן מאַסנווייז אויסגעוואַנדערט אין די כאַזאַרישע לענדער. צווישן די דאָזיקע יידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן גלייך פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אינעם פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון כאַזאַריע, האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדיקער געלערנטער, וואָס איז געוואָרן אַ שטאַרקער מקורב אין הויף פון די כאַזאַרישע הערשער, און אַ דאַנק זיין איינפלוס האָט איינער פון די כאַקאַנען אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. לויט אַ שפּעטערדיקער לעגענדע זאָל דאָס האָבן געווען דער כאַקאַן בולאַן, וועלכער האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן, זיך אָפּצוזאָגן פון דער שענדלעכער געצנדינעריי. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, וועלכן גלויבן אויסצוקלויבן פון די דריי, וואָס מ'האָט אים פאַרגעלייגט: דאָס קריסטנטום, דעם איסלאַם אָדער דאָס יידנטום. בולאַן איז דאַן געפאַלן אויף אַן המצאה: ער האָט אויפגענומען דעם קריסטלעכן מיסיאָנער און אים געפרעגט: — וועלכע פון די צוויי אמונות, די יידישע אָדער די מאַכמעדאַנישע איז בעסער? די יידישע, די מוטער פון אַלע אמונות — האָט דער מיסיאָנער געענטפערט. דערנאָך האָט ער אָריינגערופן דעם פּריידיקער פון איסלאַם און אים געפרעגט: וואָס איז בעסער דאָס קריסטנטום אָדער דאָס יידנטום? און ווען דער האָט אויך געשטעלט העכער דעם יידישן פונעם קריסטלעכן גלויבן, האָט דער קעניג געזאָגט: „אויב, אַזוי, אויב סיי דער מאַכמעדאַנער, סיי דער קריסט שטעלן דעם יידישן גלויבן העכער, וועל איך טאַקע אָננעמען דאָס יידנטום". און ער מיט זיין גאַנצער סוויטע האָבן זיך מגייר געווען.

מיט דער צייט האָבן אויך די ברייטע שיכטן פון דעם כאַזאַרישן שטאַם נאָכגעטון די מעשים פון קעניג, און בולאַנס אַן איינִיקל מיטן נאָמען עובדיה, האָט איינגעלאַדן צו זיך אין לאַנד יידישע געלערנטע פון אַנדערע מלוכות און געהייסן זיי לערנען מיטן פאָלק תורה און תלמוד. נאָך

עובדיהן האָבן רעגירט איבער דעם כאַזאַרישן פאָלק נאָך אַ גאַנצע רייע פון ייִדישע כאַקאַנען. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס די ייִדישע מושלים האָבן זיך באַצויגן פולשטענדיק טאָלעראַנט צו דער נישט ייִדישער באַפעלקערונג פון זייער לאַנד, און אין דעם הויפּט־געריכט, למשל, זיינען געווען צוויי ייִדישע שופטים פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, צוויי מאַכמעדאַנישע און צוויי קריסטלעכע פאַר די קריסטן און מאַכמעדאַנער און איין געצנדינערישער — פאַר די רוסן און בולגאַרן. עס זיינען געווען פאַלן אויך פון שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן נישט ייִדישע אמונות. דאָס פלעגט אָבער שטענדיק פאַרקומען נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט וועלכע ס׳איז רדיפות קעגן ייִדן. אַזוי איז פאַרגעקומען אַמאָל, אַז מאַכמעדאַנער האָבן ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט חרוב געמאַכט אַ ייִדישע שול, און ווען דער כאַזאַרישער כאַקאַן האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געהייסן אַראָפּוואַרפן דעם מינאַרעט (טורעם) פון איין מאַכמעדאַנישן מעטשעט (געבעט־הויז) און הרגענען אַ געוויסע צאָל מועדזינעס (שמשים). דערביי האָט ער זיך אויסגעדריקט: „איך וואָלט דעם מעטשעט אַליין אויך חרוב געמאַכט, ווען איך וואָלט נישט מורא האָבן דערפאַר, טאָמער וועט קיין איין שול נישט בלייבן אויף דער מאַכמעדאַנישער ערד״ (932).

ביי אַזאַ פרייַנטלעכער צוגעבונדנקייט מצד די הערשנדיקע קרייזן, האָט זיך די ווירקלעכע ייִדן אין דעם לאַנד, נאַטירלעך, גאַנץ גוט געלעבט און זיי האָבן געפירט אַ ברייטן האַנדל צווישן דער באַלקאַנישער האַלבאינדזל און די לענדער פון צפון־קאַווקאַז. קיין נאָענטן פאַרקער מיט די ייִדן פון די גרעסערע צענטערן האָבן זיי אָבער נישט געהאַט, און דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס יענע האָבן אין די ערשטע צייטן קיין אַנונג נישט געהאַט פון דעם גאַנצן פאַקט. אין די שפּעטערדיקע דורות, ווען עס זיינען דערגאַנגען צו זיי געוויסע טונקעלע ידיעות וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ ייִדישער מלוכה, האָבן זיי געגלויבט, אַז די כאַזאַרן זיינען אַ טייל פון די פאַרלוירענע „עשרת השבטים״. פאַר זיי איז עס געוואָרן אַ לעגענדע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל און האָט דערציילט: ווייט, ווייט ערגעץ הינטער די הרי חשך, וואוינען אמתע צדיקים, הייליקע לייט פון שבט שמעון און האַלב־שבט מנשה, און זיי זיינען אַזוי שטאַרק, אַז גאַנצע פינף און צוואַנציק פעלקער זיינען זיי אונטערטעניק.

נישט שלעכט און מיט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף דער אַרומי־קער סביבה האָט זיך געלעבט אין יענער עפּאָכע אויך די יידן אין מערב־אייראָפּע. קאַרל דער גרויסער (768 — 814), דער גרינדער פון דער מיטל־אייראָפּעאישער אימפּעריע, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם לעבנס־שטראָם אין דער מענטשלעכער קולטור־געשיכטע, האָט אַרויסגערופן נייע כחות אויך אין דעם טייל פון דער יידישער אומה, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זיין הערשאַפט. אַליין אַ באַשיצער פון דער קירך, וועלכע האָט אין יענער צייט, כסדר אָפּגעהיט די קריסטן פון אַ צו נאָענטער קרובה־שאַפט מיט יידן און מאַכמעדאַנער, — האָט קאַרל דאָך געקוקט אויף דער זאַך פיל ברייטער און ניכטערער. דער דאָזיקער מעכטיקער הערשער האָט געזען, וויפיל גייסט און לעבן די יידן ברענגען אַריין אין דעם לאַנד, וואו זיי וואוינען, אַ דאַנק זייער גייסטיקער געשיקלעכקייט און געבוירענער שאַרפזיניקייט, און ער האָט זיך שטענדיק געשטעלט אויף דער זייט פון די יידן, אַפילו קעגן אַ דינער פון דער הייליקער קירך. אים איז די אויפ־בליאונג פון לאַנד געווען נישט ווייניקער טייער ווי די דערהאַלטונג פון גלויבן, און ער האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דעם יידישן שטאַנד פאַר דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון דער גאַנ־צער סביבה.

יידן זיינען דעמאָלט געווען די הויפּטפאַרטרעטער פון דעם וועלט־האַנדל. זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ באַזונדערן קלאַס צווישן דעם אַדל, וואָס האָט שטענדיק געטראַכט נאָר וועגן קריגערישע אויסצייכענונ־גען, און דעם פויער, דעם לייב־אייגענעם, וואָס האָט געוואוסט נאָר צו אַקערן דעם פריצס ערד, און זיינען געווען די איינציקע פאַרמיטלער צווישן באַזיצער און קאָנסומענט. כאָטש זיי זיינען געווען צווישן זיך ווי מיטגלי־דער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער, פאַרצווייגטער משפחה, האָבן יידן גע־רעדט אויף די פאַרשידנסטע שפּראַכן, און לויט דער באַשטעטיקונג פון אַ דעמאָלטיקן אַראַבישן באַאָבאַכטער האָבן זיי זיך אין זייער געשעפטלעכן פאַרקער באַנוצט מיט גאַנצע זעקס שפּראַכן: רוימיש, פראַנקיש, שפּאַניש, אַראַביש, פּערסיש און סלאַוויש. יידן האָבן געוואַנדערט פון ים אויף דער יבשה, פון מזרח קיין מערב און אַזוי צוריק, אַריינפירנדיק אין איין לאַנד די פּראָדוקטן, וואָס זיינען דאָרט נישטאָ, און אַרויספירנדיק פון דאָרטן

דעם איבערפלוס, די אַרטיקלען, וואָס זיינען דאָ געוועזן אין אַ צו גרויסער מאָס.

אין דער אימפּעריע גופא האָבן ייִדן אויך אונטערגענומען גרויסע געשעפטן, און קאַרל האָט זיי נישט בלויז נישט געשטערט, נאָר אויך געשטיצט אין אַ סך הינזיכטן. ייִדן האָבן געמעגט דינגען צו דער אַרבעט קריסטן און האָבן זיך נאָר פאַרפליכטעט, נישט צו אַרבעטן מיט זיי זונטיק. צווישן זיך האָבן ייִדן זיך געמעגט באַנוצן מיט זייער אייגענעם בית־דין, און לויט אַ געוויסער לעגענדע זאָל קאַרל אפילו האָבן אויסגעשריבן פון בבל אַ באַרימטן ייִדישן געזעץ־לערער, וועלכן ער האָט באַשטימט פאַר אַן אָפיציעלן פאַרשטייער און פירער פון דער ייִדישער קאָלאָניע אין אַלע דריי לענדער, וואָס זיינען אַריין אין דעם פאַרנעם פון זיין אימפּעריע: פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אויבער־איטאַליע. לויט אַן אַנדער לעגענדע האָט קאַרל אַראָפּגעבראַכט קיין מיינץ אַ באַקאַנטן ייִדישן געלערנטן פון איטאַליע, מיטן נאָמען ר׳ קלונימוס (787), און אים מיטגעהאָלפן צו גרינדן דאָ אַ צענטראַלע אַקאַדעמיע (ישיבה) פאַר דער ייִדישער געזעץ־לערע. מיט דער צייט זאָל אָט דער צענטער זיך האָבן איבערגעטראָגן קיין נאַרבאָנאַ (אין פראַנקרייך), וואו די פאַמיליע פון דעם דערמאָנטן ר׳ קלונימוס האָט באַקומען אַ מין פירשטלעכע מאַכט איבער אַלע ייִדן פון לאַנד און דער קוואַרטאַל פון זייער פּאַלאַץ האָט געהייסן „דער הויף פון ייִדישן קייסער״.

די קענטעניש פון ייִדן אין שפּראַכן און זייערע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען זיינען גאַנץ אָפט אויסגענוצט געוואָרן אויך צו דיפּלאָמאַטישע צוועקן, און אין דער באַרימטער דעפּוטאַציע, וואָס קאַרל האָט געשיקט צו דעם מעכטיקן קאַליף פון באַגדאַד, האַרון־אַל־ראַשיד, האָט זיך געפונען ווי אַן איבערזעצער דער ייִד יצחק (797). דער לעצטער האָט זיך פּאַקטיש באַטייליקט אויך אין די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, און ווייל די שלוחים גופא (לאַנדפריד און סיגיזמונד) זיינען צוריקוועגס געשטאָרבן, האָט ער אַליין געבראַכט קאַרלען (אין אַאַכען) דעם ענטפער מיט די טייערע מתנות פון דעם באַגדאַדער קאַליף.

אונטער דער הערשאַפט פון לודוויק דעם פרומען (814 — 840), קאַרלס נאָכפאָלגער, האָט זיך ייִדן אויך זייער גוט געלעבט. דער דאָזיקער גוטהאַרציקער הערשער האָט ייִדן אַרונטערגענומען אונטער זיין פּערזענ־

ל'עכער שוץ, און נישט געלאָזט קיינעם פון זיי טאָן שלעכטס. אויף זיין באַ־פעל, האָבן די קריסטלעכע גלחים נישט געטאָרט שמדן קיין יידישן שקלאַף און פון דער יידישער טובה וועגן איז דער וואָכן־מאַרק אפילו אָפּגעלייגט געוואָרן פון שבת אויף זונטיק. יידן זיינען, אויסער דעם, פריי געווען פון די פאַרשידענע לייב־שטראָפן, וואָס האָבן זיך פּראַקטיצירט אין לאַנד, און נישט געקוקט אויף דעם שטרענגן פאַרבאָט פון דער קירך, האָבן זיי אָפּ־געדונגען פון דער רעגירונג פאַרשידענע שטייערן, וועלכע זיי פלעגן אויפ־מאָנען פון דער באַפעלקערונג. כדי צו באַשיצן יידן פון יעדער עולהדיקער באַציאונג צו זיי, האָט לודוויק באַשטימט אַ ספּעציעלן באַאַמטן, מיטן טי־טול יידן־מייסטער („מאַגיסטער יודעאָרום״), וואָס האָט געהאָט די אויפ־גאָבע צו וואַכן איבער די יידישע זכיות און פּריווילעגיעס.

אַ דאַנק די אַלע הנחות האָבן זיך בכלל שטאַרק פאַרבעסערט די באַ־ציאונג פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג צו די יידישע בירגער פון לאַנד. יידן זיינען געוואָרן אָפטע איינגייער אין קעניגלעכן הויף און אין די הויכע קרייזן, און די לעצטע האָבן זיך ביסלעכווייז אַרומגעזען, אַז זיי האָבן דאָ פאַר זיך אַן אַלט אַריסטאָקראַטיש פאָלק, וואָס פאַרמאָגט גאַנצע אוצרות פון גייסט, שיינקייט און קולטור. די קייסערן יהודית, לודוויקס צווייטע פרוי, האָט געטראָגן אין האַרצן אַ טיפע ליבע צו דער שיינקייט פונעם יידישן אַלטערטום; קריסטלעכע אַדל־לייט פלעגן קומען אין יידי־שע שולן און לייענען די ווערק פון יידישע געלערנטע, און דער גאַנצער טאָן פון לעבן אין די אויבערשטע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקע־רונג איז געווען דורכגענומען מיט אַ טיפער סימפּאַטיע צו די זיטן און מנהגים פון דעם גייסטרייכן פאָלק.

נאָר איין קלאַס פון דער הערשנדיקער באַפעלקערונג האָט געקוקט קרום אויף דער דאָזיקער קרובהשאַפט צווישן יידן און קריסטן — די גייסטלעכע. די פאַנאַטישע קירכן־לייט האָבן צוגעזען, ווי עס ווערן כסדר פאַרלעצט די קאַנאָנישע געזעצן קעגן דער פאַרשאָלטענער אומה און ווי עס וואַקסט דער איינפלוס פון יידנטום אויף די טאָן־געבנדיקע ספערן פון דער מלוכה, — און דאָס האָט זיי נישט געלאָזט רוען. צו דער אייביקער שנאה איז דאָ צוגעקומען, ערשטנס, אַ גיפטיקע קנאה און אויסער דעם אויך אַ שרעק פאַר דער אייגענער צוקונפט: צי וועלן אַמאָל אָט די קלוגע און איינפלוסרייכע יידן נישט אונטערגראָבן אין גאַנצן דעם יסוד פון דער

הייליקער קירך? און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער, אָבער סיסטעמאַ־טישער קאַמף קעגן די יידישע באַשיצער אין הויף.

דער אָנפירער פון דעם קאַמף מצד דער קירך איז געווען אַגאָבאַרד, בישאָף אין ליאָן. אַ פאַנאַטיש־לייִדנשאַפטלעכער יידן־פיינט, האָט אָט דער הייליקער זיך גענומען מיט אַלע מיטלען קעמפן קעגן דער יידישער גלייכ־באַרעכטיקונג. אין אָנהויב האָט ער געפּרוּווט ווירקן אויפן קייסער אַליין און געוואָלט אויספועלן ביי אים געוויסע באַגרענעצונגען פאַר יידן, און ווען ער האָט געזען, אַז דאָס וועט זיך אים נישט איינגעבן, האָט ער גענו־מען אויסנוצן זיין אייגענע מאַכט, ווי אַ פרײדיקער און דערציער פון המון. אַגאָבאַרד האָט אָנגעהויבן האַלטן פייערדיקע דרשות קעגן יידן, און גע־פלאַנצט אין זיינע צוהערער דעם געדאַנק, אַז ס׳שיקט זיך נישט, „די קינ־דער פון ליכט" (די קריסטן) זאָלן זיך באַשמוצן אינעם פאַרקער מיט די „קינדער פון פינצטערניש", און די יונגע קירך אָן זינד" זאָל זיך פאַר־בינדן מיט דער „אַלטער פאַרשימלטער שול". אויך דאָ אָבער האָט זיך דער פאַנאַטישער גייסטלעכער אָנגעשטויסן אָן לודוויקס פריינטשאַפט צו יידן — דער „יודנמייסטער" האָט פאַרבאָטן אַגאָבאַרדן צו האַלטן ווייטער זיי־נע העץ־דרשות און די ליאָנער יידן האָבן באַקומען אַ קייסערלעכן שוצ־בריוו (826).

אָט דער פאַקט האָט דעם ליאָנער בישאָף נאָך מער אויפגערייצט, און ער האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן די גאַנצע גייסטלעכקייט פון לאַנד: זיי זאָלן אַלע אין איינעם אַרויסטרעטן קעגן די שענדער פון דער הייליקער קירך. ער האָט פונאַנדערגעשיקט הייסע בריוו צו אַלע בישאָפן פון לאַנד, אין וועלכע ער האָט געשילדערט די גאַנצע געפאַר פאַר דעם הייליקן גלויבן, וואָס דער ליבעראַליזם פון די הויכע ספערן פאַרשפרייט איבערן לאַנד. די בישאָפן זיינען זיך דאָן צונויפגעקומען קיין ליאָן און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע באַראַטונג וועגן די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן קעגן דעם יידישן איינפלוס, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, זיך צו ווענדן מיט אַ קאָלעקטיווער דערקלערונג צום קייסער וועגן זיין זינדיקער באַציאונג צו די „אומגלויביקע".

אָט דער באַשלוס האָט די יידן פון לאַנד אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז דער פרומער לודוויק וועט זיך צוהערן צו דער שטים פון די קירכן־זיילן און

נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען. פאַקטיש איז דאָס אָבער נישט געשען. לודוויק האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן פון די איבערגעשראָקענע הייליקע, און די יידישע לאַגע איז געבליבן פעסט און זיכער. לודוויקס יידנפריינטשאַפט איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אפילו נאָך דעם, ווי זיין באַליבטער נשמה־פאַרזאָרגער, דער דיאַקאָנוס באָדאָ, איז אָפּן איבערגעגאַנגען צום יידנטום. דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקער קלאַפּ פאַר די הייליקע קירכן־באַשיצער, און די כראָניקעס פון יענער צייט ריידן וועגן דעם פאַקט, ווי וועגן אַ שרעקלעכער נאַטור־קאַטאַסטראָפע — אַ מגפה, אַ פאַרפלייצעניש אָדער אַ צוזאַמענשטויס פון קאָמעטן. באָדאָ האָט פּשוט אויסגעלאַכט די קירך: ער איז ווי אַן אַדעלמאַן און גלח פון קייסערלעכן הויף אַוועק קיין רוים נעמען אַ ברכה פון פויפּסט און קניען אויף די קברים פון די הייליקע מאַרטירער, נאָר אַנשטאָט זיך אומצוקערן פון דאָרטן אַן אָפּגעפרישטער מיטן טוי פון דער העכסטער קדושה, מיט דער געטלעכער מאַיעסטעט פון פּעטרוסעס שטול, — איז ער אַוועק קיין סאַראַגאָסאָ (אין שפּאַניע) און האָט זיך מגייר געווען כדת משה וישראל. און נישט בלויז אַן אָפּגעפאַלענעם — די קריסטלעכע קירך האָט אין אים באַקומען אַ ביטערן שונא. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער, אָנגענומען דעם נאָמען אלעזר (839), און ווען ער איז אַריינגעטראָטן ווי אַ קריגער צו איינעם פון די אַראַבישע פירשטן, האָט ער אים געראָטן, ער זאָל אַרויסטרייבן אַלע קריסטן פון זיין לאַנד און אפילו צווינגען זיי אָנצונעמען דאָס יידנטום אָדער דעם איסלאַם.

דער פרומער קייסער האָט שטאַרק באַדויערט דעם טרויעריקן פאַקט; ער האָט אָבער די יידן נישט געגעבן צו פילן זיין פאַרדרוס און איז פאַרבליבן צו זיי גוט געשטימט. דערפאַר איז דער פאַרלאַנג פון די קריסטלעכע פאַנאַטיקער דערפילט געוואָרן נאָך זיין טויט, ווען פון קאַרל דעם גרויסנס מעכטיקער אימפּעריע זיינען געוואָרן גאַנצע פיר זעלבסטשטענדיקע מלוכות: פראַנקרייך, דייטשלאַנד, לאָטאַרינגען און איטאַליע (843). די פאַראייניקטע מאַכט פון דער קירך האָט איצט טריאומפירט, און הגם די געזעצלעכע לאַגע פון די יידן אין פראַנקרייך איז דערווייל נאָך נישט געענדערט געוואָרן, האָבן זיי דאָך שוין אָנגעהויבן צו שפּירן דעם טעם פון דער גרויסער קריסטלעכער ליבע.

די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פראַגע וועגן יידן, זיינען גע־

ווען אַגאָבאַרדס תּלמידים: די בישאָפן פון ליאָן, ריימס, סענס, בורג און נאָך אַנדערע. אַ דאַנק זייער איניציאַטיווע איז אין מאָ (נישט ווייט פון פּאַריז) צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קירכן־פאַרזאַמלונג (848), וואָס האָט באַשלאָסן פאַרצולייגן דעם קייסער קאַרל (דער פליכעוואָטער) אַ גאַנצע ריי דערנידערנדיקע באַגרענעצונגען פאַר ייִדן; דאָס מאָל האָט זיך דער אויפּטו נישט איינגעגעבן, און קאַרל האָט די פאָרגעלייגטע גזירות נישט באַשטעטיקט. דער דאָזיקער הערשער איז בכלל געווען נישט פיינטלעך גע־שטימט צו ייִדן; ער האָט געהאַט ביי זיך אַ ייִדישן לייב־דאָקטער צדקיה און נאָך עטלעכע ייִדישע יועצים און פריינט.

אַגאָבאַרדס נאָכפאָלגער האָבן זיך אָבער נאָך נישט אונטערגעגעבן. דער בישאָף פון ליאָן, אַמאָלאָ, האָט זיך געווענדט מיט אַ צירקולאַר צו אַלע העכערע גייסטלעכע, אין וועלכע ער האָט איבערגעחזרט אַלע טענות קעגן ייִדן פון זיין הייליקן רבין: די ייִדן נוצן אויס זייער פולשטענדיקע רעדע־פרייהייט און אַ סך קריסטן דריקן זיך אויס, אַז די דרשות פון די ייִדישע רבנים געפעלן זיי בעסער פון די גלחישע דרשות אין קירך; ייִדן האַלטן ביי זיך קריסטלעכע דינער, ייִדן האָבן אָפּגערעדט פון דער קירך דעם באַרימטן באָדאָ, און אַזוי כּסדר.

אָט די אַלע פאַרפלאַנצטע קערנער פון גיפט און ייִדנפיינטשאַפט האָבן, אמת, נאָך אַלץ נישט געבראַכט קיין ממשותדיקע פּרוכטן. ביסלעכ־ווייז אָבער האָט די אַגיטאַציע אירס דערגרייכט. די גאַנצע הערשאַפט איז איצט פאַקטיש ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון הונדערטער קליינע פירשטן־פעאָדאַלן, פאַר וועלכע ס׳האָט נישט געלוינט, זיך איינצורייסן מיט דער קירך, און די לעצטע האָט מער נישט געדאַרפט. זי האָט זיך גע־שאַפן אייגענע טראַדיציעס בנוגע צו די פאַרשאָלטענע גאָט־לייקענער, — טראַדיציעס, וועלכע האָבן זיך איינגעגעסן אין בלוט פון יעדן „גלויביקן״ און ייִדן דאָס לעבן פאַרגיפטעט. אַזוי האָט דער בישאָף פון וועזיע איינגע־פירט דעם מנהג פון יערלעכע פאָגראָמען אויף ייִדן: ער פלעגט יעדעס יאָר, פאַרן פּסח־יום־טוב, האַלטן אַ גאַנצע ריי פייערדיקע דרשות, און וועלכע ער האָט אויפגעפאָדערט דעם קריסטלעכן המון, ער זאָל זיך נוקם זיין אָן ייִדן פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון דעם געקרייציקטן גלילער. און די פרומע סטאָדע האָט געפאָלגט די עצה פון איר איבערגעגעבענעם פּאַס־טוך און אַנגענומען דעם מנהג אויף דור־דורות — יאָר־איין, יאָר־אויס אין

די טעג פון פסחא האָט יעדער קריסט געמוזט מקיים זיין די מצוה פון וואַרפן אַ שטיין אין אַ יידן אָדער אין אַ יידיש הויז. נאַטירלעך, האָבן זיך יידן פאַרטיידיקט, מיט וואָס זיי האָבן געקענט, דאַן פלעגט קומען צו בלוט־טיקע געשלעגן. און דאָס האָט זיך געצויגן הונדערטער יאָרן! —

אין טולוז האָבן די שטאָט־מושלים איינגעפירט אַן אַנדער „מנהג": יעדעס יאָר, פאַסט־פרייטיק, האָט דער גראַף פון שטאָט געשיקט רופן צו זיך דעם פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה, און אים געגעבן אַ שטאַרקן פּאַטש, ווי אַ נקמה פון דער קהלה פאַר די פייניקונגען פון דעם געקרייציקטן. פון דער שענדלעכקייט האָבן זיך יידן מיט דער צייט באַפרייט: זיי פלעגן אויסקויפן דעם פאַטש מיט אַ געוויסן געלט־שטייער.

אין אַנדערע ערטער זיינען אָט די מנהגים פאַרביטן געוואָרן מיט מער ראַדיקאַלע פאַרפאָלגונגען. לודוויק דער צווייטער האָט געהייסן אַרויסטרייבן אַלע יידן פון איטאַליע (855) און נאָר אַ דאַנק דער השתדלות פון געוויסע פעאָדאַלן איז די גזירה נישט אויסגעפירט געוואָרן. אין פראַנקרייך איז די מאַכט פון קייסער וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרן, און קאַרל דער תמים האָט געמוזט צונעמען ביי יידן די הכנסות פון זייערע וויינגערטנער אין דער פּראָווינץ נאַרבאָנאַ און זיי אַוועקגעגעבן דער קירך (866 — 914). עס איז געוואָרן אַ סיסטעם: יעדער פירשט האָט געקוקט אויף די יידן פון זיין „מלוכה", ווי אויף זיין אייגנטום, ווי אויף שקלאַפן, און זייער פאַרמעגן איז נאָר אויף אַזוי פיל געווען זייערס, אויף וויפיל דער פירשט האָט זיך נישט גענייטיקט אין אים.

נאָך אַן ערגערן גורל פון די יידן אין מערב־אייראָפּע, האָבן געהאַט די ביזאַנטינישע יידן. פון דער גרויסער „מזרח־רוימישער" מלוכה איז איצט, נאָך די נצחונות פון איסלאַם, געבליבן נישט מער, ווי אַ קליינער טייל. יידן האָבן זיך דאָ אָבער געפונען אין אַ גרויסער צאָל, און רדיפות זיינען זיי איצט אויך אויסגעשטאַנען נישט קיין קלענערע, ווי אין די צייטן פון טעאָדאָסיוס און יוסטיניאַן. באַזונדערס מוראדיק איז געווען די יידישע לאַגע אין ביזאַנטיע אונטער דער הערשאַפט פון לעאָ דעם איסורירער. דער דאָזיקער הערשער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַ געוויסער דאָגמע פון קריסטנטום, און אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט מ'זאָל אים נישט אָננעמען פאַר אַ קעגנער פון דער קירך בכלל, האָט ער מיט אַן אומגעוויינלעכער פאַרביטערטקייט פאַרפאָלגט יידן. לויט זיין באַפעל האָבן אַלע יידן פון דער

ביזאַנטישער אימפּעריע זיך געזאָלט אויסשמדן ביז אַ באַשטימטן טער־מין, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ גרויסער יידישער אויסוואַנדערונג פון לאַנד.

שפּעטער, אונטער דער הערשאַפט פון לעאָס נאָכפאָלגער, האָבן יידן אויך געמוזט אויסשטיין דער־נידעריקונגען און גזירות, נאָר אין רע־ליגיעזע־ענינים האָט מען זיי נישט געשטערט. אָט די לאַגע האָט זיך אָבער שטאַרק געענדערט צום ערגערן מיט דער טראָן־באַשטייגונג פון באַזיליוס דעם מאַקעדאָניער (886 — 897). דער לעצטער האָט זיך פאַרנומען מיטן אַריבערציען אַלע יידן צום קריסטנטום, און ער האָט געלאָזט איינאָרדענען אַן עפנטלעכן וכוח צווישן יידישע און קריסטלעכע גייסטלעכע, וואו דער יידישער צד האָט געמוזט איבערצייגן אַלעמען אינעם אמת פון יידנטום אָדער מודה זיין, אַז ישו איז דער העכסטער פּונקט פון געזעץ און פון די נביאים. נאַטירלעך, האָבן די וכוחים קיינעם פוןביידע צדדים נישט אי־בערצייגט און באַזיליוס האָט זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט אַ מער פּראַקטי־שער מעטאָדע: ער האָט די משומדים אונטערגעקויפט מיט געלט און גרוי־סע מלוכה־טיטולן. אויך דאָס אָבער האָט נישט פיל געהאָלפן, און באַ־זיליוס האָט ענדלעך זיך גענומען צו אַכזריותדיקע רדיפות, וואָס האָבן אונ־טערגעבראַכט טויזנטער יידישע קהלות.

נישט בעסער איז געווען דער גורל פון די, וואָס זיינען דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען און האָבן זיך געשמדט. זיי האָט דאָס געוויסן נישט אויפגעהערט צו פּייניקן פאַר דעם פאַררעטערישן שריט, און ווי נאָר באַ־זיליוס איז געשטאָרבן זיינען זיי צוריק איבערגעגאַנגען צו דעם גאָט פון זייערע עלטערן. דאָס האָט אויף זיי אַרויפגעצויגן דעם גרימצאָרן פון באַ־זיליוסעס זון און נאָכפאָלגער, לעאָ דעם פילאָזאָף, און ער האָט זיי פאַר־משפט צום טויט (900).

קאַפּיטל זעקס

דאָס יידנטום אין בבל; דער אונטערגאַנג פון עקזילאַרכאַט

דער סכסוך צווישן די קראים און רבניטן אין בבל האָט אין אַ גע־וויסער היגזיכט מיטגעווירקט צו פאַרקלענערן דאָס אָנזען און די מאַכט פון די עקזילאַרכן. ביז ענגען זיינען די גאונים געווען אונטערגעוואָרפן דעם ריש הגולה, און זיי פלעגן פון אים באַשטעטיקט ווערן. נאָך דעם אָבער ווי די גאונים איז איין מאָל געלונגען צו באַזייטיקן ענגען פון זיין געזעצלעכן עקזילאַרכן־טיטול, האָבן זיי שוין אָט די מאַכט דערהאַלטן פאַר זיך אויך אויף ווייטער, אונטער דעם תירוץ, אַז זיי דאַרפן זען, עס זאָל נישט באַשטימט ווערן קיין קאַראַאימישער ריש הגולה. דאָס עקזילאַרכאַט, וואָס איז פון בוסתנאין אָן איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צו קינד, איז איצט אַלזאָ אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ וואַל־סיסטעם, און די אָנפּי־רער פון אָט די וואַלן זיינען געווען די גאונים. דאָס האָט, נאַטירלעך, גע־מוזט ברענגען צו אָפטע רייבונגען, און באַלד האָט ווירקלעך אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער סכסוך צווישן צוויי פּרעטענדענטן, זכאי בר אחונאי און נטרונאי בר חביבאי; די ביידע גאונים זיינען געווען אויף דער זייט פון דעם ערשטן, און דער סוף איז געווען, אַז נטרונאי איז פאַרטריבן געוואָרן פון בבל, הגם זיינע תלמודישע קענטענישן זיינען געווען גרעסער, ווי זכאיס. ווי געוויינלעך, האָבן די דאָזיקע סכסוכים און רייבונגען זיך נישט גינסטיק אָפּגערופן אויף דער גייסטיקער אויסבילדונג פון פאָלק, און אוי־סער עטלעכע אגדהשע זאַמלונגען (מדרשים), צייכנען זיך די יידישע ווערק פון יענער עפּאָכע נישט אויס מיט קיין באַזונדער טיפקייט.

מער פרוכטבאַר איז געווען די טעטיקייט פון די יידישע אויסגע־וויילטע גייסטער אויף די געביטן פון דער דעמאַלטיקער אַלגעמיינער קול־טור. יידישע געלערנטע האָבן געשאַפן באַדייטנדיקע ווערק (אין אַראַביש) איבער מאַטעמאַטיק, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און נאָך אַנדערע צווייגן פון דער ווסנשאַפט (זע דאָס פריערדיקע קאַפּיטל). אַ באַזונדערע אויפמערק־זאַמקייט אָבער האָבן זיי געלייגט אויף דער רעליגיע־פילאָזאָפיע, — אַ

געביט, וואָס איז געווען זייער חשוב און געהויבן אין די ספערן פון דער אַראַבישער אינטעליגענץ. דאָרט האָט זיך צו יענער צייט (אין צווייטן יאָר־הונדערט פון דער מאַכמעדאַנישער ערע) אַנטוויקלט אַ שטאַרקע ראַציאָ־נאַליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צו דערווייטערן פון דעם ריינעם גלויבן אַלע גראָבע מאַטעריאַליסטישע פאָרשטעלונגען. ווי אויס־טייטשערס פון קאָראַן, האָבן די דאָזיקע ראַציאָנאַליסטישע דענקער (מו־טאַזיליטן) דערקלערט די אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע שטעלן פון דעם הייליקן רעליגיע־בוך נישט בוכשטעבלעך, נאָר בילדלעך, און אָפט האָבן זיי אפילו געפּועלט ביי זיך אין גאַנצן אָפּצולייקענען געוויסע עיקרים פון איסלאַם, וועלכע האָבן נישט געשטימט מיט די הנחות פון זייער ראַציאָנאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג. אין דער דערשיינונג האָבן די אָרטאָדאָקסישע קרייזן פון איסלאַם געזען אַ שטאַרקע כפירה, און זיי האָבן גענומען מיט זייערע קאָ־ראַן־אויסטייטשונגען אַנטקעגנווירקן דער שעדלעכער אַפּיקורסות. זיי האָבן דעם גאַנצן קאָראַן בוכשטעבלעך פאַרשטאַנען, דעריין אויך יענע שטעלן, וואו עס רעדט זיך וועגן גאָט מיט גראָב־מענטשלעכע אויסדריקן און באַ־גריפן (אַנטראָפּאָמאָרפיזם). לויט דער אויפפאַסונג איז אַלזאָ אויסגעקומען, אַז גאָט איז אַ קערפּער מיט טיילן און מיט אַ געשטאַלט, אַז גאָט איז זיבן שפּאַן (גאָטס שפּאַן) לאַנג, געפינט זיך אין אַ באַשטימטן אָרט, באַוועגט זיך אַרויף און אַראָפּ, גייט און רוט.

פון דעם אידייען־קאַמף זיינען אויך די יידן געוואָרן באַאיינפלוסט און באַלד האָבן זיך די זעלביקע דערשיינונגען איבערגעחזרט אין דער יידי־שער געדאַנקען־וועלט. וואָס דער קאָראַן פאַר די מאַכמעדאַנישע, דאָס איז איצט דער תנ״ך געוואָרן פאַר די יידישע ראַציאָנאַליסטן, און די אַלע שטעלן פון די הייליקע שריפטן, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער גאָטהייט, ווי וועגן אַ מענטשן (געזעסן, געשטאַנען, געזאָגט, גאָטס האַנט, גאָטס אויג אאז״וו), האָבן זיי אויך אויסגעטייטשט מעטאַפאָריש (בילדלעך). דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע התנגדות מצד די תמימים, וואָס האָבן געזען אין דעם אַ מין חלול הקודש, און ווייל די בוכשטעבלעכע אויסטייטשונג פון די גאָט־שילדערונגען אין דער ביבל האָט פאָרט נישט געשטימט מיט דער פאָרשטעלונג פון גאָט, וואָס האָט שוין געהערשט אינעם גאַנצן יידי־שן פאָלק, האָבן אָט די תמימותדיקע מאמינים זיך געמוזט פאַרפלאָנטערן אין אַ נעץ פון מיסטישע נעפּלען און סימבאָלן. די „געהיימע לערע״ (נסתר,

חכמת הקבלה), וועלכע איז אַנטשטאַנען נאָך אין די צייטן פון דער משנה, האָט איצט פונדאַסניי אויפגעלעבט, און די אַנהענגער פון דער דאָזיקער לערע האָבן זיך גאַנץ ווייניק אונטערגעשיידט פון זייערע מוסולמענישע חברים: זיי האָבן אויך געשילדערט דאָס געטלעכע וועזן אין פשטות — גליד נאָך גליד, די הייך, דעם פּאַרנעם, די קרוין, די מלאכים־דינער און אַזוי כסדר. אויף דעם באָדן פון די דאָזיקע פאָרשטעלונגען זיינען גע־שאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי ווערק, וואָס האָבן זיך פאַררופן אויף נעמען פון זייער פאַרהייליקטע תנאים: „ר׳ עקיבאס אלף בית״, „ר׳ יהושע בן לויס מעשות״, „היכלות״, „שעור קומה״ און נאָך עטלעכע. נאַטירלעך, האָבן אָט די מיסטישע פאַנטאַזיעס צוגעצויגן נישט קיין קליינע צאָל אַנ־הענגער, וועלכע זיינען מיט דער צייט שטאַרק פאַרערט געוואָרן פון דעם איבריקן עולם. די „אַנשי אמונה״ (מענטשן פון גלויבן), ווי די מקובלים האָבן זיך גערופן, צום אונטערשייד פון די ראַציאָנאַליסטן־דענקער, זיינען געוואָרן אַ מין באַזונדערע קאַסטע פון הייליקע, וואָס שטייען נאָענט צו די הימלישע ספערן און קענען אַלץ אויפטון: אויסהיילן אַלערליי קראַנקייטן, פאָראויסזאָגן די צוקונפט, באַשווערן די הייליקע מלאכים (השׁ־בעות, קמיעות) און בכלל ענדערן אַלע געזעצן פון דער וועלט־הנהגה.1)

פון דער צווייטער זייט, די ראַציאָנאַליסטן, האָבן אויך נישט גע־שוויגן: זיי האָבן געענטפערט אויף די פאַרנעפּלטע תורות פון די מיסטי־קער מיט שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם עצם מהות פון גלויבן. דער ראש פון די פריידענקער חוי הבלכי (פון דער פערסישער שטאָט באַלחאַ; געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון צענטן יאָרהונדערט) האָט אָפּגע־לייקנט אין זיינע ווערק די באַדייטנדיקסטע פאַקטן פון דער ביבלישער מסורה און אויך די געטלעכקייט גופא פון דער ביבל. און אויך דער עקס־טרעמער ראַציאָנאַליזם איז נישט פאַרבליבן אָן אַנהענגער — ער האָט אַנגעהויבן אפילו אַריינצודרינגען אין די אַקאַדעמישע קרייזן פון יידנטום און איז געוועז אַ גרויסע געפאַר פאַר דעם קיום פון די יידישע יסודות; באַלד איז אָבער אָט דער איינפלוס אָפּגעשוואַכט געוואָרן אַ דאַנק דער

1) פון דער קבלה־ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער עפּאָכע, איז באַזונדער באַדייטנדיק געווען די השפעה פון דעם באַרימטן „ספר יצירה״ (דאָס בוך פון דער וועלט־באַשאַפונג), וואָס איז צוגעשריבן געוואָרן אברהם אבינו. דאָס ווערק איז שפּעטער געוואָרן דער אלף בית פון דער גאַנצער געהיים־לערע.

קעגנווירקונג פון אַ שטאַרקן גייסט, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דיביידע עקסטרעמען און געשאַפן אַ נייעם וועג פאַר דעם יידישן געדאַנק.

דאָס איז געווען רב סעדיה בן יוסף פון דער שטאָט פיומי אין אויבער־מצרים (892 — 942). אַ טיפער קענער פון תלמוד און פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, איז רב סעדיה אין דער זעלביקער צייט געווען גוט באַהאַוונט אין די פאַרשידנסטע צווייגן פון דער אַראַבישער געדאַנקען־וועלט, און ווי אַלע געבילדעטע דענקער פון מיטלאַלטער האָט ער אויך פאַראייניקט אין זיך אַ פילאָזאָפישן געדאַנק מיט טיפע רעליגיעזע געפילן. דאָס ערשטע ווערק פון דעם אָריגינעלן גייסט איז געווען אַ ווערטערבוך פון דער העברעישער שפּראַך, צו וועלכן ער האָט שפּעטער צוגעגעבן אויך אַ ריי גראַמאַטישע כללים. נאָך דעם האָט ער אָנגעשריבן אַ ווערק אויף צו פאַרטיידיקן דעם תלמוד קעגן די אָנפאַלן פון דעם קאַראַאימישן פירער. אין דעם ווערק באַווייזט רב סעדיה די לאָגישע נויטווענדיקייט פון דער מינדלעכער מסורה, אָן וועלכער עס וואָלטן געבליבן אומפאַרשטענדלעך די באַדייטנדיקסטע שטעלן פון די הייליקע שריפטן.

אָט די ביידע ווערק האָט רב סעדיה געשריבן אין דער עלטער פון 20 — 23 יאָר, און באַלד דערנאָך איז ער צוגעטראָטן צו אַ קאָלאָסאַלער ליטעראַרישער אַרבעט — איבערזעצן די הייליקע שריפטן אין אַראַביש. דאָס האָט ער געטון נישט אַזוי ווייט, כדי צו פאַרשפּרייטן דעם תנ״ך צווישן די נישט־יידישע שטאַמען, ווי פאַר די יידן גופא אין די אַראַבישע לענדער, וועלכע האָבן כמעט אַלע גערעדט אַראַביש. זיי האָט ער געוואָלט אָפּרייסן אי פון די קאַראַאימישע אויסטייטשונגען, אי פון די מיסטישע איינבילדונגען, און דעריבער האָט ער צו דער איבערזעצונג צוגעגעבן אויך אַן אויספירלעכן פירוש צום אינהאַלט, אין וועלכן ער האָט דערוויזן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם טעקסט פון דער ביבל און דער תלמודישער מסורה. פון דעם פירוש האָבן זיך די קראים געפילט שטאַרק אָנגעגריפן, און איינער פון זייערע טעאָרעטיקער, שלמה בן ירוחם פון פּאַלעסטינע (882 — 960) איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם יונגן רבניסט, ווי בכלל קעגן דער לערע פון די רבניטן, מיט זייער אַ שאַרפן פּאָלעמישן בריוו „צו די קאַראַאימישע קהלות אין עגיפּטן“. דעם בריוו האָט שלמה פאַרעפנטלעכט אין צוויי שפּראַכן: העברעיש פאַר די געלערנטע און אַראַביש פאַרן פאָלק,

און באַלד זיינען אויך אַנדערע קאַראַאימישע פּרעדיקער געקומען מיט זייע־רע תשובות, וועלכע זיינען אויך פול געווען מיט באַליידיקנדיקע זלזולים. דער באַליידיקטער רב סעדיה האָט זיינע קעגנער נישט געשוינט און איז אַרויס קעגן זיי מיט נייע ווערק, וועלכע האָבן זיין נאָמען געמאַכט נאָך מער באַרימט. ער האָט געשריבן אַן איינלייטונג צום תלמוד, איבערזעצט די משנה אין אַראַביש און פאַרעפנטלעכט אַן אַראַבישע אָפּהאַנדלונג אי־בער אַ גאַנצער ריי ציוויל־רעכטלעכע און רעליגיעזע פראַגן.

אָט די אַלע ווערק, וועלכע זיינען זייער פּאָפּולער געוואָרן אין פאָלק, ווי אין די אַקאַדעמישע קרייזן, האָבן דערטראָגן דעם נאָמען פונעם יונגן שאַרפן דענקער אַזש ביז דעם צענטער פון דער יידישער לערע, ביז סורא, און ווען דאָרט איז ליידיק געוואָרן דער פלאַץ פון אַ ריש מתיבתא, האָט דער עקזילאַרך דוד בן זכאי איינגעלאַדן אַהער דעם זעקס און דרייסיק יעריקן סעדיה פון עגיפּטן. עס האָבן זיך אפילו געפונען אויך קעגנער פון דער אויסוואַל, און איינער פון עקזילאַרכס מקורבים, וואָס האָט געוואוסט, אַז צו פיל זעלבסטשטענדיקייט ביי אַ ריש מתיבתא (גאון) אין סורא איז געפערלעך פאַר דער מאַכט פון עקזילאַרך, האָט אָפן דערקלערט: „סעדיה איז קליגער, פרומער און גייסטרייכער פון אַלע זיינע צייט־גענאָסן; ער באַזיצט אָבער אַ פעסטן, עקשנותדיקן כאַראַקטער". דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן: דער עקזילאַרך אַליין האָט קיין בעסערן פון סעדיהן נישט גע־פונען, און דער עגיפּטישער געלערנטער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דעם גרעסטן גייסטיקן צענטער אין בבל (928) — דאָס לאַנד פון תלמוד, פון יידישן וויסן.

אָנגעקומען קיין סורא, האָט זיך סעדיה גענומען פאַרווירקלעכן זיינע פלענער וועגן אַ ברייטער אַקאַדעמישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע צווייגן פון דעם יידישן לעבן. באַלד האָט ער זיך אָבער אַרומגעזען, אַז ער האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט. פון דערווייטן האָט אים שטאַרק באַגייסטערט דער טיטל גאון, און ער האָט געגלויבט, אַז דאָס איז עפּעס אַלמעכטיקעס, גרויסעס, וואָס לייגט אַרויף אַ געוואַלדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און גיט דערפאַר גרויסע מעגלעכקייטן. און דאָ האָט אים די ווירקלעכקייט גלייך געוויזן, אַז פון דעם אַמאָליקן גרויסן טיטל איז איצט געבליבן נאָר אַ שאָטן, אַז אַלץ איז צעפוילט, רואינירט און דער גאַנצער בנין האַלט זיך קוים. אנשטאט די אַמאָליקע גרויסע

גייסטער האָט סעדיה איצט געזען אַרום זיך בלויז מיטלמעסיקייטן, און די דאָזיקע אומבאַדייטנדיקע קליינלעכע לייט זיינען אויך נישט ריין געווען פון שפּיצלעך און קליינלעכע אַרומרייסעניש. די עקזילאַרכן האָבן פאַר דעם שאָטן פון זייער מאַכט געמוזט באַצאָלן דעם קאַליפס יועצים, און דאָס געלט איז אויסגעפּרעסט געוואָרן פון די גע־דריקטע פאָלקס־מאַסן דורך פאַרשידענע נגישותן און אַכזריותן.

סעדיה האָט צוגעזען די אַלע מעשים און געמוזט דערווייל שווייגן — ער איז נאָך געווען ניי אויף זיין פּאָסטן; דערצו האָט מען פון פאַרשי־דענע זייטן נישט פאַרגונען דעם יונגן אויסלענדער די זכיה פון „הערשן" איבער סורא, און יעדער נישט געלונגענער אַרויסטריט וואָלט פון די דאָ־זיקע קעגנער גלייך אויפגעכאַפּט און אויסגענוצט געוואָרן קעגן אים. אָט די לאַגע האָט זיך אָבער לאַנג נישט געקענט האַלטן, און באַלד איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ סכסוך מיטן עקזילאַרך אַליין.

דעם שטויס צו דער קאַטאַסטראָפע האָט געגעבן אַ קלייניקייט. פאַרן עקזילאַרך דוד בן זכאי איז פאָרגעקומען אַ משפט וועגן אַ גרויסער ירושה, און צוליב נישט קיין ערלעכע פּערזענלעכע חשבונות האָט ער אַרויסגע־טראָגן אַ פאַלשן אורטייל, אויף וועלכן ער האָט געפאָדערט די הסכמה פון ביידע גאונים. דער גאון פון פומבדיתא, כהן־צדק, האָט זיך נישט געמאַכט זען און געגעבן זיין אונטערשריפט; סעדיה אָבער, דער גאון פון סורא, האָט נישט געפועלט ביי זיך, אַרונטערצושטעלן זיין נאָמען אונטער אַ בולטער אומגערעכטיקייט, און האָט זיין אונטערשריפט נישט געוואָלט געבן. די אָנהענגער פון עקזילאַרך זיינען צעטומלט געוואָרן פון דעם פאַקט און געפאָדערט אַ דערקלערונג, און סעדיה האָט דערקלערט, — אַז דער עקזילאַרך האָט אַרויסגעטראָגן אַ נישט גערעכטן אורטייל. דער אויפגע־רייצטער בן זכאי האָט געפרואווט דראָען דעם איינגעשפּאַרטן גאון און זיין זון האָט אפילו געפרואווט אויף סעדיהן די האַנט אויפהייבן. דאָס האָט אָבער דעם לעצטן נישט ווייכער געמאַכט. דאַן האָט דער עקזילאַרך אַראָפּגעזעצט סעדיהן פון זיין פּאָסטן און דערקלערט פאַר אַ ריש־מתיבתא איינעם, וואָס האָט געקענט זיין סעדיהס אַ תלמיד. סעדיה ווידער פון זיין זייט האָט זיך נישט אונטערגעגעבן: ער האָט אַריינגעלייגט אין חרם דעם עקזילאַרך און מיט דער הילף פון זיינע אָנהענגער דערקלערט בן זכאיס ברודער, יאשיה חסאן, פאַר אַ ריש הגולה (930). אויף אַזאַ אופן זיינען

אַנטשטאַנען אין בבל צוויי פיינטלעכע פּאַרטייען: איינע פון עקזילאַרך דוד בן זכאי, די צווייטע פון רב סעדיה גאון. נאַטירלעך, האָט די זאַך גע־מוזט איצט אַנטשיידן ווערן דורך דער הערשנדיקער מאַכט און ביידע צדדים האָבן אַפּעלירט צום קאַליף אַלמוקטאַדיר, וועלכער האָט צו דעם צוועק באַשטימט אַ ספּעציעלע זיצונג אין באַגדאַד. צוליב פאַרשידענע סי־בות איז אָבער אָט די זיצונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ לאַנגע צייט, און דער משפּט איז פאָרגעקומען ערשט פאַר אַלמוקטאַדירס נאָכפאָלגער, קאַ־היר. דער לעצטער האָט זיך געניייטיקט אין געלט, כדי צו באַפעסטיקן זיין מיט גוואַלד אַוועקגענומענע הערשאַפט, און אַזוי ווי בן זכאים פּאַרטיי איז געווען רייכער, האָט ער אים איבערגעלאָזט ביי זיין טיטל. די צוויי „אומ־געזעצלעכע הערשער", דאַקעגן, סעדיה און יאשיה, זיינען פאַרשיקט גע־וואָרן פון סורא.

סעדיה איז דאַן אַוועק קיין באַגדאַד און געלעבט פיר יאָר ווי אַ פּריי־וואַטמאַן, ווייט פון אַלע וועלטלעכע אַרומרייסעניש. דאָ האָט ער זיך ווי־דער איבערגעבן אין גאַנצן דער ליטעראַטור און געשאַפן אַ ביייע ריי באַדייטנדיקע ווערק: תלמודישע פאָרשונגען, רעליגיעזע לידער, ווערק אי־בער דעם יידישן גאָטעסדינסט און אויך אַ פּירוש אויף דעם קבלישן „ספר יצירה". זיין ליבסטע גייסטיקע באַשעפטיקונג איז אָבער געווען רעליגיע־פילאָזאָפיע, און אויף דעם געביט האָט ער געשאַפן דאָס בעסטע פון אַלע זיינע ווערק: אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג אין אַראַביש אונטערן נאָמען „גלויבנס און מיינונגען" (אמונות ודעות).

סעדיה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אַ פולשטענ־דיק רעליגיעזע־פילאָזאָפיש סיסטעם פון יידנטום. געווענדט איז געווען דאָס ווערק פון איין זייט קעגן די פאַנאַטיקער, וואָס הענגען אָן זייער גלויבן אין נאַרישע איינבילדונגען, און פון דער צווייטער זייט קעגן די סקעפּטיקער־אפּיקורסים, וועלכע ווילן גאָרנישט גלויבן. „מיין האַרץ איז באַטריבט — שרייבט סעדיה אין דער הקדמה צו דעם ווערק — איבער די מענטשן, וואָס האַלטן זיך ביי נישט קיין ריינעם גלויבן און נישט ביי קיין קלאָרע מיינונגען; אַ סך אַפּיקורסים ווידער שטאָלצירן דערמיט, וואָס זיי לייקענען אַלץ אָפּ; זיי רעכענען זיך העכער פאַר די מענטשן פון אמת און פאַקטיש זיינען זיי די פאַרבלאָנדזשעטע. איך האָב געזען, ווי איינער זינקט אין אַ ים פון ספיקות, און די אַנדערע זיינען איינגעהילט אין אַ פלאָנטער

פון טעותים און קיין שווימער איז נישטאָ, וואָס זאָל זיי אַרויסציען פון דער טיפעניש; און ווייל גאָט האָט מיר געשענקט אַזוינס, וואָס וואָלט געקענט נוצן אָט די זיך טרינקענדיקע, האַלט איך עס פאַר מיין חוב, זיי אַרויפ־צופירן אויף דעם ריכטיקן וועג".

סעדיה אַנטוויקלט צוערשט די קוואַלן פון דערקענטעניש, מיט דער הילף פון וועלכע מ'קען צוקומען צום אמת און אים משיג זיין. אָט די קוואַלן זיינען דריי: דאָס זיכטבאַרע, וואָס ווערט פאַרנומען מיט די חו־שים; דאָס אַבסטראַקטע, וואָס ווערט באַגריפן מיטן פאַרשטאַנד, און דער צווינגענד־לאָגישער אויספיר, די דערקענטעניש דערפון, וואָס איז לאָגיש נויטווענדיק (די מציאות, למשל, פון אַ נשמה). צו די דריי גיט די אמונה צו נאָך אַ פערטן קוואַל פון דערקענטעניש — די נבואה אָדער די מסורה, אַזוי אַז דער עצם מהות פון גלויבן האָט נישט אין זיך קיין שום סתירה צו דעם פילאָזאָפישן באַוואוסטזיין. דער אמתער גלויבן דאַרף אַלזאָ פאַרן ריינעם דענקענדיקן פאַרשטאַנד גאָר נישט האָבן קיין מורא; פאַרקערט, אָט דער פאַרשטאַנד איז אין בעצם נייטיק, כדי איינצוצוימען דעם שטראָם פון די ווילקירלעכע איינבילדונגען און אבערגלויבנס.

אויף דעם יסוד פון דער אַלגעמיינער הנחה, טרעט סעדיה צו צו די פּרטים פון זיין סיסטעם. דאָ זוכט ער קודם כל צו דערווייזן, אַז די וועלט איז באַגרענעצט אין צייט און רוים און איז באַשאַפן געוואָרן, אַ דאַנק דעם געטלעכן ווילן, אין אַ באַשטימטער צייט. פון דעם עיקר דרינגט זיך שוין אַליין אַרויס די צווייטע הנחה, אַז ביי די פאַרשידענע דערשיינונגען פון דער געטלעכער מאַכט, איז זי דאָך איינע, און קוים נעמט מען אָן די איינ־הייט פון דעם באַשאַפער פון וועלטאַל, קען מען איר שוין זיך נישט אַנדערש פאַרשטעלן, ווי זייענדיק (לעבעדיק, ווירקלעך), קלוג (אַלוויסנ־דיק) און מעכטיק. די דריי אַטריבוטן פון דער גאָטהייט: דאַזיין, קלוג־הייט און אַלמעכטיקייט, מאַכן צוזאַמען איין באַגריף.

די מענטשלעכע נשמה, ווידער, טראָגט אין זיך אַן אַנגעבוירענע נייגונג צו אים; אַ דאַנק דעם באַזיצט דער מענטש די פעאיקייט, אונטער־צושיידן דאָס אמתע פונעם פאַלשן, דאָס גוטע פונעם שלעכטן און אַזוי ווייטער. אָט די אַנגעבוירענע העכערע נייגונגען זיינען אָבער נאָך נישט גענוג, כדי צו פירן דעם מענטשן אויפן ריכטיקן וועג בנוגע צו זיין אַל־טעגלעכן לעבן; דערצו איז נייטיק אַ באַזונדערע אַנטפּלעקונג פון דעם

געטלעכן ווילן — די נבואה, די תורה. דעם מענטשנס ווילן בלייבט אָבער פרײ: ער קען מקיים זיין די מצוות פון דער תורה און קען זיי נישט מקיים זיין. הייסט עס, אַז דאָס גוטס טון איז אַ פּאַרדינסט, וואָס דאַרף באַלוינט ווערן, און אַזוי ווי אויף דער וועלט זעט זיך נישט פולשטענדיקייט אין דעם סיסטעם פון שכר ועונש, וועט די אמת־האַרמאָנישע אויסגלייכונג צווישן לוין און שטראָף פאַר־קומען אויף יענער וועלט. דען דער טויט איז בלויז אַן איבער־גאַנג — ער שיידט נאָר אויף אַ ווײַלע אָפּ דעם גוף פון דער נשמה. די לויטערע נשמות פון די צדיקים דערהויבן זיך דאַן ביז אַן אָרט פון העכס־טן גליק, און דאַקעגן בלאָנדזשען די באַטריבטע נשמות פון די רשעים אַרום איבערן וועלטאַל און געפינען פאַר זיך קיין מנוחה נישט.

און דערמיט ענדיקט זיך נאָך נישט דער פּראָצעס פון שטראָפן און באַלוינען — דאָס וועט פאָרקומען אין דער ווייטערדיקער פאַזע פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, אין דער פאַזע פון תחית־המתים, ווען די גופים וועלן זיך ווידער פאַראייניקן מיט די נשמות. מיט דער פאַזע זיינען פאַרבונדן אויך די גליקלעכע משיחס צייטן, ווען אויף דער ערד וועלן הערשן בלויז גליק, אמת און גערעכטיקייט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז סעדיהס פּשרה האָט נישט געבראַכט צו קיין פולשטענדיקן אויסגלייך צווישן דער אמונה און דעם ריינעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ביי אַלע אירע שוואַכע זייטן האָט זי אָבער דאָך געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אויסבילדונג פון דעם יידישן געדאַנק. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אַ גאון און אַ תלמודישע אויטאָ־ריטעט האָט זיך באַשעפטיקט מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, — האָט אָפּגעשוואַכט אין אַ גרויסער מאָס דעם בלינדן גלויבן. די רעליגיעזע עיקרים זיינען פון איצט אָן אונטערגעוואָרפן געווען דער פרייער קריטיק, און עס איז פאַרבליבן אויף אַ לאַנגער צייט, ווי אַ מין מאָדע אין די יידישע אַקאַדעמישע קרייזן, זיך צו באַציען צו די יסודות פון דער אמונה און צו אירע געבאָטן מיט מער פאַרשטאַנד און באַוואוסטזיין. שפּעטער, ווען דער צענטער פון דעם יידישן גייסט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אינעם אַראַבישן שפּאַניע, איז סעדיהס רעליגיע־פילאָזאָפיע שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער יידישער וועלט, פריער אין אַראַבישן אָריגינאַל, און

דערנאָך איז דער העברעאישער איבערזעצונג פון דעם באַרימטן ר׳ יהודה אבן תבון (אין צוועלפטן יאָרהונדערט).

דערווייל איז אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד פאָרגעקומען אַן ענדערונג, וואָס האָט זיך גוט אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון דעם פאַר־טריבענעם דענקער. דער געלטזיכטיקער קאַליף קאַהיר איז געשטאָרבן, און זיין טראָן האָט געירשנט אַ ל ־ ר אַ ד ה י, וועלכער איז געווען צו סעדיהן פיל בעסער גענייגט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עס האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן שאַרפע סכסוכים צווישן ביידע פּאַרטייען, וועל־כע האָבן זיך געצויגן אזוי לאַנג, ביז עטלעכע איינפלוסרייכע פּערזאָנען האָבן ענדלעך דורכגעפירט אַ פייערלעכן שלום צווישן די הויפּטשולדיקע אין די אַלע אַרומרייסעניש: ס ע ד י ה און ד ו ד ב ן ז כ א י. דער לעצטער האָט נאָך דעם איינגעלאַדן זיין פריערדיקן שונא צו זיך, אים אַרויסגעוויזן אַלערליי פריינטלעכקייטן און צוריק אומגעקערט דעם טיטול ריש מתיבתא.

סעדיה האָט זיך דאַן ענערגיש גענומען אַרבעטן פאַר דער אויפ־לעבונג פון דעם אַלטן בבלישן צענטער, און באַלד האָט ער זיין ישיבה ווירקלעך אויפגעהויבן אויף אַ באַדייטנדיקער מדרגה. די שאלות פון אינ־לענדישע און אויסלענדישע קהלות זיינען פון איצט אָן ווידער געווענדעט געוועזן נאָר קיין סורא, און סעדיה האָט קיין שאלה נישט געלאָזט אָן אַ קלאָרן ענטפער (אין אַראַביש אָדער העברעאיש). אָט די אויפלעבונג איז אָבער געווען נישט מער, ווי אַ לעצטער שטראַל פון דער זון פאַר איר אונטערגיין. אי דער עקזילאַרך, אי דער גאון — ביידע זיינען געווען כמעט די לעצטע טרעגער פון זייערע טיטלען, און מיט זייער טויט זיינען אונ־טערגעגאַנגען אויך די פּאָסטנס, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען.

נאָכן טויט פון דוד בן זכאי (940) האָט דעם עקזילאַרכן־טיטל גע־ירשנט זיין זון יהודה; געטראָגן האָט ער אים אָבער נאָר אַ קורצע צייט: זיבן חדשים נאָכן פאָטערס טויט איז ער אויך געשטאָרבן. דאַן האָט רב סעדיה גאון צוגענומען צו זיך צו דערציען דעם איבערגעבליבענעם מינדעריעריקן זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם עקזילאַרך, און האָט אים גע־לערנט און געבילדעט. אין דער צייט איז די עקזילאַרכן־שטעלע אין גאַנצן נישט פאַרנומען געווען, און ווען דער יונגסטער צווייג פון דעם עקזיל־אַרכן־בוים איז געוואָרן מינדיק, האָט דער מאַכמעדאַנישער המון זיך גראָד

צעווילדעוועט און אים געטויט. איבער דעם פאַל האָבן די פאַרטרעטער פון יידנטום באַשלאָסן, נישט צו באַשטימען מער קיין נייעם עקזילאַרך, כדי נישט אויפצורייצן דעם האַס פון המון. אַזוי איז אונטערגעגאַנגען דער טיטול, וואָס איז גאַנצע זיבן הונדערט יאָר געווען די יידישע פּאָליטישע און קולטורעלע זעלבסטשטענדיקייט. די אייגהייט האָט זיך איצט גע־האַלטן בלויז אויף די צוויי ישיבות; באַלד אָבער האָט אויך זייער שעה געשלאָגן.

נאָך רב סעדיהס טויט (942) האָט די סוראַשע אַקאַדעמיע פאַרלוירן איר גאַנצע באַדייטונג. סעדיה האָט אפילו איבערגעלאָזט אַ זון, וועלכער איז געווען תלמודיש און פילאָזאָפיש געבילדעט. דער טיטול גאון איז אָבער איבערגעגאַנגען נישט צו אים, נאָר צו דעם פריערדיקן דערוויילִיקן ריש מתיבתא יוסף בן־יעקב, וועלכער איז נישט אימשטאַנד געווען צו דערהאַלטן דעם אָנזען פון דעם אַלטן צענטער. די צאָל תלמידים איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ קלענער, די הכנסות פון דער ישיבה זיינען שטאַרק געפאַלן און ענדלעך איז די פון דעם גרויסן רב געגרינדעטע בבלישע אַקאַ־דעמיע געוואָרן פאַרמאַכט (948) אויף אייביק, נאָך דעם ווי זי האָט גאַנצע זיבן הונדערט יאָר פאַרשפּרייט ליכט און גייסט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער דיאַספּאָראַ.

מער לעבנס־קראַפט האָט אַרויסגעוויזן די ישיבה אין פומבדיתא; זי האָט זיך נאָך גאַנצע הונדערט יאָר געראַנגלט מיטן אונטערגאַנג, און דער־האַלטן דעם כבוד פון די בבלישע יידן, ווי טאַנגעבער פון דעם גאַנצן פאָלקס־לעבן. אָט די ראָלע האָט זיך איצט אָבער אַלץ מער אַריבערגעטראָגן אין די מערב־לענדער, וואו עס האָבן זיך באַלד אויסגעבילדעט נייע צענ־טערן מיט נייע לאָזונגען.

וועגן דעם איבערגאַנג גופא פון דער נאַציאָנאַלער העגעמאָניע איז דערגאַנגען צו אונדז די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטישע לעגענדע: פיר חברים (תלמידי חכמים) זיינען אָוועקגעשיקט געוואָרן פון בבל אין די מערב־לענדער (אַפריקע, שפּאַניע), צו זאַמלען דאָרטן געלט פאַר דער פאַראָרעמטער ישיבה פון סורא. ווייל אָבער פון הימל איז שוין נגזר גע־וואָרן אויף סורא, אַז זי זאָל פאַרמאַכט ווערן, האָט אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט פאַרטראָגן זייער שיף אויף אַ איטאַליענישן ברעג, נעבן דער שטאָט באַרי, וואו אַ מויריש־שפּאַנישער אַדמיראַל האָט געפאַנגען די שלוחים און

זיי אַוועקגעפירט איינעם קיין מצרים, דעם אַנדערן קיין אַפריקע, דעם דריטן קיין קאָרדאָווע און דעם פערטן — לויט דער השערה — קיין נאַר־באָנאַ. אַזוי זיינען די בבלישע שלוחים צעשפרייט געוואָרן איבער אַלע ווינקלען פון דער ערד, און האָבן געגרינדעט גרויסע ישיבות יעדערער אין דעם לאַנד, וואו דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן.

די יידן אין מערב־אייראָפּע

קאַפּיטל זיבן

נייע קולטור־צענטערן אין מערב־אייראָפּע

אין דער צייט, ווען די גרויסע גייסטיקע צענטערן אין בבל האָבן זיך געראַנגלט מיטן אונטערגאַנג, איז אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע פאָרגעקומען אַ שטאַרקע גייסטיקע אויפלעבונג, וואָס האָט געשאַפן נייע צענטערן פאַר דעם יידישן געדאַנק.

אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער געזעצ־לערע זאָלן האָבן געשפּילט די לעגענדאַרישע פיר שלוחים פון סורא, וועלכער דער מאַכמעדאַנישער אַדמיראַל אבן רומאַהיס האָט געפאַנגען און פאַרקויפט. דער ערשטער פון די פיר, ר׳ שמריה בן אלחנן, איז פאַרקויפט געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע, און נאָך דעם ווי די דאָרטיקע יידישע קהלה האָט אים אויסגעלייזט, איז ער אַוועק קיין קאַאירא און גע־גרינדעט דאָרט אַ גרויסע ישיבה; דער צווייטער, חושיאל, איז אויסגעלייזט געוואָרן אין אַפריקע און האָט זיך באַזעצט אין קיירואַן; דער דריטער, וועמעס נאָמען ס׳איז נישט געגוי באַשטימט, האָט זיך געמוזט דערשלאָגן קיין נאַרבאָן, און דער פערטער, ר׳ משה בן חנוך, וועלכער איז אַמערסטן צרות אויסגעשטאַנען אין וועג, האָט דערפאַר אויך אַממערסטן אויפגעטאָן פאַר דער אויפלעבונג פון שפּאַנישן יידנטום.

ר׳ משה איז געווען דער איינציקער צווישן די פיר, וואָס האָט גע־האַט מיט זיך אַ קליינעם זון און אַ יונג שיין ווייב, אויף וועלכער דער מוריטאַנישער אַדמיראַל האָט געקוקט מיט גלוסטנדיקע אויגן. די יידישע טאָכטער האָט געזען די געפאַר, אין וועלכער זי געפינט זיך, און האָט זיך באַשלאָסן אויף אַ געוואַגטן שריט; זי האָט אויף העברעאיש געפרעגט איר מאַן, צי די דערטרונקענע אין ים וועלן אויפשטיין תחית המתים, און ווען ער האָט איר געענטפערט מיטן פסוק פון תהלים: „אמר ד׳ מבשן אשיב, אשיב ממצולות ים” (גאָט זאָגט: פון בשן וועל איך אומקערן, איך וועל אומקערן פון די טיפענישן פון ים), — האָט זי זיך ארייגגע־געוואָרפן אין די ברויזנדע כוואַליעס.

אַ דערשלאָגענער איז דאַן ר׳ משה געבראַכט געוואָרן קיין קאָר־דאָבאַ, וואו די יידישע קהלה האָט אים אויסגעלייזט. קיינער האָט אָבער דערווייל נאָך נישט געוואוסט, אַז אָט דער אויסגעלייזטער שקלאַף וועט מיט דער צייט אָוועקשטעלן שפּאַניע בראש פון דער גאַנצער אומה; ר׳ משה האָט זיך מיט זיין לומדות נישט באַרימט און איז געגאַנגען זייער אָרים געקליידט. נאָר איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז געשטאַנען ביים טיר פון דער ישיבה און האָט געהערט, ווי דער ראש ישיבה טייטשט פאַלש אויס אַ געוויסע תלמודישע הלכה, האָט ער זיך אָפּגערופן און דער־קלערט דעם ריכטיקן פשט. די דערשטוינטע תלמידים האָבן זיך דאַן גע־ווענדעט צו אים מיט פאַרשידענע שווערע תלמודישע שטעלן, און ווען אַלע האָבן געזען די לומדישע גרויסקייט פון דעם אָרימען וואַנדערער, האָט דער ראש־ישיבה אליין אים אָפּגעטרעטן זיין פּלאַץ: „איך בין נישט מער אייער דיין: — האָט ר׳ נתן (דער ראש־ישיבה) דערקלערט זיינע תלמי־דים — דער טיטול געהערט אָט דעם אָרימען פרעמדן, ער איז מיין רבי, און איך וועל פון איצט אָן זיין זיין תלמיד״. די קהלה האָט באַלד אויס־געקליבן ר׳ משהן פאַר אַ דיין, און פון דאַמאָלט אָן איז קאָרדאָבאַ גע־וואָרן אַ גרויסער יידישער צענטער מיט אַ באַדייטנדער, אומאָפּהענגיקער ישיבה.

עס וואָלט אָבער זיין נישט ריכטיק אָנצונעמען, אַז די ישיבה אליין אין קאָרדאָווע האָט אָוועקגעשטעלט שפּאַניע בראש פון גאַנצן יידנטום. דאָ זיינען נאָך צוגעקומען די אַלגעמיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געמאַכט דעם שפּאַנישן באָדן באַזונדער גינס־טיק פאַר אַ יידישער גייסטיקער אויפלעבונג. פון איין זייט דאָס קריסט־לעכע איראָפּע, וואָס איז נאָכן אָפּשטאַרבן פון די ערשטע קאַראָלינגען צוריק פאַרזונקען געוואָרן אין פולשטענדיקער פינצטערניש, און פון דער צווייטער זייט דאָס אָפּגעשוואַכטע קאַליפאַט פון די מזרח־לענדער, — איז דאָס אַראַבישע שפּאַניע געווען דער איינציקער ליכטיקער פונקט אין דער גאַנצער וועלט. אונטער דער הערשאַפט פון אַבדול־רחמן דעם דריטן (612־61), וועלכער האָט דער ערשטער אָנגענומען דעם פולן קאַליפן־טיטול עמיר־אל־מומינין (פירשט פון די גלויביקע), איז שפּאַניע געווען דער איינציקער ווינקל פאַר קונסט און וויסנשאַפט, און מיט זיין הערשן

הויבט זיך אָן די קלאַסישע צייט פון דער מוסולמענישער קולטור־אויפ־לעבונג, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט רייכטום און קראַפט.

אין דער צייט זיינען אין שפּאַניע געווען חשוב די לייט פון דער מוזע: די מייסטערס פון ריטמישע קלאַנגען און געפליגלטע שלאָג־ווערטער. אַ געלונגען ליד איז כּמעט מער געשייערט געוואָרן ווי אַ גע־לונגענער קריגס־צוג. יעדע אָנגעזעענע פּערזאָן, פון קאַליף ביזן לעצטן פּראָ־ווינץ־באַאַמטן, איז געווען שטאָלץ דערויף, צו קענען רעכענען דעם און דעם געלערנטן אָדער דיכטער אין דער ריי פון די הויז־פריינד, און מיט דער צייט זיינען כּמעט אַלע גרעסטע אַמטן פון דער מלוכה פאַרנומען געוואָרן פון גייסט־מענטשן.

אין אַזאַ אַטמאָספּערע האָט נישט געדאַרפט לאַנג דויערן, ביז עס זאָל זיך אַרויסווייזן די אָנגעבוירענע שאַרפקייט און פילבאַרקייט פון דעם יידישן גייסט, און באַלד איז דאָס יידישע שפּאַניע געוואָרן „אַי אַ שמעקעדיקער גאָרטן פון הייטערער, לעבנספרייליכער פּאָעזיע, אי אָן אָרט פון ערנסטער פאָרשונג און קלאָרן געדאַנק". יידן האָבן צוגלייך מיט די מוזאַראַבן (די קריסטן, וואָס האָבן געלעבט צווישן מאַכמעדאַנער), דערלערנט די אַראַבישע שפּראַך און איר ליטעראַטור, און זיך איינגע־לעבט מיט אַלע שיינע זייטן פון דעם הערשנדיקן פאָלק. אין דער צייט אָבער, ווען די מוזאַראַבן האָבן דערביי מקריב געווען זייער אייגענעם וועזן, פאַרגעסן זייער מוטער־שפּראַך (דעם גאָטישן לאַטיין) און זיך גע־שעמט מיטן קריסטנטום, — האָבן די יידן פון זייער אייגנאַרט קיין זאַך נישט אָוועקגעגעבן. זיי האָבן נאָר גענומען דאָס שענסטע און בעסטע פון דער הערשנדיקער קולטור — די קינסטלערישע פאָרם, דעם פרייען גע־דאַנק — און דאָס איינגעפלאַנצט אין דעם אייגענעם קולטור־גאָרטן; צוגעפּאַסט אַלע וועלטלעכע אמתן צום אמת פון יידנטום, און אויסגעזונ־גען אַלע שיינקייטן פון הארץ און מוח אין העברעאיש־לויטערע קלאַנגען.

אַזוי האָט זיך גליקלעכערווייז אַלץ פאַראייניקט צום גונסטן פון שפּאַנישן יידנטום, און באַלד האָבן זיך אויך די פּערזאָנען באַוויזן, וועל־כע האָבן אָנגעפירט מיטן שטראָם פון דער דאָזיקער גייסטיקער אויפלע־בונג און אים געגעבן אַ געוואונטשענע ריכטונג. דאָס זיינען געווען דער דערמאָנטער תּלמודישער געלערטער ר' משה בן חנוך, דער ערשטער העב־רעאישער גראַמאַטיקער פון אַנדאַלוזיע מנחם בן סרוק און דער באַשע־

פער פון אַ קונסט־פאָרם פאַר דער העברעאישער פּאָעזיע דונש בן לברט. צו די מוז מען צוגעבן נאָך אַ פּערזן, וועלכער איז, לויט זיין געזעלשאַפט־לעכער לאַגע, געשטאַנען איבער די דריי און האָט זיי געגעבן די מעג־לעכקייט צו אַנטוויקלען זייער טעטיקייט: חסדאי אבן־שפרוט (אַבו־יוסוף־חאַסדאי־בן־יצחק איבן שאַפּרוט, געבוירן 915, געשטאָרבן 970), פון דער משפחה אבן־עזרא.

חסדאיס פאָטער, יצחק, איז געווען איינער פון די אַנגעזעענסטע יידן אין קאָרדאָבאַ, און אַ דאַנק זיין איניציאַטיווע איז דאָרט אויפגע־שטעלט געוואָרן די באַרימטע שיינע שול, וואָס האָט הונדערטער יאָרן באַקרוינט דאָס יידנטום אין שפּאַניע. ער איז געווען געבילדעט און רייך, האָט יצחק געגעבן זיין זון אַן אַלגעמיינע ברייטע בילדונג, לויט די באַ־גריפן פון יענער צייט: חסדאי האָט גרינטלעך שטודירט מעדיצין און געקענט העברעאיש, אַראַביש און לאַטייניש — די אָפיציעלע שפראַך פון דער דאָמאַלטיקער קריסטלעכער וועלט.

אָט די קענטענישן צוזאַמען מיט דער אָנגעבוירענער פעאיקייט פון דעם יונגן יידישן אַריסטאָקראַט האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַבדול רחמן דעם דריטן, וועלכער האָט געהאַט באַציאונגען מיט פאַרשידענע קריסטלעכע הויפן. חסדאי איז דאַן באַשטימט געוואָרן פריער פאַר אַ לייב־דאָקטער פון קאַליף, דערנאָך אויך פאַר אַ דיפּלאָמאַטישן פאַר־מיטלער און יועץ פון דער מלוכה (941).

אויף דעם פּאָסטן האָט חסדאי עטלעכע מאָל אַרויסגעוויזן באַדיי־טנדע דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן, וועלכע האָבן געבראַכט גרויסע נוצן די אינטערעסן פון דער מלוכה. דאָס האָט נאָך מער אויפגעהויבן זיין אָנזען אין הויף, און ער איז געוואָרן כמעט דער איינציקער טאָן־געבער בנוגע צו אַלע מלוכה־פראַגן. דער הויך געשעצטער שטאַטסמאַן האָט אָבער קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן זיינע ברידער, און וואו נאָר ער איז אימשטאַנד געווען צו העלפן מיט זיין אָנזען אָדער מיט זיין רייכטום, האָט ער אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן.

חסדאי האָט אַ סך מיטגעווירקט צו פאַרבינדן דיפּלאָמאַטישע באַ־ציאונגען צווישן דעם שפּאַנישן קאַליפאַט און דער ביזאַנטינישער מלוכה, און אין גיכן איז קיין קאָרדאָווע אָנגעקומען אַ דעפּוטאַציע פון קעניג קאָנסטאַנטין דעם זיבעטן, וועלכע האָט געבראַכט דעם קאַליף טייערע

מתנות. צווישן די לעצטע האָט זיך געפונען אויך אַן עקזעמפּליאַר אַ יקר המציאות פון אַ גריכיש מעדיציניש ווערק, מיט וועלכן אַבדול רחמן האָט זיך זייער געפרייט; דאָס ווערק אליין איז אָבער געבליבן נישט צוגענג־לעך פאַר די מעדיקער פון קאַליפס הויף, ווייל קיינער האָט דאָ קיין גרי־כיש נישט פאַרשטאַנען. אבדול רחמן האָט זיך דאַן געווענדעט צום ביזאַנ־טינישן קעניג מיט דער בקשה, ער זאָל אים צושיקן איינעם, וואָס קען אי־בערזעצן דאָס ווערק אויף אַן אַנדער שפּראַך, און דער אָנגעקומענער מאָ־נאַך ניקאָלאָס האָט עס איבערזעצט אויף לאַטייניש. פון דער לאַטיינישער איבערזעצונג האָט חסדאי, אויף אַבדולס פאַרלאַנג, דערנאָך געמאַכט אַן אַראַבישע, און דער קאַליף האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דער וויסנ־שאַפטלעכער אַנטפּלעקונג.

אַן אַנדער ראָלע האָט חסדאי געשפּילט ביי דער דעפּוטאַציע, וואָס דער מעכטיקער דייטשער קייסער אָטאָ דער ערשטער האָט געשיקט קיין קאָרדאָווע. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף דער דעפּוטאַציע, וואָס אַבדול רחמן האָט שוין געהאַט פריער געשיקט צו דעם דייטשן קייסער, און ווייל אין אַבדולס בריוו האָבן זיך געפונען עטלעכע באַליידיקנדיקע אויסדריקן וועגן קריסטנטום, האָט אָטאָ געלאָזן וואַרטן די אַראַבישע שלוחים אַ לאַנגע צייט, ביז ער האָט זיי אויפגענומען. איצט, מיט דער דעפּוטאַציע, אונטער דער אָנפירונג פון גייסטלעכן יאָהאַן גאָריצער (956), האָט דער דייטשער קייסער געשיקט אַן ענטפער אויף אַבדולס בריוו, און דאָ האָבן זיך ווידער געפונען שאַרפע אויסדרוקן קעגן איסלאַם. דערפון האָט זיך אַבדול דערוואוסט מן הצד, און ער האָט אין משך פון איבער אַ יאָר צייט נישט געוואָלט אויפנעמען די דייטשע דעפּוטאַציע. דאַן האָט חסדאי זיך אריינגעמישט אין דעם סכסוך און ער האָט ענדלעך געפועלט ביים אַבאַט יאָהאַן, ער זאָל אַרויספאָדערן פון דייטשן קייסער אַן אַנדער בריוו (956—959), וואָס זאָל זיין געשריבן אין אַ מער אַנשטענדיקער פאָרם. דער אַבאַט האָט זיך, אגב, ביי דער געלעגנהייט אויסגעדריקט, אַז ער האָט „נאָך קיין מאָל נישט באַגעגנט אַ מענטשן מיט אַזאַ איידעלן פאַרשטאַנד, ווי דעם ייד חסדאי".

ווי אַ וואַרעמער ייד, פלעגט חסדאי ביי יעדער דעפּוטאַציע פון וועלכן ס'איז לאַנד זיך שטאַרק נאָכפרעגן אויף דער לאַגע פון די דאָרטיקע יידן, און איין מאָל האָבן אים די שלוחים פון פּערסיע דערציילט, אַז

ערגעץ־וואו אין די ווייטע מקומות עקזיסטירט אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה מיט אַ יידישן מלך. ס׳האָט זיך געהאנדלט וועגן דער כאַזאַרישער מלוכה, וואָס האָט עקזיסטירט צו יענער צייט אין דרום־מזרח אייראָפּע אויף די ברעגעס פון קאַספּישן ים, און חסדאי האָט זיך מיט דעם פאַקט שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט דעריבער נישט אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן וועגן דער דאָזיקער מלוכה און ענדלעך איז ער פון די ביזאַנטישע שלוחים דערגאַנגען, אַז דאָס כאַזאַרישע קעניגרייך איז אינגאַנצן פופצן טאָג רייזע ווייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַז די ביזאַנטינישע מלוכה שטייט אין אַ נאָענטן פאַרקער מיטן לאַנד פונעם כאַגאַן י ו ס ף.

הסדאי האָט דאַן פעסט באַשלאָסן, אַריינצוטרעטן אין אַ שריפטלע־כער פאַרבינדונג מיט דעם ווייטן יידישן מלך, און ער האָט געפּרואווט באַזאָרגן צו אים אַ בריוו דורך די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער שלוחים; דאָס האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן: קאָנסטאַנטין האָט מודיע געווען חסדאין, אַז דער וועג צו די כאַזאַריער איז אַ ווייטער און אַ מסוכנדיקער און ער קען אַהין דעם בריוו נישט באַזאָרגן. דערווייל איז קיין קאָרדאָבאַ אָנגעקומען אַ נייע דעפּוטאַציע פון דעם סלאַווישן קעניג הונו (אָדער דוקו) ביים דונאַי, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען צוויי יידן. אָט די יידישע שלוחים האָבן אויך געוואוסט צו דערציילן געוויסע פּרטים וועגן דער כאַזאַרישער מלוכה, און זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגן חסדאיס בריוו צו די יידן אין אונגאַרן, וועלכע וועלן אים שוין דערנאָך, איבער רוסלאַנד און בול־גאַריע, באַזאָרגן ווייטער.

און דאָ אין דעם בריוו שפּיגלט זיך איצט אָפּ די גאַנצע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון דעם דאָזיקן באַגאַבטן שטאַטסמאַן און מערקווירדיקן יידן. אין אַ ריין העברעאישער שפּראַך (געשריבן אין אַקראָסטישע פערזן אין גע־שמאַק פון יענער צייט) באַקענט פריער חסדאי דעם מלך מיט דער פּאָלי־טישער און געאָגראַפישער לאַגע פון שפּאַניע און מיט דער לאַגע, וואָס ער, חסדאי, פאַרנעמט אין הויף פון שפּאַנישן הערשער. דערנאָך שילדערט ער אים אַלע שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט, ביז אים האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן, אַריינצוטרעטן אין אַ שריפטלעכער באַציאונג מיט דעם יידי־שן הערשער פון אַ פרייער יידישער מלוכה. „דאָס אַלץ — שרייבט חסדאי — האָב איך געטון נישט פון מיין כבוד וועגן, נאָר כדי צו דערגיין דעם אמת, צי ס׳איז פאַראַן אַן אָרט אויף דער וועלט, וואו דער פאַרטריבענער

ייד האָט זיין הערשאַפט, און קיינער געוועלטיקט נישט איבער אים". „און ווען איך וואָלט וויסן, אַז דאָס איז אמת, וואָלט איך פאַרמיאוסט מיין כבוד, זיך אָפּגעזאָגט פון מיין גרויסקייט און פאַרלאָזט מיין משפחה, און וואָלט געגאַנגען פון באַרג צו טאָל, אויפן ים און אויף דער יבשה ביז איך וואָלט קומען צו דעם אָרט, וואו ס'וואַרט מיין האַר, דער יידישער מלך, צו זען זיין גרויסקייט און זיין מעכטיקייט און דעם באַשטאַנד פון זיינע דינער און די מנוחה פון ישראלס איבערבלייבעניש". „דען ווי קען איך שווייגן, ווען איך דערמאָן מיך אָן דעם חורבן פון אונדזער שיינקייט און אָן דער איבערבלייבעניש פון שווערד, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך פייער און דורך וואַסער... זיך אַרומוואַלגערנדיק אין גלות, זיינען מיר געבליבן ווייניק פון פיל און האָבן פאַרלוירן דעם כבוד און קענען זיך גאַרנישט העלפן, ווען די גוים זאָגן צו אונדז: יעדעס פאָלק האָט אַ מלוכה און איר האָט קיין זכר נישט פון אַ לאַנד".

וועגן דעם אַלעם בעט חסדאי פונעם יידישן מלך אויספירלעכע ידיעות וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די כאַזאַרן, וועגן זייער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע און אויך וועגן זייערע מנהגים: צי האַלטן זיי מלחמה אום שבת, צי קענען זיי די העברעאישע שפּראַך און אַזוי ווייטער.

חסדאיס בריוו איז גליקלעך אָנגעקומען און די הענט פון דעם כאַזאַרישן מלך. דאָס איז געווען דער עלפטער יידיש־כאַזאַרישער כאַגאַן פון עובדיהן אָן, מיטן נאָמען יוסף בן אהרן, און דער צושטאַנד פון כאַזאַריע איז נאָך דערווייל געווען זייער אַ גוטער, כאָטש אַ סך פון די אונטערגע־וואָרפענע פּראָווינצן האָבן זיך שוין געהאַט באַפרייט פון דער כאַזאַרישער הערשאַפט. אין דעם שטח פון דער מלוכה זיינען אַריין אַלע לענדער צו צפון זייט פון קאַספּישן ים ביזן אוראַל און דאָן, פון קאַווקאַז ביזן דניעפּר און פון דער וואָלגאַ ביז די קאַלמיקישע מדבריות; די רעזידענץ פון כאַגאַן האָט זיך געפונען אויף איינער פון די וואָלגאַ־אינדזלען און האָט געהאַט אַ קינסטלעריש־פאַרפּוצטן פּאַלאַץ מיט אַ גאָלדענעם טויער.

אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט קעגן זיך די רוסן, וועלכע האָבן כסדר גע־זוכט אָפּצורייסן פּראָווינצן פון דער שכנישער כאַזאַריע, האָבן די כאַזאַ־רישע מלכים געמוזט אויסהאַלטן אַ שטענדיקע אַרמיי, און אין דער צייט

האָט נאָך ביזאַנטיע געציטערט פאַר דעם יידישן כאַגאַן און אים באַערט מיט אַלערליי מיטלען.

ביי אַזאַ לאַגע האָט חסדאיס באַגייסטערטער בריוו געמוזט אַרויס־רופן ביים כאַגאַן אַ שטאַרקע צופרידנקייט; און ער האָט גלייך געלאָזט אָנשרייבן אַ העברעאישן ענטפער צו דעם פאָרשטייער פון די יידישע ברי־דער אינעם וייטן שפּאַניע. אין דעם בריוו דריקט דער מלך אויס זיין פרייד איבער דעם וואַרימען גרוס פון די שפּאַנישע יידן. אין דער זעלביקער צייט דערקלערט ער אָבער אויך חסדאין, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, אויב ער האָט גערעכנט די כוזרים פאַר אַ טייל פון די פאַרלוירענע „עשרת השבטים”, ווייל זיי שטאַמען באמת פון אַ פינישן אָדער סלאַווישן שבט. דערנאָך שילדערט יוסף אויספירלעך דעם פאַקט, ווי אַזוי איינער פון זיינע עלטער־עלטער זיידעס איז איבערגעגאַנגען צום יידנטום, און ענ־דיקט זיין האַרציקן בריוו מיט די ווערטער: מיר — אונדזערע אויגן זיי־נען געווענדט צו גאָט, אונדזער גאָט, און צו די יידישע חכמים, וואָס אין ירושלים און אין די בבלישע ישיבות, און מיר זיינען וייט פון ציון. זאָל גאָט דערנענטערן די אויסלייזונג פון ישראל, זאָל ער צוזאַמענגעמען די קינדער פון דעם צעשטרייטן פאָלק נאָך פאַר אונדזערע צייטן. דערביי באַ־טאָנט דער מלך, אַז ער וואָלט אויך וועלן שטאַרק זען דעם קלוגן און גע־בילדעטן יידישן פירשט, און אים מאַכן פאַר זיין העלפער און יועץ.

דער בריוו איז אָנגעקומען צו חסדאין אין יאָר 960, און אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך די לאַגע פון דער יידישער מלוכה אין גאַנצן געענ־דערט. דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו פון קיעוו האָט אומדערוואַר־טעט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון איבער דער כאַזאַרישער הויפּטשטאָט (965), און די גרענעצן פון דער מלוכה זיינען וואָס ווייטער אַלץ ענגער צונויפגעצויגן געוואָרן, אַזוי, אַז יוסף איז געווען כמעט דער לעצטער פון די מעכטיקע כאַזאַרישע מלכים.

געענדערט האָט זיך אונטער דער צייט אויך די לאַגע אינעם שפּאַ־נישן הויף. דער קאַליף אַבדול רחמן איז געשטאָרבן און די הערשאַפט איז איבערגעגאַנגען צו זיין זון אַל־חכים. דער לעצטער האָט אויך פאַרשטאַ־נען אָפּצושאַצן חסדאיס דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן, און האָט אים איבער־געלאָזט אויף זיין פּאָסטן. אַ דאַנק דעם האָט חסדאי געהאַט די מעגלעכ־קייט, פאָרצוזעצן זיין טעטיקייט ווי אַ באַשיצער פון יידישע דיכטער און

געלערנטע, וואָס ס'האָט אַ סך מיטגעווירקט צו באַפרייען דאָס שפּאַנישע יידנטום פון דער אפּוטרופּסות פון די בבלישע גאונים.

די באַדייטנדיקסטע צווישן די דיכטער און דענקער פון יענער צייט זיינען געווען די דערמאָנטע מנחם בן סרוק און דונש בן לברט. ביידע האָבן פליסיק געאַרבעט איבער דעם שטודיום פון דער העברעאישער שפּראַך, און אויסער זייערע באַדייטנדיקע פאָרשונגען אין דער העברע־אישער גראַמאַטיק, האָבן זיי די שפּראַך גופא אויך באַרייכערט און פאַר־שענערט. זיי האָבן די ערשטע איינגעפירט אין דער העברעאישער פּאָעזיע אַ פערז־מאָס מיט ריטמישע קלאַנגען און סימעטרישע זאַצן, און אויך דער אינהאַלט פון דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע איז געווען אַ סך רייכער און פילזייטיקער אַ דאַנק די שאַפונגען פון די דאָזיקע אַנדאַלוזיש־יידישע דיכ־טער. אויב העברעאיש איז ביז יענער צייט נישט אַרויסגעגאַנגען כמעט פון די גרענעצן פון אַ הייליקער שפּראַך, פון אַ שפּראַך פאַר אַלערליי תפי־לות, בקשות און אַנדערע רעליגיעזע מאָטיוון, — איז זי איצט צום ערשטן מאָל געוואָרן וואָכעדיק, וועלטלעך. מיט די שאַפונגען פון דונש און מנחם האָט זיך די העברעאישע שפּראַך באַפרייט פון איר אייביקן שול־כאַראַק־טער — זי איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן, אויב נישט אין גאַס, איז אין סאַ־לאָן, אין די פּאַלאַצן פון די יידישע געלט־ און גייסט־אַריסטאָקראַטן.

און אויך אין דער היגזיכט האָט זיך שטאַרק געשפּירט די ווירקונג פון דעם פאַרערטן יידישן מעצענאַט. דער לעצטער, אבן שפּרוט, מיט זיין אימפּאָזאַנטער פּערזענלעכקייט, האָט אַרויסגערופן ביי די יידישע דיכטער אַ פאַרלאַנג, צו באַזינגען זיין גרויסקייט, און אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן, האָט זיך דערווייל יעדערער געפליסט אַרויסצואווייזן וואָס מער גייסט און געשיקלעכקייט אין זיינע דיכטערי־שע שאַפונגען.

פונעם לעבן פון די ביידע געלערנטע זיינען דערגאַנגען צו אונדז ווייני־ניק ידיעות. מנחם בן סרוק פון טאָרטאָזאַ (געב' 910, געשט. 970) איז אין דער יוגנט געשטיצט געוואָרן פון חסדאיס פאָטער, יצחק ,און נאָך דעם, ווי חסדאי איז נתעלה געוואָרן, האָט ער דעם געדריקטן געלערנטן גע־בראַכט צו זיך קיין קאָרדאָבאַ און אים געגעבן די מעגלעכקייט, זיך איבער־צוגעבן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. מנחם האָט דאָן געשאַפן אַ פול־שטענדיקן העברעאישן ווערטער־בוך (955) מיט באַדייטנדיקע גראַמאַטי־

שע כללים, וואָס האָט אַרויסגעשטופּט אין גאַנצן דאָס פריערדיקע ווער־טערבוך פון ר׳ סעדיה גאון און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אויך אין פראַנק־רייך און איטאַליע. דעם גליקלעכן הויף־פּאָעט איז אָבער נישט באַשערט געווען, נחת צו האָבן פון זיין אַרבעט: ער האָט באַקומען פאַר זיך אַ פאַר־ביטערטן קעגנער אין דער געשטאַלט פון דעם באַגאַבטן דונש בן לברט (880 — 920).

אַ געבוירענער אין באַגדאַד, האָט דער פאַרמעגלעכער דונש אויס־געוואַנדערט קיין פעץ, פון וואַנען חסדאי האָט אים אַריבערגעצויגן קיין קאָרדאָבאַ, און אין יענער צייט איז ער שוין באַקאַנט געווען פאַר אַ באַ־דייטנדיקן דיכטער און שפּראַך־קינסטלער. און אָט, ווען ס׳איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן מנחמס ווערטער־בוך, האָט דער היציקער דנש אָנגעשריבן קעגן אים אַ שאַרפן פּאָלעמישן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט שטאַרק אָנ־געגריפן מנחמס אויפטועכצן און אים בכלל מבטל געווען. דעם אַרטיקל האָט דונש, ווי דער מנהג איז געווען, אויך געווידמעט דעם באַרימטן מע־צענאַט, וועלכן ער האָט פאַרשיכורט מיט זייער חניפהדיקע לויב־לידער, און דער סוף איז געווען, אַז מנחם האָט פאַרלוירן אין גאַנצן דעם חן אין די אויגן פון זיין באַשיצער און איז אַפילו פון אים שטאַרק באַליידיקט גע־וואָרן. די תלמידים פון דעם באַליידיקטן זיינען דאַן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שטאָלצן דונש און פאַרטיידיקט די כללים פון זייער רבין, און פון דער ליידנשאַפטלעך־סאַטירישער פּאָלעמיק האָט דערוייל די העברעאישע שפּראַך פאַרדינט: זי איז געוואָרן פליסנדיקער און באַוועגלעכער.

די אויפלעבונג פון שפּאַנישן יידנטום וואָלט אָבער נישט געווען אַ גאַנצע, ווען זי וואָלט זיך באַגרענעצט בלויז מיט די פאָרשונגען אויף דעם געביט פון דער העברעאישער שפּראַך. כדי זיך צו באַפרייען פון דער בבלישער אַפּוטרופּסות איז באַזונדער נייטיק געווען אַ תלמודישער צענ־טער, און דאָס האָט זיי געגעבן די ישיבה פון דעם דערמאָנטן ר׳ משה בן חנוך. דער לעצטער איז אויך שטאַרק געשטיצט געוואָרן פון דעם יידישן שטאַטסמאַן, וועלכער האָט אים געהאָלפן אָרגאַניזירן זיין זעלבסטשטענ־דיקע ישיבה, און אין אַלגעמיין האָט דאָ דער צופאַל אַזוי ווי צוגעטראָפן דעם סאַמע גינסטיקסטן מאָמענט. פאַרוואָרפן איצט אַהער אַ באַרימטן בבלישן געזעץ־לערער. נישט בלויז די יידישע קהלות — די קאַליפן אפילו זיינען אויך שטארק צופרידן געווען פון דעם פאַקט, וואָס זייערע יידישע

אונטערטאַנען וועלן נישט זיין מער גייסטיק אָפּהענגיק פון די אונטערטאַנען פון דעם פיינטלעכן באַגדאַדער קאַליף.

איבער דעם אַלעם האָבן די יידן אַרומגערינגלט דעם פאַרבלאַנדזשעטן בבלישן עמיגראַנט מיט אַלערליי כבודים, און באַלד האָט זיין ישיבה אין דער אַנדאַלוזישער הויפּטשטאָט צוגעצויגן הונדערטער תלמידים פון גאַנץ שפּאַניע און אַפריקע. חסדאי האָט אויף זיין רעכנונג אָפּגעקויפט די אַלע תלמוד־עקזעמפּלאַרן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער פאַרמאַכטער סוראשער ישיבה, און זיי געלאָזט פונאַנדערטיילן צווישן ר׳ משהס תלמידים — די תלמידים פון דער אַנדאַלוזישער סורא.

אַזוי איז שפּאַניע אין פאַרשידענע היגזיכטן געוואָרן אַ גייסטיקער מיטלפּונקט פאַרן גאַנצן יידנטום, און צו דער ראָל האָט זיך אַזוי ווי געפּאַסט די פאַרשווענדערישע רחבות און עשירות פון די שפּאַנישע יידן. קאָרדאָבאַ אַליין האָט געהאַט ביז טויזנט רייכע יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן פאַרשעמט די הערשנדיקע אַראַבישע באַפעלקערונג מיט זייער פּראַכט און לוקסוס. זיי האָבן זיך געקליידט אין זייד, געטראָגן קאָסטבאַרע טורבאַנען, געריטן אויף טייערע פערד, זיך באַפּוצט מיט פלאַטערנדיקע פעדערן און מיט קיין זאַך זיך נישט אונטערגעשיידט פון די שכנישע ריטער. אַ טייל פון די דאָזיקע אַריסטאָקראַטן האָט, אגב, זיך דערוואָרבן דאָס פאַרמעגן פון דעם שקלאַפן־האַנדל: זיי פלעגן ברענגען הונדערטער שקלאַפן, אַממערסטנטייל פון די סלאַווישע לענדער, און די קאַליפן פלעגן מיט זיי אויספילן זייער לייב־וואַך.

נאָך ר׳ משהס טויט (968) איז דער קהלה פון קאָרדאָבאַ פאָרגעשטאַנען די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג. איין פּאַרטיי האָט געהאַלטן פאַר ר׳ משהס זון, חנוך, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, און די צווייטע האָט געוואָלט אַוועקשטעלן בראש פון דער קהלה אַן אָרטיקן איינוואוינער, מיטן נאָמען יוסף אבן־אביתור (איבן סאַטנאַס), וועלכער האָט אויסער זיינע תלמודישע קענטענישן באַזעסן אויך אַ ברייטע אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט שוין געהאַט אין דער צייט פאַרפאַסט עטלעכע באַדייטנדיקע רעליגיעז־פילאָזאָפישע און פּאָעטישע ווערק, און אויך איבערזעצט די משנה אין אַראַביש, אויפן פאַרלאַנג פון קאַליף אַל־חכים דעם צווייטן. דאָס האָט אים פונדעסטוועגן נישט געהאָלפן, צו געווינען אויף זיין צד דעם אַלמעכטיקן אבן־שפרוט, און חנוך איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ דיין. דער

צווייטער צד האָט זיך אָבער אונטערגעגעבן נאָר לפנים־וועגן, און ווי נאָר דער יידישער מיניסטער איז געשטאָרבן, האָבן זיך ווידער באַנייט די סכסו־כים און מחלוקת איבער דער רבנות.

די זאַך איז ענדלעך דערגאַנגען צום קאַליף אל־חכים, וועלכער האָט באַשלאָסן דעם סכסוך לטובת דעם אַלטמאָדישן ר׳ חנוך, אויף וועמענס צד ס׳איז געשטאַנען די מערהייט פון דער קהלה. אבן־אביתור האָט דאַן געפּרוּווט זיך פּערזענלעך ווענדן צום קאַליף און אים אויסרעכענען אַלץ, וואָס ער, אבן אָביתור, האָט אויפגעטון פאַר דער וויסנשאַפט און פאַר דער אַראַבישער ליטעראַטור; דאָס האָט אים אָבער אויך נישט געהאָלפן. אל־חכים האָט אים אויף דעם געענטפערט: „ווען די אַראַבער וואָלטן מיך אַזוי פיינט האָבן, ווי דיך די יידן פון קאָרדאָבאַ, וואָלט איך מיין מלוכה פאַר־לאָזט. כ׳קען דיר נאָר איין עצה געבן: „אויסצוואַוואַנדערן״. יוסף האָט דע־מאָלט פאַרלאָזט שפּאַניע און געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד.

דערווייל האָט זיך די לאַגע אין קאָרדאָבאַ ווידער געענדערט לטובת בן אביתורן. דער קאַליף אַל־חכים איז געשטאָרבן (967), און די פּאָקטישע ממשלה איבערן לאַנד איז אַריבער צו דעם גרויס וויזיר (האַדזשיב) אַל־מאַנזור, וועלכער האָט געהערשט אינעם נאָמען פון דעם מינדעריעריקן הישאַם. אָט דער גרויס־וויזיר האָט גראָד שטאַרק דערהויבן אַ געוויסן רייכן זיידן־פאַבריקאַנט, מיטן נאָמען יעקב אבן דזשאו: דער לעצטער איז גע־וואָרן ווי אַ מין נשיא איבער אַלע יידישע קהלות אין אַנדאַלוזיע. ער האָט געפירט אַ פּירשטלעכן שטאָט און איז פון אַלעמען געשעצט און געאַכ־פּערט געוואָרן. די הויף־פּאָעטן האָבן איצט, ווי פריער חסדאין, אין לויב־לידער באַזונגען די וואוילטעטיקייט און גרויסקייט פון דעם מעכטיקן אבן־דזשאו, און אָט דער מעכטיקער נשיא איז געווען אַ הייסער אַנהענגער פון דעם פאַרוואָגלטן אבן אביתור. אונטער זיין ווירקונג איז דאַן ר׳ חנוך אָפּ־געזאָגט געוואָרן פון דער רבנות (ווי דאָס האָט דעמאָלט געהייסן: דיינות), און אבן אביתורן האָט די קהלה איינגעלאַדן צו קומען פאַרנעמען דעם הויכן טיטל. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן די גייסטיקע שיינקייט פון דעם פאַרטריבענעם תלמיד חכם: ער האָט מיט שאַרפע ווערטער געמוסרט זיינע אַנהענגער פאַר דער עוולה, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן זיין קעג־נער, און דערביי אויסגערופן: „איך שטעל פאַר עדות דעם הימל און די

ערד, אַז פון שפּאַניע ביז בבל איז נישטאָ נאָך איינער, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט ר׳ חנוכן״.

פון דעמאָלט אָן האָט שוין קיינער נישט געשטערט ר׳ חנוכן אין זיין אַקאַדעמישער און רבנישער טעטיקייט, און ער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן1) אַ לאַנגע צייט (ביזן יאָר 1014). אבן אביתור, דאַקעגן, האָט נישט אויפגעהערט צו וואַנדערן, און ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן ביז פּומבדיתא, וואו ער האָט געהאָפט, אויפגענומען צו ווערן פון דעם באַרימטן גאון ר׳ האי; דער לעצטער האָט אָבער אבן אביתורן נישט געקענט מוחל זיין די מחלוקת, וואָס איז צוליב אים אַרויסגערופן געוואָרן, און האָט אים צו זיך נישט צוגעלאָזט. דאַן איז דער פאַרוואָגלטער אַוועק קיין דמשק, וואו ער איז געשטאָרבן.

אונטער דער צייט איז אויך אבן־דזשאוס שטערן געוואָרן פאַרלאָשן: זיין באַשיצער, אַלמאַנזור, האָט זיך איבער עפּעס אויף אים צעבייזערט און אים געלאָזט אַריינזעצן אין תפיסה; דאָ איז ער אָפּגעזעסן איבער אַ יאָר, און ערשט דאַן האָט זיך דער קאַליף אַליין צופעליק דערוואוסט פון דער מעשה און אים באַפרייט. דער דאָזיקער אבן־דזשאַן זאָל זיך, אגב, האָבן אויסגעצייכנט מיט זייער גרויסע מעלות, און ווען מ׳האָט אָנגעזאָגט ר׳ חנוכן די בשורה, אַז זיין ביטערער שונא (אבן דזשאו) איז געשטאָרבן, האָט ער געענטפערט מיט טרערן: ווער וועט איצט פאַרזאָרגן די אַלע אָרי־מע לייט, וואָס ער פלעגט זיי פאַרזאָרגן?

נישט אַזוי רייך און פּילזייטיק, אָבער אויך שטאַרק און באַדייטנ־דיק איז געווען די אויפלעבונג פון דער יידישער קולטור אין די שכנישע לענדער: פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אין פראַנקרייך איז נאַרבאָנאָ גע־וואָרן אַ גרויסער צענטער פון יידישן וויסן און שאַפן: דאָ האָט זיך געפּו־נען אַ באַרימטע ישיבה, וואָס האָט צוגעצויגן מאַסן תלמידים פון אַלע עקן לאַנד.

אין פּאָליטישער הינזיכט האָט זיך דאָ יידן אין דער צייט געלעבט זייער שלעכט. די הערשאַפט פון די קעניגן האָט דאָ נישט געהאַט קיין באַ־דייטונג, און די פּאַקטישע מושלים פון לאַנד, די באַראָנען און גייסטלעכע

---

1) דאָס איז געווען מער אַ ערן־פּאָסטן: קיין געלט האָט מען דערפאַר נישט גענומען.

האָבן געזוכט אָפּצואווענדן דעם צאָרן פון פאַרביטערטן המון אין דער זייט פון די גאָט־פאַרשאָלטענע יידן. די לעצטע זיינען פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג געוואָרן אַ מין פינצטערע געצנדינערישע אומה, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט כשוף און אַנדערע שוואַרץ־קינסטלערייען, כדי „אָפּצוטון" די קריסטן. ווען דער קעניג הוגאָ קאַפּעט, וועלכער האָט זיך געלאָזט קו־רירן פון אַ יידישן דאָקטאָר איז געשטאָרבן פון זיין שווערער קראַנקייט (996), האָט דער קריסטלעכער המון גערעכנט פאַר זיכער, אַז דאָס האָבן די יידן אים „אָפּגעטון" מיט עפּעס.

ביי אַזאַ לאַגע איז די יידישע באַפעלקערונג קיינמאָל נישט זיכער געווען מיטן לעבן, און סיי מיטן האָב און גוטס, און דערצו זיינען נאָך צו־געקומען די אייביקע גיהנומשע צרות פון די הייליקע נשמה־פאַרזאָרגערס. דער בישאָף פון לימאָזש האָט איין מאָל, למשל, אַ גאַנצן חודש דורכאַנאַנד געהאַלטן אין איין דרשהנען פאַר די יידן פון זיין קהלה וועגן דער געט־לעכקייט פונעם גלילער. נאַטירלעך, האָבן זיך די פאַרעקשנטע יידן אויך דאָס מאָל נישט געלאָזט איבערצייגן, און סך הכל דריי אָדער פיר יידן האָבן זיך געשמדט. די איבריקע זיינען מיט זייערע ווייבער און קינדער פאַרטריבן געוואָרן פון שטאָט, און אַ סך פון זיי האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען.

אין דרום פראַנקרייך, אין פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק, איז דער יידי־שער גורל געווען נאָך מער אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון די באַראָנען און וויצע־גראַפן. דאָ באַגעגנט מען דעריבער אין איין אָרט רייכע יידן, וואָס ווערן אפילו צוגעלאָזט צו מלוכה־שטעלעס, און אין צווייטן אָרט אָרימע דערשלאָגענע יידן, וואָס ווערן באַהאַנדלט ווי שקלאַפן.

עפּעס בעסער איז געווען אין יענער צייט דער גורל פון די יידן אין דייטשלאַנד, אונטער דער הערשאַפט פון די זאַקסישע מלכים. יידן האָבן זיך דאָ שטאַרק פאַרנומען מיט האַנדל: די רייכע האָבן געפירט באַנק־געשעפטן, און די אָרימע פלעגן לייען געלט אויף קליינע פּראָצענטער, כדי צו קענען פאָרן אויפן יריד אין קעלן. פון די דאָזיקע אַלע געשעפטלעכע הכנסות האָט די מלוכה געהאַט אַ געוויסן פּראָצענט, און ווען אָטאָ דער גרויסער האָט געוואָלט זיכערן די עקזיסטענץ פון דער ניי אויפגעבוי־טער קירך אין מאַגדעבורג, האָט ער איר אָוועקגעשענקט דעם מס פון די יידן און אַנדערע סוחרים (965).

ערגער ווי די מאַטעריעלע לאַגע פון די דייטשע יידן, איז געווען זייער גייסטיקע דערשלאָגנקייט. יידן זיינען דאָ געשטאַנען העכער פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג בנוגע צו מדות און לעבנס־ריינ־קייט, זיי זיינען אָבער דערביי געווען זייער פאַרגרעבט און האָבן נישט אַרויסגעגעבן נישט קיין לומדים, נישט קיין געבילדעטע. דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם לעבנס־שטראָם אין דער גייסטיקער אויסבילדונג פון דייטשן יידנטום, איז געווען ר׳ גרשום (960 — 1028). ער מיט זיין ברודער ר׳ מכיר האָבן זיך פון נאַרבאָנאַ אַריבערגעצויגן אין די שטעט פון רהיין און דאָ געשאַפן אַ באָדן פאַר אַ פּילזייטיקער יידיש־אַקאַדעמישער טעטיקייט. ווי אַ פירער פון אַ גרויסער ישיבה, איז ר׳ גרשום — באַקאַנט מיטן טיטל: מאור הגולה (דאָס ליכט פון גלות) — באַלד אַנערקענט געוואָרן פאַר אַן אויטאָריטעט בנוגע צו אַלע פראַגן פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן, און זיינע קלאָר־באַשטימטע, העברעאישע תשובות, וואָס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער די קהלות פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, האָבן אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט אונ־טערצוגראָבן דעם יסוד פון די בבלישע ישיבות. בכלל איז אָבער ר׳ גרשום מער באַרימט געוואָרן מיט זיינע תקנות, ווי מיט זיינע תלמודיש־הלכהשע פּירושים. ר׳ גרשום איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אונטער דער שטראָף פון אַ שטרענגן חרם, פאַרבאָטן יידן צו לעבן מער, ווי מיט איין פרוי, — אַ פאַקט, וואָס פלעגט אָפט פאָרקומען ביי די שפּאַנישע יידן. ווייטער האָט ער פאַרבאָטן צו גטן אַ פרוי מיט געוואַלד, אָן איר איינווי־ליקונג, און דאָס דריטע האָט ער אַרויפגעלייגט אַ הארבן חרם אויף דעם, וואָס לייענט פרעמדע בריוו. די לעצטע תקנה האָט געהאַט זייער אַ שטאַר־קע באַדייטונג פאַר יענער צייט, ווען קיין פאָרקערס־מיטלען זיינען נישט געווען, און די בריוו פלעגן באַזאָרגט ווערן דורך שלוחים־רייזנדיקע.

אויף ווי ווייט עס איז גרויס געווען דאָס אָנזען פון ר׳ גרשום מאור הגולה באַווייזט דער פאַקט, וואָס אָט די אַלע תקנות זיינען אָנגענומען גע־וואָרן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק און ווערן ביז היינטיקן טאָג שטרענג אָפּגעהיט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון איין פּערזאָן, נישט פון קיין סנהדרין און נישט פון קיין בית דין הגדול.

אין איין צייט מיט דעם גרויסן תלמודישן געלערנטן האָט אין מיינץ געלעבט אַן אַנדער באַדייטנדיקע יידישע פּערזענלעכקייט, מיטן נאָמען ר׳

שמעון בן יצחק בן־אבון. תלמודיש געבילדעט, זייער רייך און וואוילטע־טיק, האָט ר׳ שמעון באַוויזן אַ סך אויפּצוטון פאַרן יידישן כלל אין דייטש־לאַנד, און זיין נאָמען איז גערימט און געלויבט געוואָרן אין דעם משך פון אַ סך דורות.

דאָס איז געווען אין די צייטן פון די ערשטע יידן־פאַרפאָלגונגען אין דייטשלאַנד (אין אָנהויב פון עלפטן יאָרהונדערט). די סיבה פון די פאַר־פאָלגונגען איז, לויט דער השערה, געווען דאָס, וואָס אַ באַקאַנטער גלח, מיטן נאָמען וועצעלינוס, האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן (1005) און איז נאָך דערצו עפנטלעך אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע זלזולים קעגן קריס־טנטום.

„לייען, דו חמור־קאָפּ! — שרייט אויס אין זיין ווערק דער געוועזע־נער קריסטלעכער הייליקער צו די אָנהענגער פון דער קריסטלעכער אמונה — לייען די נבואה פון הבקוק, אין וועלכער גאָט זאָגט: „איך בין גאָט און פאַרענדער מיך נישט״. וואָלט ער זשע, ווי איר גלויבט, זיך האָבן פאַרענ־דערט און אַ פּרוי באַמאָנט — וואו וואָלט דאַן זיין דער אמת?״ מיט אַן ענלעכער פאַרביטערטער פאַראַכטונג רעדט זיך אין דעם ווערק וועגן אַלע הייליקייטן פון דער קירך. דאָס האָט דעם פרומען קייסער, הײנריך דעם צווייטן, שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן יידן און ער האָט אין עטלעכע יאָר אַרום (1012) באַפוילן, אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון מיינץ און נאָך אַנדע־רע שטעט.

די דאָזיקע גזירה האָט געצוואונגען אַ סך יידן, אָנצונעמען לפנים דאָס קריסטנטום, און צווישן די לעצטע האָט זיך געפונען אויך אַ זון פון דעם גרויסן רבינו גרשום. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשוואַכט זיין ענערגי־שע אַרבעט פאַרן כלל אין דער ביטערער צייט, און צוזאַמען מיט אים האָט מסירת־נפשדיק געאַרבעט אויך דער רייכער ר׳ שמעון בן אבון. ער האָט מיט זיין איבערגעגעבענער שתדלנות ענדלעך אויסגעפּועלט ביי דער רע־גירונג אַ דערלויבעניש פאַר די יידן פון מיינץ, זיך צוריק צו באַזעצן אין דער שטאָט און זיך אומצוקערן צו דעם יידישן גלויבן. ר׳ גרשום האָט דאַן אַרויסגעגעבן נאָך אַ וויכטיקע תקנה: ער האָט אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף די, וואָס באַליידיקן אַ געוועזענעם געצוואונגענעם משומד.

דערפאַר האָט די יידישע קהלה אין מיינץ נישט פאַרגעסן אירע וואוילטעטער, און יעדן שבת האָט מען דאָ מזכיר געווען די נשמות פון „רבינו גרשום, וועלכער האָט באַלויכטן דעם גלות מיט זיינע תקנות, און רבי שמעון הגדול (דער גרויסער), וועלכער האָט זיך משתדל געווען פאַר די קהלות און מבטל געווען גזירות".

קאַפּיטל אַכט

די יידן אין די מזרח־לענדער און די דערוווייליקע ישיבות אין אַפריקע

מיט דעם אונטערגאַנג פון עקזילאַרכאַט און דער סוראשער אַקאַדעמיע האָט אַזיע אויפגעהערט צו זיין די טאָן־געבערן פון דעם יידישן לעבן. איבער די נישט קלאָרע ידיעות, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז פון יענער צייט, ווייסן מיר נישט גענוי, ווי ס׳האָט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן אין בבל און די אַרומיקע לענדער נאָכן טויט פון די לעצטע עקזילאַרכן. עס לאָזט זיך אפילו גלויבן, אַז דער עקזילאַרכן־טיטל האָט דערנאָך ווידער אויפגעלעבט אויף אַ געוויסער צייט; דאָס איז שוין אָבער געווען אַ טיטל מיט זייער אַ באַשרענקטער מאַכט, וואָס איז נישט איבערגעגאַנגען די גרענעצן פון דעם באַגדאַדער קאַליפאַט.

עקזיסטירט דערווייל אין איר פולער קראַפט האָט נאָר די ישיבה אין פומבדיתא, וואו ס׳האָבן זיך נאָך אַרויסגעוויזן צוויי נישט ווייניק באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן, די גאונים ר׳ שרירא און זיין זון ר׳ האי. דער ערשטער איז גאַנצע דרייסיק יאָר געשטאַנען בראש פון בבלישן יידנטום (968 — 998), און אין דער צייט האָט ער אַ סך אויפגעטון, אויף צו פאַרשפּרייטן די תלמודישע געזעץ־לערע, אין וועלכער ער האָט געזען דעם איינציקן אויסדרוק פון דעם יידישן גייסט. ווי אַ פירער פון דער איינציקער יידישער אַקאַדעמיע, האָט ר׳ שרירא געהאַט צו אנטשיידן טויזנטער שאלות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די ווייטערע יידישע קהלות, און אין דער אַרבעט האָט אים שטאַרק געהאָלפן דער זון, ר׳ האי, וועלכער האָט אויך איבערגענומען נאָכן פאָטערס טויט די פירערשאַפט פון דער גרויסער ישיבה. דאָס איז געווען אַ פילזייטיקע און גייסטרייכע פערזענלעכקייט, וואָס האָט איבערגעלאָזט באַדייטנדיקע שפּורן אין דער גייסטיקער אויסבילדונג פון זיינע תלמידים און אָנהענגער. אין די פערציק יאָר פון זיין אַקאַדעמישער טעטיקייט (998 — 1038) האָט ר׳ האי פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע תלמודישע אָפּהאַנדלונגען איבער פאַרשידענע יורידישע פראַ־

גָן, און אויסער דעם אויך עטלעכע ווערק איבער דער העברעאישער גראַ־מאַטיק און אַ זאַמלונג פון אַפאָריזמען אין לידער, אונטערן נאָמען „מוסר השכל״.

ווי זיין פאָטער, איז אויך ר׳ האי געווען זייער קאָנסערוואַטיוו און בכלל אַ גרויסער מחמיר אין אַלע פראַגן פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן. דערביי איז ער אָבער געווען אויך אַ שאַרפער קעגנער פון די נאַרישע אַבערגלויבנס, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו יידן פון די אַרומיקע פעל־קער. אויף דער פראַגע פון די קיירואַנישע (טוניס) געלערנטע, צי ס׳איז אמת, אַז ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע „הייליקע נעמען״, מיט וועלכע מ׳קען „אַפשפרעכן״ אַלערליי אומגליקן און באַווייזן פאַרשידענע מופתים, האָט ר׳ האי געענטפערט: „דאָס זיינען איינגערעדטע נאַרישקייטן. די גרעסטע צדיקים אפילו קענען נישט באַווייזן אַזעלכע וואונדער; אַזעלכע איינרעדע־נישן נעמען זיך פון אַ קראַנקייט, אָדער פון פשוטע ליגנער״.

אין דער צייט פון אָט דעם לעצטן גאון, האָט אויך אין סורא שיין געטון אויף אַ ווײַלע אַ באַדייטנדיקע ליכטיקייט אין דער געשטאַלט פון ר׳ שמואל בן חפני (1010 — 1030), וועלכער האָט געפּרוּווט צוריק אויפלעבן די חורבות פון דעם אַלטן בנין. ער איז אָבער אין גיכן געשטאָר־בן, און מיט אים צוזאַמען איז אָפּגעשטאָרבן אויך זיין חלום פון סוראס אויפלעבונג.

נאָך ר׳ האיס טויט (1038), האָבן זיינע תלמידים געפּרוּווט דער־האַלטן דאָס לעצטע ווינקל פון דער יידישער לערע, און זיי האָבן באַשטימט פאַר אַ ריש מתיבתא איינעם מיטן נאָמען חזקיה, אַן אוראייניקל פון דעם באַרימטן עקזילאַרך דוד בן זכאי; די דאָזיקע באַשטימונג האָט זיך אָבער זייער טרויעריק געענדיקט: אימיצער האָט פאַרמסרט חזקיהן פאַרן באַגדאַ־דער קאַליף, און ער האָט דעם אויסגעוויילטן עקזילאַרך־גאון געלאָזט טוי־טן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן (1040).

אין אַ באַזונדערער לאַגע האָבן זיך פאַר יענער צייט געפונען די יידן אין פאַלעסטינע. דאָ האָבן זיך געפונען באַדייטנדיקע יידישע קבוצים, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן אַלע פּאָליטישע שטורעמס און איבערקערע־נישן, וואָס דאָס הייליקע לאַנד האָט איבערגעלעבט זינט דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער הערשאַפט; דערביי איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס אָט די צעשטרייטע קבוצים האָבן אין דעם משך פון די אַלע הונ־

דערטער יאָרן געקוקט מיט אַ געוויסער אומצופרידנהייט אויף בבלס גדולה, און געזען מיט אַלע מיטלען נישט צו זיין אָפּהענגיק פון די פרעמדע „גאונים”. די דאָזיקע שטרעבונג האָט זיך באַזונדער פאַרשטאַרקט אין דער צייט פון בבלס ירידה, און אין אָנהויב פון עלפטן יאָרהונדערט באַ־געגנט מען שוין נעמען פון פאַלעסטינישע „גאונים” און „ראשי ישיבות”. דער ראש ישיבה פון ירושלים אין די צייטן פון ר׳ האי גאון איז געווען אַ געוויסער ר׳ ישוע (1031), און אין יאָר 1046 איז ר׳ ש ל מ ה ב ן י ה ו ד ה באַשטימט געוואָרן פאַר אַ ראש ישיבה מיטן טיטול ג א ו ן. פון ר׳ שלמהן איז דער טיטול איבערגעגאַנגען צו זיינע זין ר׳ יוסף און ר׳ אליהו. אין דער צייט פון דעם לעצטן איז ירושלים איינגענומען געוואָרן פון די טערקן־סעלדזשוקן (1071), און די ישיבה האָט געמוזט איבערגע־טראָגן ווערן קיין צור. דאָ האָט ר׳ אליהו געלעבט נאָך אַ קורצע צייט, און דאַן איז דער טיטול גאון איבערגעגאַנגען צו זיין זון א ב י ת ר א (1082); אויף דעם טיטול האָט אָבער שטאַרק פּרעטענדירט דער ניי־באַ־שטימטער עגיפּטישער עקזילאַרך דוד בן דניאל (אַן אייניקל פון די בבלי־שע עקזילאַרכן), און ס׳איז געקומען צו אַ שאַרפן סכסוך צווישןביידע צדדים.

געענדיקט האָט זיך אָט דער קאָנפליקט מיטן נצחון פון דעם פאַלעס־טינישן גאון (1094), נאָר נישט אויף לאַנג. מיט פינף יאָר שפּעטער האָבן די צעווילדעוועטע קרייצציגלער (אנטיילנעמער פון די קרייץ־צוגן), ווי אַ היישעריק זיך אריינגעריסן אינעם הייליקן לאַנד און עס כמעט אינגאַנצן חרוב געמאַכט. ווען זיי האָבן געהאַט אויסגעהרגעט די גאַנצע מאַכמעדאַ־נישע באַפעלקערונג אָן אַ שום אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער, האָבן זיך די פאַרשיכורטע קעמפער פאַר דער גרויסער קריסטלעכער ליבע גענומען צו דעם ביסל יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך שיידן מיט די חורבות פון זייער אַמאָליקער גרויסקייט. זיי זיינען הונדערטערווייז צונויפגע־שלעפּט געוואָרן אין איין שול (אַהין האָט מען געבראַכט אויך די קאַראַאי־מער), וועלכע די באַגייסטערטע קריסטוס־קעמפער האָבן אונטערגעצונדן. אַזוי איז מיטן פלאַם אַוועק די גאַנצע יידישע קהלה אין ירושלים, און באַלד זיינען אויך די איבעריקע פאַלעסטינישע שטעט (בית לחם, קסריה, טבריה) געוואָרן וויסט און פאַריתומט. ווען דער באַרימטער רייזנדער בנימין פון

טודעלא האָט באַזוכט די דאָזיקע שטעט (אין צוועלפטן יאָרהונדערט) האָט ער דאָרט געפונען קוים עטלעכע מנינים אָרעמע דערשלאָגענע יידן.

רואיקער און בעסער האָט זיך אין דער צייט געלעבט די יידישע קהלות אין עגיפּטן. קאַירא, אַלעקסאַנדריע, פּאָסטאַט זיינען געווען שטעט מיט גרויסע יידישע קבוצים, און די קאַליפן פון דער פאַטימידישער די־נאַסטיע האָבן כמעט אַלע זיך באַצויגן גוט צו יידן. אין די קהלות האָבן זיך אין דעם משך פון דער גאַנצער צייט געפונען גרויסע ישיבות, און בעת דער ירידה פון דעם בבלישן צענטער האָבן די עגיפּטישע יידן נאָך ברייטער אַוועקגעשטעלט זייער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און זייערע גייסטיקע צענטערן. איבער אַלע קהלות פון לאַנד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן איין צענטראַלע פּערזאָן מיט ברייטע פולמאַכטן ,אונטערן טיטל נגיד אָדער עקזילאַרך, וועלכער האָט געהאַט אין זיין רשות אַלע אַנגעלעגנהייטן פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן, יורידישן און רעליגיעזן לעבן. צווישן די דאָזיקע עגיפּטיש־יידישע „נגידים" זיינען געווען עטלעכע, וועלכע האָבן פאַרנומען זייער אָנ־געזעענע פלעצער אויך אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד, ווי שטאַטס־מענער אָדער ווי לייב־מעדיקער פון קאַליף.

די לאַגע פון דער יידישער קאָלאָניע אין עגיפּטן איז געוואָרן נאָך פעסטער נאָך דעם, ווי דער באַרימטער סאַלאַדין איז אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן בראש פון דעם לאַנד ווי אַ סולטאַן. דער דאָזיקער הערשער האָט אויך ירושלים אָפּגענומען צוריק פון די קרייצציגלער (1187), און אונ־טער דער הערשאַפט פון זיין דינאַסטיע זיינען די פּאַלעסטינישע שטעט ווידער אויפגעלעבט געוואָרן מיט יידישע ישובים. די לעצטע האָבן שוין איצט אָבער נישט געהאַט קיין אייגענע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, און דער „נגיד" פון עגיפּטן האָט געהאַט אין זיין רשות אויך פּאַלעסטינע.

אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויף דעם געביט פון דער יידישער קולטור האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע צייט אויך די קהלות אין צפון־אַפריקע, וואָס האָט אַרומגענומען די געביטן פון דעם איצטיקן טוניס און מאַראָקאָ. דאָ האָבן זיך נאָך אין אָנהויב פון צענטן יאָרהונדערט אַנטוויקלט באַדייטנדע יידישע קבוצים, צווישן וועלכע ס'האָט זיך מיט דער צייט באַזונדער אויס־געצייכנט די קהלה אין קיירואַן. פון דער קהלה האָבן זיך באַרימט געמאַכט דער דאָקטער און פילאָזאָף בנימין הישראלי מיט עטלעכע פון זיינע תלמי־דים, און נאָכדעם ווי דער גורל האָט אַהער פאַרוואָרפן איינעם פון די פיר

שלוחים פון סורא, האָט זיך דאָ געגרינדעט אויך אַ באַדייטנדיקער תלמוד־דישער צענטער (955—980). בראש פון דער ישיבה איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן דער אויסגעלייזטער געזעצלערער פון בבל מיטן נאָמען חושיאל, און אים האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן אין זיין אַקאַדעמישער טעטיקייט דער אָרטיקער געלערנטער יעקב בן נסים. דער לעצטער האָט זיך אין נאָמען פון דער גאַנצער ישיבה געווענדעט צו דעם דאַמאָלטיקן גאון פון פומבדיתא, ר׳ שרירא, מיט אַ גאַנצער ריי שאלות וועגן דעם סיסטעם פון דער משנה און איר אַנטשטייאונג: ווי אַזוי איז די משנה געשריבן געוואָרן ? ווער האָט מסדר געווען די מסכתות ? און דעם תלמוד ווי אַזוי האָט מען צוזאַמענ־געשטעלט ?

אויף די אַלע פראגן האָט אים ר׳ שרירא געענטפערט אין אַן אויס־פירלעכן בריוו, וואָס שילדערט כראָנאָלאָגיש־גענוי דעם סדר פון אַלע תנאים, אמוראים, סבוראים און גאונים (ביז אים אליין) און באַשרייבט פון יעדערן בקיצור, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער יידישער מסורה.

די נאָכפאָלגער פון חושיאל און יעקב בן נסים זיינען געווען זייערע זין חננאל בן חושיאל און נסים בן יעקב. זיי זיינען אַ לאַנגע צייט געשטאַ־נען בראש פון דעם אַפריקאַנישן יידנטום און האָבן געשאַפן באַדייטנדע תלמודישע ווערק: דער ערשטער אין העברעאיש, דער צווייטער אין אַראַ־ביש. ביי זייער גאַנצער פלייסיקער טעטיקייט האָבן אָבער אָט די צוויי געזעצלערער פאָרט נישט באַוויזן, צו שאַפן אין אַפריקע אַ פרוכטבאַרן באָדן פאַר דער יידישער קולטור, און מיט זייער טויט איז אויך די ישיבה אונטערגעגאנגען, ווייל ס׳האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיי קענען פאַרטרעטן.

אין יענער צייט האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט אויך די פאָליטישע לאַגע פון די אַפריקאַנישע קהלות. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער פאַנאַ־טיזם פון די מאַכמעדאַנישע מאַסן און דאָס האָט אַרויסגערופן אויך האַלב־ווילדע קאַליפן, וואָס האָבן זיך גענומען רודפן די אומגלויביקע (יידן און קריסטן) מיט אַן אומגעוויינלעכער אכזריות. באַזונדער שווערע צרות האָבן די יידישע קהלות געהאַט אויסצושטיין פון דעם קאַליף (מאַכדי־קדוש) אַל־חכימא, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, ווי קאַליגולאַ אַמאָל, אַז ער איז גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד און אַלע מוזן אים אָפּגעבן געטלעכן כבוד. ער האָט באַפוילן, אַז אַלע יידן פון זיין ממשלה, וועלכע וועלן ביז אַ באַ־

שטימטן טערמין נישט אָנגעמען דעם שיאיטיש־מאַכמעדאַנישן גלויבן, זאָלן טראָגן אויף די העלדזער די אָפּבילדונג פון אַ קאַלב, צום אָנדענקען פון דעם עגל, וואָס יידן האָבן געמאַכט אין דער מדבר (1008), און ווען ער האָט געזען, אַז דאָס שרעקט די אומגלויביקע נישט אָפּ, האָט ער געלאָזן חרוב מאַכן אַלע שולן און קירכן פון זיין מלוכה און אַרויסטרייבן די יידן מיט די קריסטן (1014).

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר אַלע קהלות פון דעם פאַטימידישן קאַליפאַט, אין וועלכן ס׳זיינען אַריינגעגאַנגען, אויסער צפון־אַפריקע, אויך מצרים, סיריע און פּאַלעסטינע, און די פּאָלגן פון דער גזירה זיינען געווען טויזנטער יידישע אנוסים: לפנימדיקע מאַכמעדאַנער, וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט אָפּגעהיט אַלע געבאָטן פון דער תורה. אין גיכן איז אָבער דער פאַנאַטישער אכזר אומגעקומען פון זיינע אייגענע אַראַבער (1020) און די גזירות האָבן אויפגעהערט.

קאַפּיטל נײַן

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון שפּאַנישן יידנטום

די עפּאָכע פון אָנהויב עלפטן ביזן אָנהויב פון דרייצנטן יאָרהונדערט שטעלט פאָר מיט זיך איינס פון די ליכטיקסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור. די העברעאישע שפּראַך־וויסנשאַפט איז כמעט אין גאַנצן אויסגעשעפּט געוואָרן, די ניי־העברעאישע פּאָעזיע האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, די תלמודישע לערע האָט אַרויסגעגעבן ריזיקע כחות און די פילאָזאָפיע האָט זיך דערהויבן ביז אַ וואונדערבאַרער, אוניווערזאַלער הויכקייט. אויף דעם אַלגעמיינעם קולטור־לייטער פון דער דאַמאָלטיקער צייט האָבן יידן פאַרנומען דעם ערשטן שטאַפּל, די מאַכמעדאַנער — דעם צווייטן און די קריסטן — דעם דריטן, אָדער זיי זיינען בכלל אויף דעם לייטער נישט געשטאַנען. עס לאָזט זיך אפילו זאָגן, אַז אַלץ דאָס שיינע, הויכע און דאָס באַפרייענדיקע, וואָס ליגט אין דער אויסבילדונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, איז אין יענער עפּאָכע געשאַפן און געפּלעגט געוואָרן פון יידישע דענקער.

און קאָנצענטרירט האָט זיך דאָס אַלץ אין דער שיינער אַנדאַלוזיע, וואָס איז איצט, נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער גאונות אין בבל, געוואָרן דער מיטלפּונקט פון גאַנצן יידנטום. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז יידן האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דער געבענטשטער אַנדאַלוזיע, ווי אויף אַ מין יידישער מלוכה, און די גערודפטע פון אַלע לענדער פלעגן קומען אַהער זוכן שוץ און מנוחה. צווישן די דאָזיקע פאַרפּאָלגטע האָבן זיך געפונען אויך די לעצטע צווייגלעך פון דעם בבלישן עקזילאַרכן־בוים (אַלזאָ אויך פון דודס אָפּשטאַמונג), וועלכע זיינען פאַרבליבן אין שפּאַניע אונטערן נאָמען אבן־דאוד, און די געבליבענע מיטגלידער פון די כאַזאַרישע מלכים, וועלכע די רוסן האָבן ענדלעך פאַרטריבן אויך פון דער קרימער האַלב־אינדזל.

בראש פון שפּאַנישן יידנטום איז איצט געשטאַנען ר׳ שמואל אבן־גרגלא (געב. 993, געשט. 1055), דער ערשטער אין דער ריי פון די תלמודישע אויטאָריטעטן נאָך די אָפיציעלע גאונים. דאָס איז געווען אַ

געניאַלע און פילזייטיקע פערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַרייניקט אין זיך טיפע תלמודישע קענטענישן, אַ ברייטע אַלגעמיינע בילדונג, און די דיפּ־לאָמאַטישע געשיקטקייט פון אַ ווייטזיכטיקן שטאַטסמאַן.

אין דער יוגנט האָט אבן גרגלא נישט ווייניק געליטן. דאָס איז גע־ווען אין דער צייט פון דעם בלוטיקן בירגער־קריג, וואָס האָט זיך גע־ענדיקט מיט דער צעשפּליטערונג פון דעם מעכטיקן אַנדאַלוזיש־מאַכמעדאַ־נישן קאַליפאַט. עס זיינען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע רייע קליינע פירשטנטי־מער, ווי אין איטאַליע און דייטשלאַנד, און דער בערבערישער אַנפירער סולייממאַן האָט, בעת זיין קאַמף מיט די אַראַבער, חרוב געמאַכט די שענסטע פּאַלאַצן פון דער הויפּטשטאָט (קאָרדאָבאַ). די אַנגעזעענסטע יידישע פאַ־מיליעס פון דער שטאָט האָבן דאַן אויסגעוואַנדערט קיין טאָלעדאָ, גראַנאַ־דאַ, סאַראַגאָסאַ און צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך דער יונגער אבן גרגלא, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין דער בערבערישער האַפן־שטאָט מאַלאַגאַ (אין קעניגרייך גראַנאַדאַ). דאָ האָט זיך שמואל דערנערט פון אַ קליינער קראָם, און דאָביי פלייסיק שטודירט תלמוד און אַנדערע למודים.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז דער וויזיר פון צווייטן גראַנאַדישן קעניג, אַבולקאַזים איבן־אַלאַריף, האָט געוואוינט נישט ווייט פון שמואלס קראָם, און דערוויסנדיק זיך דורך אַ צופאַל, אַז שמואל באַזיצט גרויסע קענ־טענישן, האָט ער אים באַשטימט פאַר זיין סעקרעטאַר (1025). און אויף דעם פּאָסטן איז שמואל נישט געבליבן: דער שטאַטסמאַר האָט זיך גלייך איבערצייגט אין שמואלס דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן, און ער האָט אים גע־מאַכט פאַר זיין נאָענטסטן פריינד און יועץ, אָן וועלכן ער האָט קיין זאַך נישט געטאָן. אַזוי האָט שמואל נישט אָפיציעל זיך פּאַקטיש באַטייליקט אין אַלע פראַגן פון דער מלוכה, און ווען איבן־אַלאַריף איז שטאַרק קראַנק געוואָרן, האָט ער דעם קעניג האַבוס געראַטן, ער זאָל איבערגעבן די גאַנצע הנהגה פון דער מלוכה דעם יידן שמואל אין די הענט. דאַן איז שמואל אָפיציעל באַשטימט געוואָרן פאַר אַ קאַטיב (שטאַטס־מיניסטער 1027), און דער געוועזענער תלמיד פון דעם בטלנישן ר' חנוך האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דער פירינעאישער האַלב־אינדזל. נאַטירלעך, האָבן זיך געפונען נישט ווייניק פאַנאַטישע מאַכמע־דאַנער, וועלכע האָבן געקוקט מיט קנאה און פאַרדרוס אויף דעם אומגלויי־ביקן; זיי זיינען אָבער נישט אימשטאַנד געווען אונטערצוגראָבן דעם צר־

טרוי צו אים פון קעניג, ווי פון דער גאַנצער ערלעך־דענקנדער באַפּעלקערונג. האַבוס האָט זיך פון יאָר צו יאָר מער איבערצייגט אין שמואלס איבערגעגעבנקייט און דיפּלאָמאַטישער געשיקטקייט, און דערצו האָט שמואל אויך פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיך באַגיין מיט זיין הערשער, כדי צו געווינען זיין ליבע. ער האָט, למשל, פאַרפאַסט אַ לויב־ליד אין זיבן שפּראַכן לכבוד דעם קאַליף, און אַנטקעגן אַזאַ קינסטלערישן קאָמפּלימענט האָט קיין מאַכמעדאַנישער הערשער פון יענער עפּאָכע נישט געקענט ביישטיין.

נאָכן טויט פון קעניג האַבוס (1073), זיינען אין גראַנאַדאַ אַנטשטאַנען צוויי פאַרטייען, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די צוויי איבערגעבליבענע פּרינצן: באַדיס און באַלקין. שמואל איז געשטאַנען אויף דער זייט פון דעם ערשטן, און אַזוי ווי באַדיס איז ווירקלעך געבליבן דער הערשער פון לאַנד, האָבן די אָנהענגער פון דעם צווייטן פּרינץ געמוזט אַנטלויפן. באַדיס האָט דאַן שמואלן נאָך מער דערהויבן און אים געמאַכט פאַרן פאַקטישן הערשער פון גראַנאַדאַ. דאָס האָט ווידער אויפגעוועקט די קנאה פון געוויסע פאַרביטערטע מאַכמעדאַנער, און דאָס מאָל האָט שמואלן און דער גאַנצער יידישער קהלה אין גראַנאַדאַ באמת געדראָט אַ גרויס געפאַר. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם שקלאַפן־פירשט זאָהאַיר, מיט וועלכן דער בערבערישער פירשט פון גראַנאַדאַ איז געווען פּאָליטיש פאַרבונדן, און איצט האָט געזאָלט געשלאָסן ווערן אַ נייער אָפּמאַך צווישן אים מיט באַדיסן. דאָ האָט זיך אָבער אריינגעמישט זאָהאַירס מיניסטער איבן־אַבאַס, וועלכער האָט נישט פאַרטראָגן די מאַכט פון דעם אומגלויביקן יידן, און ער האָט גענומען מיט פאַרשידענע אינטריגעס פאַרמסרן שמואלן פאַר זיין הערשער. דאָס איז געווען אַ סיסטעמאַטישער קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן גלייכצייטיק פון פאַרשידענע זייטן, און ווען דאָס איז אים נישט געלונגען, האָט זאָהאַיר זיך אריינגעריסן מיט סאָלדאַטן אין דער גראַנאַדישער הויפּטשטאָט און געפאָדערט פּשוט מיט געוואַלט, צו דערווייטערן דעם אומגלויביקן פון זיין הויכן פּאָסטן. דאָס האָט זיך אָבער אויך נישט איינגעגעבן: דער בערבערישער פירשט איז אויפגערייצט געוואָרן פון דער חוצפּה און דער סוף איז געווען, אַז זאָהאַירס מחנה איז שרעקלעך צעקלאַפּט געוואָרן. איבן אַבאַס אליין איז אַ געפאַנגענער געבראַכט געוואָרן קיין גראַנאַדאַ, וואו ער איז נאָך עטלעכע וואָכן פון שווערע תפיסה־יסורים

דערשטאָכן געוואָרן, און שמואל מיט דער יידישער קהלה האָבן טריאומ־פירט.

פון דאַן אָן האָט זיך שמואל געפילט פעסט אויף זיין הויכן מלוכה־פּאָסטן, וואָס איז געווען אין דער זעלביקער צייט אויך אַ מין נשיאות איבער די יידישע קהלות פון דער מלוכה. פאַר דער יידישער וועלט האָט שמואל געטראָגן דעם טיטל נגיד, און דערצו איז ער געווען הויפּט־רב פאַר אַלע קהלות פון לאַנד: ער איז געשטאַנען בראש פון אַ ישיבה אין גראַנאַדאַ, וואו ער האָט געלייענט תלמודישע לעקציעס פאַר הונדערטער תלמידים, און אויסער דעם האָט ער געהאַט צו ענטפערן אויף אָנפראַגעס וועגן אַלערליי רעליגיעזע און יורידישע ספיקות. צו דעם אַלעם איז ר׳ שמואל הנגיד געווען אויך איינער פון די באַדייטנדיקסטע העברעאישע דיכ־טער אין יענער עפּאָכע; ער האָט פאַרפאַסט אַ רייע רעליגיעזע הימנען אונ־טערן נאָמען „בן תהלים״, אַן אַפאָריזמען־בוך אין דער פאָרם פון משלי („בן־משלי״) און אַ זאַמלונג פון פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען („בן קהלת״).

אַזוי האָבן זיך אין שמואלן פאַראייניקט תורה, חכמה און עשירות, און זיין נאָמען האָט זיך אין גיכן פאַנאַנדערגעטראָגן איבער אַלע לענדער פון דער דיאַספּאָראַ. דערצו איז שמואל אליין אויך געשטאַנען אין אַ נאָענ־טער בריוולעכער פאַרבינדונג מיט די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן פון זיין דור, באַזונדער מיט ר׳ נסים בן יעקב אין קיירואַן און ר׳ האי גאון אין פומבדיתא. דעם לעצטן האָט ר׳ שמואל געגעבן אַ גרויסע מאַטעריעלע שטיצע פאַר זיין ישיבה, און נאָך זיין (ר׳ האיס) טויט, האָט ער אים גע־ווידמעט אַ גרויסע עלעגיע, אין וועלכער עס ווערט באַקלאָגט דער אונטער־גאַנג פון דעם גרויסן גייסטיקן צענטער אין בבל.

דער מעכטיקער יידישער שטאַטסמאַן איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זיין דור אויך בנוגע צו דער שטודיע פון דער העברעאישער גראַמאַטיק: ער האָט אָנגעשריבן גאַנצע צוויי און צוואַנציק חבורים איבער העברעאישע שפּראַך־פראַגן. דאָס זיינען געווען ס׳רוב פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען אַנט־קעגן דעם באַרימטן טיפן קענער פון דער העברעאישער שפּראַך יונה אבן גנאח, וועלכער האָט אינעם קולטור־לעבן פון שפּאַנישן יידנטום פאַרנומען נישט קיין קלענערן פּלאַץ פון ר׳ שמואל הנגיד.

דער דאָזיקער אָריגינעלער דענקער (מיטן אַראַבישן נאָמען: אַבול־וואַליד מערוואַן איבן־גנאַח; געב׳ 995, געשט׳ 1050) האָט אויך געשטאַמט

פון קאָרדאָבאַ, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין אין דער הויך־שול פון קאַליף אַל־חכים; ער איז אָבער ביי דעם געביט נישט פאַרבליבן און האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דעם שטודיום פון דער העברעאישער שפּראַך. בעת דעם אויפשטאַנד אין יאָר 1013 האָט יונה פאַרלאָזן קאָרדאָבאַ און זיך באַזעצט אין סאַראַגאָסאַ (אין צפון־שפּאַניע), וואו די יידישע באַפעל־קערונג האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי די אַלטע פאָרמען פון לעבן און געקוקט קרום אויף יעדער לערע, וואָס האָט נישט קיין דירעקטע שייכות צום תלמוד. דאָס האָט אָבער אבן־גנאחן נישט אָפּגעהאלטן פון זיין באַליבטן שטודיום, און דאָ האָט ער געשאַפן זיין הויפּט־ווערק, וואָס אַנטהאַלט דעם סך הכל פון אַלע זיינע פאָרשונגען און פון זיין גאַנצן גייסטיקן לעבן. אין דעם ווערק האָט יונה נישט בלויז באַשאַפן דעם העברעאישן סינטאַקס (גראַמאַטיק, לערע פון די וואָרט־שרשים), נאָר אים אויך פולשטענדיק פאַרענדיקט. דאָס איז אָבער נאָך נישט אַזוי וויכטיק, ווי די כללים, וואָס ער האָט געשאַפן אויף צו פאַרלייכטערן דאָס פאַרשטיין פון דער ביבל. אויף דעם געביט איז ער געווען דער איינציקער: קיינער פאַר אים האָט נישט אַזוי טיף פאַרשטאַנען די קונסטווערק פון דער הייליקער ליטעראַ־טור מיט אַלע זייערע אידעאַלע פעאיקייטן, ווי יונה אבן גנאח, און נישט געקענט זיי אַזוי געלונגען באַלייכטן ווי ער. יונה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהויבן די ביבל־פאָרשונג ביז צו דער מדרגה פון אַ זעלבסט־שטענדיקער וויסנשאַפט, און אנשטאט די ביז־אַהעריקע פלפולדיקע אויס־טייטשונגען מיט די פאַרפּלאָנטערטע כוונות און רמזים, האָט ער געלערנט צו פאַרשטיין דעם איינפאַכן און אין דער זעלביקער צייט אויך געטלעך־טיפן זינען פון דער נבואה.

ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט געווען, זיינען אבן גנאחס דרייסטע שפּראַך־ און ביבל־פאָרשונגען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ שאַרפע קריטיק מצד דעם מער אָרטאָדאָקסישן ר׳ שמואל הנגיד; אבן גנאח איז אָבער נישט פאַרבליבן די גאַנצע צייט אין דער ראָל פון אַ באַפאַלענעם — ער אליין האָט זיך שפּעטער געשטעלט אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע אַנטקעגן דעם דריטן גייסטיקן באַהערשער פון יענער עפּאָכע, ר׳ שלמה אבן גבירול, וועלכער האָט געלעבט מיט אים אין איין שטאָט.

מיט ר׳ שלמה בן יהודה אבן גבירול (אַראַביש: אבו־איוב סוליימאַן איבן יאַכיאַ; געב׳ 1021, געשט׳ 1050), האָט דאָס שפּאַנישע יידנטום

אַן אידעאַלע גייסטיקע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען אַ לעבעדיקע פאַר־קערפּערונג פונעם צאַרטסטן ליריזם מיט אַ טיף פאַרשנדיקן און זוכנדיקן געדאַנק. געבוירן און דערצויגן אין מאַלאַגאַ, האָט אבן־גבירול זייער יונג פאַרלוירן זיינע עלטערן און איז געבליבן עלנד און פאַריתומט אויף גאָטס וועלט. דאָס האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין געמיט דעם שטעמפּל פון טיפן טרויער, און ער האָט געקלאָגט:

„איך בין דאָס קינד מיט דעם געמיט פון אַ זקן.
מיין לייב וואַנדערט אויף דער ערד, און מיין גייסט שוועבט
אין די וואָלקנס".

אין זיין זעכצנטן לעבנס־יאָר האָט אבן־גבירול געשריבן:

זע איך לאַכן, וויינט מיין האַרץ,
אויף מיין לעבן, וואָס איז באַטריבט;
ס'מוז דער זעכצניאָריקער, אָ פריינד, שטענדיק וויינען,
אנשטאט מיט דער יוגנט זיך צו פרייען, ווי די לילית אין טאָל!

דעמאָלט האָט אויף אַ קורצער צייט אַ שיין געטאָן פאַרן עלנטן יתום אַ ליכטיקער שטראַל אין דער געשטאַלט פון אַ געוויסן יקותיאל זסאַן, וועלכער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין הויף פון דעם טאַראַגאָסער עמיר. דער געבילדעטער יידישער אַריסטאָקראַט האָט גענו־מען אונטער זיין שוץ דעם יונגן דיכטער און אים געווען אי אַ פאָטער, אי אַ האַרציקער פריינד. דעם אומגליקלעכן אבן גבירול איז אָבער נישט באַ־שערט געווען, לאַנג צו געניסן פון דעם גליק: זיין באַשיצער איז געפאַלן ווי אַ קרבן פון אַ געוויסער פּאָליטישער אינטריגע (1039). אַט דער טויט האָט אין אבן גבירולס האַרץ אויפגעריסן גאַנצע שטראָמען פון טרויער און געוויין, און זיין קלאָג־ליד פון איבער צוויי הונדערט שיין־געפורעמטע פערזן איז אַן אייביקע ערן־מצבה פאַר דעם טראַגיש־אומגעקומענעם, ווי פאַרן דיכטער.

„יקותיאלס לעבן איז פאַרגאַנגען
דאַן זיינען פאַרגענגלעך אויך די הימלען!"

שרייט אויס דער פאַרביטערטער זינגער, און ער פאַרוואַנדלט זיין פערזענ־לעכן אומגליק אין אַן אומגליק פאַר דער גאַנער יידישער אומה. מיטן דיכטערס מויל קלאָגט די יידישע מאַמע, ציון: „ווער וועט מיך אונטער־

האַלטן אין יאָרן פון אומגליק, ווען מיינע שונאים וועלן זיך צונויפריידן און מיך באַפאַלן ? ווער וועט איינהאַלטן די צעררייצטע טיגערס, וואָס עפּע־נען זייערע מיילער, כדי איינצושלינגען די איבערגעבליבענע בלאָנדזשנ־דיקע שעפעלעך ?״...

זינט דעם אומגליק האָט זיך די טרויעריקע שטימונג שוין מער נישט אָפּגעטאָן פון דער געפּילפּולער דיכטער־נאַטור. דער אומגליקלעכער האָט איצט אַלץ געזען אין אַ גרוי־פינסטערער געשטאַלט און כסדר גע־קלאָגט איבער פאַראַט, פאַרפאַלגונגען און פרעמדקייט. דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך שונאים אין דער העכערער יידישער געזעלשאַפט, און אין גיכן האָט ער אין גאַנצן געמוזט פאַרלאָזן סאַראַגאָסאַ (1045). דער־פון איז ער נאָך מער אויפגעררייצט געוואָרן, און זיינע קלאָג־לידער פון יענער צייט קלינגען, ווי אַ האַרצרייסנדיק נויט־געשריי פון צאָרן און פאַר־צווייפלונג. די פאַרביטערטקייט פון דעם אומגליקלעכן יונגן דיכטער איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז ער האָט פעסט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אין גאַנצן שפּאַניע און אויסוואַנדערן אין די מזרח־לענדער. ער האָט אָבער דעם באַשלוס נישט אויסגעפירט און געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט אין די שפּאַנישע פּראָווינצן גופא. אין די וואַנדער־יאָרן האָט ער זיך אָפּטמאָל אָנגעשטויסן אָן דעם מעכטיקן ר׳ שמואל הנגיד, וועלכער האָט אים גע־פּרואווט מקרב זיין און שטיצן; דער אומרואיקער וואַנדערער האָט אויף אַזאַ אופן זיך געפילט פון איין זייט פאַרפליכט אַנטקעגן זיין באַשיצער און האָט אים דערפאַר אָפּגעדאַנקט מיט שיינע לויב־לידער; פון דער צווייי־טער זייט אָבער האָט דער אַלטער שטאַטסמאַן און כלומרשטער דיכטער נישט ווייניק געררייצט אבן גבירולס שאַרפן גייסט און פיינעם געשמאַק, און דאָס האָט ווידער ביי אים אַרויסגערופן בייסנדיקע סאַטירישע עפּיגראַ־מען קעגן דעם נגיד, פון וועלכע דער לעצטער האָט זיך געפילט שאַרף אָנגעגריפן.

אַזוי האָט דער עלנטער דיכטער פאַרבראַכט דעם לעצטן טייל פון זיין לעבן, און אין גיכן האָט דאָס וואַנדערן און הונגערן אין גאַנצן אונטער־געגראָבן זיין שוואַכן אָרגאַניזם: ער איז געשטאָרבן אין וואַלענסיאַ, אין דער עלטער פון אַכט און דרייסיק יאָר.

די גייסטרייכע לירישע שאַפונגען פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכ־טער האָבן אריינגעבראַכט אַ נייעם לעבנס־שטראָם אין דער העברעאישער

פּאָעזיע. „גאָט האָט אים געזאַלבט — שרייבט וועגן ר׳ שלמה אבן גבירול דער שפּעטערדיקער דיכטער אלחריזי — פאַר אַ קעניג אין דער דיכטונגס־וועלט פון זיין פאָלק, און ער האָט געשאַפן אַ שיר השירים. זיינע נאָכפאָל־גער האָבן זיך צוגעפּאַסט צו זיין געשמאַק, און דער גייסט פון זיין מוזע רוט אויף זיי". אַ גרויסער טייל פון זיינע לידער איז אריינגעגאַנגען אין דעם שול־גאָטעסדינסט, און אויך דאַ צייכענען זיי זיך אויס פון אַלע פיוטים פון די פריערדיקע צייטן. „אין זיי הערט זיך דאָ די יראת הכבודיקע באַ־גייסטערונג פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס רעדט זיך דורך מיט איר באַשעפער און די ליידנשאַפטלעכע השתפכות הנפש פון דער בענקענדיקער יידישער אומה, וואָס בעט זיך רחמים, זי זאָל אומגעקערט ווערן אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד".

„ביז וועןֿ, אַ גאָט, — שרייט אויס דער פאַרביטערטער דיכטער אין איינער פון זיינע שול־הימנען — ביז וועןֿ וועלן מיר אַזוי קלאָגן אויף די באַליידיקונגען, אויף דער לאַנגיעריקער פאַרקנעכטונג ? ישמעאל (די מאַכ־מעדאַנער) איז געגליכן צו אַ לייב, און עשו (די קריסטלעכע וועלט) צו אַ שפּאַרבער : לאָזט אונדז איינער אָפּ, נעמט זיך גלייך צו אונדז דער צווייטער". נאָך דעם קומט פאַר דער וויטערדיקער דיאַלאָג צווישן גאָט און דער כנסת ישראל : „פאַרלאָזענע, אויפגעגעסענע, פאַרוואָס וויינסטו ? האָסטו אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם, ווען מען דו דערוואַרטסט ? מיין אויס־לייזונג איז אָפּגעלייגט און מיין פינצטערניש האָט זיך פאַרצויגן. וואַרט, אומגליקלעכע, נאָך אביסל — און איך וועל שיקן מיין אָנזאָגער, וועלכער וועט ריין מאַכן פאַר מיר דעם וועג, און אויפן באַרג ציון וועל איך זאַלבן מיין קעניג".

ער שרייבט :

„ווי קען די חכמה איך פאַרלאָזן,
ווען גאָטס גייסט האָט פאַרבונדן מיך מיט איר;
ווי קען אויך זי מיך פאַרלאָזן,
ווען זי איז מיין מוטער און איך איר ליבלינג".

נאָך ווי אַ אינגל כמעט האָט אבן גבירול אויפגעשטעלט אַ גאַנצן סיסטעם פון די געדאַנקען, וואָס באַשעפטיקן דעם מענטשלעכן גייסט. וואָס איז דער העכסטער ציל פון דעם מענטשלעכן זיין ? וואו ליגט דער מקור

פון מענטשנס חכמה און וואו קומט זי אַהין נאָכן שיידן זיך פון גוף ? ווי קען מען משיג זיין דעם העכסטן וועזן, פון וועלכן אונדזער וועלט איז אַנטשטאַנען ? אויף די און נאָך אַזעלכע מעטאַפיזישע שאלות האָט אבן גבירול געפּרוּאווט געבן אַן ענטפער פריער אין זיין באַרימטן שול־הימן, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „כתר מלכות”, און דערנאָך (אין אַ פיל ברייטערן מאַסשטאַב) אין אַ באַזונדער אַראַביש־געשריבענעם ספר, וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש אונטערן נאָמען „מקור חיים”. דאָס דאָזיקע פילאָזאָפישע ווערק (מיטן אַראַבישן נאָמען: „איבער די אַלגעמיינע שטאָפן און דער אַלגעמיינער פאָרם” אָדער „די אורזאכן”) האָט אין די יידישע קרייזן קיין גרויסן אָפּקלאַנג נישט געפונען, דערפאַר האָט מען זיך מיט אבן־גבירולס סיסטעם שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די קרייזן פון די אַראַבישע און קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער. הונדערט יאָר נאָך זיין דערשיינען, איז דאָס ווערק, דורך אַ קריסטלעכן גלח און אַ געשמדטן יידן, איבערגעזעצט געוואָרן אויף לאַטיין. דאַן האָבן די הויפּט־לערער פון דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק זיך געשטיצט אויף אבן גבירולס נעאָ־פּלאַטאָנישער טעאָסאָפיע און איר באַגרינדעט, און גאַרנישט געוואוסט, אַז דער אַראַבישער אויטאָר פון דעם ווערק, אביצעברון, איז נישט מער, ווי אַ פּסעוודאָנים פון דעם באַרימטן יידישן ליריקער און דענקער.

אַן אַנדער יידישער פילאָזאָף פון דער עפּאָכע, בחיי בן יוסף אבן פקודה, האָט זיך אויסגעוויילט אַן איינציקן צווייג פון דער פילאָזאָפיע: ער האָט געשאַפן אַן אָריגינעל מאָראַל־טעאָלאָגיש סיסטעם פון יידנטום. בחיי האָט געשטרעבט צו פאַראיינערלעכן דאָס יידנטום, עס צו מאַכן לעבעדיקער און האַרציקער. אים זיינען די אינעווייניקסטע עטישע פליכטן, וועלכע ציען זייער מקור פון דעם מענטשלעכן געוויסן, באַדייטנד וויכטיקער געווען פון די רעליגיעזע געזעצן און געבאָטן, און די לעצטע טיילן זיך איין, לויט זיין מיינונג, אויך אויף ריין־רעליגיעזע און רעליגיעז־צערעמאָניעלע, פון וועלכע די ערשטע שטייען פיל העכער. אָט די איינטיילונג האָט געמוזט קלאָר און גענוי באַשטימט ווערן, כדי יעדער מענטש זאָל שטענדיק וויסן, ווי ער דאַרף האַנדלען אין דער מינוט, כדי „זיין דענקען, פילן און טאָן זאָלן זיין איינס מיט גאָט”, און דאָס האָט ר׳ בחיי געגעבן אין זיין „חובת הלבבות” (די פליכטן פון האַרצן). אין דעם ווערק (געשריבן לכתחילה אין אַראַביש) באַלויכט דער הייסער פרעדיקער פון הויי־

כער גייסטיקער ריינקייט די באַהאַלטנסטע קנייטשעלעך פון דער גלויבנ־דיקער מענטשלעכער נשמה, און פאָדערט פון יעדן יידן, ער זאָל וואָס מער רייניקן זיין גייסט און וואָס העכער אים אויפהויבן — דורך פאַסטן, טראַכטן און זיך אָפּזאָגן פון אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן. ר׳ בחיים פילאָזאָפיע איז אויף אַזאַ אופן פיל נענטער געווען צו דעם גייסט פון די יידישע מאמינים. דעריבער איז דער ,,חובת הלבבות״ זייער פּאָ־פּולער געוואָרן, און אין דעם משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן האָבן פרומע יידן (אפילו פרויען) אים געלייענט און פאַרהייליקט.

דאָס זיינען געווען די באַדייטנדיקע צייט־חברים פון ר׳ שמואל הנגיד אין דער ערשטער העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט. מיט אים האָט זיך אָבער די גדולה פון זיין הויז נישט אָפּגעטאָן, און נאָך זיין טויט (1055) האָט דער זון אַבו־הוסיין־יוסף (געב׳ 1031, געשט׳ 1066) איבער־גענומען זיין טיטל און זיין פּאָסטן אין הויף, כאָטש ער איז נאָך זייער יונג געווען. אי דער קעניג באַדיס, אי די יידישע קהלות פון גראַנאַדאַ — ביידע האָבן אַנערקענט דעם פיר־און־צוואַנציק־יעריקן יוסף פאַר פעאיק צו פאַר־טרעטן די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס פון זיין גרויסן פאָטער, די פּאָסטנס פון אַ וויזיר און אַ נגיד (אָדער הויפּט־רב) איבער דעם גראַנאַדישן יידנטום. דאָס האָט יוסף געהאַט צו פאַרדאַנקען דער גוטער דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען. ער איז געווען געבילדעט אין יידישע, ווי אין אַלגעמיינע למודים, און ווייל זיינע אַנגעבוירענע פעאיקייטן און נייגונגען זיינען אויך געווען גענוג שטאַרק און סימפּאַטיש, האָט ער זיך באַלד דערוואָרבן די אַכטונג פון דער יידישער, ווי פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

ביי זיינע אַלע גייסטיקע מעלות, האָט אָבער יוסף דאָך געהאַט אַ געוויסע שוואַכע זייט, וואָס האָט אים געשטעלט נידעריקער פון פאָטער: אים האָט געפעלט דעם פאָטערס באַשיידנקייט. דערצויגן אין לוקסוס און פראַכט, האָט יוסף געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ געבוירענעם הערשער, און דאָס האָט אים אָפט געמאַכט פאַרגעסן, אַז ער הערשט איבער אַ פרעמד פאָלק פון אַן אַנדער גלויבן, וואָס קען גאַנץ לייכט אויפגערייצט ווערן. יוסף האָט דעריבער איבערגעגעבן די מערסטע אַמטן פון דער מלוכה אין יידישע הענט, און אין זיין באַציאונג צו די אונטערגעוואָרפענע, האָט ער זיך אויך דערלויבט צופיל שטרענגקייטן. דאָס האָט אַרויסגערופן קעגן אים אַ שטאַרקע שנאה מצד די הערשנדע קרייזן פון לאַנד, די בערבערן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿיינדלעכע אַגיטאַציע קעגן דעם יידישן וויזיר. דער אַראַבישער פּאָעט אַבו־איסכאַק אַל עלווירי האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ יידנפֿיינדלעכן אויפֿרוף, אין וועלכן ס׳האָט זיך געזאָגט: „זאָג די סינגאַ־דזשיטן (די בערבערן), די מעכטיקע פֿון אונדזער צייט, די לייבן פֿון מדבר: אייער הערשער האָט געהאַנדלט פֿאַרברעכעריש, ער האָט באַערט אַן אומ־גלויביקן. ער האָט באַשטימט פֿאַר אַ קאַטיב אַ יידן„ בשעת ער האָט געקענט געפֿינען אַזעלכן צווישן די גלויביקע. די יידן שפּילן זיך מיט די לעכער־לעכסטע האָפֿנונגען, קוקן אויף זיך, ווי אויף פּריצים און באַהאַנדלען שלעכט די גלויביקע. ווען איך בין אָנגעקומען קיין גראַנאַדאַ, האָבן איך באַמערקט, אַז די גאַנצע מאַכט ליגט ביי יידן אין די הענט, אַז זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך די הויפּטשטאָט מיט דער פּראָווינץ. אומעטום הערשט ווער ס׳איז פֿון אָט די פֿאַרשאָלטענע״.

די אויפֿגערייצטע בערבערן האָבן שוין דאַן נאָר געזוכט עפּעס אַ געלעגנהייט, זיך צוצוטשעפּען צום פֿאַרהאַסטן „קאַטיב״, און אַזעלכע גע־לעגנהייטן האָבן זיך באַלד געמאַכט. עס איז פּלוצים געשטאָרבן דער קרוין־פּרינץ באַלקין, האָבן די בערבערן פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יוסף האָט אים פֿאַרגיפֿטעט. גראָד האָט זיך באַדיס דאָס מאָל נישט צוגעהערט צו די קלאַנגען, און געלאָזן באַשטראָפֿן די אמתע שולדיקע. אַ פּאָר יאָר נאָך דעם איז יוסף געזעסן במנוחה; זיינע שונאים האָבן אָבער נישט גערוט. דערווייל האָט זיך געמאַכט„ אַז צווישן די בערבערן מיט די אַראַבער איז פֿאָרגע־קומען אַ שטאַרקער סכסוך, און דער קעניג באַדיס האָט באַשלאָסן צו באַ־פֿאַלן די אַראַבער, ווען זיי וועלן זיך פֿאַרזאַמלען אין דער מאָשעע, און זיי אויסהרגענען. אין דעם אַקט האָט דער יידישער שטאַטסמאַן געזען אַ געפֿערלעכן און פֿאַלשן שריט, און ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אָפּצורעדן באַדיסן פֿון דעם באַשלוס; און ווען ער האָט געזען, אַז דער הער־שער וויל זיינס דורכאויס אויספֿירן, האָט ער געהיים געלאָזן וויסן די אָנ־געזעענע אַראַבער פֿון דער הויפּטשטאָט, זיי זאָלן פֿרייטיק נישט קומען אין מאָשעע .דעם קעניגס פּלאַן איז נאָך דעם, פֿאַרשטייט זיך, דורכגעפֿאַלן, און הגם ער האָט דעם וויזיר נישט באַשטראָפֿט עפֿנטלעך, האָט ער דאָך געטראָגן אויף אים פֿון דעמאָלט אָן אַ כעס.

דערפֿון האָבן זיך די בערבערן דערוואוסט, און זיי האָבן דאָס באַלד אויסגענוצט צו זייער צוועק. אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט דער הערשער

פון דער שכנישער אַלמעריאַ זיך אריינגעריסן מיט אַ שטאַרקן חיל אויף דער גראַנאַדישער טעריטאָריע, און די קלאַנגען האָבן גלייך אָנגעוויזן אויף דעם יידישן וויזיר, ווי אויף דעם שולדיקן: ער האָט גערופן דעם שונא אין לאַנד, כדי אים איבערצוגעבן די גראַנאַדישע קרוין.

און דאָס מאָל האָט זיך דער אויפטו איינגעגעבן. עס האָט אויסגע־בראָכן אַן אויפשטאַנד נישט בלויז קעגן יוספן נאָר קעגן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דער ערשטער קרבן איז אָבער געווען יוסף הנגיד. דער אויפגערייצטער מאַכמעדאַנישער המון האָט זיך גלייך אַוועקגעלאָזט צום וויזירס פּאַלאַץ. דער צעטומלטער יוסף האָט זיך אפילו געפּרואווט באַהאַלטן און פאַרמאַסקירן; די צעווילדעוועטע מאַסע האָט אים אָבער גע־פונען, געטויט אויף אַן אכזריותדיקן אופן און אויפגעגאַנגען אויף די טויערן פון שטאָט (1066). פון וויזירס פּאַלאַץ האָט זיך דער המון אַוועקגעלאָזט צו די יידן פון שטאָט און אויסגעטויט ביז פופצן הונדערט יידישע משפחות. די איבעריקע — צווישן זיי אויך יוספס זון און אלמנה — זיינען אַנט־לאָפן. בעת דעם שרעקלעכן פּאָגראָם איז צערויבט און פאַרניכטעט געוואָרן אויך יוספס רייכע ביבליאָטעק, און פון זיין גאַנצן פאַרמעגן אין אַלגעמיין איז נישט געבליבן קיין זכר.

די דאָזיקע ערשטע יידנפאַרפאָלגונג אויף דער פּירענעאישער האַלב־אינדזל זינט דער הערשאַפט פון איסלאַם האָט שטאַרק פאַנאַנדערגעטרייסלט דאָס לעבן פון די יידישע קהלות אין גאַנץ שפּאַניע, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. די קעניגן אָדער עמירן פון די איבעריקע פּראָווינצן האָבן, ווי ביז אַהער, ווייטער אויך נישט אויפגעהערט אָנצופאַרטרויען יידן די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין זייערע מלוכות. אַזעלכע פּאָסטנס האָבן פאַרנומען יוסף אבן־מיגאַש אין הויף פון סעווילישן קעניג אַלמוטאַדיד, און איין ייד מיטן נאָמען אבו־פאַדל־חסדאי אין הויף פון דעם סאַראַגאָסער הערשער אַלמוקטאַדיר. אבו־פאַדל האָט זיך שטאַרק באַרימט געמאַכט אויך ווי אַן אַראַבישער דיכטער, און ווי עס באַשטימט איינער פון די שפּעטער־דיקע אַראַבישע היסטאָריקער האָט ער אָנגענומען דעם איסלאַם, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין אַ מאַכמאַדעניש מיידל.

דער ביישפּיל פון די מאַכמעדאַנישע הויפן האָט געווירקט אויך אויף די קריסטלעכע הערשער. אויך זיי האָבן אָנגעהויבן צו עקספּלואַטירן די יידישע דיפּלאָמאַטישע און אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן, און באַשטימט

יידן אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס. די שפּאַנישע יידן האָבן אויף אַזאַ אופן גאַרנישט געליטן די ערשטע צייט פון די נצחונות פון די קריסטלעכע חילות; זיי האָבן זיך געפילט אין שפּאַניע אונטער דער הערשאַפט פון קרייץ נישט ערגער, ווי אונטער דער הערשאַפט פון דער האַלבער לבנה (איסלאַם). אַ באַדייטונג פאַר די יידן פון מערב־אייראָפּע האָבן געהאַט די שפּעטערדיקע גרויסע נצחונות פון דער קריסטלעכער מאַכט איבער די לענדער פונעם מאַכמעדאַנישן שפּאַניע, און דער ערשטער קרייץ־צוג קעגן די מאַכמע־דאַנער פון די מזרח־לענדער.

דער ערשטער געוואַלטיקער צוזאַמענשטויס צווישן דעם קרייץ מיט דער האַלבער לבנה אויף דעם באָדן פון דער פּירענעאישער האַלב־אינדזל איז אַרויסגערופן געוואָרן פון דעם העלדישן און ווייטזיכטיקן אַלפאָנס דעם זעקסטן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די צעשפּליטערונג פון דער מאַכמעדאַנישער אימפּעריע, כדי אויסצושפּרייטן זיין הערשאַפט פון קאַס־טיליע אין צפון ביז אַרויף אין דרום. כדי גיכער דורכצופירן דעם פאַרגע־זעענעם פּלאַן פון אָפּנעמען ביי די מאַכמעדאַנער צוריק דאָס אַמאָליקע וועסטגאָטישע לאַנד, איז פאַר דעם קאַסטילישן קעניג געווען נייטיק, צו שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן די רייבונגען און אַרומרייסענישן צווישן די קליינע מאַכמעדאַנישע פירשטנטימער, און דערצו האָט ער געמוזט האָבן געשיקטע דיפּלאָמאַטן מיט פּילזייטיקע קענטענישן. האָט אַ דיפּלאָמאַטישער שליח געוואָלט עפּעס אויפטאָן אָדער דערגיין אינעם הויף פון אַ מאַכמע־דאַנישן הערשער, האָט ער געמוזט נישט בלויז באַזיצן גוט די אַראַבישע שפּראַך, נאָר אויך זיך צופּאַסן צו דעם גייסטרייכן און פאַרפיינערטן טאָן, וואָס האָט דאָ געהערשט און מענטשן מיט אַזעלכע אייגנשאַפטן האָבן זיך געפונען גאַנץ ווייניק אין די דעמאָלטיקע קריסטלעכע לענדער. די איינציקע, וואָס זיינען געווען ווי צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע פּאָסטנס, זיינען געבליבן די יידן, און דער ווייטזיכטיקער קאַסטילישער קעניג האָט דאָס גוט פאַר־שטאַנען. אַלפאָנס האָט באַשטימט זיין געוועזענעם לייב־דאָקטער, דעם יידן עמרם בן יצחק אבן־שלביב, ווי אַ דיפּלאָמאַט פון קאַסטילישן הויף און אויך ווי אַ פּערזענלעכן יועץ אָדער סעקרעטאַר; צו דעם דיפּלאָמאַט איז צוגעקומען אַ צווייטער ייד, צידעלוס, וועלכער איז געוואָרן דער אינטימס־טער פריינד פון קעניג, און אויסער אָט די אויסגעצייכנטע, אָפיציעלע באַ־אַמטע, האָט אַלפאָנס בכלל גלייכבאַרעכטיקט די יידן פון זיין מלוכה.

די קאַסטילישע באַפעלקערונג האָט גאַנץ רואיק געקוקט אויף דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, און האָט זיך פּאַקטיש באַצויגן גאַנץ פריינדלעך און טאָלעראַנט צו די האַנדלס־פּעאיקע און געשיקטע יידן. די באַשיצער פון דער הייליקער קירך האָבן אָבער אין דער גאַנצער צייט גאָרנישט פאַרגעסן פון זייער אַמאָליקן פינצטערן פאַנאַטיזם, און דער פּויפּסט גרעגאָר דער זיבעטער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם קעניגס ליבעראַליזם. ער, דער מעכטיקסטער פון די מעכטיקע, פאַר וועמען מלכים און פעלקער זיינען אין שטויב געלעגן, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם שאָטן פון מנוחה און כבוד, וואָס די שוואַכסטע פון די שוואַכע, די יידן, האָבן געהאט אין אַ קריסטלעך לאַנד. ביי אים אין די אויגן איז די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידישער הערשאַפט, און ער שרייט אויס אַ צעבייזערטער אין זיין בריוו צום קעניג: „אונטערוואַרפן קריסטן דער יידישער הערשאַפט אָדער צווינגען קריסטן, זיך אונטערצוגעבן יידישע ריכטער — הייסט עס דען נישט דערנידעריקן די געטלעכע קירך און דערהויבן דעם שטנס שול? קריסטוסעס פיינד גוטס טאָן, הייסט קריסטוסן אליין פאַראַכטן” (1080).

צום גליק פון די קאַסטילישע יידן איז אַלפאָנס געווען מער קעניג, ווי קירכן־באַשיצער, און די אינטערעסן פון זיינע פּאָליטישע אונטערנעמונגען זיינען אים נענטער געווען, ווי די אינטערעסן פון דער קירך. ער האָט זיך דעריבער נישט גערעכנט מיט דער אזהרה פון פּויפּסט און נישט געענדערט די לאַגע פון די יידישע בירגער. און באַלד האָבן אים זיינע יידישע יועצים אָפּגעדינט און נישט ווייניק טובות געטאָן. זיי האָבן אַלפאָנסן געהאָלפן זיך פאַרבינדן מיט דעם סעווילישן קעניג אַלמוטאַמעד־איבן־אַבאַנד, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אָפּצונעמען פון די מאַכמעדאַנער די אַלטע שטאָט טאָלעדאָ (1085), וואָס איז, ווי אַמאָל, ווידער געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער קריסטלעכער קאַסטיליע.

מיט טאָלעדאָ אליין האָט זיך אָבער אַלפאָנס נישט באַפרידיקט — אים האָט זיך געוואָלט רוקן אַלץ ווייטער צו דרום און באַקומען אין זיינע הענט אויך די טעריטאָריע פון סעווילאַ מיט דער מעכטיקער קאָרדאָבאַ. צו דעם צוועק האָט ער איצט איבערגעוואַלט געמוזט אריינציען אין אַ קריג דעם זעלביקן סעווילישן קעניג, וואָס האָט אים געהאָלפן באַזיגן טאָלעדאָ. און דאָ האָט אים ווידער געדינט דער יידישער דיפּלאָמאַט. פינף

הונדערט קריסטלעכע רייטער האָבן באַגלייט דעם יידישן שליח פונעם קאַס־טילישן הערשער, יצחק אבן־שלביב, וועלכער האָט געדאַרפט מיט זיין חוצפּהדיקער האַלטונג אויפרייצן דעם סעווילישן קעניג און אים אַרויסרופן צום קאַמף. און אבן־שלביב האָט זיין מיסיע ערלעך דערפילט: ער האָט אויף אַזוי פיל אויפגערייצט אַלמוטאַמעדן, אַז יענער האָט אים געלאָזן טויטן און אויפהענגען אויף די טויערן פון שטאָט און די באַגלייטער — איינשליסן אין געפענגעניש.

אויף אַזאַ אופן האָט אַלפאָנס זיין ציל דערגרייכט, און דער קריג צווישן אים מיט אַלמוטאַמעדן איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. דער לעצטער האָט אָבער אויך נישט געשוויגן. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די איבעריקע מאַכמעדאַנישע פירשטן, וועלכע האָבן צוזאַמען גערופן צו הילף דעם באַ־רימטן אַפריקאַנישן קריגס־העלד יוסוף איבן־טעשופין, דעם אָנפירער פון די אַלמאָראַווידן. דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם זיינען איצט געשטאַנען מיט צוויי גרויסע מחנות איינער קעגן אַנדערן, גרייט צו קעמפן אויף לעבן און טויט פאַר דער הערשאַפט איבער דער אַמאָליקער וועסטגאָטישער טערי־טאָריע, און איןביידע מחנות האָבן זיך געפונען צו טויזנטער זין פונעם פאָלק ישראל: פון איין זייט יידן קעמפער פאַרן קרייץ, און פון דער צווייטער — יידישע סאָלדאַטן אונטער דער פאָן פון איסלאַם.

ווי ס׳איז צו גלויבן, איז אַלפאָנס אין דער לעצטער מינוט אַביסל אָפּהענטיק געוואָרן, און ער האָט געפּרואווט אָפּנאַרן די מאַכמעדאַנישע אָנ־פירער, זיי פאַרגעלייגט אָפּצוהאַלטן די אַנטשיידנדיקע שלאַכט ביז מאָנ־טיק, כדי עס זאָלן, כלומרשט, נישט דאַרפן מחלל זיין: די מאַכמעדאַנישע סאָלדאַטן דעם פרייטיק, די יידישע — דעם שבת, און די קריסטלעכע — דעם זונטיק. דאָס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן, און ווען ער איז באַפאַלן די מאַכמעדאַנישע מחנה פרייטיק, האָט ער זי געפונען גרייט און קריגס־פאַרטיק. עס האָט זיך דאַן פונאַנדערפלאַקערט די היסטאָרישע שלאַכט ביי סאַלאַקאַ (1086), וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם פול־שטענדיקן נצחון פון איסלאַם: אַלפאָנס האָט זיך קוים געראַטעוועט מיט עטלעכע ריטער.

אָט דער נצחון האָט אָבער די אַראַבישע פירשטן פון דער פּירענע־אישער האַלב־אינדזל נישט געבראַכט קיין נוצן — זיי זיינען איצט אַרונ־

טערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די אַפריקאַנישע אַלמאַראווידן. באַטירלעך, זיינען דערביי פאַרגעקומען בלוטיקע מלחמות, וואָס האָבן חרוב געמאַכט נישט ווייניק שטעט, און יידן האָבן דערפון שטאַרק געליטן. ספּעציעל ווי יידן אָבער, האָט די נייע הערשאַפט זיי קיין שלעכטס נישט געבראַכט. די אַלמאַראַווידישע הערשער האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעפּאַסט צו די טראַדיציעס פון לאַנד און אין גיכן באַגעגנט מען ווידער יידן ווי לייב־מעדיקער, דיפּלאָמאַטן און הויכע מלוכה־פירער.

ביי די אַלע איבערקערענישן און פּאָליטישע אויפטרייסלענישן האָט זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעשטעלט די אינטענסיווע טעטיקייט פון אויס־דערווײלטע גייסטער אויף דעם געביט פון דער יידישער קולטור. דערביי זיינען נאָך די מער וועלטלעכע פאָרשונגען (פילאָזאָפיע, שפּראַך־וויסנ־שאַפט) אָפּגעטראָטן אַביסל אין הינטערגרונט, און דעם ערשטן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער שטודיום פון תלמוד.

דער באַדייטנדיקסטער צווישן די תלמוד־פאָרשער פון דער עפּאָכע איז געווען ר׳ יצחק אַלפסי (געב׳ 1013, געשט׳ 1103). אַ געבוירענער אין דער אַפריקאַנישער שטאָט פעץ (אָדער פעס), האָט ר׳ יצחק באַקומען זיין ערשטע תלמודישע דערציאונג אין קיירואַן, אין דער ישיבה פון רבינו נסים און רבינו חננאל. דאָ האָט דער שאַרף־ און טיפזיניקער תלמיד אַל־זײַטיק אויסגעפאָרשט דעם גרויסן בנין פון דער יידישער געזעצגעבונג, און די פרוכט פון דעם שטודיום איז געווען אַ קאָלאָסאַלע זאַמלונג פון הלכות, וואָס האָט מיט דער צייט באַקומען דעם נאָמען קליינער תלמוד. דאָס איז אַ מין פאַרקירצונג פון דער פאַרוויקלטער תלמודישער דיאַלעק־טיק, מיט אָנגעגעבענע באַשטימטע מסקנות פון די באַהאַנדלטע געזעצן, וואָס איז זייער פאַרשפּרייט געוואָרן אין די תלמודיש־אַקאַדעמישע קרייזן.

קיין שפּאַניע איז דער געניאַלער תלמודיסט געקומען, ווי אַן אַנט־לאָפענער עמיגראַנט, אין יאָר 1088, און נאָך דעם ווי ער האָט פאַרבראַכט געוויסע צייטן אין קאָרדאָבאַ און אין גראַנאַדאַ, האָט ער זיך באַזעצט ווי אַ רב אין לוצענאַ און דאָ געגרינדעט זיין ישיבה. אונטער דער צייט איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע מחלוקת צווישן אים און ר׳ יצחק אבן אַלבאַליאַ, איינער פון די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן אין דרום־שפּאַניע, וואָס האָט פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין הויף פון דעם קאָרדאָבער הערשער און פאַרפאַסט באַדייטנדיקע תלמודישע און אַסטראָנאָמישע ווערק. די פּאָלע־

מיק איז געווען אַ פאַרביטערטע פוןביידע זייטן און האָט זיך געצויגן ביז די לעצטע מינוטן פון אבן אַלבאַליאַס לעבן. געענדיקט האָט זי זיך אָבער זייער רירנדיק. דער שטאַרבנדיקער אַלבאַליאַ האָט צוגערופן זיין זיבעצן־יאָריקן זון און געזאָגט צו אים: גיי צו ר׳ יצחק אבן אלפסי און זאָג אים, אַז איך גיי אַריבער פון דער וועלט אויף יענער; איך האָב אים מוחל געווען אַלע האַרטע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט און געשריבן קעגן מיר, און בעט פון אים, ער זאָל אויך אַזוי טון און דיך לערנען. און דו שטיי פאַר אים און פאָלג אים — ער וועט דיר גוטס טון און דערציען. און ברוך (דער זון) האָט געטון, ווי דער פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט; ער איז אַוועק צו ר׳ יצחק אלפסי, וועלכער האָט אים מיט טרערן געהאַלדזט און געזאָגט: „איך וועל זיין דיין פאָטער און דו מיין זון". פון דעמאָלט אָן איז ברוך אַלבאַליאַ פאַרבליבן אין דער ישיבה פונעם לוצענאַ׳ער גאון, און ער מיט ר׳ יוסף אבן מיגאש זיינען געווען זיינע נאָכפאָלגער אין דער זעלביקער ישיבה.

אין דער צייט, ווען דאָס יידישע שפּאַניע איז אַזוי רייך געווען אין באַרימטע, שעפערישע פערזענלעכקייטן, איז די גייסטיקע לאַגע פון יידן אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד געווען נישט זייער געהויבן. אין דער אַט־מאָספערע פון דעם ארומיקן קריסטנטום האָבן זיך די יידישע גייסטער נישט געקענט אנטוויקלען; די איינציקע גייסטיקע באַשעפטיקונג איז דאָ דעריבער געווען דער שטודיום פון תלמוד, און דאָס אויך אָן שום אויס־דרוק פון שאַפנדיקער גרויסקייט.

אין דייטשלאַנד איז לאָטרינגען געווען דאָס קלאַסישע לאַנד פון דער תלמודישער לערע, און די „חכמי לותר" (לאָטרינגען) זיינען געווען אָנ־געגנומען פאַר אויטאָריטעטן. דאָס זיינען געווען אין דער צייט ר׳ יצחק הלוי אין וואָרמס, ר׳ יעקב בן יקיר אין מיינץ און ר׳ יצחק בן יהודה — אַלע תלמידים פון דעם גרויסן ר׳ גרשום מאור הגולה. פראַנקרייך האָט אין דעם משך פון אַ לאַנגער צייט כמעט קיין איינציקן באַדייטנדיקן גע־זעץ־לערער נישט ארויסגעגעבן. עס איז געווען נאָר איין מנשה בן חלבא, פון דער שטאָט לעמאַן, וועלכער האָט מחבר געווען אַ פירוש אויף תנ"ך — איז ער אויך אין גיכן פאַרגעסן געוואָרן.

די ערשטע גרויסע פערזענלעכקייט, וואָס פראַנקרייך האָט געבוירן

און דייטשלאַנד דערצויגן, איז געווען ר׳ שלמה יצחקי, וועלכער איז ביז היינטיקן טאָג באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט אונטערן נאָמען רש״י (1040־1105). ר׳ שלמה יצחקי איז געבוירן געוואָרן אין צפון־פראַנקרייך, אין דער שטאָט טרואַ (שאַמפּאַן), אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עס איז געשטאָרבן דער גרויסער ר׳ גרשום, און זיין ערשטע דערציאונג האָט ער באַקומען אין די ישיבות פון מיינץ, וואָרמס און שפּייער. אין די ישי־בות האָט ער פאַרבראַכט ביז ער איז אַלט געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר, „הונגערנדיק, אָפּגעריסן און מיט אַ יאָך פון אַ פאַמיליע אויף די פּלייצעס״ (ווי ער אַליין דערציילט). דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין זיין געבורטס־שטאָט, וואו ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ רב, און אין גיכן האָט זיך דער נאָמען פון דעם יונגן יצחקי פונאַנדערגעטראָגן איבער אַלע קהלות פון גאַנץ דייטשלאַנד און פראַנקרייך. פון אומעטום האָט מען זיך אָנגעהויבן ווענדן מיט שאלות צו דער אנערקענטער תלמודישער אויטאָרי־טעט און זיין ישיבה אין טרואַ איז פאַרפולט געוואָרן מיט הונדערטער תלמידים פון די ווייטסטע קהלות, פאַר וועלכע דער גרויסער פרשן (דער־קלערער, קאָמענטאַטאָר) האָט געלייענט לעקציעס פון תלמוד און תנ״ך.

די גרויסקייט פון דעם טרואַנישן ראש־ישיבה איז אָבער איבערגע־וואַקסן נישט בלויז די גרענעצן פון דעם לאַנד, אין וועלכן ער האָט גע־לעבט, נאָר אויך די גרענעצן פון זיין צייט. רש״י איז געווען דער ערש־טער, וואָס האָט קלאָר און איינפאַך דערקלערט, פאַרטייטשט די פאַרוויקל־טע קאַזואיסטיק פון תלמוד, און אים אויף אַזאַ אופן צוגענגלעך געמאַכט פאַר אַלע. זיין געשריבענער פּירוש אויף דעם גרעסטן טייל פון בבלישן תלמוד דערקלערט קורץ און דייטלעך די טערמינאָלאָגיע, ווי בכלל דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג פון די תלמודישע געזעץ־לערער, און דער אָנפאַנ־גער, ווי דער טיפער תלמודישער למדן — ביידע טרינקען גלייך פון דעם קוואַל. רש״י האָט פאַרשטאַנען די קונסט, ווי אַזוי דורכזיכטיק צו מאַכן דעם טעקסט פון תלמוד, אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון לייענער און מיט איין געלונגענעם אויסדרוק אָדער איין געלונגענער ווענדונג צו באַ־זייטיקן אַלע מעגלעכע מיספאַרשטענדענישן, פראַגן און ספיקות. אויב דער תלמוד האָט זיך דערהאַלטן ביי יידן ביזן היינטיקן טאָג, אויב אָט די פאַרוויקלטע ריזן־ענציקלאָפּעדיע איז אימשטאַנד געווען אַריינצודרינגען אין חדרים פאַר פינף־זעקס־יעריקע קינדער, — איז עס בלויז רש״יס פאַר־

דינסט. „אָן זיין פּירוש וואָלט דער בבלישער תלמוד שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן". די געשריבענע עקזעמפּליאַרן פון רש"יס פּירוש זיינען גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע יידישע קהלות (אונטערן נאָמען קונטרס) און ווען ס'איז אויפגעקומען די דרוקעריי־קונסט האָט מען אים אָנגעהויבן צו דרוקן פּאַראַלעל מיטן טעקסט פון תלמוד.

אויסער דעם פּירוש אויף תלמוד, האָט רש"י אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף גאַנץ ·תנ"ך, און אויך דאָ איז ער צוגענגלעך, פּשוט און קלאָר. ער פאַרטייטשט דעם געוויינלעכן זינען פון די הייליקע ווערטער, און גיט דערביי אָפּט צו די הלכהשע אויסטייטשונג פון פּסוק אָדער די אגדהשע דרשה, וואָס באַציט זיך אויף אים. דאָס האָט דעם פּירוש אויך געמאַכט זייער פּאָלקסטימלעך, און ביז דער לעצטער צייט ווערט קיין חומש אָדער נביא נישט געדרוקט אָן רש"י.

אַ דאַנק רש"יס ישיבה איז די פּראָנצויזישע שאַמפּאַן־פּראָווינץ געוואָרן אַ נעסט פאַר דער יידישער געזעץ־לערע, און אויב שפּאַניע האָט ביז אַהער אַליין פּרעטענדירט אויף בבלס ירושה, האָט זי עס פון איצט אָן געמוזט טיילן מיט פראַנקרייך.

גאָרנישט אויפגעטון פאַר דער יידישער קולטור האָבן די יידן פון איטאַליע. זייערע תלמודישע לערער האָבן זיי כסדר אויסגעשריבן פון דער פרעמד, און דער איינציקער איטאַליענישער ייד פון יענער צייט, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שפּור אין דער יידישער ליטעראַטור, איז ר' נתן בן יחיאל פון רוים. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ תלמודישן לעקסיקאָן, אונטערן נאָמען ערוך (1002).

אין יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן די יידן פון מזרח־אייראָפּע. אין בעהמען, מעהרן און פּוילן האָבן זיך געפונען יידישע קבוצים נאָך פאַרן צענטן יאָרהונדערט, און אין יאָר 990 האָט שוין איינער פון די קריסטלעכע גדולים געקלאָגט אויף דעם אומגליק, וואָס די יידן אין פּראַג האַלטן ביי זיך קריסטלעכע שקלאַפן.־ יידן האָבן דאָ, ווי ס'איז צו גלויבן, געלעבט זייער רייך, און אַ געוויסע מעהרישע פירשטן פון יענער צייט זאָגט עדות אויף די יידן פון דאָרף ווישעגראַד, נעבן פּראַג, אַז „זיי זיינען אָנגעשטאָפּט מיט זילבער און גאָלד".

אין דער ניי־געגרינדעטער פּוילישער מלוכה, נעמלעך אין דער דעמאָלטיקער הויפּט־שטאָט גנעזן, האָבן די יידן אויך געמעגט האַלטן קריסט־

לעכע שקלאַפן, און די קריסטלעכע הערשער האָבן זיי דאָס אַ לאַנגע צייט נישט פאַרוועדט.

די דאָזיקע מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן קיין שום אנטייל נישט גענומען אין דער אויפבויאונג פון דעם יידישן קולטור־בנין, און ערשט אין צוועלפטן יאָרהונדערט הויבט מען אָן ווען צו באַגעגענען נעמען פון תלמודישע געלערטע אין די סלאַווישע לענדער. עס איז אַפילו שווער צו אַנטשיידן, צי די יידן אין מזרח־אייראָפּע שטאַמען פון די מערב־לענדער, אָדער זיי האָבן אַהער איינגעוואַנדערט אין פאַרשידענע צייטן פון דרום־רוסלאַנד.

קאַפּיטל פיר

דער ערשטער קרייץ־צוג

מיט דער ענדע פון עלפטן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן אַ נייע פּאַזע אין די באַציאונגען צווישן קריסטנטום און איסלאַם, — אַ פּאַזע, וואָס האָט אָנגעשריבן נישט איין בלוטיק בלאַט אין דער יידישער געשיכטע. פּעטער פון אַמיען, דער באַגייסטערטער וואַנדערער־נזיר, מיט זיינע וויי־קלאָגן איבער די צרות פון די קריסטלעכע עולי רגל (פּילגרימען, פּוסגייער צום הייליקן קבר אין ירושלים), האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַלע שיכטן פון דער קריסטלעכער וועלט. פּעאָדאַלן, ריטער, שטאָט־איינוואוינער און פּויערים, — אַלע האָבן זיך פאַראייניקט צו דעם צוועק פון גיין אויף ירו־שלים און אויסלייזן דאָס הייליקע קבר פון דער הערשאַפט פון די אומ־גלויביקע. פאַרשידענע אינטערעסן האָבן זיך דאָ פונאַנדערגעשפּילט: די אַלגעמיינע רעליגיעזע באַגייסטערונג, דער ערגייץ פון די קריגעריש־ראָ־מאַנטישע ריטער, די ווילדע ליידנשאַפטן פון פאַרברעכערישע נאַטורן, און צו דעם אויך געוויסע פּאָליטישע שטרעבונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גאַנץ קליינע שייכות צו גאָט און דער קירך.

פאַר יידן איז אָט די באַוועגונג געקומען כמעט אומדערוואַרטעט. זיי האָט זיך ביז דער צייט גראָד נישט שלעכט געלעבט אין דייטשלאַנד; זיי האָבן געפירט פאַרשידענע מסחרים און אַפילו געמעגט באַזיצן גרויסע אומבאַוועגלעכע נחלאות. ווען דער בישאָף האַזמאַן פון שפּייער האָט גע־וואָלט פאַרגרעסערן די באַדייטונג פון אַ געוויסן דערבייאיקן ישוב, האָט ער נישט געפונען קיין אַנדער מיטל, ווי לאָזן זיך דאָרט באַזעצן יידן. דער־ביי האָט ער די לעצטע געגעבן אַ פולשטענדיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונג און אַפילו דאָס רעכט צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַפן (1084). נאַטירלעך, האָט זיך דער הייליקער געלאָזט גוט באַצאָלן פון דער יידישער קהלה פאַר די געשענקטע זכיות (דריי מיט אַ האַלבן פונט גאָלד יערלעך), און ווייל די געשריבענע פּריווילעגיעס האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג קעגן דעם צאָרן פון קריסטלעכן המון, האָט דער בישאָף אָפּגעזונדערט אין גאַנצן

דעם יידישן ישוב און אָפּגעגעבן די יידן אַן אָפּגעצוימטן, פֿאַרשלאָסענעם קוואַרטאַל (געטאָ).

ביי אַזאַ גייסטיקער און פיזישער אָפּגעשלאָסנקייט פון דער אַרומי־קער וועלט און אין אַזאַ רעליגיעזער אַטמאָספערע בכלל, איז גאַנץ לייכט געווען דער יידישער פֿאַנטאַזיע, זיך פונאַנדערצושפּילן. עס האָבן זיך גע־פונען מקובלים־הייליקע, וואָס האָבן אויסגערעכנט, אַז משיח מוז קומען אין די יאָרן 1096 און 1104, און די דייטשע יידן, וואָס האָבן ערשט מיט אַ יאָר פריער (1095) באַקומען פון היינריך דעם פערטן אַ דיפּלאָם מיט באַדייטנדיקע חסדים און זכיות, זיינען פול געווען מיט די ליכטיקסטע האָפענונגען. באַלד האָבן זיי אָבער באַקומען אַ שרעקלעכן קלאַפּ, און אַנ־שטאָט צו פאַרנעמען די געטלעכע קלאַנגען פונעם שופר של משיח, האָבן זיי פלוצלינג דערהערט דעם ווילדן געשריי פון די פֿאַרשיכורטע קרייץ־טרעגער: „די יידן האָבן אונדזער משיח געקרייציקט, זאָלן זשע זיי אונדזער גלויבן אָננעמען אָדער שטאַרבן!״

דאָס איז געווען אַ צוזאַמענגעלאָפענער, צעווילדעטער ערב רב פון פראַנצויזישע, דייטשע, ענגלישע, לאָטרינגישע און פלאַנדרישע פּראָ־ווינצן, וואָס האָט פאַר אַלעמען געדאַרפט שלאָגן און רויבן. אין נאָמען פון דעם הייליקן ציל זיינען דערוויַיל דורך די מחנות גופא אָפּגעטון גע־וואָרן די גרעסטע שענדלעכקייטן — דאָס איז שוין געזינדיקט געוואָרן אויפן חשבון פון דער קומענדיקער מחילה וסליחה, וואָס איז פּאָרויס באַ־שטימט געווען פאַר אַלע אנטיילנעמער פון דעם קרייץ־צוג. דערצו איז געגוג געווען דער דערפינדערישער אויפטו, אַז די יידן זיינען אויך אומ־גלויביקע, כדי דער הייליקער ציל זאָל זיך אָנהויבן שוין דאָ, אין די דייטשע און פראַנצויזישע שטעט, וואו ס'האָבן זיך געפונען גרויסע יידישע ישובים.

די ערשטע קרבנות פון דעם הייליקן צוג זיינען געווען די יידן פון דעם שטעטל רואַן: די, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּשמדן, זיינען גלייך דערהרגעט געוואָרן. עס האָט געזאָלט אויף אַזאַ אופן ווערן ווי אַ מין חוב פאַר יעדן קרייץ־פאָרער, צו האָבן אויף די קליידער נישט בלויז אַ רויטן קרייץ, נאָר אויך פלעקן פון יידיש בלוט; פונדעסטוועגן האָט זיך די אָנ־פירערס פאָרט ווי ס'איז איינגעגעבן אָפּצוהאלטן פון ווייטערדיקע יידישע שחיטות אין פראַנקרייך. וואָס ווייטער זיינען אָבער די בלוטיקע אינס־טינקטן אַלץ מער צעקאָכט געוואָרן, און ווען די ערשטע מחנות זיינען אָנ־

געקומען אין די געגנטן פון רהיין, האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו פאַר־שפּרייטן אַרום זיך טויט, שרעק און רויב.

די שרעק פאַר דער בלוטיקער מחנה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין טריער האָבן עטלעכע מוטערס אַליין דערשטאָכן זייערע קינדער, און צענד־ליקער האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אָפּגרונט פון מאָזעל. די איבעריקע האָבן געפּרואווט בעטן שוץ ביים אָרטיקן בישאָף עגילבערט; ער האָט אָבער נישט געוואָלט ראַטעווען זייערע לייבער פריער, איידער זיי וועלן אַליין נישט ראַטעווען זייערע נשמות. אין שפּייער האָט די יידישע קהלה זיך פריער פאַרזאָרגט און אויסגעפּועלט — פאַר גוט געלט — ביים אָר־טיקן בישאָף אַ פעסטע שמירה; די אָנגעקומענע מחנה האָט זיך דאַן באַ־נוגנט מיט צען צופעליק געטראָפענע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט גע־וואָלט שמדן, און זיינען געטויט געוואָרן (ח׳ אייר, 1069).

פון שפּייער האָט זיך די מחנה אַוועקגעלאָזט קיין וואָרמס. דאָ האָבן נאָר די אָנגעזעענע און רייכע יידן באַקומען אַ שוץ פון אָרטיקן בישאָף; די איבעריקע האָבן זיך אין אָנהייב געפּרואווט אַליין פאַרטיידיקן מיט וואפן אין די הענט; זיי זיינען אָבער באַלד באַזיגט געוואָרן פון די אומ־צאָליקע מחנות, און מיט „שמע ישראל !״ אויף די ליפּן זיך געזעגנט מיטן לעבן. דאָ זיינען אויך פאָרגעקומען סצענעס פון מאַמעס, וואָס האָבן גע־קוילעט זייערע קינדער מיט מעסערס, כדי זיי נישט איבערצוגעבן אין די הענט פון די „הייליקע ברידער״. די לעצטע האָבן אין דער צייט געראַבעט, געצונדן, חרוב געמאַכט יידיש האָב און גוטס און נישט געשוינט אַפילו די ספרי תורות (כ״ג אייר).

דאָס האָט געדויערט זיבן טעג. דאַן איז געקומען די ריי פון די „באַשיצטע״ יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין בישאָפס פּאַלאַץ. דער היי־ליקער „באַשיצער״ האָט דערקלערט די צונויפגעשטיקטע יידן, אַז ער קען זיי לענגער נישט האַלטן און זיי מוזן זיך שמדן; די אָנגעזעענסטע צווישן זיי האָבן דאַן געבעטן אַ קורצע צייט אויף אַ ישוב הדעת, און ווען די אומגעדולדיקע „ברידער״ האָבן ענדלעך אויפגעעפנט די טיר פון זייער חדר, האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ הויפן מתים — די אומגליקלעכע האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אויסגעקוילעט. איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה מיטן געוויסן האָבן נאָר געציילטע, און צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך שמחה כהן, אַ ייִנגל נאָך. די קעמפער פאַר דער גרויסער ליבע האָבן שוין געהאַט

געטויט זיין פאָטער און זיינע זיבן ברידער. ער האָט זיך געלאָזט פירן אין דער קירך און אין דעם אויגנבליק, ווען מ׳האָט אים דערלאַנגט דאָס הייליקע בילד, האָט ער אַרויסגעצויגן אַ מעסער פון אונטערן קלייד און דערשטאָכן דעם בישאָפס אַ קרוב. נאַטירלעך, איז ער שוין קיין לעבעדיקער פון „גאָטס הויז״ נישט אַרויס: דער המון האָט אים גלייך צעריסן אויף שטיקער. די אומגעקומענע האָבן אפילו צו קבורה נישט געקענט קומען, און ערשט, ווען די „ברידער״ האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, זיינען די קדושים (איבער אַכט הונדערט) געבראַכט געוואָרן צו זייער הייליקער רו.

אין מיינץ איז פאַרגעקומען דאָס אייגענע, וואָס אין וואָרמס. דאָ איז די מחנה געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון גראַף עמעריך, אַ קרוב פון ערצבישאָף רוטהאַרד; דער לעצטער האָט איינגערעדט די יידן, זיי זאָלן איבערגיין צו אים אין פּאַלאַץ, וואו ער וועט זיי באַשיצן. אַזוי האָט ער צונויפגעזאַמלט ביז דרייצן הונדערט יידישע נפשות, פון וועלכע ער האָט דערווייל אָוועקגענומען זייער גאַנץ פאַרמעגן, און ווען די צעבושעוועטע מחנה איז צוגעקומען צו די טויערן פון פּאַלאַץ, האָט ער געהייסן די יידן זיך אַליין באַשיצן. און דאָ האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דאָס באַקאַנטע בילד: פאַרהייליקט גאָטס נאָמען און געפאַלן פון אייגענעם אָדער פון גוישן מעסער. נאָך דער „באַשיצונג״ זיינען דרייצן הונדערט קערפּערס פון יידישע מאַרטירער אַרויסגעפירט געוואָרן פון פּאַלאַץ, און אין דער צייט האָט זיך דער הייליקער באַשיצער געטיילט מיטן רויב: אָפּגעגעבן דעם גראַף זיין חלק. אין אַן אַנדער ווינקל האָט דער בישאָף געהאַט באַהאַלטן נאָך זעכציק יידן — מסתמא די רייכסטע — זיינען זיי אויך דערנאָך געפונען און געוואָרן געטויט.

געשמדט האָבן זיך דאָ אויך נאָר יחידים. צווישן די לעצטע זיינען געווען אַ געוויסער אוריה און אַ געוויסער יצחק מיט זיינע צוויי טעכטער, וועלכע האָבן פאַר דער פשרה שרעקלעך באַצאָלט: אין צוויי טעג אַרום האָט יצחק געשחטן זיינע צוויי טעכטער, און ווען ער האָט אונטערגעצונדן די שול, האָט ער מיט אוריהן זיך אַריינגעוואָרפן אין די פלאַמען. ביי דער שרפה איז פאַרברענט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון שטאָט.

אונטער דער צייט האָט זיך אַן אַנדער מחנה, אונטער דער אָנפירונג פון הערמאַן צימערמאַן זיך געלאָזט אויף קעלן, וואו ס׳האָט זיך געפונען די עלטסטע יידישע קהלה אין דייטשלאַנד. דאָ זיינען די בירגער געווען פיל

מענטשלעכער, און זיי האָבן די יידישע איינוואוינער אַריינגענומען צו זיך, אַזוי, אַז ווען די בלוטדורשטיקע קריגער האָבן זיך אַריינגעריסן אין די יידישע הייזער, האָבן זיי דאָרט נישט געפונען קיין לעבעדיקן נפש. דעם גאַנצן כעס און צאָרן האָבן די „ברידער" דאַן אויסגעגאָסן אויף די יידישע ספרים, וועלכע זיי האָבן צעריסן און מיט די פיס געטראָטן. כדי צו באַשיצן די אומגליקלעכע אויך אויף ווייטער, האָט דער מענטשן־פריינטלעכער בישאָף הערמאַן דער דריטער זיי שטילערהייד אַרויסבאַזאָרגט פון שטאָט און באַהאַלטן אין זיינע אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. דאָ האָבן די אומגליקלעכע פאַרבראַכט גאַנצע דריי וואָכן אין פאַסטן און גאָט בעטן; „די טויערן פון הימל זיינען אָבער פאַרשלאָסן געווען", און די קרייץ־טרעגער האָבן זיי אויך דאָ געפונען און געטויט. די באַהאַלטענע האָבן שוין איצט גאָרנישט געוואָרט אויף קיין הילף: זיי האָבן זיך אַליין איבערגעגעבן דעם טויט אין די אָרעמס. אַ געלערנטער זקן, מיטן נאָמען ר' שמואל בן יחיאל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן טייך און מיט אַ מעסער געשחטן זיין שיינעם קרעפטיקן זון, וועלכער האָט געענטפערט „אָמן!" אויפן פאַרטערס ברכה; דערנאָך האָט דער אַלטער איבערגעגעבן דעם מעסער דעם שול־שמש, וועלכער האָט אויף דעם זעלביקן אופן אים געשחטן, און אין דער צייט האָט זיך צום הימל געטראָגן אַ הילכנדיקער „שמע ישראל" פון די אַרומיקע יידן, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן די כוואַליעס פון טייך (יוני 1096).

פון די רהיין־ברעגעס האָבן די קרייץ־טרעגער זיך אַוועקגעלאָזט צו די ברעגעס פון דונאַי, און דאָ האָבן זיך איבערגעחזרט די אַלע שווידערהאַפטע סצענעס. אַזוי ווי דער בעהמישער פירשט איז גראָד געווען פאַרנומען אין אַ מלחמה מיט פוילן, האָט קיינער נישט געשטערט די באַנדעס אין זייערע בלוטיקע רציחות, און אין פּראָג האָבן זיי איבער געוואַלד אויסגעשמדט מאַסן יידן. דער פּראַגער בישאָף האָט זיך אפילו ערנסט אָנגענומען פאַר יידן און געפּרואווט ווייכער מאַכן די מערדערישע הערצער מיט שאַרפן מוסר; די לעצטע האָבן אָבער זייער קריסטנטום בעסער פאַרשטאַנען, ווי דער גוטהאַרציקער בישאָף.

אַזוי זיינען פון די קרייצפאָרער אויסגעטויט געוואָרן אין די רהיין־געגנטן אַליין ביז צוועלף טויזנט יידן, נישט גערעכנט די גייסטיק דערשלאָגענע — די משומדים. די לעצטע האָבן זיך, אגב, כמעט אַלע אומגע־

קערט צוריק צום יידנטום גלייך נאָך דעם, ווי די בלוטיקע באַנדע האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד. דאָס האָבן די פאַראומגליקטע געטון מיט דער דער־לויבעניש פון קייסער היינריך דעם פערטן, וועלכער האָט זיך אונטער דער צייט אומגעקערט קיין דייטשלאַנד, און אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע אומצו־פרידנקייט מיט די מעשים פון די בלוטיקע קרייץ־טרעגער. היינריך האָט פאַר דער הנחה, וואָס ער האָט געשענקט די געשמדטע יידן, באַקומען אַ שאַרפן אויסרייד פון פויפּסט קלעמענס דעם דריטן, ער האָט זיך אָבער דערמיט נישט גערעכנט, און די אַנוסים זיינען אומגעשטערט צוריק אַרי־בער צום יידישן גלויבן. דער זעלביקער הערשער האָט זיך אפילו גע־פּרוואווט נוקם זיין אָן די מער־אָפיציעלע יידישע פייניקער, און ער האָט געלאָזט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן דעם ערצבישאָף פון מיינץ, רוטהאַרד, פאַר זיינע פאַרברעכערישע מעשים בעת דער יידישער „באַשיצונג".

אַ גאַנץ אַנדער גורל האָבן געהאַט די יידן פון בעהמען. דאָ האָבן די אַנוסים אויך געוואָלט וואָס גיכער אַראָפּוואַרפן פון זיך די מאַסקע פון קריסטנטום, און אַזוי ווי זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין לאַנד, האָבן זיי צונויפגענומען זייער האָב און גוטס און זיך מכין געווען אויסצו־וואַנדערן קיין פּוילן און קיין אונגאַרן. דערוויל האָט זיך דער פירשט פון לאַנד, וורַאַטיסלאַוו, אומגעקערט פון זיין קריגס־צוג, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די יידן פירן אַרויס פון דער מלוכה זייער פאַרמעגן, האָט ער גלייך צעשטעלט סאָלדאַטן אין אַלע יידישע הייזער. דערנאָך האָט אַ פאַרטרעטער פון פירשט צונויפגערופן די פאַרשטייער פון די קהלות און זיי דערקלערט אין פירשטס נאָמען, אַז אַלץ וואָס זיי באַזיצן, געהערט צו אים, און זיי האָבן קיין רעכט נישט, דאָס אַוועקצונעמען.

„פון ירושלימס אוצרות, — האָט זיי דעם פירשטס שליח מסביר געווען — פון ירושלימס אוצרות האָט איר קיין בעהמען גאַרנישט מיט־געבראַכט. דורך וועספּאַסיאַנען באַזיגט און פאַר אַ שפּאָטביליקן פּרייז פאַרקויפט, זענט איר צעשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן ערד־קוגל. נאַקעט זענט איר ,אַלזאָ, אַהער געקומען, און נאַקעט קענט איר זיך פון דאַנען אַרויסקלייבן. וואָס ס'געהערט צו אייער אָפּפאַל פון דער קירך — זאָל זיך דער בישאָף קאָזמאַ מיט אייך דערפאַר רעכנען". קעגן אַזאַ לאָגיק האָבן די יידן, פאַרשטייט זיך, גאַרנישט געהאַט צו ענטפערן, און די גזירה איז אויסגעפירט געוואָרן מיט איר גאַנצער אַכזריות. די בעהמישע יידן זיינען

פון קאָפּ ביז די פיס באַרויבט געוואָרן, — מ׳האָט זיי איבערגעלאָזט נאָר אַזוי פּיל, וויפל זיי האָבן געדאַרפט צו שטילן דעם הונגער די ערשטע פּאָר שעה (1098).

נאָך אַן ערגערן גורל האָט געהאַט די יידישע קהלה אין ירושלים. ווען די צווילדעוועטע קרייצפאָרער האָבן נאָך פיל מי און מפּלות ענד־לעך איינגענומען די הייליקע שטאָט (1099), האָבן זיי, ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט געוועזן, פאַרברענט לעבעדיקערהייט אַלע יידן און קאַראַ־אימער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס עלפטע יאָרהונדערט פאַר די צע־שפּרייטע זין פון דעם יידישן פאָלק. דאָס יידנטום איז דערשלאָגן, געפּיי־ניקט און באַליידיקט געוואָרן, און די נאָכווייען פון דעם גרויסן פאָלקס־אומגליק האָבן זיך געצויגן נאָך אַ סך צענדליקער יאָרן. נאַטירלעך, האָבן די צרות געווירקט אויף דער שטימונג און אויף דער גאַנצער וועלט־אָנ־שויאונג פון די געפּייניקטע; די יידן אין די לענדער פון קרייץ־צוג זיינען נאָך מער איינגעשלאָסן געוואָרן אין זיך, האָבן זיך שטאַרקער פאַרטיפט אין די אַלטע קוואַלן פון דעם יידישן גלויבן, און דאָס גאַנצע לעבן זייערס איז אַזוי ווי פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ פינצטערן נעפּל.1) באַזונדער שטאַרק האָבן זיך די יידן פון יענער צייט אַריינגעטון אינעם שטודיום פון תלמוד. די שאַרפזיניק־טיפע דיאַלעקטיק פון דעם געטלעכן תלמוד איז גע־וואָרן דער באַלזאַם פאַר די טיפע וואונדן, וואָס די בלוטיקע אוממענטשן האָבן איבערגעלאָזט אינעם לייב פון די יידישע קהלות אין דער רהיין־גע־גנט. געפּייניקט אין דער היים און באַליידיקט אין גאַס, האָט דער ייד זיך איינגעשלאָסן אין די פיר ווענט פון בית המדרש, וואו ער האָט אומגע־שטערט געקענט וועבן זיינע אַלטע חלומות און פאַרזינקען אין דער פאַנ־טאַסטישער תלמוד־וועלט.

אויך דאָ אָבער האָט דאָס יידנטום געהאַט איבערצוטראָגן שטאַרקע אַבידות אין יענער שרעקלעכער צייט. אין יאָר 1103 איז געשטאָרבן דער באַרימטער ר׳ יצחק אלפסי, וועלכער האָט באַגרינדעט און פאַרטיפט דעם שטודיום פון דער הלכה, און מיט צוויי יאָר שפּעטער (1105) איז גע־

1) פון יענער צייט איז פאַרבליבן אַ גרויסע צאָל הארצרייסנדיקע פּיוטים, עלעגיעס און סליחות, וואָס ווערן נאָך ביז היינטיקן טאָג געזאָגט ביים דאַוונען אין די טרויער־טעג.

שטאַרבן אויך דער פּאָפּולערער גרויסער מפורש ר׳ שלמה יצחקי (רש״י). דעם ערשטן האָבן די גרויסע יידישע דיכטער (ר׳ משה אבן עזרא, ר׳ יהודה הלוי אאז״וו) באַוויינט אין שיינע געגראַמטע פּערזן. דערפאַר האָט דעם צווייטן דאָס פאָלק אַליין באַקרוינט מיט אַ גאַנצער רייע לעגענדעס, וואָס האָבן געשילדערט זיין געבורט, זיין לעבן און זיין טויט. לויט דער ערש־טער לעגענדע איז רשי׳ס געבורט פאַרבונדן געווען מיט דעם ווייטערדיקן פאַקט: ר׳ שלמהס פאָטער, ר׳ יצחק, האָט געהאַט אַ טייערן בריליאַנט, וואָס די קאַטוילישע גייסטלעכע האָבן אים שטאַרק געוואָלט אָפּקויפן, כדי איינצופאַסן אין דעם בילד פון דער הייליקער יונגפרוי. ר׳ יצחק האָט אָבער דעם שטיין נישט געוואָלט פאַרקויפן צו אַזאַ צוועק, און ווען די גלחים האָבן אים שטאַרק צוגעדריקט, האָט ער דעם בריליאַנט אַריינגע־וואָרפן אין ים. דאַן איז אַרויס אַ בת־קול אין ר׳ יצחקס ישיבה, וואָס האָט אָנגעזאָגט: „ביי יצחקן וועט געבוירן ווערן אַ זון, וואָס וועט ווי אַ ברי־ליאַנט באַלייכטן די יידישע אויגן אין דער חכמה פון תלמוד״. אַן אַנדער לעגענדע דערציילט, אַז דער העלדישער פלאַמאַנדישער אָנפירער פון די פראַנצויזישע קרייץ־פאַרער, גאָטפריעד פון בוליאָן, איז געקומען צום הייליקן רש״י פרעגן, ווי ס׳וועט זיך ענדיקן דער קרייץ־צוג, און רש״י האָט אים געענטפערט: „דו וועסט איינעמען ירושלים און הערשן דאָרט דריי טעג. אויפן פערטן — וועלן דיך די ישמעאלים (מאַכמעדאַנער) פון דאָרטן אַרויסטרייבן און דו וועסט קומען אַהער צוריק מיט דריי פערד״.

קאַפּיטל עלף

די יידן אין שפּאַניע אונטער די אַלמאָראַווידן

די ערשאַפט פון די אַפריקאַנישע אַלמאָראַווידן האָט די לאַגע פון די דרום־שפּאַנישע יידן נישט פאַרערגערט. דער צווייטער אַלמאָראַווידי־שער הערשער אַלי (1106 — 1143) האָט יידן איבערגעגעבן די אַרענדע פון אַלע מלוכה־שטייערן און אויסער דעם האָבן זיך ביי אים אין הויף אויך געפונען פיל יידן, ווי הויכע מלוכה־באַאַמטע. ווי לייב־דאָקטער פון דעם הערשער האָט געדינט דער ייד אבן־אַיוב־סאַלאָמאָן־איבן־אַלמואַעלם, וועלכער האָט געטראָגן אויך דעם טיטל נשיא און וויזיר. דעם לעצטן טיטל האָט געטראָגן אויך אַ צווייטער יידישער מעדיקער און דיכטער אַבולהאַ־סאַן אברהם בן מאיר איבן־קאַמניאל פון סאַראַגאָסאַ, וועלכן די גרעסטע דיכטער פון יענער צייט האָבן געווידמעט זייער האַרציקע לויב־לידער פאַר זיינע צדקות און אַנדערע מעשים טובים. „ער איז — זאָגט איין דיכטער וועגן איבן־קאַמניאל — פאַר זיין פאָלק אַ באַשיצער און אַ העלפער; ער רוט אין שפּאַניע און זיין ליבע גרייכט ביז בבל און מצרים״.

באַרימט און באַזונגען איז אין יענער צייט געווען נאָך אַ יידישער נשיא מיטן נאָמען שלמה איבן־פּרוסאַל. ער איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געקו־מען קיין שפּאַניע ווי אַ שליח פון אַ געוויסן קריסטלעכן הויף, און בעת דער גרויסער שלאַכט ביי אוקלעס איז ער געהרגעט געוואָרן (1108). אַ הויכע שטעלע אין הויף פון איינעם פון די מאַכמעדאַנישע פירשטן האָט פאַרנומען אויך דער אַסטראָנאָמישער שריפטשטעלער אברהם בן חייא אַל־באַר׳געלאָני (געב. 1065, געשטאָרבן 1136); ער איז געווען אַ מין פּאָלי־ציי־מיניסטער און האָט אויך געהאַט דעם טיטל נשיא. ווי אַ געלערנטער אַסטראָנאָם האָט אברהם זיך אָפט מתוכח געווען מיט די מאַכמעדאַנישע גייסטלעכע און זיי אויפגעוויזן די ריכטיקייט פון דעם יידישן קאַלענדאַר־סיסטעם.

פון די תלמודישע געלערנטע איז אין יענער צייט דער באַרימטס־טער געווען ר׳ יוסף בן מאיר אבן־מיגאש, דער בעסטער תלמיד פון ר׳

יצחק אלפסי. נאָכן טויט פון דעם לעצטן, איז ר׳ יוסף אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דער ישיבה אין לוצענאַ, וואָס איז געווען דעמאָלט כמעט דער איינציקער תלמודישער צענטער פאַר גאַנץ שפּאַניע.

אַזוי האָט דאָס שפּאַנישע יידנטום אין דעם יאָרהונדערט אויך קאָנצענטרירט אין זיך באַדייטנדיקע פאַרטרעטער פון די פאַרשידנסטע יידישע און אַלגעמיינע געביטן. אַמשטאַרקסטן אָבער האָט זיך דאָ אַנטוויקלט די העברעאישע פּאָעזיע, און באַלד האָט זי אויך אַרויסגעגעבן ביידע ריזיקע כוחות, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו שפּילן אויף די צאַרטסטע סטרונעס פון דער פאָלקס־נשמה, און אַרויסצוציען פון זיי די שענסטע קלאַנגען. עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע פלעיאַדע פון רייך באַגאַבטע דיכטערישע נאַטורן, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט שלמה אבן גאַבירול, יהודה אבן גיאת, ר׳ משה אבן עזרא און ר׳ יהודה הלוי.

דער ערשטער, אבן גאַבירול, איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם אַראַבישן מאַקאַמען־דיכטער האַרירי און ער האָט אָנגעשריבן אַ סאַטירישן ראָמאַן אין העברעאיש, אונטערן נאָמען „תחכמוני״. דער העלד פון דעם ראָמאַן, אָשר בן יהודה, דערציילט אין געגראַמטער פּראָזע אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דעם משך פון אַ גאַנצער ריי יאָרן; ווי דאָס לעבן האָט אים כסדר פאַרפירט און גענאַרט מיט פאַרשידענע אילוזיעס. אין דעם ראָמאַן איז באַזונדער צו באַוואונדערן די אומגעווייגלעכע שפּראַכלעכע לייכטקייט און פליסיקייט, וואָס דער דיכטער ווייזט אַרויס ביים שילדערן געוויסע לעבנס־עפּיזאָדן.

באַדייטנד גייסטרייכער און פּאָעטישער פון אבן־גאַבירולן איז געווען ר׳ משה אבן עזרא (געב׳ 1070, געשט׳ 1139). ער איז געווען איינער פון די פיר ברידער פון דער פאַמיליע אבן־עזרא אין גראַנאַדאַ, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער העכסטער יידישער אַריסטאָקראַטיע. „מ׳האָט דערקענט אָן דער איידלקייט — שרייבט אַ כראָניקער פון יענער צייט — פון די פיר פירשטלעכע זין אונטערן נאָמען אבן עזרא, אַז אין זייערע אָדערן פליסט בלוט פון דוד המלכס הויזגעזינט און זיי שטאַמען פון אַלטן אָדעל״. פון די פיר ברידער איז משה (אַבו האַרון משה) געווען דער באַדייטנדיקסטער — זיין נאָמען איז פאַראייביקט געוואָרן אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

אינטערעסאַנט איז די לעבנס־געשיכטע פון דעם אַריסטאָקראַטישן

דיכטער. ער האָט זיך אין דער יוגנט ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין אַ טאָכ־טער פון איינעם פון זיינע ברידער, וועלכע האָט אים אויך געליבט. איר פאָטער האָט אָבער פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט מסכים זיין אויף דער פאַרבינדונג. דער פאַרביטערטער משה האָט דאַן פאַרלאָזט זיין פאָטערס הויז און זיין געבורטס־שטאָט, און געוואַנדערט דאָס גאַנצע לעבן איבער פּאָרטוגאַל און קאַסטיליען, און געטראָגן אין האַרצן דאָס פאַרהערלעכטע בילד פון דער יוגנט־געליבטער. אין די וואַנדער־יאָרן האָט דער פאַרוואָגל־טער דיכטער נישט ווייניק געליטן. דאָס האָט זיין געמיט פאַרביטערט, און ווי זיין פאָרגייער בן גבירול, האָט ער אויך געקלאָגט איבער פאַרראַט און פאַלשקייט, איבער די גרויזאַמקייטן פון לעבן און איבער דער מענטש־לעכער שלעכטקייט. משה אבן עזרא איז אָבער געווען נישט אַזוי ליריש־צאַרט און נישט אַזוי פּאָעטיש־אויסגעהאַלטן, ווי זיין פאָרגייער פון מאַ־לאַגאַ (אבן גבירול). און פון זיין פעדער האָבן זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן אויך הייטערע, לעבנס־לוסטיקע לידער. זיין לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „תרשיש" אַנטהאַלט הונדערטער ליבע־געזאַנגען, לידער פון וויין און געזאַנג, פרייד און ליבע, לעבנס־לוסטיקייט און פויגל־כאָרן, און דערביי אויך טרויער־לידער איבער די פאַרשידנסטע שלעכטע זייטן פון דעם מענטשלעכן לעבן. אויסער דער זאַמלונג, האָט אבן עזרא אָנגע־שריבן נאָך דריי הונדערט געלעגנהייטס־לידער (געזאַמלט אין איין „די־וואַן") און ביז צוויי הונדערט פּיוטים און סליחות, וועלכע זיינען אַריינ־גענומען געוואָרן אין די ימים נוראימדיקע שול־תפילות פון די ספרדישע ייִדן.

ר' משה אבן עזרא האָט אָנגעשריבן אויך צוויי פּראָזאַאישע ווערק אין אַראַביש: איינס איבער רעטאָריק און דיכטקונסט, וואָס איז גלייכצייַ־טיק אַ מין געשיכטע פון דער שפּאַניש־ייִדישער פּאָעזיע, און דאָס צווייטע — באַקאַנט אין העברעאיש אונטערן נאָמען „ערוגת הבושם" — איבער פראַגן פון מאָראַל און פילאָזאָפיע.

גרעסער פון ר' משה אבן עזרא און אויך פון אַלע העברעאישע דיכ־טער פאַר אים איז געווען אַבול־חסאַן יהודה בן שמואל הלוי פון אַלט־קאַסטיליע, אָדער ווי ער ווערט פשוט גערופן: ר' יהודה הלוי. דאָס איז געווען אַן אויסגעוויילטער, פון גאָט געקושטער לירישער דיכטער, וועל־כער האָט מיט זיינע באַצויבערנדיקע לידער פאַרטונקלט אַלץ, וואָס איז

געשאַפן געוואָרן אין דער העברעאישער שפּראַך, זינט די נבואה האָט זיך אָפּגעטון פון יידן.

געבוירן אין טאָלעדאָ אין יאָר 1085, האָט הלוי זייער יונג אויסגע־וואַנדערט אין דרום־שפּאַניע, וואו ער האָט געלערנט תלמוד (אין דער ישיבה פון ר׳ יצחק אלפסי) און אַנדערע למודים. דאָ האָט ער זיך אויך באַפריינדעט מיט דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע אבן עזרא, און באַ־זונדער מיט דעם עלטערן ר׳ משה אבן עזרא, וועלכער האָט דער ערשטער אַנטדעקט דעם אומגעוויינלעכן טאַלאַנט פונעם יונגן קאַסטיליער און אים באַגייסטערט געלויבט. אין דעם פּעריאָד פון זיין לעבן האָט יהודה אויך, ווי זיין עלטערער פריינט, איבערגעלעבט דעם פאַרשכורנדיקן צויבער פון דער ליבע, און זיינע לידער פון דער צייט קענען גערעכנט ווערן פאַר קלאַ־סישע מוסטערן פון ליבעס־פּאָעזיע. דאָ פילט זיך די מאָס און די זיכער־קייט פון אַן עכטער קינסטלער־נאַטור — יעדעס וואָרט אָטעמט מיט אי־נערלעכן גלי, מיט אַ רייכער דיכטער־פאַנטאַזיע און אין יעדן ליד שפּי־גלט זיך אָפּ די שיינע דרום־נאַטור מיט אירע פאַרחלומטע הימלען, גרינע פעלדער און בלויע וואַסערן.

באַשעפטיקט האָט זיך ר׳ יהודה הלוי מיט מעדיצין, און אין טאָלע־דאָ, וואו ער האָט זיך אין גיכן אומגעקערט, איז ער באַרימט געווען ווי אַ גוטער מעדיקער. די מעדיצינישע פּראַקטיק איז אָבער דעם דיכטער נישט געווען צום האַרצן — ער האָט זיין גאַנצן שאַפנדיקן גייסט פאַרווענדט פאַר דער פּאָעזיע און פאַר דער דערפאָרשונג פון יידנטום. די געפילפולע נאַטור פון דעם יונגן דיכטער האָט זיך אָפּגערופן אויף אַלע דערשיינונגען פון וועלט און לעבן, און יעדע נאַטירלעכע אָדער מענטשלעכע שיינקייט האָט אויפגערודערט די סטרונעס פון זיין צאַרטער נשמה. שיינקייט פון פרויען, צדקה און מעשים טובים, די חתונה פון אַ גוטן פריינט, מאַלערי־שע לאַנדשאַפטן, די מוזיק פון די ברויזנדיקע ים־כוואַליעס, — אַלץ באַ־גייסטערט דעם יונגן זינגער און רייסט אַרויס פון זיין ברוסט זיסע, קלינ־גענדיקע הימנען. אין דעם אַלעם האָט זיך אָבער נאָך נישט אָפּגעשפּיגלט דאָס אמת־אינערלעכע, אייגנטימלעכע פון דעם דיכטערס נשמה. די עכ־טע גרויסקייט פון ר׳ יהודה הלוי ווי דיכטער ווייזט זיך אַרויס ערשט אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער, — אין די לידער, וואו ער באַזינגט די פאַרגאַנ־גענהייט און צוקונפט פון דער יידישער אומה, וואו ער באַקלאָגט די איצ־

טיקע קנעכטשאַפט פון דעם אַמאַליקן בן מלך, וואו ער דריקט אויס די יידי־שע האָפענונג און פאַרצווייפלונג, די הערלעכע ליכטיקייט פון די יידישע חלומות און די פינצטערניש פון דער יידישער ווירקלעכקייט. ר׳ יהודה הלוי איז געווען דער ערשטער דיכטער, וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיין וועזן די נשמה פון דער גאַנצער אומה, מיט אירע ליידן און ווייטיקן, דער־איגערונגען און האָפנונגען, דעריבער ווירקן זיינע לידער אַזוי שטאַרק אויפן געמיט. אבן גבירולס עלעגיעס אויף זיינע פערזענלעכע צרות רופן אַרויס אין אונדז אַ געוויסן מיטלייד; ר׳ משה אבן עזראס קלאָג־לידער איבער זיין געליבטער, וואָס איז אַזוי ווייט פון אים, רירן אונדז אין גאַנצן נישט, דער טרויער אָבער פון דעם נאַציאָנאַלן דיכטער איבער דער כנסת ישראל, וואָס איז געוואָרן צו שאַנד און רויב, איבער זיין האַרצנס־געליבטער מו־טער ציון, וואָס איז עלנט און פאַרלאָזט, — דער טרויער מוז אַריינדרינ־גען אין יעדן פילנדיקן געמיט און עס אויפטרייסלען.

אין איין דיאַלאָג צווישן גאָט און דער כנסת־ישראל קלאָגט די כנסת ישראל מיטן דיכטערס מויל:

„אויף אָדלער־פליגל האָסטו דיין טייבעלע (די יידישע אומה) גע־טראָגן, אין דיין שויס האָסטו זי באַהאַלטן, אין די טיפענישן פון דיינע צימערן; פאַרוואָס־זשע האָסטו זי איצט פאַרלאָזט? אָט וואַנדערט זי אין די וועלדער, און פון אַלע זייטן זיינען איר אונטערגעשטעלט נעצן. פרעמ־דע פאַרלאָקן איר מיט אַנדערע געטער, און זי וויינט אין דער שטיל נאָך דעם דערווײלטן פון איר יוגנט... און קיין וואונדער און קיין צייכן און קיין אַנטפּלעקונג, און פרעג איך: ווען וועט דאָס וואונדער געשען? ענט־פערן די נבואות: ס׳איז אַ שווערע פראַגע״...

באַזונדער שטאַרק איז דער נאַציאָנאַלער טרויער אויסגעדריקט אין די ציונס־לידער. דאָ פילט זיך אין יעדער שורה, ווי דעם דיכטערס האַרץ צעגיסט זיך און גייט אויס פון ליידנשאַפטלעכער בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזענער מוטער ציון:

„ווער וועט מיר פליגלען געבן, און איך וועל צו דיר אַוועקשוועבן, און וועל די שטיקער פון מיין האַרץ לאָזן זיך צאַפּלען צווישן דיינע בערג!... מיר וועט זיס זיין צו גיין באָרוועס און נאַקעט אויף די וויסטע חורבות, וואָס זיינען געווען דיינע פּאַלאַצן, אין דעם אָרט פון דיין אָרון, וואָס איז באַהאַלטן, אין דעם אָרט פון דיינע כרובים, וואָס האָבן גערוט אין די באַ־

העלטעניש פון דיינע חדרים... ווי קען מיר זיס זיין עסן און טרינקען, ווען איך זע, ווי הינט שלעפן דיינע לעמפערטן; אדער דאס ליכט פון טאג ווי קען מיינע אויגן לייכטן, ווען איך זע אין מויל פון ראבן די פגרים פון דיינע אדלערס.... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„ווער וועט מיר אדלער־פליגל געבן, און איך וועל דיין ערד אנזאפן מיט מיינע טרערן. איך וועל די שטיינער דיינע קושן און האלדזן און דער טעם פון דיינע שטיקער ליים וועט מיר פון האניק זיסער זיין.. מיין הארץ איז אין מזרח און איך בין אין עק מערב — ווי זאל מיר שמעקן וואס איך עס, און ווי זאל עס זיס זיין?"

אזוי האט דעם דיכטערס הארץ נישט אויפגעהערט צו קלאגן אי ענדליקער לידער, און ענדלעך האט אט די אידעאלע ליידנשאפטלעכ בענקשאפט אים באהערשט אין גאנצן — ער האט נישט געקענט מע בלייבן אין „עק מערב", ער האט געמוזט פארן און מיט זיינע אויגן אנ קוקן דעם קעגנשטאנד פון זיינע אייביקע חלומות, די חורבות פון דער פאר גאנגענער יידישער גרויסקייט. עס איז געווארן ווי א לעבנס־אידעאל פא דעם באגייסטערטן דיכטער, און קיין קרבן איז נישט אימשטאנד געווע אים אפצוהאלטן פון דעם געוואגטן שריט. ער האט פארלאזט זיין איינצי קע טאכטער און זיין ליב אייניקל; ער האט פארלאזט די ישיבה, וואס ע האט געגרינדעט אין זיין שטאט טאלעדא, מיט א גרויסער צאל תלמידי און פריינט, וואס האבן אים געליבט און פארערט; ער האט זיך מיט א געשיידט, און אונטערגענומען די ווייטע און געפערלעכע רייזע צום הי ליקן לאנד (1140).

אין שפאניע האט זיך ר' יהודה הלוי געזעצט אויף א שיף, וו איז געגאנגען קיין מצרים, און דא, געטראגן איבער די ברויזנדיקע כוו ליעס, האבן זיך פונעם דיכטערס ברוסט ארויסגעריסן מעכטיקע ים־ג זאנגען, וואס צייכנען זיך אויס מיט אן אומגעוויינלעכער שיינקייט. ד דיכטער זינגט:

כ'האב פארגעסן אלע ליבסטע,
כהאב פארלאזט מיין אייגן הויז;
כ'האב דעם ים זיך אפגעגעבן —
טראג מיך, ים, צום מוטערס שויס!...

אַנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקניִיטשט זיך און געקרומט —
פּלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אַט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

אַט האָט זיך אַ טאָל געעפנט,
אַט שטייט אויף אַ הויכער באַרג —
פּלאַטער, זעגל! בויג דיך, מאַסטבוים! —
דו, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד...

(אין דער איבערזעצונג פון ח. נ. ביאַליק).

ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מצרים, איז ר' **יהודה הלוי** אויפ־גענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד פון די דאָרטיקע יידישע חשובים, צווי־שן וועלכע עס האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט מיט זייער האַרציקער גאַסטפריינטלעכקייט דער אַלעקסאַנדרינישער געלערנטער און דיכטער אהרן בן־ציון אבן־אַלמאַני און דער נגיד פון מצרים שמואל בן חנניה אַבו־מאַנסור, וועלכער האָט דעם באַרימטן דיכטער באַזונדער איינגעלאַדן צו זיך קיין קאַהירע. דאָ האָבן די איבערגעגעבענע פריינט און פאַרערער פון דעם גרויסן דיכטער אים אפילו געפּרוווט איבעררעדן, ער זאָל אין גאַנצן אויפגעבן די געפערלעכע רייזע אינעם הייליקן לאַנד. דער באַגייסטערטער ציון־זון האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן: ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט

אויף דעם מסוכנדיקן וועג קיין פּאַלעסטינע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די קרייץ־פאַרער, און פון דעם מאָמענט אָן, זיינען נישט דערגאַנגען מער קיינע שפּורן פון דעם הייליקן וואַנדרער. אַזוי, אַז מ׳ווייס אפילו נישט, צי זיינע פיס האָבן זוכה געווען צו באַטרעטן די הייליקע ערד. די לעגענדע דערציילט, אַז ר׳ יהודה הלוי, איז צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, און ווען ער האָט דערזען פון דער ווייטן די חורבות פון גאָטס הויז, האָט ער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער ערד, און אויסגעוויינט די באַרימטע עלעגיע, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך”, אין דעם איז אָנגעפאַרן אַן אַראַבישער רייטער, וועלכער האָט דעם ווייגענדיקן דיכטער צעטראָטן מיט די פיס פון זיין פערד.

דער דאָזיקער „ציון, הלא תשאלי” איז, אגב, דאָס בעסטע כמעט פון אַלע הלויס ציונס־לידער, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען אין די תשעה באבדיקע קינות. דער דיכטער שרייט אויס מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ:

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,\
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע בענקען?\
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?\
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!\
אין האַרצן דורות־לאַנג געוואַרעמט, טראָגט אים\
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,\
צו דיר אין שוים אַן עלנט קינד דיינס, איינער\
פון די, וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי דיין חרמון,\
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן\
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע...\
מיך ציט צו דיר־... בייגאַכט אויף דיינע חורבות\
בין איך דיין נאַכט־אייל, דיין יאָמערליד,\
און חלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגנשטערן — ווער איך\
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיקע האַרפע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳וויל זען, אַ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,\
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,\
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל נאָך העל און ליכטיק

זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויען הימל
באַנייען און באַפרישן זי מיט יוגנט...
גענוג, איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך...
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן...

(אין דער איבערזעצונג פון ח. נ. ביאַליק).

באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער איז דאָס, וואָס אָט די ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט נאָך ציון איז געווען פאַר אים נישט בלויז אַ דיכטערישע שטימונג, נאָר אויך אַ טיף־ערנסטע איבערצייגונג; ר׳ יהודה הלוי איז געווען אויסער אַ לירישער דיכטער, אויך אַ ווייטזיכטיקער און אָריגינעלער דענקער, און די שיינקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביים אויסדריקן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געפיל, האָט אים נישט פאַרלאָזט אויך דאַן, ווען ער האָט באַגרינדעט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק פון ייִדנטום.

דער הייסער נאַציאָנאַלער ייִד פון טאָלעדאָ האָט דער ערשטער באַגריפן די באַדייטונג פון ייִדנטום ווי אַ זעלבסטשטענדיקע היסטאָרישע דערשיינונג, און בשעת אַלע ייִדישע פילאָזאָפן פאַר אים האָבן זיך כסדר באַמיט צוצופּאַסן די עיקרים פון דער תורה צו די יסודות פון דעם העלעניש ראַציאָנאַליזם, — האָט ר׳ יהודה הלוי אָפן און דרייסט דערקלערט, אַז דער עצם מהות פון ייִדנטום האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיטן העלעניזם און איז אויך — פיל העכער פון אים.

כדי צו דערווייזן דעם אמת, האָט ר׳ יהודה אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק (אין אַראַביש), וואָס איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרן אין העבּרעאיש, אונטערן נאָמען „ספר הכוזרי". דאָס ווערק איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן דעם כאַזאַרישן קעניג בולאַן (דער, וואָס האָט זיך מגייר געווען) מיט אַ גרויסן פילאָזאָף און דערנאָך — מיט אַ ייִדישן געלערנטן. דער פילאָזאָף, וועמען דער געצנדינערישער קעניג האָט גערופן צו זיך, ער זאָל אים שטילן זיין אומרואיקן געוויסן, — אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעאָריע פון גלויבן אָדער, ריכטיקער געזאָגט: נישטגלויבן, אינעם גייסט פון פּלאַטאָן און אַריסטו. ער דערקלערט דעם קעניג, אַז די גאָטהייט איז צו הויך, כדי צו שטיין אין וועלכער ס׳איז באַציאונג מיטן מענטשן און צו פאַרלאַנגען פון אים פאַרערונגען און באַזונדערע מעשים.

דער קעניג בלייבט אָבער מיט דער טעאָריע נישט צופרידן. זיין רעליגיעזער געפיל זאָגט אים, אַז ס׳מוזן יאָ זיין גוטע מעשים און שלעכ־טע, געטלעכע אַנטפּלעקונגען, אַ געטלעכער ווילן און בכלל עפּעס אַזוינס בנוגע צום מענטשן, וואָס די פילאָזאָפן מיט זייער שכל וויסן עס נישט. דאַן רופט דער קעניג צו זיך פאַרטרעטער פון קריסטנטום און איסלאַם, און ווען ער זעט, אַז ביידע שטיצן זיך אויף דעם יסוד פון דער יידישער אמונה, ווי ער איז אויסגעדריקט אין די הייליקע שריפטן, שיקט ער אויך נאָך אַ יידישן געלערנטן, וועלכער אַנטוויקלט פאַרן קעניג די פילאָזאָפיע פון יידנטום. לויט דער דאָזיקער פילאָזאָפיע, שטיצט זיך די יידישע אמונה נישט אויף קיין השערות פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, נאָר אויף רעאַ־לע פאַקטן און אַנטפּלעקונגען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון היסטאָרישערווירקלעכקייט. יעדער מענטשלעכער געדאַנק, יעדע פילאָ־זאָפיע קען זיך אָנהייבן ערשט נאָך די געשעענע מופתים פון דער ביבל — די מופתים, די אַנטפּלעקונגען גופא גייען נישט אַרונטער אונטער קיין סוג פון קריטיק. דאָס איז געווען אַ פּלוצלימדיקע דערשיינונג אינעם גאַנצן וועלטאַל, אין דער גאַנצער יצירה: די געטלעכקייט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיליאָנען קינדער פון איין אויסגעוויילטן שטאַם, וועלכן זי האָט גע־מאַכט פאַרן טרעגער און פאַרשפּרייטער פון אירע אמתן, פון אירע פאָדע־רונגען. זוכה געווען צו דער אַנטפּעלקונג האָט די יידישע אומה, אַ דאַנק איר אָנגעבוירענער זיטלעכקייט, אַ דאַנק איר נאַטירלעכער רעליגיאָזיטעט און זי בילדעט אויף אַזאַ אופן דאָס האַרץ פון דער גאַנצער מענטשהייט.

ווי דאָס יידישע פאָלק אַזוי איז אויך דאָס יידישע לאַנד אויסגע־ווילט — דאָרט האָט זיך גאָטס הערשאַפט באַזונדער דייטלעך אַרויסגע־וויזן, דאָרט האָט זיך זיין ווילן אַנטפּלעקט דורך די נביאים. פון זיי שטאַ־מען די געבאָטן און פאַרבאָטן אין דער תורה, וועלכע זיינען געגעבן גע־וואָרן, כדי צו פלעגן און דערהאַלטן אין דער יידישער אומה די געטלעך נביאישע נאַטור, כדי יעדער שריט פון דעם יידס לעבן זאָל זיין באַשטימט צו אַ הויכן געטלעכן ציל — יידן זאָלן זיין גייסטיק־הויך, גרויס, הייליק דעם זעלביקן צוועק האָבן אויך די יידישע צרות — דאָס הייליקע פאָלי מוז געלייטערט ווערן, כדי צו קענען בעסער אויספירן די גרויסע דערצי־אונגס־פליכטן, וואָס די געטלעכקייט האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

ביי דעם אַלעמען איז דאָך דאָס יידנטום ווייט פון עקסטרעמען אַס

קעטיזם. די געבאָטן פון דער תורה שטרעבן נאָר צו שאַפן אַ האַרמאָנישן לעבנס־סיסטעם, אַ סיסטעם פון אויסבילדן אין אַ באַשטימטער מאָס אַלע טיילן פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם: עס זאָל דער גוף נישט אויסוואַקסן אויפן חשבון פון דער נשמה און דער יחיד אויפן חשבון פון כלל.

דאָס איז דער תמצית פון ר׳ יהודה הלוים רעליגיעס־פילאָזאָפיע, וואָס שטעלט אַוועק אויפן ערשטן פּלאַץ נישט דעם אַבסאָלוטן אמת, נאָר די האַרמאָנישע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, די גערעכטי־קייט אינעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און די ריינקייט פון דעם מענטש־לעכן געפיל. פון דעם שטאַנדפונקט האָט זיך ר׳ יהודה הלוי געמוזט באַ־ציִען נעגאַטיוו אי צו דעם שטרענגן ראַציאָנאַליזם, אי צו די אַנטי־עטישע שטרעבונגען פון דער גריכישער קולטור. ער שרייבט:

„זאָל דיך נישט פאַרלאָקן די גריכישע קלוגהייט, וואָס האָט קיין פרוכט נישט, נאָר בלומען... דו הערסט די רייד פון אירע בלאָנדזשענדיקע חכמים, געבויט אויף שפּינוועבס און בויך־סברות, און קערסט דיך אום מיט אַ פּוסט האַרץ, נישט באַפרידיקט, דערפאַר מיט אַ מויל פול פּלוידעריי".

קאַפּיטל צוועלף

דער צווייטער קרייץ־צוג; די שמד־גזירות אין די מאַכמעדאַנישע לענדער

אין דער צייט, ווען די געבילדעטע יידן אין שפּאַניע האָבן געאַר־בעט פאַר דער אויסבילדונג פון דעם יידישן געשמאַק און דעם יידישן גע־דאַנק, האָבן די יידישע אַקאַדעמישע קרייזן אין פראַנקרייך פאַרגעזעצט די פּרוכטבאַרע טעטיקייט פון דעם גרויסן ר׳ שלמה יצחקי אויף דעם געביט פון דער יידישער טראַדיציע, פון דער יידישער געזעצגעבונג. דאָס איז גע־ווען אין דער ערשטער העלפט פון צוועלפטן יאַרהונדערט, אונטער דער הערשאַפט פון די קעניגן לואי דעם פערטן און לואי דעם זיבעטן, ווען די יידן אין פראַנקרייך האָבן געלעבט נישט בלויז רואיק, נאָר אויך רייך און הרחבהדיק. יידן האָבן דאָ געהאַט אין דער צייט גרויסע הייזער און נח־לאות, פעלדער און וויין־גערטנער, באַנקהייזער און גרויסע מאַגאַזינען (כמעט אַ העלפט פונעם דעמאָלטיקן פּאַריז האָט אָנגעהערט צו יידן), און זייער פּאָליטישע לאַגע איז אויך געווען פעסט און געזיכערט. בראש פון יעדער קהלה איז געשטאַנען אַ יידישער בירגערמייסטער מיט ברייטע פול־מאַכטן, וואָס פלעגט אויסגעקליבן ווערן פון דער קהלה און האָט זיך געפו־נען אונטער דער שוץ פון קעניג אָדער פון דעם באַראָן, צו וועלכן די שטאָט האָט אָנגעהערט. יידן האָבן אפילו פאַרנומען הויכע מלוכה־פּאָסטנס, און ר׳ יעקב תם, איינער פון די גרעסטע תלמודישע אויטאָריטעטן אין יענער צייט, איז געווען אַ גרויסער חשוב אין קעניגלעכן הויף.

ביי אַזאַ גינסטיקער מאַטעריעלער לאַגע האָט די ישיבה אין צפון פראַנקרייך, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם גרויסן ר׳ שלמה יצחקי, געקענט אַנטוויקלען אַן אינטענסיווע אַקאַדעמישע טעטיקייט. נאָך דעם ווי דער טעקסט פון תלמוד איז קלאָר דערקלערט געוואָרן, האָבן זיך איצט גע־עפנט נייע קוואַלן פאַר אַלערליי לאָגישע דרינגענישן און פאַרגלייכונגען, און עס איז אַנטשטאַנען דער פּלפּול, די מעטאָדע פון צעגלידערן יעדע הלכה און צוגעבן צו איר נייע מסקנות מיט נייע מעגלעכקייטן. אָט די צו־

געגעבענע פשטלדיקע טעקסטן האָבן באַקומען דעם נאָמען „תוספות״ און די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם — „בעלי התוספות״ (תוספיסטן).

דעם קרייז פון די ערשטע תוספיסטן האָבן געבילדעט ס׳רוב מיטגלי־דער פון רשי״ס משפחה: זיינע צוויי איידימס ר׳ מאיר בן שמואל און ר׳ יהודה בן נתן (איינע פון רשי״ס טעכטער איז אַליין געווען זייער געלערנט אין תלמוד און זי פלעגט אין פאַטערס נאָמען ענטפערן אויף פאַרשידענע תלמודישע אָנפראַגן); זיינע דריי אייניקלעך: ר׳ יצחק, ר׳ שמואל און ר׳ יעקב, די זין פון דעם דערמאָנטן ר׳ מאיר, און ר׳ יצחק בן אשר הלוי פון שפּייער, רשי״ס אַ קרוב. די מערסטע פון די דאָזיקע תוספיסטן זיינען געווען אויך מפרשים פון תנ״ך; דאָס זיינען אָבער געווען מער אגדהשע דרשנים, און זייערע פירושים זיינען אייגנטלעך געווען, ווי אַ מין תוספות אויך אויף די הייליקע שריפטן.

אַן אויסנאַם פון די אַלע האָט געמאַכט אין דער הינזיכט ר׳ שמואל בן מאיר (באַקאַנט אונטערן נאָמען רשב״ם). ער האָט אָנגעשריבן אַ פּי־רוש אויף דער תורה אָן דרש, אָן פשטלדיקע אגדות, נאָר אָפּגעהיט דעם פשוטן טייטש פון די ווערטער (פשט).

אָט די רואיקע גייסטיקע טעטיקייט איז אָבער באַלד איבערגעריסן געוואָרן — אויף דעם יידישן הימל האָט זיך ווידער פאַרצויגן אַ פינצטע־רער וואָלקן. די קריסטלעכע ריטער, וואָס האָבן געהאַט עטלעכע צענדליק יאָר אין זייערע הענט די הייליקע שטאָט (ירושלים), זיינען באַזיגט געוואָרן פון דעם טערקישן העלד נורעדדין, וועלכער האָט זיך געקליבן אַרויס־צוטרייבן די קריסטן פון גאַנץ אַזיע. די הילפלאָזע ריטער האָבן זיך דאַן געווענדט נאָך הילף צו אייראָפּע. אויף דער בקשה האָט זיך באַלד אָפּגע־רופן דער פויפּסט עוגעניוס דער דריטער, און אין גיכן האָבן די קעניגן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד זיך באַשעפטיקט מיט די הכנות צו אַ נייעם קרייץ־צוג (46 — 1147).

כדי צוצוציען וואָס מער קאַמפס־ברידער, האָט דער פויפּסט אַרויס־געגעבן אַ בוללא, אין וועלכער ער האָט מודיע געווען, אַז יענע אַלע, וואָס וועלן אַריינטרעטן אין דער הייליקער אַרמיי, דאַרפן נישט באַצאָלן יידן קיין פּראָצענט פאַר זייערע חובות. וועגן דער בוללא האָט, לויט אַ באַ־פעל פון רוים, געמוזט דרשהנען אפילו דער באַרימטער **גלח בערנאַרד**, וועלכער איז אין אַלגעמיין געווען אַ הייסער קעגנער פון פאַרברעכערישע

מעשים צוליב הייליקע צילן. אַן אַנדער גייסטלעכער, פּעטער פון קליוני (דער ערווירדיקער) האָט שוין דערנאָך די זאַך פיל ברייטער אַוועקגע־שטעלט. ער האָט זיך געווענדט צום קעניג לודוויק דעם זיבעטן און אים אָנגערייצט קעגן יידן, און זיי באַשולדיקט אין די פאַרשידנסטע פאַר־ברעכנס. דערביי האָט דער הייליקער ווידער איבערגעחזרט דעם אַלטן אויפטו וועגן דער יידישער „אומגלויביקייט".

„צו וואָס נוצט עס אונדז, — האָט ער געשריבן דעם קעניג — זיך אַוועקצולאָזן אין ווייטע לענדער זוכן די שונאים פון קריסטנטום, ווען די גאָט־לעסטערנדיקע יידן, פיל ערגער פון די סאַראַצענען, לעבן דאָ צווישן אונדז, און שענדן קריסטוסן און די הייליקייטן פון דער קירך! גלויבט דאָך דער סאַראַצען גלייך ווי מיר, אַז קריסטוס איז פון אַ יונגפרוי געבוירן, און איז דאָך פאַרשאָלטן, ווייל ער גלויבט נישט אין קריסטוסעס לעבעדיק ווערן, היינט זעט די יידן, וואָס לייקענען אַלץ אָפּ. איך פאָדער נישט, מ'זאָל די פאַרשאָלטענע טייטן, דען עס שטייט געשריבן: „דו זאָלסט זיי נישט טייטן"; נאָר זיי זאָלן, ווי דער ברודער־מערדער קין, פאַרברענגען זייערע יאָרן אין גרויסע צרות, אין שאַנד — עס זאָל זייער לעבן ערגער זיין פון טויט. זיי זיינען אָפּהענגיק, עלנד, דערדריקט, אין פחד — זאָלן זיי־זשע בלייבן אין דעם מעמד אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן זיך נישט אומ־קערן אויפן וועג פון זייער רעטונג. נישט טייטן זאָלסטו זיי, נאָר פאַר זייער נידערטרעכטיקייט אין אַ צוגעפּאַסטער מאָס באַשטראָפן". דאַן גייען אַ ריי פאָרשלאַגן וועגן אַוועקנעמען ביי יידן זייער פאַרמעגן און אַזוי ווייטער.

לודוויק האָט די רשעותדיקע פאָרשלאַגן נישט אָנגענומען, און אַ דאַנק די געוויסנהאַפטע יועצים פון קעניג, די גייסטלעכע סיוגער און בער־נאַרד, זיינען ניט אָנגעווענדעט געוואָרן קיין שום רדיפות קעגן די יידישע קהלות אין פראַנקרייך.

אין דייטשלאַנד, דאַקעגן, האָבן די יידישע קהלות, וועלכע זיינען נאָך נישט געהאַט געקומען צו זיך פון די ערשטע בלוטיקע וואונדן, שוין איבערגעלעבט נייע צרות און פאַרפאָלגונגען. דאָ איז דער קייזער קאָנראַד דער דריטער געווען אָנמעכטיק, און די צעווילדעוועטע פאָלקס־מאַסן זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער צופלאַמט פונעם בלוטיקן רעליגיעזן פאַ־נאַטיזם. דער דאָזיקער פאַנאַטיזם איז נאָך שטאַרקער פונאַנדערגעבלאָזן

געוואָרן אַ דאַנק די פייערדיקע דרשות פון דעם פראַנצויזישן מאָנאַך רו־דאָלף. דער מאָנאַך איז אָן דעם וויסן פון זיינע אויפזעער אַרומגעגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף און געדרשהנט, אַז דער קרייץ־צוג דאַרף זיך אָנהייבן פון די יידן: זיי דאַרפן ווערן פאַרטיליקט אָדער אָפּגעשמאַדט.

די יידן פון די רהיין־געגנטן זיינען איצט אַלזאָ ווידער געשטאַנען פאַר אַ גרויסן אומגליק. עס האָט זיך אַפילו דער קייסער אַליין אויף זיי מרחם געווען און זיי אָפּגעגעבן די שטאָט נירענבערג און נאָך עטלעכע פעסטונגען, וואו די בלוטיקע הענט פון די קרייץ־פאָרער האָבן נישט גע־קענט דערגרייכן. דאָס לאַנד אינגאַנצן האָט זיך אָבער געפונען אונטער דער הערשאַפט פון איינצלנע פעאָדאַלן און בישאָפן, און דעם קייסערס וואָרט האָט דאָ נישט געהאַט קיין באַדייטונג. דאָ האָבן מעכטיק געקלונ־גען רודאָלפס ווערטער אינעם נאָמען פון גאָט, אינעם נאָמען פון דער הייליקער קירך, און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן פרוכטן פון די קערנער, וואָס דער הייליקער האָט פאַרזייט.

די ערשטע קרבנות זיינען געפאַלן אין אויגוסט 1146, אין דער געגנט פון קעלן און שפייער. עס זיינען אַכזריותדיק געטויט געוואָרן ר׳ ש מ ע ו ן פון טריער און אַ פרוי מ י נ אַ פון שפייער. די יידן פון די איבעריקע קהלות האָבן דאַן אָנגעהויבן זיך צו פאַרזיכערן מיט אַ געוויסער שוץ: זיי האָבן באַצאָלט באַדייטנדיקע סומעס געלט און אָפּ־געדונגען ביי די פירשטן זייערע פעסטונגען און שלעסער. דער קאַרדינאַל־בישאָף פון קעלן, אַרנאָלד, האָט איבערגעגעבן די אָרטיקע יידן די פעס־טונג וו אָ ל ק ע נ ב ו ר ג ביי קעניגסווינטער און האָט זיי אַפילו דער־לויבט זיך צו פאַרטיידיקן מיט געווער. אין די דאָזיקע פעסטונגען זיינען די באַהאַלטענע געווען אויסער געפאַר; האָט אָבער ווער פון זיי געוואָגט זיך צו ווייזן אויף דער ווייסער וועלט, איז ער פון די ברידער גלייך גע־שמדט אָדער געטויט געוואָרן.

די קירכן־זיילן פון דער רהיין־געגנט זיינען אָבער אין אַלגעמיין גע־ווען קעגן דער בלוטיקער אַנאַרכיע, וואָס האָט זיך פאַרשפרייט אין לאַנד, און זיי האָבן גענומען זוכן מיטלען קעגן דעם פייערדיקן אַגיטאַטאָר רו־דאָלף, וועלכער איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ווילדער און חוצפהדיקער. דער מיינצער בישאָף האָט זיך געווענדט צו דער גרעסטער קירכלעכער

אויטאָריטעט פון יענער צייט, בערנאַרד פון קלערוואָ, און אים געבעטן ער זאָל ווירקן אויף דעם צעווילדעוועטן מאָנאַך. דער הייליקער בערנאַרד האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן רודאָלפס דרשות און פאַרזיכערט, אַז די רדיפות אויף יידן זיינען קעגן דעם אמתן גייסט פון קריסטנטום. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָט דער גלח אַליין געקומען קיין דייטשלאַנד, כדי צו ווירקן אויפן קייסער, ער זאָל זיך אויך אָוועקשטעלן בראש פון אַ מחנה קרייץ־פאָרער, און דאַן האָט ער ווידער גע־דרשהנט פאַרן המון און אים אויפגעפאָדערט, צו שוינען די יידן.

די דרשות פון דעם הייליקן בערנאַרד האָבן שוין אָבער איצט גאָר־נישט געקענט אויפטאָן אַנטקעגן די אויפגערייצטע אינסטינקטן פון דער מאַסע, וואָס איז, אגב באַמערקט, געווען אויך אויסגעהאַלטענער פון די אַלע ערלעכע מוסר־זאָגערס. „אויב עס איז אַ מצוה — האָט דער קריסט־לעכער המון גאַנץ לאָגיש געדרונגען — צו טויטן אומגלויביקע טערקן, איז שוין ממילא אויך קיין עבירה נישט אומצוברענגען די נאָכמער אומ־גלויביקע יידן". ווען עס האָט זיך, צום אומגליק, גראָד געמאַכט, אַז ביי ווירצבורג האָט מען געפונען אַ דערהרגעטן קריסט, האָבן די אָנגעזאַמלטע קרייץ־פאָרער גלייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן זיינען באַגאַנגען די רציחה, און באַלד נאָכדעם זיינען זיי באַפאַלן די ווירצבורגער (25 אדר 1147) יידן און צוואַנציק פון זיי געטויט. צווישן די קדושים האָט זיך געפונען דער באַרימטער ר׳ י צ ח ק ב ן א ל י ק ו ם, וועלכן די רוצחים האָבן דערשטאָכן מיט אַ שווערד, ווען ער איז געזעסן פאַרטיפט איבער אַ הייליקן ספר. אַנדערע יידן זיינען אַזוי אכזריותדיק געשלאָגן געוואָרן, אַז די „הייליקע" האָבן זיי אָנגענומען פאַר דערהרגעטע, און שפּעטער האָבן זיך מיטליידיקע קריסטן אויף זיי דערבאַרעמט און אַריינגענומען צו זיך אין די הייזער. די אַכזריותדיקע רציחות האָבן טיף געריערט אויך דעם בישאָף פון שטאָט: ער האָט די יידישע מאַרטירער געלאָזן מקבר זיין ביי זיך אין גאָרטן, און באַזאָרגט די לעבן־געבליבענע יידן אין אַ דערביי־איקער פעסטונג.

פון דייטשלאַנד האָבן זיך די רציחות ווידער אַריבערגעטראָגן קיין פראַנקרייך. אין קאַראַנטאַן איז פאָרגעקומען אַן אמתע מלחמה צווישן די הייליקע באַנדעס און אַ מחנה באַוואָפנטע יידן, וואָס האָבן זיך צונויפגע־זאַמלט אין איין הויף; די יידן זיינען ענדלעך באַזיגט געוואָרן און כמעט

אַלע געוואָרן אויסגעשחטן. אין ראַמיו איז דער המון באַפאַלן די יידן דעם צווייטן טאָג שבועות; דערביי האָבן זיך די רוצחים אַריינגעריסן אין הויז פון דעם אָנגעזעענסטן יידישן גאון אין פראַנקרייך ר׳ יעקב תם, צערויבט אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען, צעריסן די הייליקע ספרים און דעם בעל הבית אַליין געשלעפט אין פעלד אויסערן שטאָט. דאָ האָבן זיי דעם געפאַנגענעם פריער געפייניקט מיט אַלערליי עינויים און דערביי דערקלערט: „דו ביזט דער גרעסטער ביי יידן, דעריבער דאַרפן מיר זיך אין דיר נוקם זיין פאַר אונדזער געקרייציקטן אויסלייזער״.

דערווייל איז פאַר דעם אָרט פון דער שרעקלעכער עקזעקוציע גראָד פאָרבייגעגאַנגען אַ ריטער, וועלכער האָט ר׳ יעקבן געקענט. דער רבינו תם האָט דאַן געבעטן הילף ביי דעם באַקאַנטן ריטער און אים צוגעזאָגט אַ טייער פערד, און דער ריטער האָט אויסגעבעטן ר׳ יעקבס קערפּער פון די מערדערישע הענט (47 - 1148). נאָכדעם זיינען שוין אין פראַנקרייך ניט פאָרגעקומען, אַ דאַנק דעם איינפלוס פון דעם אויבן דערמאָנטן בערנאַרד, מער קיין שום יידישע שחיטות.

אַ בעסערן גורל האָבן געהאַט די יידישע קהלות אין ענגלאַנד, וואו יידן האָבן, זינט ווילהעלם דעם באַזיגער, אָנגעהויבן אויסצוואַנדערן פון פראַנקרייך. זיי האָבן פון די קרייץ־פאָרער נישט געליטן, אַ דאַנק דער שוץ פון קעניג סטעפאַן. דאַקעגן האָבן די בעהמישע יידן דאָס מאָל אויך שווער געליטן פון די דורכגייענדיקע קרייץ־ברידער. פון זיי זיינען געפאַלן ביז הונדערט פופציק קרבנות. פרייער אָפּגעאָטעמט האָבן יידן ערשט נאָכדעם, ווי די הייליקע מחנות זיינען אַריבער די גרענעצן פון מערב־אייראָפּע; ערשט דעמאָלט האָבן די יידן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן. דעמאָלט זיינען די אנוסים אויך אַריבער צוריק צום יידישן גלויבן, נישט געשטערט פון קיינעם.

בכלל, האָט דער פאַנאַטיזם פון צווייטן קרייץ־צוג פאַרשלונגען ווייניקער יידישע קרבנות, ווי דער ערשטער, ווייל די הערשנדיקע קרייזן זיינען איצט מער פאַראינטערעסירט געווען צו באַשיצן יידן. פאַר דעם שוץ האָבן יידן אָבער זייער טייער באַצאָלט. דער דייטשער קייסער איז פון יענער צייט אָן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יידישער באַשיצער, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידן, וועלכע האָבן זיך ביז אַהער גערעכנט פאַר פרייע בירגער פון לאַנד, זיינען געוואָרן קאַמער־קנעכט פון דער

רוימיש־דייטשער אימפּעריע. אין אָנהויב האָט דער נאָמען באַטייט בלויז דאָס, אַז די יידן זיינען אומבאַרירלעך און זיי דאַרפן דערפאַר צאָלן אַ געוויסן שטייער. וואָס ווייטער האָט מען אָבער אָנגעהויבן אַריינצולייגן אין דעם נאָמען אַלץ מער נגישות, און דער סוף איז געווען, אַז די יידן זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איין מדרגה מיט שקלאַפן און לייב־אייגענע. אָט די פאַרקנעכטונג האָט ארויפגעלייגט אַ באַזונדער פינצטערן שטעמפּל אויף דער גאַנצער פסיכיק פון די דייטשע יידן: זיי האָבן פאַר־לוירן יעדן שוואונג פון געדאַנק, זיינען נאָכמער איינגעשלאָסן געוואָרן אין זיך און אָפּגעריסן געוואָרן אינגאַנצן פון דער ממשותדיקער ווירקלעכקייט.

גלייכצייטיק מיט די שרעקלעכע יידישע פאַרפאָלגונגען אין די לענ־דער פון מערב אייראָפּע, האָט זיך פאַר די יידן אין צפון־אַפריקע אויך אָנגעהויבן אַ ריי פון שווערע קלעפּ און רדיפות. אַבדאַלאַ איבן טומאַרט, באַאיינפלוסט פון דעם מיסטישן מאכמעדאנישן פילאָזאָף אַלגהאַזאַלי, האָט אויפגערודערט אַלע בערבערישע שטאַמען קעגן קונסט און וויסנשאַפט און בכלל קעגן די פרייגעזינטע אַלמאָראַווידישע הערשער. דער אויפשטאַנד פון די דאָזיקע רעליגיעז־פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן (באַקענער פון איין אייב־ציקן גאָט, קעגן די סוניטישע בוכשטעבלעכע פאַרקערפּערונגען פון דער גאָטהייט) האָט באַלד אַרומגעכאַפּט גאַנץ צפון־מערב אַפריקע, און נאָך איבן טומאַרטס טויט האָט זיך זיין תלמיד אַבדול־מומען אָוועקגעשטעלט בראש פון דער אַלמאָהאַדישער באַוועגונג. אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאַנאַטישן העלד, זיינען די אַלמאָהאַדן געגאַנגען פון נצחון צו נצחון, און צוזאַמען מיט דער הערשאַפט פון די אַלמאָראַווידן האָבן זיי געזוכט צו פאַרניכטן אויך יעדן שפּור פון אַן אַנדער גלויבן, אויסער דעם ריין־מאַכ־מעדאַנישן. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער צפון־אַפריקאַנישער הויפּטשטאָט מאַראָקע (1146), האָט דער נייער הערשער צוזאַמענגערופן אַלע יידן פון דער קהלה, און זיי דערקלערט דאָס ווייטערדיקע: „איר לייקנט אין דער שליחות פון דעם נביא מאכמעד, און גלייבט אַז דער משיח, וואָס וועט צו אייך קומען, וועט אייערע געזעצן באַשטעטיקן און אייער גלויבן באַפעסטיקן. אייערע עלטער־זיידעס האָבן אָבער פאַרזיכערט, אַז אָט דער משיח וועט קומען שפּעטסטנס איין האַלבן יאָרהונדערט נאָך מאַכמעדס דערשיינען. אָט דער האַלבער יאָרהונדערט איז שוין לאַנג אַריבער און אייער משיח איז נישט געקומען. מיר קענען אייך דעריבער נישט

לאָזן מער אין אייער אומגלויבן; מיר דאַרפן אייערע שטייערן נישט; איר קענט זיך אויסוויילן: אָננעמען דעם איסלאַם אָדער שטאַרבן".

די דאָזיקע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַרצווייפ־לונג אין די יידישע קרייזן, און נאָך פיל בקשות און השתדלותן איז דער הערשער מרוצה געוואָרן, צו לאָזן אויסוואַנדערן די יידן פון לאַנד נאָך אַ באַשטימטן טערמין. דאַן האָבן מאַסן יידן אויסגעוואַנדערט אין די שכנישע מאכמעדאנישע און אפילו קריסטלעכע לענדער; אַ סך זיינען אָבער אויך איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה מיט זייער געוויסן: זיי האָבן לפנים אָנגענומען דעם איסלאַם, וואָס האָט זיי צו קיין זאַך נישט פאַרפליכט, און געהיים אָפּגעהיט אַלע געבאָטן פון דער תורה. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען אַפילו באַקאַנטע רבנים און געזעצלערער — זיי האָבן זיך געטרייסט דערמיט, וואָס מ"צווינגט זיי נישט צו קיין שום געצנדינערישע אָדער אַזוי גלאַט פאַרברעכערישע מעשים, און דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן צו טון, איז נאָכזאָגן די פאָרמול, אַז מאכמעד איז געווען אַ נביא. אָט די מאַכמעדאַנישע אנוסים האָבן אַפילו געהאַט עפנטלעכע ישיבות, וואו הונ־דערטער תלמידים האָבן שטודירט דעם תלמוד.

אין אַ יאָר־צוויי אַרום איז גאַנץ דרום שפּאַניע שוין אויך געלעגן אין די הענט פון די העלדישע אַלמאָהאַדן און אויך דאָ איז די יידן גע־שטעלט געוואָרן דער אולטימאַטום: איסלאַם אָדער אויסוואַנדערונג. דער־ביי האָבן זיי גלייך חרוב געמאַכט די שיינע יידישע שוהלן אין אַנדאַלוזיע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּראַכט און געשמאַק. דאַן זיינען אונטערגעגאַנגען די באַרימטע ישיבות אין סעוויליאַ און לוצענאַ (1148־49), און ווער ס'האָט נאָר געקענט, איז אַנטלאָפן אינעם קאַסטילישן טאָלעדאָ. די איבעריקע האָבן געטון דאָס אייגענע, וואָס די יידן אין אַפריקע: האָבן אָנגענומען לפנים דעם איסלאַם.

דער זאַמלפּונקט פאַר די אַנטלאָפענע פון דעם מאכמעדאנישן פאַנאַטיזם איז איצט, ווי געזאָגט, געווען דאָס קריסטלעכע קאַסטיליע. דער קלוגער און מענטשנפריינטלעכער קייזער אַלפאָנזאָ ריימונדעז (1126 ־ 1157) האָט די יידן זייער גוט באַהאַנדלט, און דערצו האָבן דאָ די אַנטלאָפענע באַקומען אַ שטאַרקע שטיצע פון דעם נשיא ר' יהודה אבן עזרא, וועלכער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אינעם קאַסטילישן מלוכה־לעבן. ער האָט די אָנגעקומענע עמיגראַנטן אַרויסגעוויזן אַן אמתע ברידערלעכע

גאַסטפרײַנטלעכקייט, און אין גיכן איז די קאַסטילישע טאָלעדאָ געוואָרן אַ באַדייטנדיקער צענטער פאַר יידישן וויסן און שאַפן.

די אָנגעזעענסטע צווישן די דאָרטיקע אויסגעוויילטע יידישע גייס־טער פון יענער צייט זײַנען געווען ר׳ אברהם אבן־דאָוד און ר׳ אברהם אבן עזרא. דער ערשטער (געב. 1110, געשט. 1180) איז געווען גוט באַ־האָוונט אין אַלע וויסנשאַפטלעכע געביטן פון יענער צייט און האָט זיך באַזונדער אָפּגעגעבן מיט געשיכטע, יידישער ווי אַלגעמיינער. אבן דאָוד איז געווען אַ באַגאַבטער, קלאָרער גייסט, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט די העכסטע פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ווען ער האָט באַמערקט אין די יידישע קרייזן אַ געוויסע צוריקגעצויגנקייט פון דער פילאָזאָפיע, האָט ער זיך באַמיט צו דערווייזן (אין זײַן אַראַביש גע־שריבענעם ספר „אמונה רמה״), אַז דאָס יירנטום פאַרפליכטעט יעדן יידישן יחיד, זיך צו פאַרטיפן אין די פראַגן פון וועלט און לעבן. די פליכט פון יעדן יידן איז: נישט צו גלויבן בלינדערהייט אין די יסודות פון דער תורה, גאָר זיי צו באַגרייפן קריטיש און מיטן פולן באַוואוסטזיין.

די פּראַקטישע געבאָטן פון דער תורה טיילט אבן דאָוד איין אין פינף קאַטעגאָריעס. צו די ערשטע העכערע קאַטעגאָריעס געהערן די געזעצן, וואָס דערמאָנען דעם מענטשן אין גאָט דעם הערשער און באַשעפער, וואָס מאַכן איידעלער און פיינער דעם מענטשנס געפילן און זײַן געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין; דאַן גייען די אַלע געזעצן וועגן קרבנות, וועגן כשר און טרפה און אַזוי ווייטער. אבן דאָוד איז אויף אַזאַ אופן דאָ אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שטאַנדפּונקט פון ר׳ יהודה הלוי, וועלכער זעט אין די קרבנות, למשל, אַ וויכטיקן יסוד פון דער יידישער געזעצגעבונג (כדי צו דער־האַלטן די נביאיש־געטלעכע נאַטור פון דעם יידישן שטאַם.)

מער באַדייטונג פון אבן־דאָודס פילאָזאָפישע אָנשויאונגען האָבן זײַנע שאַפונגען אויף דעם געביט פון דער יידישער געשיכטע. אין זײַן „ספר הקבלה״ האָט אבן דאוד אַזוי ווי געוואָלט דערווייזן די גאַנצע היס־טאָרישע קייט פון דער יידישער מסורה, אָנגעהויבן פון דעם ערשטן יידישן פירער און געזעצגעבער און געענדיקט ביז זײַן אייגענער צייט, כדי אויף אַזאַ אופן צו שיצן דאָס רבנישע יידנטום קעגן די אָנפאַלן פון די קאַ־ראַימער. דאָס איז אַ היסטאָריש־געטריע כראָנאָלאָגישע רשימה פון אַלע געזעצלערער און רעליגיעזע אויטאָריטעטן, וואָס דאָס יידנטום האָט גע־

האָט אין אַלע צייטן און אַלע לענדער. דערביי זוכט דער היסטאָריקער באַזונדער צו באַטאָנען, אַז „די גייסטיקע העגעמאָניע פון מזרח איז איבערגעגאנגען צום מערב, און אַז די שפּאַנישע רבנים, ווי אויטאָריטעטע נאָכפאָלגער פון די בבלישע גאונים".

טיפער און פילזייטיקער פון ר' אברהם אבן דאוד איז געווען ר' אברהם בן מאיר אבן עזרא פון טאָלעדאָ (געב" 1092). דאָס איז געווען אַן אומרואיקער, קריטיש־שאַרפער גייסט מיט טיפע קענטעונישן אין אַלע צווייגן פון דעם מענטשלעכן און יידישן וויסן; דערביי אָבער אויך נישט אויסגעהאלטן און פול מיט סתירות און הפוכים. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט שפּראַך־ און ביבל־פאָרשונג, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע; דאָס זיינען אָבער געווען בלויז צעשפּליטערטע בליצן פון גייסט, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט פאַראייניקט אין איין אָרגאַנישער גאַנצער אויפפאַסונג. אבן עזרא איז געווען איינצייטיק, אַ נישט־פשרהדיקער שאַרפער קריטיקער און אַ קנעכט פון טויטן בוכשטאַב, אַ ראַציאָנאַליסט און אַ מיסטיקער, אַן אינערלעכער מאמין אין גאָט און פול מיט שרעק פאַר אַ „שלעכטן שטערן".

פון טאָלעדאָ האָט אבן עזרא אויסגעוואַנדערט יונגערהייט און אין אלגעמיין האָט אים דאָס גאַנצע לעבן קיין זאַך נישט געגליקט. שטענדיק אָרים און פאַרלאָזן, האָט ער אַליין אָנגעהויבן קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ פאַרמשפּטן לא יוצלח, וואָס קען שוין מער נישט האָפן אויף קיין גוטס, און דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ פריילעכן — אָבער נישט גוטמוטיקן — קבצן. ער קלאָגט זיך אין איין עפּיגראַם: „איך באַמי זיך, רייך צו ווערן, און קען נישט — די שטערן פון מיין הימל זיינען צו מיר פיינדלעך. ווען איך וואָלט אָנהייבן האַנדלען מיט תכריכים, וואָלט קיין מענטש במשך פון מיין גאַנץ לעבן נישט געשטאָרבן; וואָלט איך־זשע מאכן ליכט פאַר אַ סחורה, וואָלט ביז מיין טויט די זון נישט אונטערגעגאַנגען. קום איך פרי צום האר, זאָגט מען: ער איז שוין אַוועקגעריטן; קום איך אין אָוונט, זאָגט מען: ער האָט זיך שוין געלייגט; אַלץ איינס: צי ער איז אַוועקגעפאָרן, צי האָט ער זיך געלייגט — אַ, ער וועט שוין נישט העלפן מיר, געבוירענעם אָן אַ גליקס־שטערן".

אבן עזרא האָט דורכגעוואַנדערט צפון־אַפריקע, מצרים, פּאַלעסטינע און בבל. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע און איז פאַרבליבן

אין איטאַליע, וואו יידן האָבן צו יענער צייט גאַנץ רואיק געלעבט. אַזוי ווי דער גייסטיקער צושטאַנד פון די איטאַליענישע קהלות איז געווען זייער אַ געפאַלענער, האָט דאָס אָנקומען פון דעם ספרדישן חכם אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקע צופרידנקייט און אויך אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין די מער אינטעליגענטע קרייזן פון איטאַליענישן יידנטום. אַלט און יונג האָט זיך ארומגעקליבן אַרום דעם געלערנטן אבן עזרא, און ער האָט זיי איבערראַשט מיט זיינע רייכע און פילזייטיקע קענטענישן. עס האָבן זיך אַפילו געפונען מעצענאַטן, וועלכע האָבן דעם געלערנטן וואַנדערער אויפגענומען גאַסט־פריינטלעך און געשטיצט; ער האָט אָבער זיך נישט אויפגעהאַלטן לאַנג אין איין אָרט, און איז כסדר איבערגעפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנ־דערער (סאַלערנאָ, לוצענאַ, מאַנטואַ).

ווען ער איז געווען אין איטאַליע, האָט אבן עזרא פאַרפאַסט אַ פירוש אויף אַ גרויסן טייל פון די הייליקע שריפטן. דאָס איז אַ מייסטערווערק, געשריבן אין אַ קורצן, שאַרף־געשליפענעם סטיל, וואָס דערקלערט דעם איינפאַכן, נאַטירלעכן זין פון די הייליקע טעקסטן, זיך שטיצנדיק אויף דעם גראַמאַטישן און לאָגישן צוזאַמענהאַנג צווישן די פסוקים גופא, ווי צווישן די געשעענישן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין זיי. דערביי לאָזט דער דערקלערער גאַנץ אָפט פאַלן פון זיין פעדער שאַרפע קריטישע באַ־מערקונגען איבער פאַרשידענע סתירות אין די פסוקים פון די הייליקע שריפטן און קומט אויף דעם סמך צו זייער דרייסטע באַשלוסן וועגן דער יידישער מסורה. אין קורצע פאַרשטעלטע רמזים גיט, למשל, אבן עזרא צו פאַרשטיין, אַז געוויסע פסוקים פון דער תורה זיינען צוגעשריבן גע־וואָרן פון אַ שפּעטערדיקער האַנט — אַן אויפטו, וואָס האָט געדינט ווי אַ יסוד פאַר אַלע שפּעטערדיקע ביבל־קריטיקער.

אין דער צייט האָט אבן עזרא אָנגעשריבן נאָך אַ ריי אַנדערע ווערק וועגן אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע, מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע און צוויי־דריי ספרים וועגן דער העברעישער גראַמאַטיק.

פון איטאַליע וואַנדערט אבן עזרא אריבער אין צפון־פראַנקרייך, און פון דאָרטן קיין ענגלאַנד. דאָ פאַלט דער פרייגעזינטער אבן עזרא מיט אַמאָל אַריין אין אַ טאָן פון אַ פאַנאַטישן מאמין, און ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם באַרימטן רשב״ם דערפאַר, וואָס יענער האָט זיך דער־לויבט אָפּצוטרעטן פון דער מסורה אין זיין פירוש אויף דער תורה. אין

יאָר 1160 באַגעגנט מען דעם אייביקן וואַנדערער ווידער אין נאַרבאָנאַ (דרום־פראַנקרייך), וואו ער אַרבעט ווייטער איבער זיין גרויסן פירוש אויף תנ״ך און איבער נאָך אַנדערע ווערק. דאַן פאַרלאָזט ער אויך פראַנק־רייך און קערט זיך צוריק אום קיין שפּאַניע; ווי ס׳איז צו גלויבן, איז אים אָבער נישט געלונגען צו באַטרעטן נאָך אַמאָל די ערד פון זיין געבורט־לאַנד, נאָך וועלכער ער האָט זיך פּלוצלינג פאַרבענקט, און ער איז געשטאָרבן אין קאַלאַגאָר, צווישן נאַוואַראַ און קאַסטיליע (אין יאָר 1167).

אין דער צייט האָט דאָס יידישע פראַנקרייך אויך געהאט אַ ריי באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן נאָך מער באַפעסטיקט די באַדייטונג פון פראַנצויזישן יידנטום. ר׳ יעקב תם (רבינו תם) פון ראַמעריו, וועלכער איז מיט נסים ניצול געוואָרן פון די הענט פון די קרייץ־פאָרער, איז געווען די גרעסטע תלמודישע אויטאָריטעט פון זיין צייט, און וואָס עס געהערט צו פּלפּול (אַנאַליטישער שאַרפקייט) האָט ער „נישט געהאט צו זיך קיין גלייכן, זינט דער תלמוד איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן״. די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך און די פאַרפּלאָנטערטסטע וועגן פון דעם גרויסן תלמודישן לאַבירינט זיינען געשטאַנען פאַר אים אָפן, און ער האָט דעם גאַנצן געביט באַהערשט מיט אַן אומגעוויינלעכער קלאָרקייט. אַזוי ווי ער איז געווען זייער רייך, האָט ר׳ תם נישט פאַרנומען קיין אָפיציעלע רבנות; שוין דאַן אָבער האָט זיין נאָמען זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער אַלע קהלות פון שפּאַניע און איטאַליע און פון אומעטום האָט מען זיך געווענדט צו אים, ווי צום העכסטן שופט, די תשובות אויף אַלע שאַלות זיינען דערנאָך צונויפגעזאַמלט געוואָרן אינעם „ספר הישר״, און אויסער דעם האָט ר׳ תם געלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע ליטעראַרישע ירושה אין דער קאָלעקטיווער זאַמלונג פון די בעלי התוספות, צווישן וועלכע ער פאַרנעמט כמעט דעם אָנגעזעענסטן אָרט.

ר׳ יעקב תם איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אַ מין צענטראַלן אָרגאַן פאַר דער יידישער געזעצגעבונג, ווי בכלל פאַר די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון דעם יידישן לעבן. ער האָט געלאָזט צונויפרופן קאָנגרעסן פון רבנים, ענלעך צו די קירכלעכע קאָנגרעסן, וואָס האָבן זיך באַראַטן וועגן אַלע ענינים פון כלל און אָנגענומען פעסטע באַשלוסן. דער ערשטער פון די דאָזיקע רבנישע צוזאַמענפאָרן איז פאָרגעקומען אין יאָר 1160, אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ תם גופא. אויף דעם

צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע סכסוכים און טענות צווישן איין יידן און דעם אַנדערן מוזן אויסגעגלייכט ווערן גאָר אין אַ יידישן בית־דין, און יענע יידן, וואָס ווענדן זיך מיט זייערע אָנקלאָגן אין די אַלגעמיינע געריכטן פון לאַנד, ווערן באַשטראָפט מיט אַ חרם, ד״ה זיי ווערן אויסגעשלאָסן פון דער יידישער קהלה. די זעלביקע שטראָף איז באַשטימט געוואָרן אויך פאַר די יידן, וואָס קויפן און פאַרקויפן אַלערליי קירכלעכע מכשירים, ווייל דאָס רייצט אויף דעם קריסטלעכן המון קעגן יידן. אויף די ווייטערדיקע צוזאַמענפאָרן זיינען אָנגענומען געוואָרן אַ גאַנצע ריי באַשלוסן מיט דעם צוועק, צו באַפעסטיקן די נאָרמעס פון דעם יידישן לעבן אין דער פאַמיליע און אין דער קהלה. ר׳ גרשומס תקנה קעגן פילווייבעריי איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף אייביק פאַר דער גאַנצער אומה; די געזעצן וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פון דער פרוי און וועגן גטן זיך זיינען געגנוי באַשטימט געוואָרן; דערביי האָט איינער פון די צו־זאַמענפאָרן שאַרף פאַרבאָטן: האַנדלען מיט פאַלש געלט, מסרן און שפילן אין קאָרטן.

אין דריי צוזאַמענפאָרן האָט זיך ר׳ תם אַליין נאָך באַטייליקט, און דער גרעסטער טייל פון זיינע יאָרן נאָך דעם אומגליקלעכן קרייץ־צוג איז אים אין אַלגעמיין אריבער במנוחה, נאָר עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט איז אים באַשערט געווען צו זיין אַן עדות פון אַ בלוטיקער יידישער שחיטה.

דאָס איז פאָרגעקומען אינעם שטעטל בלואַ, אויפן ברעג פון טייך לואַר, וואו ס׳האָבן געוואוינט ביז פערציק יידישע משפחות. איין מאָל איז אַ ייד געגאַנגען פאַרנאַכט אויסבאָדן זיין פערד, און צוזאַמען מיט אים איז געגאַנגען אָנטרינקען זיין פערד אויך אַ קריסטלעכער קנעכט, וואָס האָט געדינט ביים הויפּט־אויפזעער פון שטעטל. דערווייל האָט זיך דאָס פערד פון דעם קריסטלעכן קנעכט דערשראָקן פאַר עמיצן און זיך שטאַרק צעווילדעוועט. דאָס האָט דעם קנעכט אויפגערייצט און ער איז געקומען צו זיין בעל הבית מיט אַ שרעקלעכער אָנקלאַגע קעגן דעם יידן: ער האָט געזען, ווי דער יידישער רייטער האָט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַ געשחטן קריסטלעך קינד. דער הויפּטמאַן האָט די אָנקלאגע גלייך איבערגעגעבן דעם הערשער פונעם שטעטל, גראַף טעאָבאַלד, מיט דער דערקלערונג, אַז דאָס קינד איז געוויס געשחטן געוואָרן פון יידן, צוליב דעם יום טוב פסח. דער גראַף האָט דאַן געלאָזט אַריינזעצן אין געפענגע־

ניש אַלע יידן פון שטעטל, אויסער דער פרוי פּולצעלינאַ, צו וועל־כער ער איז געווען באַזונדער גוט געניגט. אַט די קלוגע פרוי האָט זיך געגומען משתדל זיין ביי איר געליבטן גראַף פאַר די אומשולדיקע יידן, און ער איז שוין גרייט געווען זיי צו באַפרייען פאַר אַ באַשטימטער סומע געלט. דאָ האָט זיך אָבער אַריינגעמישט אין דעם ענין דער אָרטיקער גייסטלעכער און נישט דערלאָזט דעם גראַף, ער זאָל זיך באַציען צו דער אָנקלאַגע מיט אַזאַ לייכטקייט. ווי אַזוי זשע האָט דאָך געזאָלט דערוויזן ווערן די יידישע שולד אין אַזאַ האַרבן פאַרברעכן ? דערצו האָט דער גלח פאָרגעלייגט דעם מיטל, וואָס האָט זיך געוויינלעך פּראַקטיצירט אין מיטל־אַלטער ביי אַזעלכע פאַלן: דעם וואַסער־פּרואוו. דער קנעכט־באַשולדיקער איז אריינגעזעצט געוואָרן אין אַ שיפל, וואָס מ'האָט פריער אָנגעפילט מיט געהייליקטן וואַסער; אַט דאָס שיפל האָט מען געלאָזט איבערן טייך, און ווען עס איז נישט אונטערגעגאַנגען, האָט עס געדינט פאַר אַ זיכערן באַ־ווייז, אַז די באַשולדיקונג איז אמת. דער גראַף האָט גלייך נאָך דעם „פאַקטישן באַווייז" ארויסגעגעבן אַ באַפעל, צו פאַרברענען לעבעדיקער־הייט אַלע יידן פון שטעטל. פונדעסטוועגן האָט דער גלח זיי צוגעזאָגט אַ פולשטענדיקע באַגנאַדיקונג, אויב זיי וועלן איבערגיין צום ריינעם גלויבן. די אומגליקלעכע האָבן אָבער אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג מיט פאַר־אַכטונג. ווען זיי זיינען געגאַנגען צום שרעקלעכן שייטערהויפן, האָבן די העלדישע מאַרטירער נישט געקלערט און נישט געצווייפלט, און געזונגען דעם פייערלעכן הימן „עלינו לשבח לאדון הכל" און זיינען אַריינגעשפרונ־גען אין די פלאַמענדיקע פייער־צונגען (כ' סיון 1171). בסך הכל זיינען עס געווען פיר און דרייסיק מענער און זיבעצן פרויען — צווישע די לעצטע אויך פּולצעלינאַ.

אַט די בלוטיקע טראַגעדיע האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע פראַנ־צויזישע יידנטום, און ר' יעקב תם האָט באַשטימט דעם בלוטיקן טאָג אין בלואַ ווי אַ טאָג פון פאַסטן און טרויער פאַר אַלע יידישע קהלות. מיט דעם תענית איז אויף אַזאַ אופן פאַראייביקט געוואָרן אויך דער ערשטער אויסברוך פון דער רשעותדיק־עקלהאַפטיקער „עלילת דם" (בלוט־בלבול, די באַשולדיקונג, אַז יידן טרינקען פסח דאָס בלוט פון קריסטלעכע קינ־דער), וואָס האָט פון דעמאָלט אָן שוין איינגעשלונגען טויזנטער יידישע קרבנות, און ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג אויסגענוצט פון אַלערליי באַר־

באַרן ווי אַ מיטל, אָנצוגרייצן דעם פינצטערן המון קעגן יידן.

צו דעם תענית האָבן צוויי יידישע פייטנים פאַרפאַסט באַזונדערע האַרצרייסנדיקע פיוטים, אין וועלכע עס ווערן באַקלאָגט די הייליקע קרבנות פון גאָט און זיין תורה, פיוטים צו פאַרשידענע תפילות זיינען, איבעריקנס, פאַרפאַסט געוואָרן אויך פון ר׳ תם אַליין, און ווען דער באַ־רימטער ר׳ אברהם אבן עזרא איז געקומען קיין פראַנקרייך, האָט אים ר׳ תם געשיקט אַ שיינע באַגריסונג אין גערײמטע פערזן. דאָס האָט דעם שפּאַנישן דיכטער נישט ווייניק פאַרוואונדערט, און ער האָט געענטפערט דעם פראַנצויזישן גאון מיט אַן עפּיגראַם: „ווער האָט דאָס דעם פראַנצויז אַריינגעבראַכט אין הויז פון דער פּאָעזיע ? ווי קומט אַ פרעמדער צו באַ־טרעטן אַ הייליקן אָרט ? און וואָלט אַפילו יעקבס שיר ווי מן זיס זיין — איך בין די זון, אין מיינע שטראַלן וועט דער מן צעגיין״. אויף דעם שטאָלצן זעלבסטבאַוואוסטזיין האָט ר׳ תם געענטפערט מיט גרויס יראת הכבוד און שטאַרקע קאָמפּלימענטן („איך בין אברהמס אַ געקויפטער קנעכט, איך בייג זיך און קני פאַר אים״), וואָס האָבן דעם דיכטער טיף גערירט. דער לעצטער האָט דאַן אויסגעשריען מיט דער געוויינלעכער אי־בערגעטריבענער פייערלעכקייט פון יענער צייט: „צי פּאַסט עס פאַר דעם גרעסטן פון גאָטס פאָלק און זיין פירער, זיך צו דערנידעריקן אין אַ בריוו צו אַ פאַראַכטעטן פון פאָלק? זאָל דעם מלאך פון גאָט פאַרמיטן זיין, צו קניען און זיך צו בוקן פאַר בלעמען !״

קאַפּיטל דרייצן

די יידישע לאַגע אין דער עפּאָכע פון רמב״ם

אויב די ערשטע העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט האָט פּאַראַיי־ניקט דעם קרייץ מיט דער האַלבער לבנה אינעם קאַמף מיט די „אומגלוי־ביקע״ יידן, האָט די צווייטע העלפט פון דעם יאָרהונדערט זיך נאָך מער דערנענטערט צו דער שרעקלעכער צייט פון פּיין, עלנטקייט און אומענטש־לעכער אכזריות. דאָס דרייצנטע יאָרהונדערט עפנט פאַר יידן אַ תהום פון אומענדלעכער פינצטערניש, אין וועלכן עס דרינגט נישט אַריין קיין איין ליכטיקער שטראַל. יידן ווערן פרעמד, פאַראַכטעט און דערשלאָגן אויפן גאַנצן ערד־קיילעך, און מוזן יאָר־יערלעך ברענגען צענדליקער און הונ־דערטער קרבנות אויף דעם מזבח פון דער אַרומיקער בייזוויליקייט, פון דער ארומיקער פאַראַכטונג צו די היימלאָזיקע אָפּגעזונדערטע עקשנים, פון דעם ארומיקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם. דערווייל, אין די לעצטע צענד־ליקער פון צוועלפטן יאָרהונדערט, זיינען אָבער נאָך געווען נישט ווייניק ליכטיקע פונקטן אין דעם יידישן גלות־לעבן.

אין אַ גוטער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידן אין צפון־שפּאַניע; דאָ האָבן יידן געוואוינט אין די פינף קריסטלעכע קעניגרייכן: קאַסטיליע, לעאָן, אַראַגאָניע, פּאָרטוגאַל און נאַוואַראַ. אין דרום־שפּאַניע דאָקעגן, אינעם מאכמעדאנישן אַנדאַלוזיע, האָבן זיך קיין עפנטלעכע יידן נישט גע־טאָרט געפינען צוליב דעם פאַנאַטיזם פון די אַלמאָהאַדן. די פריערדיקע באַרימטע צענטערס פון יידישן שאַפן און דענקען: קאָרדאָבאַ, סעווויליאַ, גראַנאַדאַ, לוצענאַ — זיינען געשטאַנען וויסט, און זייער פּלאַץ האָט פאַר־נומען טאָלעדאָ, די הויפּטשטאָט פון קאַסטיליע און פון צפון־שפּאַניע בכלל. די יידישע קהלה אין טאָלעדאָ האָט געציילט אין יענער צייט ביז צוועלף טויזנט מיטגלידער, און צווישן די פּרעכטיקע בנינים פון שטאָט האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט די יידישע שולן, „וואָס האָבן צו זייער שיינקייט, ווי ס׳דריקט זיך אויס אַ דעמאָלטיקער כראָניקער, קיין גלייכן נישט געהאַט״. יידן האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט אַלערליי געשעפטן און

זיינען געווען זייער רייך: האָבן געהאט פּרעכטיקע פּאַלאַצן און אַפילו אויך אייגענע, יידישע ריטער, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט די קריסטלעכע אַריס־טאָקראַטן. עטלעכע יידן האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע מלוכה־פּאָסטנס; אַזעלכע זיינען געווען ר׳ יוסף בן שלמה אבן שושן, וועלכער איז געווען זייער באַליבט אין הויף פון אַלפאָנזאָ דעם אַכטן און געטראָגן דעם טיטל נשיא, און אברהם אבן־אַלפאַכאַר, אַ באַגאַבטע, גייסטרייכע קינסטלער־נאַ־טור, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך באַדייטנדיקע שפּורן אין דער אַראַ־בישער ליטעראַטור.

געלעבט האָט נאָך דעמאָלט אויך דער אַלטער היסטאָריקער און רע־ליגיע־פילאָזאָף ר׳ אברהם אבן דאוד. ער איז ערשט אין יאָר 1180 געפאַלן ווי אַ קרבן פון אַ געוויסן פאָלקס־אויפשטאַנד. בעת דעם זעלביקן אויפ־שטאַנד זאָל האָבן אומגעקומען אויך די שיינע יידישע געליבטע פון קעניג, רחל־פערמאָזאַ, וועלכע האָט גאַנצע זיבן יאָר באַהערשט דעם קעניגס האַרץ, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אָפיציעל חתונה־געהאט מיט אַן ענגלישער פּרינצעסן.

ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, האָבן זיך די קאַסטילישע יידן ענג צוזאַמענגעלעבט מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג, און אין דעם קריג פון קעניג אַלפאָנזאָ מיט די אַנדאַלוזישע אַלמאָהאַדן האָבן די יידן גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל. זיי האָבן אָוועקגעשענקט זייערע גיטער פאַר די הוצאות פון דער מלחמה און בעת דער שלאַכט ביי אַלאַרקאָס (19 יולי 1195) האָבן זיי נישט ווייניק מיטגעהאָלפן אַרויסצושטופּן פון לאַנד די מעכטיקע מוירישע מחנות.

נישט ערגער האָט זיך יידן געלעבט אין אַראַגאָניע, צו וועלכער עס האָט געהערט אויך קאַטאַלוניע. דאָ האָט געהערשט דער פרייגעזינטער און קונסט־ליבנדיקער אַלפאָנזאָ דער צווייטער (1162—1196), און ווי אַזעלכער האָט ער שוין נישט געקענט זיין פיינטלעך געשטימט צו די געבילדעטע און באַגאַבטע יידן. זיין יועץ און הויף־דיפּלאָמאַט איז געווען דער געלערנטער יידישער דיכטער ר׳ ששת בינבינישתי, וועלכער איז אויך געשטאַנען בראש פון דער יידישער קהלה אין דער אַראַגאָנישער הויפּט־שטאָט באַרצעלאָנאַ, און ר׳ שמואל אבן חסדאי הלוי (1165—1217), „דער קוואַל פון קלוגהייט און ים פון געדאַנקען״.

אין טאָלעדאָ, אַ קליינע שטאָט אויף דער גרענעץ צווישן אַראַגאָניע

און נאַוואַראַ, האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ באַדייטנדיקע, גלייכבאַרעכטיקטע יידישע קהלה. דאָס איז די געבורט־שטאָט פון דעם באַרימטן רייזנדיקן בנימין בן יונה (בנימין פון טאָלעדאָ), וועמען די יידישע און אויך די אַלגעמיינע פעלקער־געשיכטע האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַר זיינע אינטערעסאַנטע און אמתע ידיעות. ער האָט דורכגעוואַנדערט (1165—1173) אַ גרויסן טייל פון דרום־אייראָפּע און אויך אַ טייל פון אַזיע און אַפריקע, האָט באַאָבאַכטעט אין יעדן לאַנד און אין יעדער שטאָט די אייגנטימלעכקייטן און זיטן פון דער באַפעלקערונג, און באַשריבן די אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען אין אַ באַזונדער ספר אונטערן נאָמען „מסעות בנימין" (בנימינס רייזעס). — אַ גרעסערע צאָל באַרימטע פערזענלעכקייטן האָט אַרויסגעגעבן די קליינע קהלה אינעם קאַטאַלאָנישן שטעטל געראָנאַ, וואו ס'האָט זיך אויסגעצייכנט די פאַמיליע גערונדי. דאָ איז געבוירן געוואָרן ר' זרחיה הלוי (גערונדי), וועלכער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין די יידישע אַקאַדעמישע קרייזן מיט זיין שאַרף־קריטישער באַציאונג צו די זיילן פון דער תלמודישער געזעץ־לערע.

אין די פּראָווינצן אויף יענער זייט פירענעען, לאַנגעדאָק און פּראָוואַנס, האָבן יידן אויך זייער גליקלעך איבערגעלעבט דעם סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט. די הערשאַפט איבער די דאָזיקע דרום־פראַנצויזישע פּראָווינצן איז געווען צעטיילט צווישן צענדליקער קלענערע און גרעסערע מושלים, וועלכע האָבן יידן אָנפאַרטרויט אַלערליי פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס און בכלל זיך באַצויגן צו זיי מיט אַכטונג און סימפּאַטיע. דאָ האָט זיך דעריבער די יידן מאַטעריעל אויך גוט געלעבט. זיי האָבן געהאַט אייגענע גיטער און נחלאות און געפירט אומגעשטערט אַ גרויסן וואַסערהאַנדל מיט שפּאַניע, איטאַליע, ענגלאַנד, עגיפּטן און די ווייטערע מזרח־לענדער.

די באַדייטנדיקסטע קהלה אין דרום־פראַנקרייך איז געווען נאַרבאָן. אָט די קהלה האָט זיך געפונען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר' קלונימוס בן ר' טודרוס, אַן אוראייניקל פון דעם לעגענדאַרישן ר' מכיר, וועלכן קאַרל דער גרויסער נאָך זאָל האָבן געבראַכט פון איטאַליע קיין פראַנקרייך און איבערגעגעבן די נשיאות איבער די פראַנצויזישע יידן. אין נאַרבאָן האָט זיך פאַר יענער צייט אויפגעהאַלטן די באַרימטע משפחה קמחי, וואָס האָט אויפגעטון באַדייטנדיקעס נישט בלויז פאַר די פּראָוואַנס יידן

אַליין. דער שטאַמפֿאָטער פֿון דער משפחה, ר׳ יוסף בן יצחק קמחי (1170), האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש אין העברעיש דעם באַרימטן „חובת הלבבות" פֿון ר׳ בחיי הספרדי, געשאַפֿן אַ פּירוש אויף תנ״ך און פֿאַרפֿאַסט אַ סך פּיוטים. אים ווערט אויך צוגעשריבן אַ פּאָלעמיש ווערק קעגן קריס־טנטום, געשאַפֿן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ דיאַלאָג צווישן אַ „גלויביקן" (יידן) און זיינעם אַ קעגנער. דער גלויביקער דערקלערט, אַז דער איינציקער מאסשטאַב פֿאַר יעדן גלויבן איז די זיטלעכקייט פֿון זיינע אָנהענגער, און אָט זעט מען טאַקע, אַז צווישן יידן זיינען נישט בנמצא קיין רוצחים און גזלנים, די יידישע קינדער ווערן דערצויגן אין פֿרומקייט און ערלעכקייט, די יידישע מיידלעך זיצן ציכטיק און צניעותדיק ביי די עלטערן אין דער היים, יידן שטיצן זיך איינער דעם אַנדערן, שפּייזן דעם הונגעריקן, לייזן אויס דעם געפֿאַנגענעם און צייכענען זיך בכלל אויס מיט אַלערליי מעשים טובים, בשעת די קריסטן גיבן אַרויס פֿון זיך שרעקלעכע פֿאַרברעכער און צייכענען זיך נישט אויס מיט קיינע באַזונדערע מענטשלעכע מדות. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש דער פֿאַקט, וואָס דער קריסט לייקנט אָט די טענה נישט אָפּ, און דאָס איינציקע, וואָס ער האָט אויפֿצוּוואַרפֿן דעם יידישן מאמין, איז דאָס, וואָס יידן נעמען פּראָצענט. אויף דעם ענטפֿערט אים דער מאמין, אַז קריסטלעכע וואָכערניקעס זיינען אויך פֿאַרהאַן נישט ווייניק, וועלכע באַרויבן זייערע אייגענע ברידער; די יידישע פּראָצענטניקעס אָבער דריקן לכל הפּחות נישט די יידישע אָרימעלייט.

די טעטיקייט פֿון ר׳ יוסף קמחי האָט פֿאָרגעזעצט זיין יונגערער זון דוד קמחי (1160—1235). ער איז געווען דער לערער פֿון העברעיש אי פֿאַר די יידן, אי פֿאַר די קריסטן פֿון אייראָפּע, אַדאַנק זיין העברעישער גראַמאַטיק (מכלול) און זיינע פּירושים אויף עטלעכע ספרים פֿון תנ״ך. דאָס זיינען אָבער געווען נישט קיין אָריגינעלע זעלבסטשטענדיקע שאַ־פֿונגען. דער אַזוי גערופֿענער רד״ק (ר׳ דוד קמחי) האָט אַלץ געפֿונען פֿאַר־טיק פֿאַר זיך אין די ווערק פֿון די גרויסע ספֿרדישע שפּראַך־ און ביבל־פֿאָרשער אבן־גנאַח און אבן עזרא, און זיין איינציקער פֿאַרדינסט באַ־שטייט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט די יידן פֿון פֿראַנקרייך און דייטש־לאַנד באַקענט מיט די פֿילאָלאָגישע און עקזעגעטישע פֿאָרשונגען פֿון די דאָזיקע גדולים.

אין נאַרבאָן האָט זיך אַ געוויסע צייט אויפֿגעהאַלטן אויף דער

דיכטער ר' יהודה בן שלמה אלחריזי (1165—1225) פון טאָלעדאָ, וועל־כער דערמאָנט שטאַרק דעם דיכטער שלמה אבן צאַקבל. ער האָט גע־שריבן העברעישע מאַקאַמען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט דער פליסיקייט און לייכטקייט פון זייער שפּראַך, אָבער נישט מער. זיינע שירים זיינען געווען מער טעכנישע קונסט־ווערק: אין זיי פעלט די לירישע ווייכקייט, דאָס לעבעדיקע געפיל און דער ריטמישער קלאַנג פון הלויס, אבן גבירולס און אַפילו אבן עזראס דיכטונגען.

נישט ערגער, ווי אין נאַרבאָן, האָט זיך אין יענער צייט געלעבט די יידן אין בעזיער. דאָ זיינען די באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג געווען נישקשהדיקע, אַ דאַנק דעם צופאַל, וואָס אַ סך אָרטיקע קריסטן האָבן געהערט צו די אַלבינעזער, די כופרים אין דער הייליקייט פון פּויפּסט. די יידן האָבן אָבער דאָ געהאַט צו ליידן יעדעס יאָר אין די פּסחא־טעג פון דעם אַלטן מנהג, וואָס די גלחים האָבן איינגע־פירט, אויפצורייצן די פינצטערע מאַסן צו אַ פּאָגראָם קעגן יידן. די פּאַר־שטייער פון דער קהלה האָבן זיך דעריבער כסדר משתדל געווען פאַרן אָר־טיקן מושל, ער זאָל אָפּשאַפן דעם שענדלעכן מנהג, און ענדלעך האָט זיך זיי דאָס איינגעגעבן צו פּועלן פון דעם וויצע־גראַף ראָגער. דער לעצטער האָט געשלאָסן מיט דער קהלה אַ פאַרמעלן אָפּמאַך, לויט וועלכן יעדער גייסטלעכער, וואָס וועט פּסחא אויפהעצן דעם המון קעגן יידן, וועט אַריינ־געלייגט ווערן אין חרם, און דאַקעגן האָט זיך די קהלה פאַרפּליכטעט צו איינצאָלן יעדעס יאָר אין די טעג — פיר פונט זילבער.

אַ באַדייטנדיקע יידישע קהלה האָט זיך געפונען אין דער בליענדיקער האַנדלס־שטאָט מאָנפּעליע, די הויפּט־שטאָט פון דרום־פראַנקרייך. זי איז אָבער אין קולטורעלער הינזיכט געשטאַנען פיל נידעריקער פון דער קהלה אין דעם דערבייאיקן ליונעל. דאָ האָט זיך געפונען אַ ישיבה, וואָס האָט קאָנקורירט מיט נאַרבאָן, און צוגעצויגן מאַסן תלמידים פון דער פרעמד און פאַרזאָרגט זיי מיט אַלעם נויטיקן. בראש פון דער קהלה און אויך פון דער ישיבה איז געשטאַנען ר' משולם בן יעקב (געשט' 1170), אַן אָנער־קענטער תלמודישער געלערנטער און דערצו אַן עושר. דאָ איז אויך אויס־געוואַקסן די משפּחה אבן־תבון, וואָס האָט פאַראייביקט איר נאָמען אין דער געשיכטע פון דער העברעישער ליטעראַטור. דער ערשטער, ר' יהודה בן שאול אבן תבון (1120—1190), וואָס האָט פון גראַנאַדאָ אַהער איינגע־

וואַנדערט איבער די רדיפות פון די אַלמאָהאַדן, איז געווען אַ באַרימטער מעדיקער מיט אַ רייכער מעדיצינישער פּראַקטיק; דערביי האָט ער גרינט־לעך באַזעסן די אַראַבישע און העברעישע שפּראַכן. דאָס האָט באַוואויגן דעם רייכן ר׳ משולם, אבן תבונס אַ גוטער פריינט, צו אַ פּרוכפּערדיקן שריט: ער האָט אויפגעפאָדערט ר׳ יהודהן איבערצוזעצן אין העברעיש די ווערק פון די גרויסע ספרדישע חכמים. און אבן תבון האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג: ער האָט איבערזעצט כסדר די ווערק פון ר׳ סעדיה גאון (האמונות והדעות), ר׳ שלמה אבן גבירול (תקון מדות הנפש, איבער פראַגן פון מאָראַל און פילאָזאָפיע״, ר׳ בחיי בן פקודי (חובת הלבבות), ר׳ יהודה הלוי (ספר הכוזרי), ר׳ יונה אבן גנאח און נאָך אַנ־דערע אנערקענטע יידישע דענקער. דאָס איז אַן אוצר פון יידישע גייס־טיקע שאַפונגען, וואָס וואָלטן געוויס פאַרלוירן געגאַנגען אָן די העברעישע איבערזעצונגען. די לעצטע זיינען, אגב, נישט זייער באַפרידיקנדיק, צוליב דעם איבערזעצערס פעדאַנטיזם: זיי זיינען ווערטלעך און בינדן זיך שקלאַ־פיש צום אַראַבישן אָריגינאַל; דערביי האָבן זיי אָבער אַריינגעבראַכט אַ מאַסע נייע העברעישע אַבסטראַקטע באַגריפן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין דער שפּראַך און אַ סך מיטגעווירקט צו איר אנטוויקלונג.

פילזייטיקער און געבילדעטער פון ר׳ יהודה אבן תבון איז געווען זיין זון שמואל (1150—1230). ער איז געווען טיף געבילדעט אין מעדי־צין, תלמוד, אַראַבישע ליטעראַטור און נאָך אַנדערע וויסנשאַפטלע גע־ביטן, און האָט דערצו אויך פיל געררייזט אין פאַרשידענע לענדער. ווען ער האָט זיך באַזעצט ענדלעך אין מאַרסעל, האָט דער געבילדעטער שמואל אבן תבון געשריבן עטלעכע אייגענע ווערק וועגן ביבל־פאַרשונג און פי־לאָזאָפיע. דערנאָך האָט ער זיך שטאַרק צוגעבונדן צום רמב״מס ווערק, און די באַדייטנדיקע פון זיי איבערזעצט.

אין פאָסקיער, נישט ווייט פון ליונעל, האָט זיך געפונען אַ יידישע קהלה פון פערציק מיטגלידער. דאָ האָט געלעבט און געווירקט דער באַ־רימטער תלמודישער געלערטער ר׳ אברהם בן דוד („ראב״ד בעל ההשגות״, געב׳ 1125, געשט׳ 1197). ער האָט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה, וואָס האָט צוגעצויגן מאַסן תלמידים, און זייענדיק אַליין זייער רייך, האָט ער די אַלע תלמידים אויסגעהאַלטן כמעט אויף זיין אייגענעם חשבון. ווי אַ תלמודיסט האָט ער אויך, ווי ר׳ זרחיה הלוי, זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט

מיט זיין קריטישער חריפות און מיט זיינע דרייסטע אַרויסטרעטונגען קעגן די באַרימטסטע תלמודישע אויטאָריטעטן. ר' אברהם בן דוד האָט זיך באַשעפטיקט אויך מיט קבלה און געשאַפן אויף דעם געביט עטלעכע ספרים.

פאַר די יידן פון צפון־פראַנקרייך זיינען די לעצטע צוויי צענדליקער פון צוועלפטן יאָרהונדערט געווען די גרענעץ־וואַנט צווישן גליק און אומגליק. געשיצט פון קעניג לודוויק דעם זיבעטן האָבן יידן דאָ גאַנץ רואיק געלעבט: דער קעניג האָט זיך נישט גערעכנט מיט די רשעותדיקע קאַנאָנישע פאַרפאָלגונגען און געגעבן יידן אַלערליי זכיות און הנחות. אָט די לאַגע האָט זיך געענדערט אין די צייטן פון קעניגס נאָכפאָלגער, פיליפּ אויגוסט, וועלכער האָט אין אָנהייב אויך געפּרואווט זיך איינצושטעלן פאַר יידן און איז אַפילו דערפאַר אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם. דער דאָזיקער פאַראַרימטער הערשער האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין געלט, כדי צו קענען פירן זיינע מלחמות, און ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף די יידישע קאַפּיטאַלן. צו דעם צוועק האָט ער איין מאָל אין אַ שבת (16 יאַנואַר 1180) געלאָזט אַרעסטירן (כמעט אָן אַ שום באַשולדיקונג) אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שול ביים דאַווגען, און אויף אַזאַ אופן אַרויסגעריסן פון זיי פופצן הונדערט זילבער־מאַרקן אויסלייז־געלט. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ פאָרשפּיל. נאָך אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער קעניג דערקלערט פאַר נישט גילטיק אַלע חובות, וואָס יידן האָבן געמאָנט ביי קריסטן, און אַ פינפטל פון די זעלביקע חובות האָט געמוזט אַריינקומען אין אוצר המלוכה. און ביי דער רציחה האָבן זיך די פרומע יועצים פון קעניג נאָך נישט אָפּגעשטעלט: מיט איין יאָר שפּעטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן אויסוואַנדערן פון קעניגס לאַנד; דערביי מעגן זיי מיטנעמען מיט זיך נאָר זייערע באַוועגלעכע גיטער, און אַלע זייערע הייזער, פעלדער, וויינגערטנער, וויין־קעלטערס אאז"וו — גייען איבער אין רשות פון קעניג. די פאַרלאָזטע שולן זיינען דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קירכעס, און די אומגליקלעכע יידן פון פאַריז מיט איר אומגעגנט, וואָס האָבן דאָ געלעבט זייט הונדערטער יאָרן, האָבן געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. צום גליק איז דער שטח פון קעניגס מלוכה נישט געווען גרויס, און די אויסוואַנדערער זיינען אומ־

געשטערט אויפגענומען געוואָרן פון די יידישע קהלות אין די איבעריקע פראַנצויזישע פראָווינצן.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער זעלביקער פּיליפּ אויגוסט איינגעטונקט זיינע הענט אין יידיש בלוט: ער האָט געשטעלט די יידן פון שטעטל ברייַ דעם באַקאַנטען אכזריותדיקן אולטימאַטום: שמד אָדער טויט. די אומגליקלעכע האָבן אָבער זיך אַפילו לאַנג נישט אַריינגעטראַכט אין דעם גרויזאַמען פאָרשלאַג און איבער הונדערט פון זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט מיט „שמע ישראל!" אויף די ליפּן.

אונטער דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן הכנות צו אַ נייעם, דריטן קרייץ־צוג. דער העלדישער סאַלאַדין האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט די הייליקע שטאָט: אַפילו דער באַרימטער ריכאַרד לייבנהאַרץ פון ענגלאַנד האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם מאַכמעדאַנישן זיגער און שליסן מיט אים אַ שענדלעכן שלום. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייעם פלאַם פון רעליגיעזער באַגייסטערונג, און באַלד האָבן געוויסן שלוחים פון פּויפּסט (אינאָצענץ דער דריטער) ווידער געדרשהנט וועגן די „אומ־גלויביקע" יידן און אויפגערייצט קעגן זיי די צעפלאַמטע קריסטלעכע מאַסן. די דאָזיקע התלהבות האָט ארומגעכאַפּט אויך די הערשנדיקע באַ־ראָנען און גראַפן פון די פראַנצויזישע פּראָווינצן, און זיי האָבן אַרויסגע־טריבן די יידן פון זייערע געביטן, און אַרויסגעפּרעסט פון זיי פריער דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. דאָן איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: פּיליפּ אויגוסט, דער געוועזענער שונא ישראל, האָט איצט פריינטלעך אויפגענומען ביי זיך אין לאַנד אַלע אויסגעוויזענע פון די אַנ־דערע פראָווינצן, אַפילו אויך יענע, וואָס ער אַליין האָט זיי געהאַט פאַר־טריבן (יולי 1198). און דאָ איז ווידער געשען דאָס אייגענע, וואָס אין דייטשלאַנד: דער באַשיצער איז אין דער זעלביקער צייט געוואָרן אויך האַר און אייגנטימער פון די אומגליקלעכע. יידן זיינען פון דער צייט אָן געוואָרן, ווי אַ מין באַזונדערע קאַסטע פון לייב־אייגענע; זיי האָבן קיין רעכט נישט געהאַט, זיך פריי צו באַוועגן פון איין אָרט צום אַנדערן; זייער פאַרמעגן האָט געהערט צום קעניג אָדער צום אָרטיקן באַראָן, און אין דעם אינווענטאַר פון יעדער נחלה זיינען אַריינגעגאַנגען „אַלע נייטיקע זאַכן און יידן".

אין ענגלאַנד און אין די פראַנצויזישע פּראָווינצן, וואָס האָבן גע־

הערט צו ענגלאַנד, האָבן יידן געלעבט אין מנוחה און רחבות. זיי האָבן געוואוינט אין די גרויסע שטעט, און אין לאָנדאָן האָבן זיי אַפילו געהאַט אייגענע פּרעכטיקע פּאַלאַצן. דאָ האָבן קיין גרויסע אָפּקלאַנגען נישט געפונען די אויפרופן צום ערשטן און צווייטן קרייץ־צוג, און ממילא זיינען די יידן אויך פריי געווען פון שמד־רדיפות. פאַרקערט נאָך: ביי אַ סך ענגלענדער האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צום יידנ־טום, און ווי די כראָניקער פון יענער צייט גיבן איבער, זאָל דאָ האָבן זיך געפונען אַפילו אַ גאַנצע קהלה פון לויטער גרים. — זייערע גייסטיקע גדולים און מנהיגים האָבן די ענגלישע יידן באַצויגן פון פראַנקרייך; און אַזעלכער איז געווען דער לאָנדאָנער רב און ראש ישיבה, ר' יעקב פון אָרלעאַנס, אַ תלמיד פון באַרימטן רבינו תם און איינער פון די באַדייטנ־דיקסטע תוספיסטן.

אַזוי האָט זיך יידן געלעבט אין דער גאַנצער צייט פון הייגריך דעם צווייטנס הערשאַפט. דאַן האָבן זיך פאַר זיי אויך אָנגעהויבן רדיפות און שווערע פאַרפאָלגונגען. דעם ערשטן קלאַפּ האָט דאָס ענגלישע יידנטום באַקומען גלייך אינעם קרוינונגס־טאָג פון הייגריכס נאָכפאָלגער, דעם באַ־רימטן ריכאַרד לייבנהאַרץ. ווען דער ניי־געקרוינטער הערשער (3טן סעפּ־טעמבער 1189) האָט זיך אומגעקערט פון דער קירך אין פּאַלאַץ, האָט אַ יידישע דעפּוטאַציע זיך געוואָלט פאָרשטעלן פאַר אים און, צווישן אַנ־דערע, אויך איבערגעבן דעם קעניג אַ ריי טייערע מתנות. זיי האָט אָבער אויפגענומען מיט אַ פינצטערן פּנים דער ערצבישאָף פון קענטערבורי, באַלדווין, און דערקלערט, אַז פון יידן נעמט נישט אָן דער קעניג קיין מתנות און זיי אַליין זאָלן גלייך אַרויסגיין פון זאַל. אָט די בלוטיקע באַ־ליידיקונג האָט געווירקט אָנשטעקנדיק אויפן המון: עס האָבן זיך גלייך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער קעניג האָט געהייסן פאַרטיליקן די יידן, און די קאָנסעקווענץ דערפון איז געווען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם, וואָס האָט איינגעשלונגען הונדערטער יידישע קרבנות און פאַרניכטעט דעם גרעסטן טייל פון די יידישע הייזער. צווישן די קרבנות איז געווען דער דערמאָנטער ר' יעקב פון אָרלעאַנס, און איין און איינציקער ייד, דער רייכער בענעדיקט פון יאָרק, וועלכער איז אויך געווען איינער פון דער דעפּוטאַציע, האָט זיך געלאָזן לפנים אָפּשמדן. — ווען דער קעניג האָט זיך אויף צומאָרגנס דער־וואוסט פון דער שרעקלעכער שחיטה, האָט ער די הויפּט־שולדיקע באַ־

שטראָפט מיט טויט, און גלייך צעשיקט שלוחים אין אַלע שטעט מיט שטרענגע באַפעלן קעגן יעדן מין פאַרפאָלגונג פון יידן. ריכאַרד האָט אפילו גערופן צו זיך דעם כלומרשטן משומד בענעדיקט, און ווער ער האָט גע־הערט פון אים, אַז ער איז אין האַרצן אַ ייד און וויל שטאַרבן אַ ייד, האָט ער אים דערלויבט אַראָפּצעוואַרפן פון זיך די קריסטלעכע מאַסקע.

דער ריטערלעכער הערשער האָט אָבער באַלד פאַרלאָזט דאָס לאַנד, זיך געשטעלט בראש פון דעם נייעם קרייץ־צוג, און דעמאָלט האָבן זיך אין דער פּראָווינץ איבערגעחזרט די לאָנדאָנער סצענעס. אין די בליענ־דיקע האַנדלס־שטעט לין און נאָרוויטש זיינען מאַסן יידן פאַרברענט גע־וואָרן מיט זייערע הייזער צוזאַמען. נאָר ס׳רוב געליטן האָט די קהלה אין יאָרק, וואו ס׳האָבן זיך געפונען עטלעכע זייער רייכע יידן, צווישן זיי אויך דער דערמאָנטער בענעדיקט. די הילפלאָזע האָבן זיך געפּרואווט שיצן אין אַן אָפּגעזונדערטן קעניגלעכן פעסטונגס־שלאָס; דעמאָלט האָט די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט זיך צונויפגעזאַמלט ארום שלאָס און אים באַלאַגערט. דערביי האָבן עטלעכע דינער פון דער הייליקער קירך אָפּגע־האַלטן פייערלעכע גאָטעסדינסטן, געלייענט תפילות און אַפילו די האָס־טיע גענומען, כדי אויסצובעטן ביי דער געטלעכער השגחה אַ נצחון איבער דעם הייפל איינגעשלאָסענע, באַלאַגערטע יידן.

און די תפילות האָבן געווירקט, כאָטש נישט אין גאַנצן און נישט אַזוי, ווי די מתפּללים האָבן פאַרלאַנגט. אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט פאַר זיך דעם אויסוואַל פון טויט אָדער שמד, האָבן די באַלאַגערטע זיך אָפּגע־שטעלט אויף דאָס ערשטע: זיי האָבן פאַרברענט אַלע ווערטפולע חפצים, ארומגעלייגט פייערן ביי אַלע אַרויסגאַנגען און זיך איינער דעם אַנדערן מיטן מעסער געקוילעט. יאָצעאוס, דער ראש הקהלה, האָט דער ערשטער אַריינגעזעצט אַ מעסער אין דער ברוסט פון זיין געליבטער פרוי חנה, און באַלד האָט דער רב פון שטאָט דאָס זעלביקע מעסער אים אין האַרצן אריינ־געזעצט. אַזוי זיינען אַלע באַלאַגערטע (איבער פינף הונדערט), אומגע־קומען איינער פון אַנדערנס האַנט, און פון דער גאַנצער יאָרקער קהלה איז קיין איינציקער ייד נישט איבערגעבליבן.

מיט איין טאָג שפּעטער זיינען אין סענט עדמונד אויסגעקוילעט גע־וואָרן זיבן און פופציק יידן פון די הענט פון די קרייץ־פאָרער, און דעם זעלביקן גורל האָבן געהאַט כמעט אַלע יידישע קהלות אין ענגלאַנד (ביי

די שחיטות איז אומגעקומען אויך די קהלה פון די גרים). ווען ריכאַרד האָט זיך דערוואוסט פון די רציחות האָט ער אפילו געפּרואווט האָרט באַשטראָפן די שולדיקע. דאָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויסע באַ־דייטונג און דערצו איז די ענגלישע ממשלה אין גיכן איבערגעגאַנגען צו ריכאַרדס ברודער, יאָהאַן, דער קעניג אָן אַ לאַנד, וועלכער האָט זיך אין גאַנצן געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער קירך.

אַביסל בעסער ווי אין פראַנקרייך און ענגלאַנד איז געווען אין יענער צייט די לאַגע פון די יידישע קהלות אין דייטשלאַנד. דאָ זיינען די יידן דאָך געשטאַנען אונטער דער שוץ פון די קיסרים, און קיינער האָט נישט געוואַגט זיי שאַרף אָנצוגרייפן. דערצו ווערט די יידישע קאַמער־קנעכט־שאַפט אויך אָפּגעשוואַכט פון יאָר צו יאָר, און דער הערצאָג לעאָפּאָלד פון עסטרייך האָט אַפילו געהאַט ביי זיך אַ יידישן פינאַנץ־מיניסטער, מיטן נאָמען שלמה, וועלכער האָט געהאַלטן קריסטלעכע דינער, נישט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט פון די קירכלעכע געזעצן. אין שלעזיע האָבן יידן אויך געהאַט אייגענע נחלאות מיט קריסטלעכע דינער, זיי האָבן אָבער מיט דער צייט פאַרלאָזט די גיטער און זיך באַזעצט אין די גרויסע שטעט, וואו זיי האָבן געגרינדעט געשעפטן און באַנק־הייזער.

ביי דער גאַנצער טאָלעראַנטער באַציאונג צו יידן מצד די הערשער, האָבן זיי אָבער געהאַט נישט ווייניק אויסצושטיין פון דעם טיף־רעליגיעזן דייטשן המון, צווישן וועלכן די גלחים האָבן פאַרשפּרייט די לעגענדע וועגן קריסטלעך בלוט און וועגן אַנדערע יידישע פאַרברעכנס. אָט די פיינדלעכע שטימונג פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט פונדעסט־וועגן נישט געשטערט צו דער אויסבילדונג פון אַ יידישן דיכטער אין דער לאַנד־שפּראַך, פון אַ יידישן מינעזינגער, וועלכער איז אויפגענומען גע־וואָרן ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דעם קרייז פון די אָרטיקע דיכטער. דאָס איז געווען דער ייד זיסקינד פון טרימבערג, וואָס האָט אַי־בערגעלאָזט נאָך זיך אַ גאַנצע רייע דייטשע לידער, געשריבן אין דעם גייסט און סטיל פון דער דייטשער פאָלקס־דיכטונג.

רואיק און פריי פון רדיפות (אויסער איין איינציק מאָל) האָבן יידן אין יענער צייט געלעבט אין איטאַליע — דעם צענטער פון קאַטאָליציזם, דאָס לאַנד פון פּעטרוסעס הייליקן שטול. דער קלוגער פּויפּסט אַלעקסאַנ־דער דער דריטער, האָט געהאַט אַ יידישן פינאַנץ־פּאַרוואַלטער, און אונ־

טער זיין הערשאַפט האָבן די איטאַליענישע יידן בכלל נישט געוואוסט פון קיין שום באַגרענעצונגען און באַזונדערע שטייערן. דער דאָזיקער פויפסט זאָל אַפילו האָבן געווירקט אויף דער באַרימטער קירכן־פאַרזאַמלונג פון יאָר 1179, וועלכע האָט בלויז באַשטעטיקט פאַר יידן דעם אַלטן פאַרבאָט, צו האלטן קריסטלעכע דינערשאַפט, און דערפאַר אויך באַפעסטיקט אַלע פרייהייטן פאַרן יידישן האָב און גוטס, ווי פאַר דער יידישער אמונה. נאָך ווייניקער באַשרענקט זיינען געווען די יידן אין דרום־איטאַליע — נעאַפּאָל און סיציליע. יידן האָבן דאָ געלעבט רייך און געהאַט אַ פולשטענדיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונג מיט אייגענע געריכט־אנשטאַלטן.

אין אַן ערגערער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידן אין דער ביזאַנטי־נישער מלוכה. אויף עטלעכע אינדזלען, אין טעסאַליע, מאַקעדאָניע און טראַציע — אומעטום האָבן זיך געפונען רייך באַפעלקערטע יידישע קהלות. די באַדייטנדיקסטע יידישע קאָלאָניעס אין דער גריכיש־ביזאַנטינישער אימפּעריע זיינען אָבער געווען די אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און טהעבען. די דאָרטיקע יידן זיינען געווען רייך און האָבן זיך גערעכנט פאַר די בעסטע זיידן־ און פורפור־פאַבריקאַנטן פון גאַנץ גריכנלאַנד. דערפאַר איז די יידישע רעכטלעכע לאַגע אין דעם לאַנד איצט אויך נישט געווען בעסער, ווי אין די צייטן פון די אַלטע פאַנאַטישע הערשער. די רייכע און די אָרימע יידן, די גוטע און די שלעכטע, זיינען אין אַ גלייכער מאָס פאַרהאַסט און פאַראַכטעט געווען פון די אַרומיקע גריכן. יידן האָבן נישט געטאָרט רייטן אויף קיין פערד — דאָס האָט דער קייסער עמנואל ווי אַן אויסנאַם דער־לויבט נאָר זיין יידישן לייב־מעדיקער שלמה פון עגיפּטן. יידן האָבן זיך דאָ בכלל נישט געפונען אונטער דער שוץ פון געזעץ, און דער ערשטער און בעסטער קריסט האָט זיי געמעגט באַליידיקן און באַרויבן.

אין קליין־אַזיע, סיריע און פּאַלעסטינע, איז דער קיום פון די יידי־שע קהלות אָפּהענגיק געווען פון די אַרומרייסעניש צווישן קריסטנטום און איסלאַם. איז איינע פון די פּראָווינצן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון קרייץ, זיינען די דאָרטיקע יידן באַלד נעלם געוואָרן; דאַקעגן האָבן זיך געפונען באַדייטנדיקע קהלות אין די פּראָווינצן פון איסלאַם. סך הכל האָבן זיך אין דער גאַנצער דעמאָלטיקער פּאַלעסטינע אויפגע־האלטן נישט מער ווי טויזנט יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך ס׳רוב באַשעפטיקט מיט פאַרבערײַ.

פיל מער יידן האָבן זיך צו דער צייט געפונען אין די לענדער צווישן פרת און חדקל. די אַמאָליקע אַקאַדעמישע צענטערס נהרדעא, סורא און פומבדיתא זיינען פאַרוויסט געוואָרן, און אויף זייער אָרט איז אויסגעוואַקסן די קהלה אין באַגדאַד, וואָס האָט געהאַט ביז איבער טויזנט יידישע משפחות און פיר גרויסע שולן. די בבלישע יידן פון יענער צייט (1136) האָבן אַפילו געהאַט אַן אייגענעם נשיא (עקזילאַרך, מיטן נאָמען שלמה), וועלכער האָט געפירט אַ פירשטלעכן שטאַט און גענומען אַ קאָפּ־שטייער פון אַלע יידן אין פּערסיע, אינדיע און טיבעט. באַגדאַד האָט געהאַט אויך אַ באַדייטנדיקע ישיבה, וואָס האָט ווידער געקרוינט אירע פירער מיטן טיטל גאון. נאָך באַדייטנדיקער ווי אין באַגדאַד, איז געווען די קהלה אין מאָסול (ניי־נינוה), וואָס האָט געציילט ביז זיבן טויזנט משפחות. נישט ווייט פון דאָרטן, אין דער געגנט פון אַזערביידזשאַן (צפון־פּערסיע) האָבן געלעבט גאַנצע מחנות פרייע יידן, וועלכע האָבן נישט געוואוסט פון ציוויליזאַציע און קולטור און זיך פאַרנומען מיט באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף די שטאָמען פון די טאָלן. בשעת זיי אַליין זיינען געווען אומבאַצווינגבאַר אין זייערע הימל־הויכע פעסטונגס־בערג. אָט די סטיכישע, קריגערישע יידישע מאַסע האָט אַ געוויסער פאַנטאַסטישער העלד, מיטן נאָמען דוד אַלראָי (אָדער מנחם בן סוליימאַן), געוואָלט אויסנוצן צו אַ גרויסן צוועק. דער דאָזיקער ענטוזיאַסט האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ געשיקטן פון גאָט (משיח) און אויפגערייצט די יידן פון גאַנץ פּערסיע, מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דעם פּערסישן סולטאַן, כדי צוריקצושטעלן די יידישע מלוכה. אַלראָי איז אַפילו געלונגען מיט זיינע מופתים צונויפצוזאַמלען אַרום זיך אַ באַדייטנדיקע באַוואָפנטע מחנה פון די אַזערביידזשאַנער בערג־יידן. דער עקזילאַרך, ווי בכלל די גדולים פון פּערסישן יידנטום, האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרפירן פון דעם געפערלעכן בעל־מופת, און זיי האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן, אים צו באַזייטיקן. די משיח־חלומות האָבן, אגב, נישט אויפגעהערט אויך נאָך אלראָיס טויט, און דאָס האָבן ווידער אויסגענוצט עטלעכע געשיקטע שווינדלער; זיי האָבן געוויזן די עמי־הארצישע באַגדאַדער יידן אַ בריוו פון דעם געשטאָרבענעם משיח, וואו ער האָט פאַרזיכערט, אַז אין אַ באַשטימטער שעה, אין אַ געוויסער נאָכהאַלבער נאַכט, ווען אַלע יידן וועלן זיך אָנטון אין גרינע קליידער און שטייען אַ לאַנגע צייט אויף די דעכער פון זייערע הייזער, — וועט

קומען אַ שטאַרקער ווינט און זיי אַריבערטראָגן גלייך אינעם הייליקן לאַנד. דער המון האָט זיך געלאָזט פאַרפירן, צעטיילט דערוויייל צווישן אָרימע דאָס גאַנצע האָב און גוטס און זיך פאַרזאַמלט מיט די ווייבער און קינדער אויף די דעכער, וואו זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט און אויף קיין שום נסים זיך נישט דערוואַרט.

אַן אומאָפּהענגיקער קריגערישער יידישער שבט האָט זיך צו יענער צייט אויפגעהאַלטן אין דער געגנט כאָראַזאַן, ביי די בערג פון נישאַבור. די דאָזיקע טויזנטער יידן האָבן זיך גערעכנט פאַר אַן איבערבלייבעניש פון די שבטים דן, זבולן, אשר און נפתלי. זיי זיינען געווען גלענצנדיקע פייגל־שיסער, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פיצוכט און געהאַט אַן אייגענעם פירשט, מיטן נאָמען יוסף אמרכל א הלוי. אין אַלגעמיין האָט זיך די ליניע פון דעם פערסיש־יידישן ישוב געצויגן ביז כיווא, וואו ס׳האָבן געלעבט אַכט טויזנט יידישע משפחות, און ביז סאַמאַרקאַנד, וואָס האָט געהאַט גאַנצע פופציק טויזנט יידן. פון די יידישע קהלות אין אינדיע ווייסט דער דעמאָלטיקער רייזנדער נאָר דאָס צו דערציילן, אַז ער האָט דאָרט געזען שוואַרץ־הויטיקע יידן, וועלכע היטן בלויז שבת און מילה. אַ יידישע קאָ־לאָניע האָט זיך געפונען אויך אויף דעם אינדזל ציילאָן: דאָ האָבן געלעבט דריי און צוואַנציק טויזנט יידן, פולקאָם גלייכבאַרעכטיקט מיט די איבער־ריקע באַפעלקערונגען פון דער מלוכה. אין אַדען, דעם שליסל־האָפן צום אַראַבישן און אינדישן ים, האָט זיך געפונען אַן אומאָפּהענגיקער יידישער ישוב, וואָס האָט באַזעסן אייגענע פעסטונגס־שלעסער, געפירט מלחמות מיט די קריסטן פון נוביע און איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט עגיפּטן און פערסיע.

אין אַראַביע האָבן זיך פאַר דער צייט שוין ווידער געפונען יידישע קהלות נאָך דעם, ווי די ערשטע קאַליפן האָבן זיי פון דאַנען אַרויסגעטריבן. באַזונדער רייך באַפעלקערט פון יידן איז געווען די פּראָווינץ די פּראָווינץ. האַנדלסרייכע תימנישע פּראָווינץ, און אין צפון אַראַביע האָבן זיך ווידער, ווי אין די פאַר־מאַכמעדאַנישע צייטן, אַנטוויקלט שטאַרקע אומאָפּהענגיקע יידישע שבטים, מיט אייגענע פעסטונגען און אייגענע פירשטן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פיצוכט, ערד־אַרבעט און קאַראַוואַן־רייזעס. דער צענטער פון איין שבט איז געווען די שטאָט טיימאָ, מיטן פירשט חנן בראש. צווישן די יידן האָבן זיך געפונען נזירים־הייליקע, וואָס האָבן אַ סך

געפּאַסט, קיין פליש און קיין ווייַן נישט פאַרזוכט, געלעבט אין מערות, זיך געקליידט אין שוואַרצן און געטרויערט נאָך ציון. אַ צווייטע גרופּע פון די אַראַבישע יידן האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער געגנט פון טאַלמאַס, און געהאַט פאַר אַ פירשט חננס אַ ברודער, מיטן נאָמען שלמה. אַ דריטע גרופּע פון פופציק טויזנט יידן האָט געלעבט אין דער פּראָווינץ חיבר; די דאָזיקע זיינען ס׳רוב געווען קריגעריש, זיי האָבן אָבער געהאַט צווישן זיך אויך תלמודיש־געלערנטע. אין די איבריקע אַראַבישע שטעט האָבן געלעבט ביז נאָך ניינצן טויזנט יידן. אָט די אַלע יידן האָבן זיך געפונען אונטער דער אויבערשטער אָנפירערשאַפט פון באַגדאַדער עקזילאַרכאַט, וואָס האָט אויף אַ קורצער צייט ווידער אויפגעבליט. דער נאָכפאָלגער פון דעם דערמאָנטן שלמה איז געווען זיין זון דניאל, וועלכער איז אויך געווען זייער אָנגעזען ביי די באַגדאַדער קאַליפן. אונטער דער אויפזיכט פון דעם עקזילאַרך האָט זיך שטאַרק אויפגעהויבן די באַגדאַדער ישיבה, וועלכע האָט באַקומען אַ באַדייטנדיקן לערער (גאון). דאָס איז געווען אַ געוויסער ר׳ שמואל בן עלי, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסע תלמודישע אויטאָריטעט. ער האָט צונויפגענומען אַרום זיך ביז צוויי טויזנט תלמידים, און האָט זיך אין דער זעלביקער צייט גערעכנט אויך פאַר דעם הויפּט־רב און ריכטער פון גאַנצן קאַליפאַט.

נאָכן טויט פון דעם קינדערלאָזן עקזילאַרך איז דער גרעסטער טייל פון יענעמס מאַכט אַריבער צו דעם איינפלוסרייכן ראש־ישיבה און בן־עלי איז געוואָרן דער נשיא פון אַלע יידיש־אַזיאַטישע קהלות, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דעם גאַנצן שטח פון דמשק ביז אינדיע און פון קאַספּישן ים ביז אַראַביע. צו דעם זעלביקן ר׳ שמואל בן עלי זאָלן, ווי ס׳דערציילט דער דערמאָלטיקער רייזנדער ר׳ פּתחיה פון רעגענסבורג, האָבן געקומען שלוחים פון די קאַווקאַזישע בערג־שבטים מיט דער בקשה, זיי צו שיקן יידישע רעליגיע־לערער, ווייל זיבן פירשטן פון זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן די יידישע אמונה פאַר דער אַלגעמיינער אמונה פון לאַנד (1180 — 1185). — ביי דער גאַנצער אויסערלעכער געהויבענער לאַגע פון די מזרח־יידן, זיינען זיי אָבער דאָך געשטאַנען אויף אַ נידעריקער שטופע אין דער הינזיכט פון גייסט און קולטור. אָן טיפערע קענטעניש און אויר־בערפלעכלעך, האָבן די אַזיאַטישע יידן אויף אַ גאַנץ מעכאַנישן אופן אָפּ־

געהיט די געבאָטן פון דער תורה און זיי דערהאַלטן, דערביי אָבער גאָר־נישט געשאַפן, גאַרנישט געלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות.

אין עגיפּטן האָבן די יידישע קהלות געהאַט אַ באַזונדער עקזילאַרך — אונטערן טיטל נגיד. דאָס איז אויך געווען אַ פירשטלעכער טיטל מיט זייער ברייטע פולמאַכטן: דער נגיד האָט זיך גערעכנט פאַר דעם העכסטן פירער און שופט פון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד. אין דער צייט האָט דעם טיטל געטראָגן דער לייב־דאָקטער פון עגיפּטישן קאַליף ר׳ נת־נאל, מיטן אַראַבישן נאָמען היבאַש־אַלאַה־איבן־אַלגאַמי. איבן אַלגאַמי האָט געשריבן באַדייטנדיקע מעדיצינישע ווערק אין דער אַראַבישער שפּראַך און אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געשטאַנען בראש פון אַ גרויסער ישיבה אין דער עגיפּטישער הויפּטשטאָט קאַאירא. דאָ האָט זיך געפונען אויך אַ קאַראַאימישע געמיינדע, און זי האָט אויך געהאַט אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג מיט אַן אייגענעם נשיא.

קאַפּיטל פערצן

ר׳ משה בן מיימון (רמב״ם)

אין דער ריי פון די גרויסע גייסטער, וואָס דאָס יידנטום האָט גע־בוירן און דערצויגן אינעם משך פון עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט, פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדערן פּלאַץ די ריזן־געשטאַלט פון ר׳ משה בן מיימון, דער גייסטיקער קעניג און באַהערשער פון אַלע יידן אין די מזרח־, ווי אין די מערב־לענדער.

ר׳ משה בן מיימון (מיטן לאַנגן אַראַבישן נאָמען: אַבו אַמראַם מוזאַ מיימון אַביאַד אַללאַה) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1135, אין קאָרדאָבאַ, וואו זיין פאָטער מיימון איז געווען אַ דיין, ד״ה אַ מיטגליד פון דעם דאָר־טיקן בית דין. אָט דער טיטל איז איבערגעגאַנגען אין דער מיימונישער משפחה בירושה אינעם משך פון אַ גאַנצער ריי דורות, און מיימון האָט אויסער תלמודישע ספרים (ער איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ יצחק אלפסי) געשריבן אויך ווערק איבער וועלטלעכע וויסנשאַפטן: אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק. ביי דעם פאָטער אין הויז האָט דער יונגער משה זיך דער־צויגן, געלערנט אי תלמוד, אי אַלגעמיינע למודים, ביז ער איז געוואָרן אַלע איינוואוינער דעם אולטימאַטום: איסלאַם אָדער טויט, — דער אול־מאָהאַדן (1148), וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און געשטעלט אַלע איינוואוינער דעם אולטימאַטום: איסלאַם אָדער טויט, — דעם אול־טימאַטום, וואָס האָט פאַרטריבן פון שטאָט דעם גרעסטן טייל פון די יידי־שע איינוואוינער. צווישן די לעצטע איז געווען אויך מיימון: ער האָט מיט זיין פאַמיליע אָנגעהויבן איבערפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. אונטער דער צייט האָט דער לאָגישער און סיסטעמאַטישער קאָפּ פון דעם קומענדיקן ריזן־גייסט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן איבער די פאַרשי־דנסטע געביטן פון יידישן און אַלגעמיינעם דענקען. ער האָט געלערנט תל־מוד, פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט און מע־דיצין, און דער פועל יוצא פון דער אינטענסיווער גייסטיקער אַרבעט איז

געווען אַ פּילזייטיקער פּירוש אויף דער משנה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין יאָר 1158.

פאַרוואָגלט פון שפּאַניע איבער דעם פאַנאַטיזם פון די אַלמאָהאַדן, באַגעגנט מען אין גיכן, אומדערוואַרטעט די פאַמיליע מיימון אין פעץ, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די זעלביקע אַלמאָהאַדן, און וואו יידן האָבן אויך געמוזט טראָגן אויף זיך די מאַסקע פון איסלאַם. דאָ האָט זיך דער יונגער דענקער באַקאַנט מיט דער טרויעריקער לאַגע פון די „אנוסים" און אין דער זעלביקער צייט האָט ער טיף געזען, ווי ווייט שעדלעך די אויסערלעכע מאַסקע ווירקט אויף דער גאַנצער אינערלעכער געדאַנקען־בילדונג. צוזאַמען מיט זיין פאָטער האָט ער געזען, אַז אַ גרויסער טייל פון די המונישע אנוסים הייבט ביסלעכווייז ווירקלעך אָן צו גלויבן אין די עיקרים פון איסלאַם און זיך צוגעוואוינען צו זיי, און די קרענקונג איז נאָך שטאַרקער געווען אַ דאַנק דער אייגענער שוואַכקייט — זיי אַליין האָבן דאָך אויך געטראָגן די מאַסקע.

כדי צו שטאַרקן די אָפּגעשוואַכטע יידישע געמיטער, האָט דאַן דער פאָטער, מיימון, פאַרעפנטלעכט אַ דערמאָנונגס־בריוו צו די אנוסים (1160), און אין גיכן האָט אויך דער זון באַקומען די געלעגנהייט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן וועגן דער אָנגעווייטיקטער פראַגע. עס האָט זיך געפונען אַ הייסער ייד, וואָס האָט נישט געקענט רואיק פאַרטראָגן די פשרות מיטן געוויסן, און ער האָט זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו די יידישע קהלות אין אַפריקע, אין וועלכן ער האָט געשטראָפט די אַנוסים פאַר זייער שוואַכן גלויבן און זיי דערקלערט פאַר כופרים באלהי ישראל, וואָס האָבן קיין חלק נישט אין יידנטום. אָט דער בריוו האָט אַרויסגערופן אַ טיפע פאַרצווייפלונג צווישן די מער אינטעליגענטע און פרומערע אַנוסים, וועלכע האָבן שוין לאַנג געטראָגן די זינד אויף זייער געוויסן. דער לאָגיש דענקענדיקער בן מיימון האָט אָבער געזען אויך די צווייטע זייט פון דער דערשיינונג: אַזוי ווי ער האָט געקענט די גייסטיקע שוואַכקייט פון די המונישע אנוסים, האָט ער מורא געהאַט דערפאַר, אַז אונטער דער ווירקונג פון די שאַרפע אָנפאַלן וועלן די איצטיקע געצוואונגענע משומדים איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך ווירקלעך אָפּרייסן פון יידישן כלל און אינגאַנצן איבערגיין אין די רייען פון שונא. דאָס האָט אים באַוואויגן אַרויסצוטרעטן מיט אַן עפנטלעכן ענטפער קעגן די זלזולים אינעם בריוו פון דעם פאַנאַטישן יידישן

מאמין. דער טאָן פון דעם ענטפער (געשריבן אין אַראַביש, אונטערן נאָמען אגרת השמד: אַ בריוו וועגן שמד), איז אַ הייסער, נערוועזער — אין אים פילט זיך די אָנגעווייטיקטע פאַרביטערטקייט פון אַ באַליידיקטן, וואָס מ׳האָט אים אָנגעגריפן אינעם געפילפולסטן אָרט. די אַרגומענטן, וואָס ער ברענגט, זיינען אָבער שטרענג לאָגיש און דערביי שטיצט ער זיך אויף אויף פסוקים פון די הייליקע שריפטן און מאמרים פון תלמוד. קודם כל זוכט ער צו דערווייזן, אַז זינדיקע און אפילו געצנדינערישע יידן זיינען אויך יידן. דען מיר געפינען, אז אליהו און ישעיה זיינען באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָנגערופן די יידן־געצנדינער פון זייער צייט מיטן נאָמען ׳עם טמא שפתים״; און אויב זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן, איז ווי שוין „דער לייכטזיניקער, וואָס ער דערלויבט זיך צו זאָגן אויף גאַנצע יידישע קהלות מיט זייערע חכמים און תלמידים, אַז זיי זיינען פושעים און רשעים און כופרים באלהי ישראל! און די יידן האָבן דאָך נישט ווידערגעשפעניקט אין גאָט כדי זיך צו זוכן וואוילטאָגן, און האָבן נישט פאַרלאָזט דעם גלויבן צוליב וועלטלעכע פאַרגעניגנס, נאָר זיינען אַנטלאָפן פון שווערד, פון שווערד און פייל און מלחמה־פיין״. דערצו איז „דער שמד, אין וועלכן מיר געפינען זיך, נישט גלייך צו אַלע שמדן, דען קיינער צווינגט אונדז נישט צו ווייזן, אַז מיר דינען עבודה זרה (איסלאַם); מיר דאַרפן נאָר נאָכזאָגן זייער פאָרמול (אַז מאַכמעד איז אַ נביא), און זיי אַליין ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיר גלייבן נישט מיטן האַרצן אין דעם, וואָס אונדזער מויל רעדט אַרויס, און מיר טוען עס נאָר, כדי אָפּצונאַרן דערמיט זייער הערשער (דעם קאַליף)״. דאַן גייט דער שרייבער פון בריוו אַריין טיפער אין דער זאַך: אמת, דער תלמוד פאַרפליכט יעדן יידן זיך מוסר נפש צו זיין פאַר די דריי עבירות: עבודה זרה, זנות און בלוט־פאַרגיסן (שפיכות דמים); נאָך מער: יעדער ייד איז אין אַלגעמיין פאַרפליכט מקדש השם צו זיין אפילו ביי דער קלענסטער זאַך; ביי דעם אַלעמען איז אָבער דאָך קיין שטראָף נישט אָנגעגעבן פאַר די שוואַכמוטיקע, וואָס האָבן דאָס נישט געטון, וואָס זיינען דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען, און קיינער האָט קיין רעכט נישט, זיי אַרויסצונעמען פון כלל ישראל אַזוי לאַנג, ווי זיי טוען דעם פאַרברעך געצוואונגענערהייט, נישט מיטן אייגענעם ווילן. די איינציקע עצה בלייבט אַלזאָ, מקרב צו זיין די אַנוסים און צו זען, זיי זאָלן אַפּ־

היטן ווי ווייט מעגלעך אַלע געבאָטן פון דער תורה, אָדער — אויסוואַנ־דערן פון לאַנד.

די דאָזיקע אַגיטאַציע פון די מיימונס צווישן די אנוסים איז גע־וועזן די סיבה פון אַ גרויסער סכנה מצד די פאַנאַטישע מאַכמעדאַנער און דער סוף איז געווען, אַז די גאַנצע משפחה האָט זיך קוים מיטן לעבן גע־ראַטעוועט און זיך געלאָזט מיטן ים קיין פאַלעסטינע. דאָ האָט זיך די פאַ־מיליע אויפגעהאַלטן אַ קורצע צייט אין די שטעט חברון און ירושלים, וואו דער פאָטער מיט די זין האָבן גאַנצע טעג מתפלל געווען אין די מערות פון די יידישע אבות און אויף דעם אָרט פון בית המקדש, דערנאָך האָבן זיי איבערגעוואַנדערט קיין עגיפּטן, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַרן צענטער פון איסלאַם, און געוואוינט פריער אין אַלעקסאַנדריע (דאָ איז דער אַלטער מיימון געשטאָרבן אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך זייער אָנקומען) און דאַן אין אַלט־קאַאירא. די דאָזיקע עגיפּטישע שטאָט איז געווען אין יענער צייט אַ גרויסער האַנדלס־צענטער, און משה מיט זיין יונגערן ברו־דער דוד האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ גרויס געשעפט פון גאָלד און טייערע שטיינער. דער פּאַקטישער פירער פון געשעפט איז געווען דער יונגערער ברודער: ער פלעגט אונטערנעמען רייזעס איבערן ים אין די וויטסטע לענ־דער, צו קויפן און פאַרקויפן זיין קאָסטבאַרע סחורה, און אין דער צייט איז דער עלטערער ברודער, משה, געזעסן אין דער היים און געאַרבעט רואיק איבער פאַרשידענע למודים און וויסנשאַפטן. דער אומגליקלעכער גורל האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן די מיימונישע משפחה; אין גיכן איז דוד דערטרונקען געוואָרן, ווען ער איז געפאָרן אויף אַ שיף אי־בערן אינדישן ים, און דערביי פאַרלוירן דאָס גאַנצע אייגענע און פרעמדע פאַרמעגן ,וואָס ער האָט מיט זיך געפירט. פון עגמת נפש איז משה שווער קראַנק געוואָרן; ער האָט זיך אָבער ענדלעך געשטאַרקט, און גענומען ענער־גיש פּראַקטיצירן אין מעדיצין, וואָס ער האָט שוין געהאַט געלערנט אין די פריערדיקע יאָרן. פון דער פּראַקטיק האָט ער מפרנס געווען זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע, און די פרייע צייט האָט ער געווידמעט דער גרויסער אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן צוריק: דעם פירוש אויף משניות.

געענדיקט האָט ער דאָס ווערק (געשריבן אין אַראַביש אונטערן נאָמען סיראַדזש: באַלייכטונג) אין יאָר 1168. דאָס איז געווען אַן אונ־

טערנעמונג פון אומגעוויינלעכן מאַסשטאַב, צו דערקלערן און סיסטעמאַ־טיזירן דעם מאַטעריאַל פון די משנות פשוט און דירעקט, ד״ה אָן די קאַזואיסטישע באַלייכטונגען פון דער גמרא. זאָל יעדער תלמיד קודם כל האָבן פאַר זיך קלאָר און באַשטימט דעם מקור פון דער הלכה, די משנה, אָן פשטלעך און פאַרגלייכעניש, און ערשט דערנאָך זאָל ער צוטרעטן צו דעם תלמודישן לאַבירינט — דאָס האָט דער רמב״ם געוואָלט דערגרייכן מיט זיין פירוש, און צו דעם זעלביקן צוועק גיט ער צו אין פאַרשידענע שטעלן גרעסערע איינטיילונגען, וואָס דערקלערן אויספירלעך די יסודות פון דער תלמודישער געזעצגעבונג און די באַציאונג פון תלמוד צו די יסו־דות פון דער תורה. מיט אַ באַזונדער ליבע ווערן אין דעם פירוש באַ־האַנדלט יענע פונקטן פון דער משנה, וואָס האָבן וועלכע ס׳איז שייכות צו אַ געוויסן צווייג פון די אַלגעמיינע וויסנשאַפטן: מאַטעמאַטיק, אַסטראָ־נאָמיע, פיזיק, אַנאַטאָמיע, מאָראַל אָדער פילאָזאָפיע. דאָ האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט: פון איין זייט אויפצואווייזן די וויסנשאַפטלעכע גרויס־קייט פון די טרעגער פון דער יידישער מסורה, און פון דער צווייטער זייט אָפּצולייקענען די אָנגענומענע הנחה, אַז אַלץ אין דער תורה שבעל פה איז הלכה למשה מסיני. אין דעם פירוש צו די „פּרקי אבות״ אַנטוויקלט דער רמב״ם אַ גאַנצע עשירות פון געדאַנקען וועגן מאָראַל בכלל און דער יידישער מאָראַל באַזונדער; דאָס זעלבע טוט ער אויך ביים לעצטן פרק פון „סנהדרין״, וואו ס׳רעדט זיך וועגן תחית המתים און השארת הנפש. דאָ דערקלערט ער פאַר אַלעם, ווי מ׳דאַרף פאַרשטיין די דאָזיקע הבטחות פון אַ צוקונפטיקן לעבן: יענץ לעבן האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט אַלע אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן ערדישע געניסן און פאַרגעניגנס — עס איז די מלוכה פון גייסט, פון די העכסטע דערקענטעניש, פון די פיינסטע השגות. ביי דער געלעגנהייט אַנטוויקלט ער שוין אויך בכלל דעם עצם פון דער יידישער גלויבנס־לערע און טיילט זי איין אין דרייצן עיקרים: א) ס׳איז דאָ אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט; ב) ער איז אַבסאָלוט איינציק, ג) ער איז אומקערפּערלעך און אומפאַרענדערלעך, ד) ער איז אייביק און אומאָפּהענגיק פון דער צייט, ה) מ׳מוז פאַרערן נאָר גאָט אַליין, ו) ער אַנטפּלעקט זיך צו זיינע אויסדערוויילטע (נבואה), ז) די העכסטע אַנטפּלעקונג איז געווען דורך משה רבינו, ח) די תורה איז געגעבן געוואָרן פון הימל, ט) זי איז אומפאַרענדערלעך, י) גאָט זעט,

ווייסט אַלץ און פירט די וועלט (השגחה פרטית), יא) גאָט באַלוינט און באַשטראָפט, י״ב) עס וועט קומען אַן אויסלייזער (משיח), י״ג) די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן (תחית המתים).

אונטער דער צייט האָט זיך אין תימן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פון די פאַנאַטישע מאַכמעדאַנער קעגן יידן, און די לעצטע האָבן געמוזט אָנווענדן דאָס אַלטע מיטל: אָננעמען לפנים דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן (1172). דאָ איז אָבער די געפאַר פיל גרעסער געווען ווי אין אַנדערע קהלות, צוליב דער פּראַסטקייט פון די יידישע מאַסן, און באַלד האָבן זיך ווירקלעך באַוויזן באַגייסטערטע יידישע אַפּאָסטאַלן, וואָס האָבן געדרשנהט אין די יידישע קהלות, אַז מאַכמעד איז געווען אַ נביא פון גאָט, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד מבטל צו זיין די געזעצן פון דער תורה. צו די דאָזיקע איסלאַם־פּרעדיקער זיינען צוגעקומען באַגייסטערטע בעלי־חלומות, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר משיח־אָנזאָגער און פאַרשפּרייט אַלערליי איינבילדונגען און פאַנטאַזיעס. דאָס האָט די מערניכטערע פון די תימנישע יידן שטאַרק באַאומרואיקט, און איינער פון זיי, ר׳ יעקב אלפיומי, האָט זיך געווענדט צום רמב״ם מיט אַ הייסער בקשה, ער זאָל עפּעס טון פאַרן תימנישן יידנטום און נישט לאָזן עס פאַרלוירן גיין.

אויף דער בקשה האָט זיך ר׳ משה בן מיימון אָפּגערופן מיט אַ פייערלעכן בריוו צו די יידן אין תימן (אגרת תימן). אין דעם אַראַביש־געשריבענעם בריוו באַמיט זיך דערע געוועזענער לפנימדיקער מאַכמעדאַנער צו טרייסטן די געדרודפּטע ברידער און אויפצואוועקן אין זיי דעם באַוואוסטזיין פון דער יידישער גרויסקייט, פון דער יידישער אויסדערוויילטקייט. „זינט מיר האָבן באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני — שרייבט דער רמב״ם אין דעם בריוו — ביז היינטיקן טאָג, זיינען שוין אויפגעשטאַנען אַ סך פון די אומות העולם צו פאַרניכטן יעקבס שטאַם און זיין גלויבן. אָט די יידישע פיינט טיילן זיך אין דריי קאַטעגאָריעס: די ערשטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון יענע, וואָס זיינען באַפאַלן אונדזער גלויבן מיט צוואַנג און שווערד און פיין, ווי עמלק, סנחריב, נבוכדנאצר, טיטוס, אדריאַנוס און נאָך אַזעלכע. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די פאַרשאַרפטע קרומע מוחות (סאָפיסטן) און די חכמים פון די איבעריקע לשונות (אדומישע, פערסישע און גריכישע), וועלכע האָבן געוואָלט צעשטערן אונדזער תורה

מיט קשיות און שאלות. די דריטע ענדלעך זיינען די, וואָס פאַרשטייען, אַז דער בנין אין גאַנצן וועט זיך אַזוי לייכט נישט לאָזן צעשטערן, און זיי נעמען זיך אונטערגראָבן זיינע פונדאַמענטן. אָט די ישמעאלים קליגן זיך און זיינען כלומרשט מודה, אַז אונדזער אַנטפּלעקונג איז ווירקלעך געווען אַמאָל שטאַרק און הייליק, נאָר דערנאָך איז געקומען אַ נייע אַנטפּלעקונג, וואָס האָט יענע מבטל געווען. דאָס איז אָבער אַ נאַרישער ליגן: זייערע אַלע אַנטפּלעקונגען זיינען אַנטקעגן אונדזער תורה, ווי קינסטלעכע בילדער קעגן אַ לעבעדיקן מענטשלעכן געזיכט. אאז״וו „און איר, ברידער, שטאַרקט זיך און מוטיקט זיך. זאָלן אייך די גזירות און די רדיפות נישט צעטומלען, זאָל אייך דעם שונאס שטאַרקייט נישט אָפּשרעקן: עס איז אַלץ פון דער השגחה באַשטימט, אייך אויסצופּרואוון און צו ווייזן, אַז איר זענט יעקבס קינדער, אייניקלעך פון יענע, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן באַרג סיני און מקבל געווען די תורה״.

אויף די תימנישע יידן האָט דעם רמב״מס בריוו געמאַכט אַ גרויסן רושם; ער איז אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ווי אַ געהיימע וויכטיקע אַנטפּלעקונג און געוועקט אין די הערצער יידישע געפילן, יידישן שטאָלץ. שפּעטער, ווען דער רמב״ם איז נתעלה געוואָרן, האָט ער זיך אויך דערמאָנט אָן די תימנישע יידן און אויסגעפּועלט פאַר זיי פאַרשידענע הנחות; צוליב דעם אַלעם האָבן זיי זיך באַצויגן צו אים מיט אַ טיפן יראת הכבוד און אפילו געבעטן אַלע טאָג אין דאַוונען פאַר זיין געזונט.

דערווייל איז דער נאָמען פון דעם קאַירישן געלערנטן געוואַקסן אויך אין מצרים גופא. ער האָט זיך באַשעפטיקט כסדר מיט מעדיצינישער פּראַקטיק, און דער רמב״ם ווערט אין גיכן (1170 — 71 בערך) באַשטימט ווי אָפיציעלער רב און ראש בית דין פון קאַירא, און פון די ווייטסטע קהלות ווענדט מען זיך צו אים, ווי צו אַן אָנערקענטע אויטאָריטעט, מיט פאַרשידענע שאלות פונעם רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין דער צייט האָט דער רמב״ם געאַרבעט איבער אַ צוויייט קאָלאָסאַל ווערק, וואָס האָט אַרויסגערופן די הייסע באַוואונדערונג פון דער גאַנצער יידישער וועלט: די משנה־תורה. דאָס איז אַ פולשטענדיקער רעליגיע־קאָדעקס, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פון דעם מענטשלעכן לעבן. דער עקסטראַקט, דער תמצית פון דער גאַנצער תלמודישער געזעצגעבונג מיט איר אומגעוויינלעך־פאַרוויקלטער דיאַלעקטיק, ווערט דאָ איינגעפּאַסט אין

קלאָרע, אָפּגעשלאָסענע פּאַראַגראַפן, און דער יידישער יחיד באַקומט פאַר זיך אַ מוסטערהאַפט האַנטבוך מיט פּאַרטיקע, באַשטימטע לעבנס־רעגלען, וואָס נאָרמירן נישט בלויז זיינע מעשים, נאָר אויך זיינע געדאַנקען און גע־פילן. פון דעם תלמודישן לאַבירינט, אין וועלכן די גרעסטע קעפּ האָבן זיך נישט לייכט געפונען, האָט דער רמב״ם געשאַפן אַ פּלאַנמעסיקן בנין מיט באַשטימטע אינעווייניקסטע און זייטיקע חדרים, אין וועלכע ס׳קען זיך אפילו אַ פרעמדער לייכט אָריענטירן. „איך וואָלט וועלן, — זאָגט דער רמב״ם אין דער הקדמה צום משנה תורה (האָט זיך גערופן אויך „יד החזקה״) — אַז דאָס דאָזיקע ווערק זאָל דינען פאַר אַ פולשטענדיקער זאַמ־לונג פון דער גאַנצער תורה שבעל פה מיט אַלע אירע תקנות, מנהגים און געזעצן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פון דער צייט פון משה רבינו ביז דער אָפּשליסונג פון תלמוד. איך האָב אָנגערופן דעם ספר משנה תורה (איבער־חזרונג פון דער תורה) ווייל איך גלייב, אַז יעדער מענטש, וואָס איז שוין באַקאַנט מיט די הייליקע שריפטן, וועט אומשטאַנד זיין גלייך צוצוטרעטן צו דער זאַמלונג, אין וועלכער ער וועט זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון דער גאַנצער תורה שבעל פה״.

געשריבן איז דאָס ווערק אין אַ רייכער העברעאישער שפּראַך, און טיילט זיך אויף פערצן חלקים, פון וועלכע דער ערשטער (ספר המדע) איז אין גאַנצן געווידמעט די פילאָזאָפישע עיקרים פון יידנטום. דאָ ווערן סיס־טעמאַטיש און אויף אַ ראַציאָנאַליסטישן אופן באַלויכטן די דאָגמעס פון דער יידישער אמונה, ווי אויך די יידישע עטיק, די לערע פון דער יידישער מאָראַל, אין וועלכער ער שליסט איין אַ ריי דינים איבער היגיענע. דאַן גייען די איבעריקע ספרים, וואָס באַהאַנדלען אַלע פראַגן פון דעם יידישן רעליגיעזן און בירגערלעכן לעבן.

מיט זיין קאָדעקס האָט דער רמב״ם אויף אַזאַ אופן דערגרייכט אַ טאָפּלטע ווירקונג: פון איין זייט האָט ער אַריינגעבראַכט אַ געוויסן קרי־טישן עלעמענט אין דער באַציאונג צו אַ סך הנהגות פון די בעלי התלמוד, און פון דער צווייטער זייט האָט ער אַלץ אָפּגעשלאָסן, באַשטימט און באַ־פעסטיקט, אַזוי אַז דער פרייער געדאַנק האָט פאַר זיך מער נישט געהאַט קיין פּלאַץ, זיך צו באַוועגן. דערביי איז דער רמב״ם זייער האַרב געווען, און ווען ער גיט די שטעלן, וואָס דער תלמוד אַליין לאָזט זיי אָפן, פאַר

באַשטימטע הלכות, לייזט ער זיי כמעט שטענדיק אין דער ריכטונג פון פאַרבאָטן (לחומרא).

דער רושם פון דעם נייעם קאָדעקס אין דער יידישער וועלט איז געווען אַן אומגעווייגלעכער. ווי נאָר דאָס ווערק איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן, האָט זיך עס גלייך אין טויזנטער איבערגעשריבענע עקזעמפּליאַרן פאַרשפּרייט איבער די קהלות פון אַראַביע, פּאַלעסטינע, אַפריקע, שפּאַניע, דרום־פראַנקרייך און איטאַליע, און צוזאַמען מיט אים האָט זיך פונאַנדער־געטראָגן איבער די אַלע לענדער אויך דער נאָמען פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן. נישט אומעטום אָבער האָט מען זיך גלייך באַצויגן צו דער אַר־בעט פון דעם קאַאירישן פילאָזאָף. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן, ערשטנס, מורא געהאַט דערפאַר, אַז דער נייער, פאַרקירצטער תל־מוד זאָל נישט אַרויסשטופּן דעם אַלטן, אָריגינעלן. דערצו האָבן די שטרענג־ראַציאָנאַליסטישע באַגרינדונגען פון די יידישע עיקרים אויך נישט געקענט באַפרידיקן אין גאַנצן דעם גייסט פון די מער תמימותדיקע מאמינים. פון אַן אַנדער זייט ווידער האָט מען סתם אַנגעהויבן אָפּשלאָגן דעם רמב״מס אייגענע הלכהשע אויפטועכצן, און אָט דער גאַנצער „צד״ פון די אומצופרידענע האָט זיך דערווייל גרופּירט אַרום דעם מעכטיקן באַג־דאַדער ראש ישיבה ר׳ שמואל בן עלי.

אונטער דער צייט איז דעם רמב״מס לאַגע אין קאַאירא געוואָרן אַלץ פעסטער: ער האָט באַקומען אַ שטאַרקן צוטריט צום קאַליפישן הויף, און דאָרטן האָט מען אים אָנגעהויבן שטאַרק צו שעצן פאַר זיינע רייכע קענטענישן אין מעדיצין און פילאָזאָפיע. אַראַבישע דיכטער האָבן באַזונ־גען די גרויסקייט פון דעם איבעראַל געשעצטן מוזאַ איבן־מיימוני, און זיין נאָמען ווי אַ דאָקטער איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן, אַז דער גרויסער רי־כאַרד לייבענהאַרץ, די נשמה פון דעם דריטן קרייץ־צוג, האָט אים גע־וואָלט מאַכן פאַר זיין לייב־דאָקטער. דער יידישער געלערנטער האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט. אין גיכן האָט דער קאַליפישער הויף באַשטימט דעם רמב״ם פאַר אַ נגיד איבער אַלע יידן פון דעם עגיפּטישן קאַליפאַט, און דער טיטל איז איבערגעגאַנגען אין דער מיימונישער משפחה בירושה ביזן פערצנטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע הויכע לאַגע האָט דער רמב״ם אויס־גענוצט, כדי אויסצופועלן פאַרשידענע הנחות פאַר די יידישע קהלות פון די ווייטערע פּראָווינצן, און ווען דער קאַליף סאַלאַדין האָט אָפּגענומען

ירושלים פון די קריסטלעכע הענט, האָט ער דערלויבט יידן זיך אומצו־קערן אַהין און צו וואוינען דאָרטן אומגעשטערט.

ביי זיין גאַנצער אַנגעשטרענגטער טעטיקייט ווי אַ דאָקטער און פאָלקס־ריכטער, האָט בן מיימון דאָך נישט פאַרלאָזט זיין ליבלינגס־שטודיום, דעם שטודיום פון דער פילאָזאָפיע, און די פרוכט פון דער אַר־בעט איז געווען אַ ניי, איבערראַשנדיק ווערק אויף דעם געביט פון דער יידישער רעליגיע־פילאָזאָפיע, מיטן אַראַבישן נאָמען „דאַלאַלאַט אַל־האַ־אירין" — אין דער העברעאישער איבערזעצונג: מורה נבוכים (דער לע־רער פון די בלאָנדזשנדיקע). באַשטימט לכתחילה נישט פאַרן המון, נאָר פאַר די העכערע יחידי סגולה, וואָס האָבן שוין פון פריער געהאַט טיפע קענטעענישן אין פילאָזאָפיע, — איז די באַדייטונג פון דעם ספר זייער גרויס נישט בלויז פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידנטום, נאָר אויך פאַר דער געשיכטע פון דעם מיטלאַלטערלעכן דענקען בכלל. דאָ האָט דער רמב"ם געוואָלט זיך אַליין קלאָר מאַכן זיין באַציאונג צו אַלע פראַגן פון וועלט און לעבן און אין דער זעלביקער צייט אויך באַשטימען גענוי דעם פלאַץ, וואָס דאָס יידנטום פאַרנעמט אין דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע; דערביי האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צו דעם סיסטעם פון צונויפבינדן דאָס יידנ־טום מיטן העלעניזם, אין קעגנזאַץ צו דער שיטה פון ר' יהודה הלוי, וועל־כער האָט די יידישע „אַנטפּלעקונג" ניט געוואָלט אונטערוואַרפן קיין שום אַנדערע וועלטלעכע אמתן.

די סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס דער רמב"ם פערזענלעך האָט געגלויבט אין צוויי געטלעכע אַנטפּלעקונגען: איינע אַ רעליגיעזע, אין דער יידישער תורה און די צווייטע אַ פילאָזאָפישע, אין דער תורה פון אריסטו, און ווי די אַלטע יודעאָ־העלענישע דענקער האָט ער אויך געזוכט צו שאַפן אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן אָט די ביידע התגלותן. נאָר אין איין זאַך איז ער זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַלע יידישע רעליגיע־פילאָזאָפן פאַר אים: ער האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַן אומבאַרירבאַרן יסוד נישט די התגלות פון דער תורה, נאָר די פילאָזאָפישע התגלות פון דעם גריכישן דענקער, און דאָרט, וואו אים איז אויסגעקומען אַנטקעגנצושטעלן די ביידע אמתן, האָט ער די יידישע הנחות גאַנץ אָפט איבער געוואָלט אונטערגעוואָרפן די הנחות פון אַריסטוס מעטאַפיזישער לערע.

דער יסוד פון רמב"מס אַלע חקירות איז דער „ערשטער באַוועגער"

(המניע הראשון), וואָס האָט אַריינגעבראַכט לעבן אין דער גאַנצער יצירה. אָן דער מציאות פון דעם דאָזיקן אייביקן „באַוועגער, וואָס איז אַליין דאָך נישט באַוועגבאַר״, קענען מיר זיך נישט פאָרשטעלן דעם קיום פון דער וועלט און די באַהעפטונג פון אירע איינצלנע טיילן. אָט דעם העכסטן וועזן און באַשעפער, גאָט, טאָר מען קיין שום מענטשלעכע אייגנשאַפטן ניט צו־שרייבן — יעדע אייגנשאַפט פון אַ צוזאַמענגעשטעלטן און באַגרענעצטן וועזן גראָבט אונטער די פאָרשטעלונג פון גאָטס אַבסאָלוטער גאַנצקייט און אומענדלעכקייט. מיר קענען נאָר משיג זיין די ווירקונגען פון דער געטלעכ־קייט, און די פאָרשטעלונג פון גאָט איז בלויז די פאָרשטעלונג פון זיינע ווירקונגען. און אַזוי ווי קיין מציאות קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער גאָטהייט, מוז מען שוין אָננעמען, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס, וואָס איז באַ־שאַפן געוואָרן פון גאָרנישט דורך גאָטס ווילן, איז נישט אומענדלעך, וואָ־רום אין פאַרקערטן פאַל, וואָלט דאָך די יצירה (באַשאַפונג) גלייך געווען מיטן יוצר (באַשעפער)1). דאָ גייט דער רמב״ם איבער צו דעם אַריסטאָ־טעלישן „לייטער פון דער יצירה״ (סולם היצירה), וואָס אָנערקענט די מציאות פון עטלעכע קאַטעגאָריעס ריין־גייסטיקע וועזנס (שכלים נפרדים) אָדער מלאכים צווישן גאָט און דעם עולם התחתון (די אונטערשטע, פשו־טע וועלט).

דאָס שלעכטס, וואָס באַמערקט זיך אין דער נידעריקער וועלט, שטאַמט נישט פון דער גאָטהייט אַליין — גאָט, דער מקור פון גוטס און פולקאָמענהייט, האָט נישט געקענט שאַפן קיין שלעכטס. דאָס איז אָנט־שטאַנען ערשט אַ דאַנק דער גראָבער מאַטעריע, וואָס האָט פאַרדאָרבן די גוטע השפעה פון דער גאָטהייט. פון דער זעלביקער גראָבער מאַטעריע, נאָר אין אַ העכערער פאָרם, איז אויך באַשאַפן דער מענטש, וועלכער טראָגט אויף אַזאַ אופן גלייך אין זיך די עלעמענטן פון שלעכטס. דערפאַר האָט דעם מענטשנס נשמה אין זיך אַ טייל פון דעם ריין־גייסטיקן, געטלעכן, פונעם „שכל הנפרד״. דער מענטש איז אַליין בכח, זיך אויפצוהייבן צו דער מדרגה פון אַ מלאך, צו באַזיגן אין גאַנצן דאָס לייבלעכע, קערפערלעכע

1) אין דער הינזיכט גייט דער רמב״ם קעגן אַריסטוטעלס לערע, וואָס אָנערקענט דעם קאָסמאָס נישט פאַר אַ יצירה פון גאָט, נאָר פאַר אַ טייל פון דער גאָטהייט גופא, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין אָנהויב און קיין סוף און קיין פאַרענדערלעכקייט (קדמות העולם).

אין אים. כדי צו קענען דערגרייכן אָט די מדרגה איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן די פולע פרייהייט: דער מענטש קען אומגעשטערט זיך אַליין פאַר־וואַנדלען אין אַן איבערערדישן וועזן און ווערן אומשטערבלעך — ווי אַ טייל פון דעם אייביקן וועלט־גייסט.

מיט דער הויכער טעטיקייט פון זיין פאַרשונגס־גייסט קען דער מענטש דערגרייכן נאָך אַ העכערע מדרגה: ער קען זיך דערווערבן אַ באַזונ־דערע אויפמערקזאַמקייט פון דער געטלעכער השגחה; ער קען אפילו מיט זיין אידעאַלן לעבן, מיט זיין שטענדיקן דענקען וועגן דער גאָטהייט און אויספירן גאָטס מעשים — אַנטוויקלען אין זיך אַן אייגנשאַפט צו דעם העכסטן מענטשלעכן גליק, צו דער נבואה, וואָס דערשיינט אין דער גע־שטאַלט פון אַ געטלעכן חלום. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין דער נבואה גופא זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע מדרגות, און דער גרעסטער פון אַלע נבי־אים איז געווען משה רבינו; ער האָט אַראָפּגעריסן אַלע שלייערן, וואָס פאַרדעקן דאָס אויג פון דעם מענטשלעכן גייסט, און איז צוגעטראָטן ביז דעם העכסטן מקור פון אמת. אָט די העכסטע אַנטפּלעקונג האָט ער אַראָפּ־געגעבן דעם יידישן פאָלק אין דער געשטאַלט פון דער תורה, — די פון גאָט שטאַמענדיקע לערע, וועלכע איז פולקאָמען, אייביק־גילטיק און אומ־פאַרענדערלעך, זי אַנטהאַלט נישט בלויז געזעצן, נאָר אויך אידייען, גלוי־בנס־באַגריפן: זי זוכט צו באַפרידיקן דעם הויכן מענטשלעכן גייסט און אויך צו לייטערן דאָס גופישע אינעם מענטשן דורך זיטלעכקייט און ריינע מעשים.

די דערשיינונג פון „מורה נבוכים" האָט אַרויסגערופן אין די יידישע קרייזן נאָך אַ גרעסערן טומל, ווי די דערשיינונג פון רמב"מס פריערדיקע ווערק. אַזוי פיל אינטעלעקטועלע עשירות, אַזאַ שטאַרקע לאָגישע קראַפט האָט נאָך קיין יידישער דענקער פאַר אים נישט אַרויסגעוויזן, און די אַלע, וואָס האָבן זיך ביז אַהער געוואַקלט צווישן אַריסטוס לאָגישע הנחות און די באַגריפן פונעם יידנטום, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער בריק צווישן די ביידע ברעגעס, וועלכער דער רמב"ם האָט פאַר זיי אַוועקגעלייגט. דאָס ווערק איז אין אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין די ווייטסטע יידי־שע קהלות, און אין גיכן האָבן אויך די נישט־יידישע געלערנטע זיך שטאַרק מיט אים באַשעפטיקט. עטלעכע מאַכמעדאַנישע שריפטשטעלער האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן דעם נייעם פילאָזאָפישן סיסטעם, אַז ער וועט פאַר־

שפּרייטן כפירה און אַטעאיזם, און דאַקעגן האָט אַן אַנדער מאַכמעדאַנער געשריבן אַ פּירוש אויפן „מורה נבוכים״. שפּעטער איז דאָס ווערק — אין אַ לאַטייניש איבערזעצונג — דערגאַנגען אויך צו די קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער, און זיי האָבן זיך שטאַרק באַנוצט מיט זיינע חקירות אינעם קאַמף מיט דער אַפּיקורסות.

אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט האָט דער „מורה נבוכים״ גלייך אַרויסגערופן אין די אָרטאָדאָקסישע יידישע קרייזן. די דאָזיקע קרייזן האָבן זיך אין דעם משך פון הונדערטער דורות צוזאַמענגעלעבט מיט דעם האַרציקן, נאַציאָנאַלן גאָט אין הימל, וועלכער הערשט איבער דעם גאַנצן מענטשלעכן געשלעכט, קוקט מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט זיך צו צו די מעשים פון זיין אויסדערוויילטן פאָלק און באַטייליקט זיך פאַקטיש אין דעם גורל פון יעדן יידישן יחיד, — און דאָ האָבן זיי פּאַר זיך פּלוצלינג באַקומען אַ קאַלט מעטאַפיזיש וועזן, וועלכער האָט קוים אַביסל אַ שייכות צו געציילטע פילאָזאָפן, מענטשן פון אייביקע טיפע מחשבות, און קימערט זיך גאָרנישט וועגן כלל, וועגן די אַלע דורכשניטלעכע יחידים, וואָס זיינען יידיש־פרום, גאָטספאַרכטיק און ערלעך, נאָר נישט קיין פילאָזאָפן, נישט קיין חוקרים און נישט קיין „אויבער־מענטשן״. און וויל אָט די געטלעכע השגחה איז אין דעם רמב״מס סיסטעם פאַראייניקט געוואָרן מיט אַ הויך־אַבסטראַקטן השארת הנפש, איז אויסגעקומען, אַז נאָר איינצלנע אויסדערוויילטע האָבן געקענט האָפן אויף אַ מין רייך־גייסטיקן עולם הבא, בשעת דער גאַנצער עולם לעבט און שטאַרבט אָן אַ שום פאַרבינדונג מיט די הימלישע ספערן און האָט קיין זאַך נישט צו דערוואַרטן. באַזונדער איז דער רמב״ם כמעט אַזוי ווי אין גאַנצן פאַרבייגעגאַנגען דעם עיקר פון תחית המתים, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט צונויפבינדן מיט די הנחות פון דער גריכישער מעטאַפיזיק, און דאָס האָט דעם רעליגיעזן געפיל פון די יידישע מאמינים נאָך שטאַרקער אָנגעגריפן.

דאָס האָט געטריבן דעם רמב״ם, זיך צו פאַרטיידיקן, און ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַזונדער בריוו וועגן „תחית המתים״ (1191). דאָ דערקלערט ער, אַז באמת האָט ער טאַקע נישט געפונען קיין פילאָזאָפישע באַגרינדונג פאַר דעם עיקר, און ער גלויבט אין אים נאָר, ווי אין אַן איבערנאַטירלעכן אויפטו פון דער השגחה. דערביי באַקלאָגט זיך דער דענקער אויף די פאַלשע כונות, וואָס מ׳האָט אַריינגעלייגט אין זיינע רייד, און

בכלל ווייזט ער אַרויס אין דעם בריוו אַ שטאַרקע אויפגערייצטקייט, ער באַקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס אים קומט אויס זיך צו פאַרענטפערן פאַר „שוטים און אַלטע ווייבער", וועלכע גלויבן אין אַלע איינבילדונגען און קענען זיך אפילו פאַרשטעלן גאָט מיט אויגן און אויערן.

אויף אַזאַ אופן האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען צוויי לאַגערן אַרום דעם נאָמען פון גרויסן דענקער: פון הייסע פאַרערער און פאַרביטערטע קעגנער. צו די ערשטע האָבן אָנגעהערט אויך די קהלות פון דרום־פראַנקרייך. „זינט דער טויט פון די לעצטע בעלי־התלמוד איז אַזאַ מענטש נישט געווען ביי יידן"; „גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט אויפצולעבן זיין אָפּגעשוואַכט פאָלק", — דאָס איז געווען די מיינונג פון די דרום־פראַנצויזישע יידישע דענקער וועגן דעם נגיד פון קאַהירע. דער דיכטער אלחריזי האָט אים צוגעשיקט אַ לויב־ליד מיט באַגייסטערטע אויסרופן (אַ מלאך ביזטו, ביזט אין גאָטס בילד געשאַפן אאז"וו). די קהלה פון ליונעל, מיט דעם באַרימטן תלמודישן געלערנטן ר' יונתן הכהן בראש, האָבן זיך געווענדט צום רמב"ם מיט עטלעכע וויסנשאַפטלעכע שאלות, און אגב געבעטן, ער זאָל זיי צושיקן דעם „מורה", פון וועלכן זיי האָבן אַזוי פיל געהערט.

אונטער דער צייט איז דער רמב"ם קראַנק געוואָרן. ער איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצן יאָר, און דערצו האָבן זיך אין דעם עגיפּטישן הויף (נאָך סאַלאַדינס טויט) אויך אָנגעהויבן שאַרפע סכסוכים, וואָס האָבן אָפּגעשוואַכט זיין מאַכט און איינפלוס. ענדלעך איז סאַלאַדינס עלטסטער זון, אַלאַפדאַל, געוואָרן הערשער פון עגיפּטן, און דער רמב"ם האָט ווידער איבערגענומען זיין פאָסטן ווי לייב־דאָקטער פון קאַליף. פאַר דעם לעצטן האָט דער רמב"ם פאַרפאַסט אַ רשימה פון היגיענישע כללים, אין וועלכע ער האָט באַזונדער באַטאָנט די מעסיקייט אין טרינקען און אין באַציאונגען מיט פרויען, און בכלל רעקאָמענדירט אַ ריין און פאַרשטענדיק לעבן.

אין דער צייט האָט דער באַרימטער ר' שמואל אבן תבון געגעבן צו וויסן דעם רמב"ם, אַז ער נעמט זיך איבערצוזעצן דעם „מורה" פון אַראַביש אויף העברעאיש. דאָס האָט דעם קאַירישן דענקער פאַרשאַפט אַ גרויסן פאַרגעניגן, און ער האָט זיין פאַרערער געגעבן גענויע אָנווייזונגען בנוגע צו דער איבערזעצונג און אפילו רעקאָמענדירט געוויסע פילאָזאָפישע ווערק צום לייענען. ביי דער געלעגנהייט שרייבט דער רמב"ם

צו דער קהלה אין ליונעל: „איר, געמיינדע־מיטגלידער פון ליונעל און דער סביבה, זייט די איינציקע, וואָס זענט אימשטאַנד צו טראָגן הויך די פאָן פון משה רבינו און זיך צו פאַרטיפן אין די רייד פון רב אשי; אין די איבעריקע ערטער (די מזרח־לענדער) ווייסט מען שוין לאַנג נישט פון קיין גייסטיקער טעטיקייט. די גרעסטע קהלות שטאַרבן אויס, ווייניקער — גוססן אאז״וו, און אונדזער גאַנצע האָפענונג איז נאָר אויף אייך״.

אַ קורצע צייט נאָכן שרייבן דעם דערמאָנטן בריוו איז דער רמב״ם געשטאָרבן (20 טבת תתקס״ה — 1204), אין דער עלטער פון זיבעציק יאָר. דער טויט פון דעם גרויסן פירער און לערער האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער אין אַלע קהלות פון דער אידישער דיאַספּאָראַ. אין אַלט קאַאיראָ גופא איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן עפנטלעכער טרויער פון דריי טעג, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט אי די יידן, אי די מאַכמעדאַנער פון שטאָט. אין ירושלים איז אויסגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינער תענית, און דעם קערפּער פון גרויסן נפטר האָט מען איבערגעפירט קיין טבריה — אינעם הייליקן לאַנד. די לעגענדע דערציילט, אַז אין וועג זיינען בע־דואינער אָנגעפאלן אויפן ארון מיט די באַגלייטער; האָבן זיי אָבער דעם ארון נישט געקענט אַ ריר טאָן פון אָרט, און דעמאָלט האָבן זיי זיך אליין אויך אָנגעשלאָסן צו די באַגלייטער פון דעם הייליקן.

דער רמב״ם האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך איין איינציקן זון, אַבול־מעני־אברהם, וועלכער האָט געירשנט פון פאָטער אי דעם פּאָסטן פון אַ לייב־דאָקטער, אי דעם טיטל נגיד איבער די יידישע קהלות פון מצרים.

קאַפּיטל פופצן

די יידישע לאַגע אין מערב־איראָפּע און די גרויסע מחלוקת

מיטן אָפּשטאַרבן פון דעם גרויסן קאַאירישן געלערטן איז דאָס אַלוועלטלעכע יידנטום געבליבן אָן אַ צענטראַלע פּערזאָן, אָן אַ גייסטיקן פירער און וועגווייזער. דעם רמב״מס זון ר׳ אברהם (1183 ־ 1267), איז אפילו געווען אַ מענטש מיט ברייטע אַלגעמיינע און יידישע קענטעניש; זיין אויטאָריטעט איז אָבער דאָך נישט געווען גרויס. און נישט בלויז אין מזרח — אויך אין די מערב־לענדער, אין איראָפּע, האָט זיך נישט געוויזן קיין אויסערגעוויינלעכער, צייט־באַהערשנדיקער גייסט, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו קאָנצענטרירן אַרום זיך די גאַנצע אומה.

צו דער דאָזיקער גייסטיקער פּאַריתומטקייט זיינען צוגעקומען אויך שווערע רדיפות מצד דער קריסטלעכער קירך. דער פּויפּסט אינאָצענץ דער דריטער, וואָס האָט דער ערשטער איינגעפירט די שטראָף פון שייטער־הויפנס פאַר יענע, וועלכע האָבן געוואָגט צו צווייפלען אין זיין הייליקער ,,געטלעכקייט", — אָט דער טיראַן פון מלכים און פעלקער איז געווען אַ ביטערער שונא פון יידן און יידישקייט, און ער האָט איבערגעלאָזט טיפע וואונדן אין דעם יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם. דער מעכטיקער פירשט פון וואַטיקאַן, וועלכער האָט געהאַלטן גאַנץ איראָפּע אין דער מורא, האָט זיך געפילט געקוועלט און געדריקט פון דעם קליינעם הייפל יידן, וואָס איז מיט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד, לויטערן גלויבן און איינגעבוירענער זיטלעכקייט געווען, ווי אַ שטילער פּראָטעסט קעגן די שרעקלעכע מעשים פון דער קירך און די קירכן־לייט. אין אָנהויב פון זיין רעגירונג האָט אינאָצענץ אפילו געפּרואווט באַשיצן די יידן פון די אכזריותן פון די קרייצפאָרער. די לעצטע האָבן אויף דעם סמך פון דער מחילה וסליחה, וואָס זיי האָבן באַקומען פון פּויפּסטלעכן שטול, אויסגעפירט איבער יידן די שרעקלעכסטע גזילות און רציחות, און ווען די אומגליקלעכע האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צו דעם העכסטן שופט פון דער קירך, האָט ער באַפוילן (1199), אויפצוהערן די אַלע רציחות קעגן יידן: זיי נישט

צו באַרויבן, נישט שמדן איבער געוואַלט, נישט שלאָגן און נישט שענדן זייערע טויטע. דערביי האָט דער אַלערהייליקסטער דערקלערט, אַז קריסטן טאָרן די יידן נישט פאַרטיליקן, ווייל... זיי, די יידן, מוזן בלייבן פאַר די קומענדיקע דורות און דאַן דערווייזן דער וועלט דעם אמת פון קריס־טנטום, מיטן איבערגיין צו דער הייליקער קירך!

אָט דער גרויסער צוועק האָט אָבער נישט אויסגעשלאָסן קיין דער־ווייליקע רדיפות. דעם פראַנצויזישן צורר היהודים פיליפּ אויגוסט מאַכט אינאָצענץ אַ שאַרפן אויסרייד פאַר זיין יידנפריינדשאַפט (1205): „צו זיינע אויערן איז געקומען", אַז אין פראַנקרייך מעגן יידן באַזיצן אומ־באַוועגלעכע גיטער, האַלטן קריסטלעכע דינערשאַפט און אפילו אויפבויען נייע שולן, וואָס זיינען העכער פון די שכנישע קירכן 1). אויסער דעם איז די יידן נישט פאַרווערט, זיך צו ווייזן אין די גאַסן אין די טעג פון פסחא. אין זעלביקן יאָר האָט דער הייליקער פירער שאַרף געמוסרט פאַר זיין צו־ווייכער באַציאונג צו יידן אויך דעם קעניג פון קאַסטיליע, אַל־פאָנסאָ, און שפּעטער מיט דריי יאָר האָט אַזאַ בריוו באַקומען דער גראַף פון נעווערס. די יידן — שרייבט דער פּויפּסט אין דעם בריוו — דאַרפן פון קריסטלעכע פירשטן נישט באַשיצט, נאָר פאַרשקלאַפט ווערן; זיי דאַרפן, ווי דער ברודער־מערדער קין, מיט אייביקער שאַנד זיין באַדעקט און אייביק אַרומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט. עס איז דעריבער אַ פאַר־ברעכן, צו לאָזן די יידן וואוינען ביי זיך, צו לאָזן זיי האַנדלען און האָבן באַציאונגען מיט קריסטן און נישט צו נעמען פון זיי קיין מעשר (צענט־חלק פון פאַרדינסט) פאַר די דינער פון דער קירך.

אין דעם פאַרביטערטן צאָרן פון אינאָצענץ דעם דריטן קעגן יידן איז געווען אַ געוויסער קערן פון שרעק פאַר זייער שעדלעכער ווירקונג בנוגע צו דעם קריסטלעכן גלויבן, און אין דער הינזיכט האָט אים זיין אינסטינקט נישט אינגאַנצן אָפּגענאַרט. יידן האָבן באמת געווירקט אויף זייערע קריסטלעכע שכנים און געוועקט אין זיי פאַרשידענע געדאַנקען, און אין דער שטאַרקער באַוועגונג קעגן פּויפּסט פון די „אפּיקורסישע"

1) דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אַלע פראַנצויזישע פּראָווינצן, און פיליפּ־אויגוסט האָט זיי דערלויבט זיך צו באַזעצן אין זיין לאַנד, פון וואַנען ער אליין האָט זיי פריער פאַרטריבן.

אַלביגנעזער האָט דער יידישער איינפלוס געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל. אַ סך פון אָט די דרום־פּראַנצויזישע „אַפּיקורסים" האָבן אפילו אָפן געזאָגט: „דאָס געזעץ פון די יידן איז העכער און פולקאָמער, איידער דאָס געזעץ פון די קריסטן". איננאָצענץ האָט דעריבער די יידן פון דרום־פראַנקרייך געדרודפּט צוזאַמען מיט זיינע קעגנער, און ווען ער האָט ענדלעך באַזיגט אַלע פירשטן פון די פּראַנצויזישע פּראָווינצן, האָט ער זיי, אונטער די שרעקלעכסטע שטראָפן, געצוואונגען צו שווערן, אַז זיי וועלן נישט געבן די יידן קיין שום פרייהייטן.

איינער פון די דאָזיקע באַזיגטע הערשער איז געווען אויך דער גראף ראָזשער פון בעזיעד, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן יידן פאַרשידענע חסדים און איז אויך געווען פּאַרדעכטיק און סימפּאַטיע צו די אַלביגנעזער. צווישן זיי האָט די קרייץ־מחנה פונעם הייליקן פּאַטער, אונטער דער אָנפי־רונג פונעם בלוט־דורשטיקן גזיר אַרנאָלד, דורכגעפירט אַן אמתע בלוט־באָד. „מיר האָבן נישט געשוינט — שרייבט דער אכזריותדיקער גזיר אין זיין באַריכט צום פּויפּסט — קיין שטאַנד, קיין געשלעכט, קיין עלטער — כמעט צוואַנציק טויזנט מענטשן זיינען אומגעקומען פון אונדזער שווערד. נאָך דער גרויסער שחיטה איז די שטאָט אויסגערויבט און פאַר־ברענט געוואָרן און די געטלעכע נקמה האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אויף אַ וואונדערבאַרן אופן". אין דער שחיטה זיינען נישט געשוינט געוואָרן אפילו רעכט־גלויביקע קאַטאָליקן, און אויף דער פראַגע פון די קרייץ־סאָלדאַטן, ווי אַזוי זאָלן אונטערשיידן צווישן אַ רעכט־גלייביקן און אַן אפּיקורס (אַן אַלביגנעזער), האָט זיי אַרנאָלד געענטפערט: „איר הרגעט כסדר — גאָט וועט זיך שוין די זייניקע אַרויסגעפינען". ביי אַזאַ באַציאונג צו מענטשלעכע לעבנס בכלל האָט שוין, נאַטירלעך, וועגן שוינען די יידן נישט געקענט זיין קיין רייד: ביז צוויי הונדערט יידן זיינען געטויט געוואָרן, און מאַסן האָבן די בלוט־מענטשן געפאַנגען און פאַרקויפט.

נאָך די אַלע נצחונות פון דער פּויפּסטלעכער הייליקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע אויסראָטונג פון דער אפּיקורסות: יעדער שפּור פון פרייען געדאַנק איז דערשטיקט געוואָרן — דאָס דענקען בכלל איז געוואָרן אַ זינדיקע זאַך. די תלמידים פון דעם אפּיקורס, וואָס האָט גע־לייקנט אין דער הייליקייט פון רוים און פון פּויפּסט, האָט מען לעבעדי־קערהייט פאַרברענט. אויף אַלערליי פילאָזאָפישע שריפטן, וואָס האָבן

זיך געפונען אין דעם אוצר פון דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק — צווישן זיי אויך די ווערק פון ר' שלמה בן גבירול — איז אַרויסגעלייגט געוואָרן אַ שווערער חרם, און די יידן פון שפּאַניע און דרום־פראַנקרייך זיינען גע־בליבן כמעט די איינציקע טרעגער פון ליכט און וויסן פאַר גאַנץ אייראָפּע. די קירך האָט זיי אָבער נישט אָפּגעלאָזט. אויף דעם קירכן־קאָנגרעס אין אַוויניאָן (1209) זיינען ווידער אויסגעאַרבעט געוואָרן נייע גזירות פאַר יידן; לויט איינער פון זיי האָבן יידן נישט געטאָרט אַרבעטן זונטיק און אין די קריסטלעכע יום־טובים און אין די קריסטלעכע פאַסט־טעג האָבן זיי נישט געטאָרט עסן קיין פלייש.

אין ענגלאַנד זיינען די יידן צו יענער צייט אויך געווען אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, און אַט די אַלגעמיינע אַרומיקע רדיפות האָבן באַוואויגן גאַנצע דרייהונדערט רבנים פון פאַרשידענע שטעט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, אויסצוּוואַנדערן קיין ארץ־ישראל (1212). דאָרט זיינען זיי פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן פון סולטאַן אַלאַדיל, און זיי האָבן פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן מזרח אַ נעץ פון ישיבות, וואו זיי האָבן פאַרפלאַנצט דאָס תוספיסטישע לער־סיסטעם מיט זיין פּלפּולדיקער שאַרפזיניקייט.

אונטער דער צייט האָט זיך פאַר די יידן פון אייראָפּע אָנגעהויבן אַ נייער שטורעם. דער אַלמאָהאַדישער פירשט מאַכמעד אל־נזיר פון צפון־מערב האָט אויסגערופן אַ הייליקן קריג פאַר דער אויבערהערשאַפט פון איסלאַם איבער דער פירענעאישער האַלב־אינדזל, און אין גיכן האָט זיך אַ האַלבער מיליאָן מאַכמעדאַנישע קריגער שוין געפונען אין אַנדאַלוזיע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייעם קרייץ־צוג פון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט און די אַנגעקומענע צעווילדעוועטע מחנות, אונטער דער אָנפירונג פון דעם אויבן־דערמאָנטן אַרנאָלד האָבן זיך קודם כל אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן פון דער רייכער קאַסטילישער הויפּטשטאָט, טאָלעדאָ (יוני 1212). צום גליק האָט אַלפאָנסאָ זיך אָנגענומען פאַר יידן, און זיי האָבן קיין סך נישט געליטן.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט אינאָצענץ געלאָזט צוזאַמענרופן אַן אויסערגעוויינלעכע קירכן־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט די מאַכט פון רוים נאָך פאַרברייטערט און גאַנץ אייראָפּע איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון גייסטיקער קנעכטשאַפט. יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פאַרזאַמלונג וועט

זיי קיין גוטס נישט ברענגען און געפּרואווט משתדל זיין זיך פריער; דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן, און דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען פיר באַשלוסן קעגן יידן. די שווערסטע פון די דאָזיקע באַשלוסן זיינען געווען די, אַז יידן דאַרפן יערלעך אריינטראָגן אַ גרויסן שטייער פאַר דער קירך, אויסער דעם געוויינלעכן מעשר, און אַז זיי טאָרן זיך נישט קליידן גלייך מיט די קריסטן, ווייל די גלייכע קליידונג פירט צו געמישטע חתונות צווישן „גלייביקע" מיט „נישט־גלייביקע". אגב, האָבן די הייליקע פון דער קירך זיך דאָ כלומרשט אָנגענומען פאַר דעם געזעץ פון דער תורה, וואָס פאַרבאָט יידן צו זיין אויסערלעך גלייך מיט די נישט־יידישע (געצנ־דינערישע) פעלקער, און דערפון איז אַרויסגעקומען דער רשעותדיקער אויפטו, אַז יידישע קינדער דאַרפן פון צוועלפטן לעבנס־יאָר אָן טראָגן אויף זייער קליידונג איין שטיק (לאַטע) פון אַ באַזונדערער פאַרב, די מענער אויף די היט און די פרויען — אויף די שלייערס (30־טן נאָוועמבער 1215). דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שטאַנדן־פאַרזאַמלונגען און מיניסטאַרישע זיצונגען, וואָס האָבן זיך ספּעציעל באַשעפטיקט מיט דעם ספּעציעלן „יידן־צייכן": באַשטימט זיין פאַרב, פאָרם, לענג און ברייט און אַזוי ווייטער.

און די שענדלעכע יידנפּרעסער האָבן זייער צוועק דערגרייכט: דער „צייכן" האָט דעם יידן געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט אין די אויגן פון דער גאַנצער קריסטלעכער באַפעלקערונג. האָט זיך אַ ייד באַוויזן אין גאַס, זיינען אים הונדערטער שקצים באַפאַלן, „געלאַכט פון אים, באַוואָרפן אים מיט בלאָטע, געשלאָגן און אָפט אויך דערהרגעט. די קריסטן האָבן זיך בכלל צוגעוואוינט פון דעמאָלט אָן צו קוקן אויף יידן, ווי אויף נידעריקערע באַשעפענישן, וואָס פאַרדינען נישט קיין אַכטונג און קיין מיטלייד, און דאָס האָט געווירקט אויך אויף די אומגליקלעכע גופא: זיי האָבן פאַרלוירן יעדן שפּור פון זעלבסטאַכטונג און נאַטירלעכן שטאָלץ. פאַראַכט און באַליידיקט פון אַלעמען און אָן אַ שום צוטריט צו די העכערע קרייזן פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָבן די יידן פאַרנאַכלעסיקט זייער אויסערלעך אויסזען, פאַרלוירן יעדן געפיל פון שיינקייט און געשמאַק און באַקומען אינגאַנצן אַ פּנים פון טרויעריקע און דערשלאָגענע.

נאַטירלעך, איז די גזירה נישט אַזוי שנעל דורכגעפירט געוואָרן און די יידן האָבן זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן געווערט קעגן דעם געצוואונ־

גענעם שאַנדפלעק. באַזונדער האָבן געאַרבעט אין דעם די קהלות פון שפּאַ־ניע און דרום־פראַנקרייך, וואו יידן האָבן נאָך דערוויִיל פאַרנומען פאַר־שידענע אָנגעזעענע פּאָסטנס (פון דיפּלאָמאַטן, שאַצמייסטערס, לייב־דאָק־טוירים אאז״וו; זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו דעם נאָכפאָלגער פון אינאָצענץ דעם דריטן, האָנאָריוס דעם דריטן, און ביי אים געפועלט, אַז די בישאָפן זאָלן קוקן אויף דעם ענין צווישן די פינגער. אין אַראַגאָניע ווידער האָט זיך וועגן דער גזירה שטאַרק משתדל געווען דער באַרימטער לייב־דאָקטער פון קעניג, יצחק בנבנישתי, וועלכער איז געווען שטאַרק געליבט פון אַלע־מען און האָט אפילו באַקומען אַן אייגנהענטיקן דיפּלאָם פון פּויפּסט; אין זיין זכות האָט מען אַלע איבעריקע יידן אויך נישט געצוואונגען צו טראָגן דעם שאַנד־צייכן. דער זעלביקער פּויפּסט האָנאָריוס האָט, אגב, זיך אויך באַצויגן צו יידן מיט אַ טיפן חשד, און ער האָט געזוכט צו ווירקן אויף די קריסטלעכע הערשער, זיי זאָלן נישט אָנפאַרטרויען יידן קיין דיפּלאָ־מאַטישע שליחותן.

אין ענגלאַנד זיינען יידן פון דעם שאַנד־צייכן נישט באַפרייט גע־וואָרן — דאָס האָבן זיי געהאט צו פאַרדאַנקען דעם אכזריותדיקן אַרכי־בישאָף פון קענטערבורי לאַנגטאָן. ער האָט אפילו די רדיפות קעגן יידן נאָך פאַרמערט און פאַרשטאַרקט, און ווי עטלעכע היסטאָריקער ווילן האָבן זאָל דאָס האָבן געווען אַ נקמה אין יידן דערפאַר, וואָס אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיך מגייר געווען אַ דיאַקאָן (נאָטירלעך, איז דער גר פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן). די דאָזיקע רדיפות האָבן נישט אויפגעהערט אויך פאַר דער צייט פון דעם אויפגעקלערטן און פרייגעזינטן קייסער פרידריך דעם צווייטן, וועלכער האָט געהאט ביי זיך אין הויף יידישע געלערטע ווי איבערזעצער פון אַראַבישע וויסנשאַפטלעכע ווערק (אויף לאַטייניש).

נאָך טרויעריקער איז געווען די יידישע לאַגע אין דרום־פראַנקרייך. דאָ זיינען אָפּגעפרישט געוואָרן אַלע פאַרשימלטע גזירות פון די עלטסטע צייטן, און אין דער גאַנצער וואָך, למשל, פון פּסחא האָבן יידן זיך נישט געטאָרט ווייזן אין גאַס. אָט די אַלע צרות זיינען נאָך אָבער אַלץ נישט געווען דאָס לעצטע וואָרט פון דער קירכלעכער דערפינדערישקייט אויף דעם געביט פון פאַרביטערן דאָס יידישע לעבן. דער גיהנם־קוואַל האָט זיך געעפנט פאַר יידן פון גאַנצע פיר זייטן: פון פּויפּסט גרעגאָר

דעם נײַנטן אין רוים, פון קעניג לודוויג דעם נײַנטן (דער הייליקער) אין פראַנקרייך, פון קעניג פערדינאַנד דעם דריטן אין קאַסטיליע און ענדלעך פון דעם דאָמיניקאַנער־גענעראַל ריימונד דע פּעניאַפאָרטע, 1) וועלכער האָט דורכאויס געוואָלט באַגליקן די נשמות פון אַלע יידן און מאַכמעדאַנער.

אין יענער צייט האָט זיך די מאַכט פון רוים פאַרשפּרייט אויף איבער די לענדער ביי די ברעגעס פון דונײַ און טעאיס. אין אונגאַרן האָבן די יידן גאַנץ פרי איינגעוואַנדערט פון ביזאַנטיע און פון דער כאַזאַרישער מלוכה, און הגם די מאַדיאַרן זיינען שוין דעמאָלט געווען האַלבע קריסטן, האָבן זיי דאָך זיך באַצויגן טאָלעראַנט צו יידן, ווי אויך צו די געצנדינער און מאַכמעדאַנער, וואָס האָבן געלעבט אינעם לאַנד. יידן האָבן דאָ פון די עלטסטע צייטן געהאַלטן אין אָרענדע פאַרשידענע מלוכה־שטייערן און האָבן בכלל פאַרנומען זייער אָנגעזעענע מלוכה־פּאָסטנס. דאָס האָט זיך געצויגן ביז דער צייט פון פּויפּסט גרעגאָר דעם נײַנטן, וועלכער האָט געצוואונגען דעם אונגאַרישן קעניג אַנדרעאַס, צו דערווייטערן יידן פון יעדן ערן־פּאָסטן. אַנדרעאַס האָט געפּרואווט אין אָנהייב זיך נישט שטאַרק רעכענען מיט דער גזירה, דאַן האָט דער פּויפּסט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שווערן חרם, און דער קעניג האָט געמוזט געבן אַ פייערלעכע הבטחה (1233), אַז ער וועט יידן און מאַכמעדאַנער נישט צולאָזן צו קיין שום אַמט, נישט לאָזן זיי האָבן קריסטלעכע לייב־אייגענע, חתונה האָבן מיט קריסטן און ענדלעך אויך — זיי צווינגען צו טראָגן דעם שאַנד־צייכן. די זעלביקע שבועה האָבן געמוזט געבן דער קעניג פון סלאַוואָניע און אַלע איבעריקע פירשטן פון לאַנד.

אָט די אַלע רדיפות פון אויסנווייניק האָבן נישט געקענט בלייבן אָן אַ טיפער ווירקונג אויף דעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן, און דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אין זייער אַ שאַרפער פאָרם. דאָס פאַרשטאַרקטע רעליגיעזע געפיל האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבן אַרומצוימען פון אַלע מעגלעכע שלעכטע ווירקונגען, און דאָ האָט עס זיך אָנגעשטויסן אָן דעם נייעם שטראָם אין יידנטום, וואָס האָט זיך געצויגן פון רמב"מס ווערק. דער לעצטער האָט, ווי ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, אין אַ סך הינזיכטן אָפּגעטראָטן פון דער יידישער מסורה און בכלל פאַרבויגן

1) דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער — דאָס זיינען נעמען פון צוויי אַלט־קאַטוילישע מאָנאַכן־אָרדנס.

נישט ווייניק ביבלישע און תלמודישע שטעלן, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזן איינפּאַסן אין די ראַמען פון דער אריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע. דאָס האָט אין די אָרטאָדאָקסיש־רבנישע קרייזן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן שטורעם קעגן יעדער מין פילאָזאָפיע איבערהויפּט. אויף דעם באָדן איז אַנטשטאַנען אַ פאַרביטערטער קולטור־קאַמף מיט צוויי פיינדלעכע לאַגערן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם דענ־קער: מיימוניסטן און אַנטי־מיימוניסטן. די לעצטע, באַזונדער יענע פון זיי, וועלכע האָבן נאָך געדענקט דעם רמב״ם, האָבן אפילו נישט געוואגט צו רעדן שלעכטס אויף אים אליין און צו צווייפלען אין זיין ערלעכקייט און פרומקייט; זיין ווירקונג אָבער האָבן זיי אנערקענט פאַר שעדלעך, ווייל די מיינונגען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין זיינע ווערק, זיינען סותר די טראַדיציאָנעלע יסודות פון יידנטום.

אָנגעהויבן האָט זיך אייגנטלעך דער אידעען ־ קאַמף גלייך נאָכן רמב״מס טויט. נאָך אין יאָר 1205 האָט אַ געלערנטער יונגערמאַן פון טאָ־לעדאָ, מיטן נאָמען ר׳ מאיר בן טודרוס הלוי אבולעפיא, אָנגעשריבן אַן עפנטלעכן בריוו צו די „חכמי לוניל״ (די געלערנטע פון ליונעל), אין וועלכן ער האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אויף די „אפּיקורסישע שטעלן אין „ספר המדע״ פון רמב״מס „משנה תורה״. דער בריוו האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג. און דער אָנגעזעענער גדול ר׳ אהרן בן משולם האָט דעם אָנפאַלער הארב אָפּגעענטפערט פאַר דער חוצפה, זיך צו טשע־פּען צו אַזאַ ריז, ווי דער רמב״ם. דער באַרימטער ר׳ ששת בנבנישתי פון באַרצעלאָנאַ האָט אויך חוזק געמאַכט פון דעם יונגן פאַנאַטיקער, און גע־שריבן: „מ׳רופט אים באַלייכטער (מאיר), בשעת ער בלאָנדזשעט גאָר אין דער פינסטער״. געוואונען פאַר זיך האָט אבולעפיא נאָר עטלעכע רבנים פון צפון־פראַנקרייך, צווישן זיי איינער פון די בעלי־התוספות, ר׳ שמשון פון סאַן. דערמיט האָט זיך דערווייל פאַרענדיקט דער טומל, און דעם רמב״מס אידעען האָבן זיך פאַר דער צייט שטאַרק פאַרשפּרייט אין גאַנץ שפּאַניע און דרום־פראַנקרייך. כמעט אַלע באַדייטנדיקע יידישע פער־זענלעכקייטן אין די לענדער זיינען באַהערשט געוואָרן פון דער ראַציאָ־נאַליסטישער פאָרשונגס־מעטאָדע, און האָבן אָנגעהויבן זיך באַציען שטרענג קריטיש צו אַלע דאָגמעס און געבאָטן פון יידנטום. נאַטירלעך, האָט עס געמוזט פירן צו אַ געוויסער קאַלטקייט בנוגע צום אָפּהיטן די דאָזיקע

געבאָטן, און אַ סך האָבן אָנגעהויבן שטאַרק מקיל זיין אין זאכן, וואָס זיינען ביז דאַן געווען זייער פאַרהייליקט — עס איז אפילו דערגאַנגען ביז חתונה־פאַרבינדונגען מיט קריסטלעכע אָדער מאַכמעדאַנישע פרויען.

דאָס האָט ענדלעך שטאַרק אויפגעטרייסלט די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, און באַלד האָט זיך צעפלאַקערט אַ הייסער און פאַרביטערטער קאַמף. עס האָט זיך געפונען אַ שטרענג־פרומער תלמודישער געלערטער, מיטן נאָמען ר׳ שלמה בן אברהם פון מאָנפּעליע, וועלכער האָט דער ערשטער גענומען אויף זיך מקנא צו זיין קנאת ד׳ צבאות און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרניכטן די פאַרשאָלטענע פילאָזאָפיע. ער האָט צוגענומען צו זיך נאָך צוויי תלמודישע געלערנטע, ר׳ יונה בן אברהם גערונדי און ר׳ דוד בן שאול, און צוזאַמען האָבן זיי אויסגערופן אַ חרם (אָנהייב 1232) איבער יענע אַלע, וועלכער לערנען די פילאָזאָפישע טיילן פון רמב״מס ווערק, באַשעפטיקן זיך מיט וויסנשאַפטלעכע חקירות וועגן גאָט און גלויבן און טייטשן בכלל אויס די תורה און דעם תלמוד נישט אין פשטות. אויף דעם חרם האָבן זיך געחתמעט נאָך פיל רבנים פון צפון־פראַנקרייך, צווישן זיי אויך דער באַרימטער ר׳ יחיאל פון פאַריז.

דערמיט אָבער האָט זיך דאָס פייער נאָר פונאַנדערגעקאָכט. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פון דעם חרם, האָבן די מיימוניסטן פון דרום־פראַנקרייך אויפגעהויבן אַ גאַנצן שטורעם. זיי האָבן אין דעם שריט געזען אי אַ שענדלעכע באַליידיקונג פאַרן נאָמען פון דעם גרויסן דענקער און געזעץ־לערער, אי די געפאַר פון אַ שרעקלעכער שפּאַלטונג, און די דריי גרויסע דרום־פראַנצויזישע קהלות: בעזיער, ליונעל און נאַרבאָן האָבן מבטל געווען דעם חרם פון ר׳ שלמהן מיט זיינע חברים. די קהלה פון מאָנפּעליע גופא האָט זיך אויך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייען: די געבילדעטע זיינען געווען קעגן ר׳ שלמהן און דער פרומער המון — פאַר אים. דאָ איז עס אַפילו דערגאַנגען צו געשלעגערייען, און באַלד האָט זיך די מחלוקת פונאַנדערגעטראָגן איבער אַלע קהלות פון קאַטאַלאָניע, אַראַגאָניע און קאַסטיליע. די מחלוקת איז פון ביידע זייטן געפירט געוואָרן מיט אַ פאַרביטערטער ליידנשאַפטלעכקייט, און דאָס ערגסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס ביידע צדדים האָבן זיך געשטיצט אויף אַלטע אויטאָריטעטן.

אין לאַגער פון די מיימוניסטן האָבן זיך באַזונדער אויסגעטיילט די געשטאַלטן פון צוויי באַרימטע פערזענלעכקייטן: ר׳ דוד קמחי און דער

יונגער ר׳ משה בן נחמן. דער ערשטער, ווי העברעישער שפראך־פארשער און ביבל־דערקלערער, איז געווען איינער פון די היציקסטע פארערער פון רמב״ם, און די אנטי־מיימוניסטן פון צפון־פראנקרייך האבן אויף אים אויסגערופן א באזונדערן חרם — פאר זיין מיימוניש־פילאזאפישן פירוש אויף דער וויזיע פון יחזקאל הנביא און פאר זיין דערקלערונג, אז ווען משיח וועט קומען, וועט דער תלמוד בטל ווערן. אין דעם קאמף קעגן די אנטי־מיימוניסטן איז אלזא דער רד״ק פערזענלעך פאראינטערעסירט געווען, און ער האט אליין אונטערגענומען א רייזע קיין שפאניע, כדי צו באקומען אויף זיין צד די דארטיקע קהלות.

די צווייטע טאן־געבנדיקע פערזענלעכקייט אין דעם קאמף, ר׳ משה בן נחמן (דער רמב״ן, געב׳ 1125, געשט׳ 1270) פון געראנא, האט געפרואווט שטילן די צערייצטע ליידנשאפטן און רופן צו אן ערנסטער איבערלייגונג. ער אליין איז שטרענג געשטאנען אויף דעם באדן פון דער מסורה און יעדער מאמר פון תלמוד און אפילו פון די שפעטערדיקע גאונים (שוין נישט גערעדט וועגן די הייליקע שריפטן) איז געווען פאר אים הייליק און אומבארירלעך. לויט דער באשעפטיקונג א דאקטאר און בכלל א מענטש מיט ברייטע אלגעמיינע קענטענישן, האט ער דאך געקוקט מיט פאראכטונג אויף דער גריכישער פילאזאפיע, און אין דער צייט, ווען דער רמב״ם האט איבערהויפט געזוכט אלץ קלאר צו מאכן אין יידנטום, אלץ אונטערצעווארפן דער קריטיק פון דעם ריינעם מענטשלעכן פארשטאנד, — האט דער רמב״ן גראד די קבלה גערעכנט פאר דאס הייליקסטע און העכסטע פון דער יידישער אנטפלעקונג. דער רמב״ן האט געגלויבט אויך אין רוחות און שדים, וואס דער רמב״ם האט גערעכנט פאר געצנדינסט. ביי דעם אלעם איז אבער דער רמב״ן דאך געווען פיל טאלעראנטער פון די צפון־פראנצויזישע רבנים. צו דער צייט, ווען דער חרם איז אויסגערופן געווארן אויף די מיימוניסטן, האט דער יונגער, נאר זייער אנגעזעענער גאון פון געראנא (דער רמב״ן) זיך געשטעלט אויפן צד פון די חרם־אויסרופער: ר׳ שלמה פון מאנפעליע און זיין פעטער ר׳ יונה, און זיך געווענדט מיט א בריוו צו די קהלות פון אראגאניע, נאווארא און קאסטיליע, אין וועלכן ער האט זיי אויפגעפאדערט, זיך נישט צו לאזן פארפירן פון די „פאלשע״ מיימוניסטן.

די מערסטע קהלות פון שפאניע האבן זיך אבער יא געלאזט „פאר־

פירן". דער לייב־מעדיקער פון אַראַגאָנישן קעניג, בחיאל אבן אַלקאָנסטאַנ־טיני, זיין ברודער שלמה, מיט נאָך צען אָנגעזעענע פירער פון דער קהלה אין סאַראַגאָסאַ, האָבן אויפגערופן אַלע אַראַגאָנישע קהלות, זיך צו פאַר־אייניקן מיט זיי אין קאַמף קעגן יענע, וואָס האָבן געוואַגט אַרויסצו־טרעטן קעגן דער גרויסקייט פון רמב"ם, "וועלכער האָט אונדז אַרויסגע־צויגן פון תהום פון אומוויסנקייט, פאַרבלענדעניש און נאַרישקייט". אויף דעם אויפרוף האָבן זיך אָפּגערופן די פיר קהלות: הועסקאַ, מאָנזאָן, קאַלאַ־טאַיוד און לערידאַ, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט די מיימוניסטן. דער אַנטשיידונגס־פּונקט פון דעם קאַמף איז אָבער געלעגן אין דער טאָך־געבנדיקער טאָלעדאָ, און גראָד דאָ איז די שטימונג געווען מער פאַר ר' שלמהן, ווי קעגן אים. דער אויבנדערמאָנטער ר' מאיר אַבולעפיאַ האָט אין זיין בריוו צום רמב"ן פאַראויס פאַרזיכערט, אַז די גדולים פון טאָ־לעדאָ זיינען צופרידן מיטן חרם, וואָס איז אויסגערופן געוואָרן אויף יענע, "וועלכע שטיצן זיך אויף זייער פאַרשטאַנד און זאָגן, אַז גאָט פאָדערט גאָרנישט קיין אויסערלעכע מעשים, נאָר בלויז אינערלעכע פאַרטיפונגען אינעם גייסט פון דער פילאָזאָפיע". אין דעם בריוו דראָט ער אַפילו, אַז ער מיט זיינע חברים וועלן זיך אין גאַנצן אָפּזונדערן פון די פאַרברעכע־רישע מיימוניסטן און מיט זיי מער קיין מגע ומשא נישט האָבן, — ווי מיט אָפּגעריסענע טיילן פון דער אומה. דאָס האָט דעם רמב"ן אַרויפגע־בראַכט אויפן רעיון די מורא פאַר אַ נייער שפּאַלטונג אין יידנטום, און ער האָט פאָרגעלייגט אַן אויסוועג, וואָס האָט געזאָלט צופרידנשטעלן ביידע צדדים. דער פאָרשלאַג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער חרם פון רמב"מס הלכהשע ספרים, צווישן זיי אויך דעם עטיש־פילאָזאָפישן ספר המדע, זאָל מען אַראָפּנעמען, ווייל "ווער עס שיידט זיך אָפּ פון רביס (רמב"מס) ספרים איז, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשיידן פונעם לעבן"; דאַקעגן זאָל פאַרבאָטן ווערן צו לערנען "קאָמפּאַניעסווייז" (עפנטלעך) דעם "מורה נבוכים". און דערביי זאָל מען אויך נישט אָננעמען קיין זייער האַרבע מיטלען, נאָר ווירקן מיט גוטן: "ווער עס וועט וועט פאָלגן און ווער ווער נישט — נישט; מ'קען דאָך נישט צווינגען אַלע יידן, זיי זאָלן זיין חסידים און צדיקים".

די דאָזיקע פשרה האָט קיינעם פון די קעמפנדיקע צדדים נישט באַ־פרידיקט — צו טיף איז געווען דער אָפּגרונט צווישן דעם רמב"מס יידיש־

קייט און דעם יידישקייט פון דער מסורה, כדי זיי זאָלן נאָך קענען אויף וועלכן ס'איז אופן קומען צווישן זיך צו אַן אויסגלייך. איינער פון די מער באַוואוסטזיניקע צווישן די אַנטי־מיימוניסטן, דער פירשט (נשיא) פון קאַסטילישן יידנטום און לייב־מעדיקער פון קעניג, ר' יהודה בן יוסף אבן אַלפאַכר, האָט אַפילו אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק אָפן און דרייסט. ווי אַ טאָך־געבנדיקע און איינפלוסרייכע פערזענלעכקייט, האָט ר' יהודה אַלפאַכר זיך געהאַלטן די ערשטע צייט פון דער ווייטן און נישט אַרויסגע־זאָגט קיין באַשטימטע מיינונג וועגן דער פראַגע; דאַן האָט זיך דער אַל־טער ר' דוד קמחי געווענדעט צו אים מיט אַ הייסן בריוו (ער האָט זיך געלאָזט אליין פאָרן צו אים פון דרום־פראַנקרייך, נאָר אין וועג איז ער קראַנק געוואָרן), אין וועלכן ער האָט אים אויפגעפאָדערט, אַרויסצוזאָגן זיין מעכטיק וואָרט וועגן דער ברענענדיקער מחלוקת און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף מאַכן מיט דיווילדע מעשים פון דיפינצטערע „פאַנאַטי־קער". און אבן אַלפאַכר האָט אַרויסגעזאָגט זיין וואָרט. דאָס איז אָבער געווען אַ האַרטער קלאַפּ נישט פאַר די פאַנאַטיקער, נאָר פאַר די פריי־דענקערישע מיימוניסטן. אין זיין שאַרפן ענטפער דעם רד"ק שרייבט ער: בן מיימון האָט געוואָלט צונויפבינדן די תורה מיט דער גריכישער פילאָ־זאָפיע און געמיינט, אַז זיי וועלןביידע הויזן צוזאַמען; דאָס קען אָבער נישט זיין — די תורה קען זיך נישט פאַרבינדן מיט דער פילאָזאָפיע, וואָס שטיצט זיך אָפּט אויף סאָפיסטישע פשטלעך. דאָ ווייזט ער אָן אויף אַ סך פאַקטן פון דער תורה, וואָס דער „מורה נבוכים" דערקלערט זיי „על פי שכל" אַזוי, אַז מ'קען זיי יאָ אָננעמען און נישט אָננעמען, און קומט צו צום באַשלוס, אַז ביי דעם גאַנצן כבוד, וואָס ער פילט צו דעם גרויסן גייסט, צו דעם טיפן דענקער און מחבר פון „משנה תורה", זעט ער דאָך אַ סך שעדלעכעס אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק. „אַ תורה האָט אונדז געגעבן — שרייט אויס אבן אַלפאַכר — משה (רבינו), און איר ווילט דעם רבין משה (בן מיימון) ז"ל אויפהייבן העכער פון די נביאים... אין „מורה" זיינען נישט אַלע שטעלן גלייך: אַנדערע זיינען גוט, אַנדערע זיינען אָבער שעדלעך. הלוואַי וואָלט דער ספר (מורה נבוכים) אין גאַנצן נישט געשאַפן, נישט איבערזעצט און נישט געלייענט געוואָרן... דער ערש־טער שולדיקער איז ר' שמואל אבן תבון; ער האָט אים איבערזעצט אויף

העברעיש און אויף אַזאַ אופן פאַרשפרייט צווישן המון אַזעלכע מיינונגען, וואָס זיינען באַשטימט נאָר פאַר יחידי סגולה״...

נאָך דעם אַלעמען איז די שטימונג פון דער מערהייט צווישן פאָלק און די רבנים דאָך געווען אויף דער זייט פון די מיימוניסטן, און ווען דער אויפגערייצטער ר׳ שלמה האָט געזען, אַז די צאָל פון זיינע מיינונגס־חברים ווערט אַלץ קלענער, האָט ער זיך באַשלאָסן אויף אַ שענדלעכער עובדא. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען גרעגאָר דער ניינטער האָט איינגעאָרדנט אינקוויזיציע־געריכטן אין אַלע גרעסערע שטעט פון דרום־פראַנקרייך, צו משפטן די פאַרדעכטיקע אין אפיקורסות. אָט די בלוט־געריכטן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער דער השגחה פון די אכזריותדיקע דאָמיניקאַנער און צו זיי האָט זיך דער צעהיצטער קנאי געווענדעט נאָך הילף אין קאַמף מיט די מיימוניסטן. ר׳ שלמה מיט זיין חבר ר׳ יונה זיינען געקומען צו די דאָמיניקאַנער און האָבן געזאָגט צו זיי: „איר פאַרברענט אייערע אַפיקורסים, פאַרפאָלגט־זשע אויך אונדזערע. די מערסטע יידן פון פראָוואַנס (דרום־פראַנקרייך) זיינען אָנגעשטעקט מיט די אפיקורסישע ווערק פון ר׳ משה בן מיימון. ווען איר וועט אָט די ווערק עפנטלעך און פייערלעך פאַרברענען, וועט דאָס די יידן אָפּשרעקן״. דערביי האָבן זיי פאָרגעלייענט פאַר די דאָמיניקאַנער געוויסע שטעלן פון „ספר המדע״ און „מורה נבוכים״, פון וועלכע די באַגרענעצטע מאָנאַכן זיינען פאַרציטערט געוואָרן, און דאָס איז, נאַטירלעך, גענוג געווען פאַר די הייליקע דינער פון דער קירך, זיך אָנצוכאַפּן אין דעם פאָרשלאָג. די שרעק פון דער קירך איז נאָך גרעסער געווען דערפאַר, וואָס דער „מורה״ איז שוין דעמאָלט געווען איבערזעצט אויך אויף לאַטייניש, און דאָס האָט דעם גורל פון די „שעדלעכע״ ווערק נאָך צוגעאיילט: די שלוחים פון דער אינקוויזיציע האָבן זיך גלייך אַרויסגעלאָזט איבער אַלע יידישע הייזער פון מאָנפעליע, און אַלע געפונענע עקזעמפּליאַרן פון „ספר המדע״ און „מורה נבוכים״ זיינען דערנאָך עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. אויף ר׳ יונהס פאַרלאַנג איז דאָס זעלביקע פאָרגעקומען אויך אין פאַריז: אויך דאָ האָט מען דעם רמב״מס ספרים צונויפגעזאַמלט אין גאַס און אָנגעצונדן — ביי אַן אַלטאַר־ליכט פון אַ דערבייאיקער קירך.

אָט די שענדלעכע מסירה האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע אויפרעגונג אין אַלע קרייזן פון דער יידישער וועלט. אין גאַנץ דרום־פראַנקרייך

און שפאַניע האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון צאָרן און כעס קעגן דעם אומגעלומפּערט־פאַרברעכערישן קנאי מיט זיינע חברים, וואָס האָט פאַר־אייניקט די פריערדיקע קעגנער און אָנהענגער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געשאָטן קללות און זלזולים אויף די קעפּ פון די „מוסרים", און די פריער־דיקע הייסע אָנהענגער פון ר' שלמהן (אויך ר' מאיר אַבולעפיאַ) זיינען פון חרפה אין גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. די מיימוניסטן ווידער האָבן איצט אין איין אָטעם געוואָרפן פיילן פון פייערדיקע בריוו און גיפטיקע סאַ־טירעס אין די רייען פון די באַשולדיקטע, און דאָס האָט ווייטער געבראַכט צו עקסצעסן פון דער צווייטער זייט: עטלעכע איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דעם מיימוניסטישן צד האָבן פאַר דעם זעלביקן אינקוויזיציע־געריכט באַשולדיקט די קנאים אין פאַלש עדות־זאָגן קעגן רמב"מס ווערק, און דאָס געריכט האָט ביי צען אָנגעקלאָגטע געלאָזט אויסשניידן די צינגער פון מויל (איינער פון די דעמאָלטיקע סאַטיריקער האָט געלייענט איבער די באַשטראָפטע דעם פסוק: שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ, ד"ה זיי האָבן געווענדט זייערע מיילער קעגן הימל, איצט וואַלגערט זיך זייער צונג אויף דער ערד.

געענדיקט האָט זיך דער קאַמף מיטן פולשטענדיקן נצחון פון די מיימוניסטן. וואָס מיט ר' שלמהן איז געוואָרן — איז נישט באַקאַנט. דאַקעגן האָט ר' יונה עפּנטלעך אויסגעדריקט אַ טיפע חרטה איבער זיינע מעשים; ער האָט גענומען אויף זיך אַ שווערע תשובה, ער האָט געוואַנ־דערט פון שטאָט צו שטאָט, און זיך אומעטום מתודה געווען און פאַר אַלע אויסגערופן: „משה (בן מיימון) איז אמת און זיין תורה איז אמת, נאָר מיר זיינען פאַלש". — צווישן די קעמפנדיקע צדדים האָבן זיך אגב געפונען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט צו פאַרהיטן די שלעכטע ווירקונג פון רמב"מס חקירות מיט אַן אַנדער, פונקט אַנטקעגנגעזעצטער ווירקונג. אַזוינער איז געווען דער אָנגעזעענער תוספיסט ר' משה פון קוצי. אַ באַרימטער און טיף־געלערנטער תלמודישער געזעץ־קענער (ער האָט מחבר געווען אַ מין קאָדעקס לויטן זין פון דער מסורה, מיטן נאָמען „ספר מצוות גדול", קורץ: סמ"ג), האָט ער זיך באַזונדער אויסגעצייכנט ווי אַ באַליבטער דרשן, און דאָס האָט ער אויסגענוצט אויף צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן רעליגיעזן געפיל. ער איז ארומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט איבער גאַנץ דרום־פראַנקרייך און שפאַניע, און מיט זיינע האַרציקע דרשות גע־

פלאַנצט אין די יידישע הערצער פרומקייט, ערלעכקייט און גוטע מענטש־לעכע מדות. אונטער דער ווירקונג פון די דאָזיקע דרשות האָבן אַ סך לייכטזיניקע און לייכטגלויביקע יידן אָנגעהויבן שטרענגער אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תורה און פיל האָבן זיך אַפילו אָפּגעטיילט פון זייערע קריסטלעכע אָדער מאַכמעדאַנישע פרויען.

ר׳ משה איז געשטאָרבן אין יאָר 1260; זיין צייט־חבר ר׳ יצחק פון קאָרבייל האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרקירצטע אויסגאַבע פון דעם גרויסן ספר מצוות (סמ״ג), כדי אים צו מאַכן מער צוגענגלעך פאַר די ברייטע שיכטן פון פאָלק. אָט די פאַרקירצטע אויסגאַבע האָט באַקומען דעם נאָ־מען „ספר מצוות קטן״, אָדער אָפּגעקירצט: סמ״ק.

קאַפּיטל זעכצן

די אויפבליאונג פון דער קבלה

צו די כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען אינעם יידישן גייסטיקן לעבן פון יענער צייט דאַרף מען צורעכענען אויך די שטאַרקע אויפבליאונג פונעם יידישן מיסטיציזם, פון דער קבלה. דאָס איז געווען ווי אַ מין רעאַקציע קעגן דער ממשלה פונעם טרוקענעם ראַציאָנאַליזם, וואָס אַלערליי יידישע און נישט־יידישע פילאָזאָפן האָבן אַריינגעפירט אין די ספערן פון יידישן שאַפן און דענקען. דער סיסטעם פון חקרהנען זיך, פון צעגלידערן יעדע זאַך מיטן קאַלטן שכל, האָט איבערהויפּט „נישט באַפרידיקט דאָס רעליגיעזע געוויסן פון יענע האַרציק־גלויביקע, וועלכע האָבן געזוכט אין יידנטום נאַרונג נישט פאַרן פאַרשטאַנד, נאָר פאַרן געפיל, וואָס האָבן געזוכט זעלבסט־פאַרגעסונג און נישט זעלבסט־באַוואוסטזיין". געטריבן פון די „אויפגעקלערטע" מיימוניסטן, זיך צו פאַרטיפן אין די אייביקע פראַגן פון גאָט און וועלט, — האָבן אָט די עקזאַלטירטע און מיסטיש־געשטימטע נאַטורן דערפאַר געשאַפן פאַר זיך אַ גאַנץ באַזונדערע טעאָזאָפיע (גאָט־לערע) — וואָס שטיצט זיך נישט אויף קיין לאָגישע הנחות, נאָר אויף פאַנטאַסטישע בילדער און פאָרשטעלונגען. דערביי האָבן זיך די פאַרשטייער פון דער לערע נישט אָפגעריסן פון דער טראַדיציע, נאָר פאַרקערט: איינגעפאַסט אַלע זייערע מיסטישע באַגריפן אין פסוקים פון די הייליקע שריפטן 1), אגדות פון תלמוד און מדרש און איבערהויפּט אין די טעקסטן פון די עטלעכע קבלה־ספרים (ספר יצירה א"א), וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור.

די קבליסטישע טעאָזאָפיע אין אָנהייב פון דרייצנטן יאָרהונדערט,

---

1) עס האָט געהייסן, אַז יעדער פסוק פון דער תורה קען אויסגעטייטשט ווערן אויפן פשוטן אופן (פשט), אויפן אופן פון איידעלע אָנדייטונגען (רמז), דורך צונויפפלעכטן מיט תלמודישע הלכות אָדער אגדות (דרש), און דורך דער העכסטער פאָרעם, וואָס ווערט איבערגעגעבן מינדלעך נאָר געציילטע הייליקע אין יעדן דור, — די פאָרעם פון סוד, פון געהיימע בילדער, צונויפשטעלונגען און באַגריפן (צרופים).

האָט אַרויסגעשטעלט דעם ווייטערדיקן אידייען־גאַנג: גאָט איז העכער פון אַלץ — אַפילו אויך פון זיין און דענקען. זאָגן פון דער גאָטהייט, אַז זי רעדט, דענקט, וויל, טוט, באַוועגט זיך און אַזוי ווייטער, הייסט באַגרענעצן איר מהות און זי איז פאַקטיש אומבאַגרענעצט, ווייל — פולקאָם. אויב עס לאָזט זיך יאָ מיט עפּעס באַשטימען דעם מהות פון גאָט, איז עס בלויז דערמיט גופא, אַז ער איז אומבאַגרענעצט, אַז ער איז אַ „אין סוף" (אומענדלעך) ד"ה אַ וועזן אָן שום ממשותדיקע אייגנשאַפטן, וואָס איז פאַרהוילן פון דעם מענטשלעכן גייסט און לאָזט זיך בעצם נישט באַגרייפן. ווי אַזוי זשע איז צו אונדז אויף אַזאַ אופן דערגאַנגען די מציאות פון דער גאָטהייט? דורך דער יצירה; דורך דעם, וואָס איז דאָ, וואָס עקזיסטירט — דורך דער וועלט. אָט די נידעריקע, מאַטעריעלע וועלט מיט אַלע אירע שלעכטקייטן און חסרונות האָט אָבער פון דעם „אין סוף" אַליין נישט געקענט באַשאַפן ווערן — דאָס אומבאַגרענעצטע, אַבסאָלוט פולקאָמע האָט נישט געקענט דירעקט אַרויסברענגען אַ יצירה, וואָס איז באַגרענעצט און נישט פולקאָם. וואָס דען? דער אין סוף, דאָס אומענדלעכע ליכטפולע וועזן האָט אויסגעשטראַלט פון זיך איין גייסטיקן מהות, איין כוח (קראַפט), און אים מיטגעגעבן אַ טייל פון זיין פולקאָמער אומענדלעכקייט. אָט די אויסגעשטראַלטע קראַפט איז, הייסט עס, נישט גלייך צו דעם אין סוף, נאָר ענלעך צו אים, ד"ה זי האָט צוזאַמען מיט איר אומבאַגרענעצטקייט אויך איין באַגרענעצטע זייט. אַזוי איז אַנטשטאַנען די ערשטע ספירה (לויט דער טערמינאָלאָגיע פון די מקובלים; פון לשון ספר־ציילן אָדער פון דעם גריכישן וואָרט ספּערע), וועלכע האָט פון זיך ווידער אויסגעשטראַלט אַ צווייטע, די צווייטע — אַ דריטע און אַזוי כסדר ביז צען ספירות.

די דאָזיקע צען כוחות בילדן אי צווישן זיך, אי בנוגע צום אין סוף איין שטרענגע איינהייט. זיי שטעלן נאָר פאָר פאַרשידענע זייטן (פּרצופים, געשטאַלטן) פון איין און דעם זעלביקן וועזן, אַזוי ווי דאָס פייער למשל, ווייזט זיך אַרויס אין פלאַם, ליכטיקייט און פונקען. די צען ספירות, וועלכע שיידן זיך אונטער איינע פון דער אַנדערער, ווי די פאַרשידענע קאָלירן פון איין פייער, קענען אויף אַזוי פיל אומענדלעך ווירקן, אויף וויפיל דער אין סוף איז משפיע אויף זיי פון זיין אומענדלעכקייט. די אַלע שטעלן פון דער תורה, וועלכע שילדערן גאָט, ווי אַ וועזן, וואָס באַוועגט

זיך, רעדט, פילט דעם ריח פון קרבנות אאז"וו, באַציען זיך אַלזאָ נישט אויף דעם אין סוף אליין, נאָר אויך די ספירות. די לעצטע, וועלכע האָבן אין זיך עפּעס קערפּערלעכעס, האָבן, לויטן ווילן פון אין סוף, באַשאַפן די קערפּערלעכע וועלט און פירן זי. אַלע זאַכן, נישט בלויז די אַרטן (מינים) נאָר אויך די איינצלנע זאַכן אין דער נידעריקער וועלט האָבן דעריבער זייער פאָרבילד, זייער טיפּוס אין די העכערע וועלטן און באַזיצן ממילא שוין אויך הויכע באַדייטונגען.

לויט זייערע ווירקונגען ווערן די צען ספירות איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס. די ערשטע, העכסטע, ווירקט אויף דער וועלט פון גייסט (עולם האצילות). אין איר גייען אַריין די ספירות: קרוין (כתר), חכמה (די שאַפנדיקע, ריינע) און פאַרשטאַנד (בינה); פון די דריי ספירות קומען אַרויס: די געטלעכע קראַפט, די העכסטע דערקענטעניש, די תורה, די מלאכים און די נבואה. אין דער צווייטער קאַטעגאָריע גייען אַריין די ספירות: גענאָד (חסד), געזעץ (דין) און שיינקייט (תפארת); זיי זיינען משפיע אויף די נשמות און האָבן אין זייער רשות די מאָראַלישע הנהגה פון דער בריאה. די דריטע קאַטעגאָריע איז שוין משפיע אויף דער פּאַק־טישער, ממשותדיקער וועלט; זי נעמט אַריין די ספירות: אייביקע־שטאַר־קייט (נצח), פּראַכט (הוד), פונדאַמענט און ערשאַפט (יסוד). די צענטע ספירה איז די השגחה (מלכות), די שכינה, וואָס רוט אויף דעם יידישן פאָלק און באַשיצט אים. אַדאַנק די ספירות ווערט דער אין סוף צוגענגלעך פאַר אונדזערע חושים, און דורך די אומזיכטבאַרע „צנורות" (קאַנאַלן), וועלכע ציען זיך פון זיי, האָבן מיר אויף דער וועלט דאָס אַלץ, וואָס מיר זען.

זייער אַ הויכע באַדייטונג האָט די מענטשלעכע נשמה — זי שטאַמט פון די העכסטע וועלטן און שטייט אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט אַלע ספירות. דאָס גיט איר די מעגלעכקייט אויסצופועלן פאַר זיך אַ גרויסן שכר, אויב זי איז ריין און הייליק, און פאַרקערט אויך, אַרויפצוציען אויף זיך אַ גרויסע שטראָף. אין דער גאַנצער וועלט־אָרדענונג ווידער בכלל פאַר־נעמט די יידישע אומה אַ באַזונדערן פּלאַץ; זי ציט אַראָפּ אויף דער וועלט אַלע צנורות פון גנאָד און גייסט און באַרעמהאַרציקייט. דאָס טוט זי אויף מיט איר אַנטפּלעקונג, מיט אירע תרי"ג (613) מצוות, וועלכע זיינען אויף אַזאַ אופן דאָס איינציקע וואונדער־מיטל צו דערהאַלטן די וועלט און האָבן

אַ טיף־מיסטישע באַדייטונג. אַזאַ באַדייטונג האָבן געהאַט די קרבנות אין בית המקדש — זיי האָבן לעבעדיק געהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן דער נידעריקער וועלט מיט די העכערע ספערן, מיט די ספירות. דעם זעלביקן צוועק האָבן אויך די תפילות: יעדעס וואָרט, יעדעס אות פון דער תפילה איז באַשטימט פאַר אַן אַנדער ספירה, און יעדע באַוועגונג רירט אָן אַן אַנדער פונקט אין די „עולמות העליונים" (העכערע וועלטן).

אויסער די דאָזיקע אַלע הנחות, וואָס האָבן געמוזט פאַרשטאַרקן דעם פרעסטיזש פון דער קבלה אין די קרייזן פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, האָט די נייע מיסטישע טעאָזאָפיע אַריינגעבראַכט אין יידנטום נאָך אַן אי־בערגענומענעם אַבערגלויבן פון די מזרח־פעלקער, די אמונה אין גלגולים. אין דער צייט, ווען די ריינע נשמות שוועבן גלייך נאָכן מענטשנס טויט אַוועק אין די געטלעכע הויכע וועלטן, בלייבט די נשמה פון דעם זינדיקן געשטאָרבענעם אויף דער ערד, וואַנדערט אַרום אַ לאַנגע צייט, באַזעצט זיך אין קערפּער פון אַן אַנדער מענטשן (אָדער אַ חיה, אַ בהמה אאז"וו) און האָט נישט קיין „תקון" פריער, איידער זי קויפט נישט אויס אירע זינד.

אַזוי האָט די קבלה אַרומגענומען אַלע זייטן פונעם רעליגיעזן שאַפן און אויף אַלץ געגעבן אַן אויספירלעכע, כאָטש נישט קיין קלאָרע, תשובה. דער ערשטער פאַרטרעטער פון דער נייער ריכטונג אין דרייצנטן יאָרהונ־דערט זאָל האָבן געווען אַ געוויסער ר' עזריאל פון כעראָנאַ, דאָס קליינע אַראַגאָנישע שטעטל, וואָס איז איבערהויפּט געוואָרן ווי אַ מין נעסט פאַר דער קבלה אויף אַ לאַנגער צייט. אָט דער ר' עזריאל האָט נאָך געפּרואווט זיך צוזנפּזהנען צו דער פילאָזאָפיע און זי געווינען פאַר זיך, דאַקעגן האָט אַן אַנדער קבליסט, מיטן נאָמען ר' יעקב בן ששת גירונדי, אויך פון כעראָ־נאַ (1243), שוין פאַרהאַסט די גאַנצע פילאָזאָפיע און זי פאַרשאָלטן.

כדי צוצוגעבן זייערע מיסטישע אידייען אַ גרעסערע אויטאָריטעט אין די אויגן פון דעם יידישן עולם, האָבן די קבליסטן פון דער עפּאָכע זיך באַנוצט מיט דער אַמאָליקער פסעוודאָגראַפיע: זיי האָבן אויף זייערע ווערק אַרויפגעשטעלט נעמען פון פערזאָנען, וועלכע זיינען שוין פון פאַרצייטיקע יאָרן פאַרהייליקט געווען ביי יידן. אַזוי האָט איין מקובל פון דער צייט אָנ־געשריבן אַ קבלישן ספר, אונטערן נאָמען „הבהיר" (גלאַנץ), און אים צו־געשריבן דעם אויטאָריטעטן תנא ר' נחוניא בן הקנה. אומזיסט האָבן אַזעל־כע תלמודישע גדולים, ווי ר' מאיר בן שמעון פון נאַרבאָן און ר' משולם

בן משה פון בעזיער געוואָרנט זייערע קהלות קעגן די פאַלשע פאָרשטעלונ־גען, וואָס די קבליסטן פון כעראָנאַ פאַרשפרייטן אונטער פאַרהייליקטע נע־מען, — אָט די פאַלשע איינבילדונגען האָבן באַפּרידיקט אַ דרינגענדיקע באַדערפעניש פון טויזנטער יידישע געמיטער, און די קונציק־געשאַפענע נייע ווערק פון כלומרשט אַלטע מחברים זיינען געוואָרן פון טאָג צו טאָג מער פאַרשפרייט און פאַרהייליקט.

אַ שטאַרקער נצחון פאַר דער נייער לערע איז געווען דאָס, וואָס זי האָט געוואונען פאַר זיך דעם רמב״ן. אָט דעם קלאָרן שאַרפן גייסט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל ליכט און קלאָרקייט אין די פאַרטונקלטע שטעלן פון דער תלמודישער דיאַלעקטיק, — האָט זיך אין גאַנצן אַריינגע־וואָרפן אינעם תהום פון דער פאַנטאַסטישער הימל־וועלט, און דאָס האָט שוין צוגעצויגן אויף דער זייט פון די מקובלים נאָך פיל אַנדערע אָנגע־זעענע חכמים און רבנים, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן דער אויטאָריטעט פון גרויסן רמב״ן.

אויף אַזאַ אופן זיינען אַנטשטאַנען גאַנצע דריי פאַרטייען אין יידנ־טום: פילאָזאָפיש־אויפגעקלערטע, תלמודיסטן און קבליסטן. די ערשטע האָבן זיך געהאַלטן ביים רמבמ״ס ווערק און זיינען אפילו אַוועק נאָך פיל ווייטער פון אים בנוגע צו אַ סך אָנגענומענע באַגריפן פון דער יידישער מסורה; די תלמודיסטן האָבן זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון אַלע חקי־רות וועגן „מה למעלה און מה למטה״ (וואָס אויבן און וואָס אונטן״), זיך פאַרנומען מיט דעם הלכישן טייל פון תלמוד אָדער מיט די תלמודישע אגדות, אין וועלכע זיי האָבן אויך אַריינגעלייגט געוויסע כונות — אויף זייער שטייגער. דאַן ענדלעך די קבליסטן, וועלכע זיינען צום סוף פון דרייצנטן יאָרהונדערט שוין געווען אַ באַדייטנדיקע פאַרטיי. צווישן זיי מיט די תלמודיסטן זיינען אין אָנהייב קיין גרויסע רייבונגען נישט פאָר־געקומען, שפּעטער איז אָבער דער תהום צווישן די צוויי פאַרטייען זיך אויך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן, און דיביידע ווידער זיינען אַרויסגע־טראָטן קעגן די אפיקורסים־מיימוניסטן.

וויניקער פרוכטבאַר איז געווען אין יענער צייט די טעטיקייט פון דעם יידישן גייסט אויף דעם געביט פון דער פּאָעזיע. די סאַטירישע ליד־לעך און עפּיגראַמען, מיט וועלכע די מיימוניסטן און די אַנטי־מיימוניסטן האָבן זיך איינע די אַנדערע דורכגעווערטלט, זיינען געווען די לעצטע

שטראַלן פון דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע, וואָס איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט אינעם משך פון גאַנצע דריי הונדערט יאָר. אין די דאָזיקע געגראַמטע פונקן האָט זיך גאַנץ זעלטן געפּילט דער הויך פון עכט־דיכטע־רישער שיינקייט, און די מחברים אַליין האָבן שוין אויך געקוקט אויף זיך ווי אויף איבערגעבליבענע זכרונות פון „די גוטע אַלטע צייטן״. צו די דאָזיקע לעצטע פאַרטרעטער פון דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע האָבן אָנגעהערט ר׳ יהודה אלחריזי, ר׳ יוסף בן סבאַרה און ר׳ יהודה בן שבתי. זייערע שאַפונגען טראָגן אַלע אויף זיך כמעט איין און דעם זעלביקן שטעמפּל; דאָס זיינען סאַטירישע ראָמאַנען אויסגעמישט מיט רעטאָרישע איבערטרייבונגען און אַלגעמיינע חקירות. אַלחריזי האָט איבערזעצט אַ באַ[illegible]יטנדיקע צאָל רעליגיעז־פילאָזאָפישע און עטישע ווערק פון אַראַביש אויף העברעאיש און דערצו האָט ער געשאַפן אויך עטלעכע אייגענע, מער וועלטלעכע ספרים, פון וועלכע דער באַרימטער איז דער „תחכמוני״, אַ פליסיקע שילדערונג פון אַלערליי לעבנס־בילדער און געשעענישן אין גע־גראַמטער פּראָזע, ענלעך צום „תחכמוני״ איז דער ראָמאַן „שעשועים״ (אונטערהאַלטונג) פון ר׳ יוסף בן סבאַרה. דער דריטער, ר׳ יהודה בן שבתי, האָט אָנגעשריבן אַ וכוח צווישן חכמה און עשירות און אַ סאַטירי־שן ראָמאַן, אונטערן נאָמען „שונא הנשים״. נאָענט צו די דריי איז געשטאַנען ר׳ אברהם בן חסדאי פון באַרצעלאָנאַ, דער הייסער אָנהענגער פון בילדונג און אויפקלערונג, וועלכער האָט צו דעם צוועק איבערזעצט פון אַראַביש אַ רעליגיעז־מאָראַלישן שמועס, מיטן נאָמען „בן המלך והנזיר״ (דער פּרינץ און דער דערוויש).

מער איבערזעצער, ווי אָריגינעלער דיכטער איז געווען אויך ר׳ ברכיה בן נטרונאי הנקדן פון דרום־פראַנקרייך. ער האָט געוואָלט אויפ־לעבן די אַלט־העברעאישע פאַבל־דיכטונג, און אַזוי ווי ער אַליין איז נישט אומשטאַנד געווען צו שאַפן אייגענע דראַמאַטישע חיות־שמועסן, האָט ער איבערזעצט אַ מאַסע משלים פון דעם אינדישן בידפּיי, דעם גריכישן עזאָ־פּוס און דעם אַראַבישן לוקמאַן. אָט די שיין געפורעמטע פאַבעלן האָט ער אַרויסגעגעבן אין איין זאַמלונג, אונטערן נאָמען „משלי שועלים״. ר׳ ברכיה האָט זיך באַשעפטיקט אויך מיט פילאָזאָפישע פראַגן, און איבער־געלאָזט אַ פאַרקירצטע איבערזעצונג פון ר׳ סעדיה גאונס „האמונות והדעות״.

אַן אַנדער פאַבל־דיכטער, ר׳ יצחק אבן־סאהולא פון צפון שפּאַניע, האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, מיטן נאָמען „משל הקדמוני״, וואו ער באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז די העברעאישע פּאָעזיע איז נישט אָרעמער פון דער אַראַבישער. די לעצטע האָט, אגב איינגעשלונגען אויך נישט ווייניק יידי־שע כחות, און איינער פון די באַרימטסטע אַראַבישע דיכטער פון ליבע־לידער אין דער עפּאָכע איז געווען אַבו־איססאַק איבראַהים איבן־סאַהאַל פון סעווילאַ (1211 — 1250). די אַראַבער האָבן זיך נישט געקענט אָפּ־לויבן פון זיינע האַרציקע שיינע לידער, און אין דער צייט, ווען פאַרן קאָ־ראַן האָט מען געצאָלט צען גאָלד־רענדלעך, האָט מען פאַר אַן עקזעמפּליאַר פון איבן־סאַהאַלס לידער־זאַמלונג געצאָלט צוועלף פון די זעלביקע מט־בעות. דער באַרימטער אַראַבישער דיכטער איז געווען אויך פאַרשטייער פון דער יידישער קהלה אין סעווילאַ, און ווי אייניקע היסטאָריקער ווילן באַהויפּטן, איז ער געווען פון די, וואָס האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם אין דער צייט פון די אַלמאָהאַדישע שמד־רדיפות.

צוזאַמען מיטן אונטערגאַנג פון דער העברעאישער פּאָעזיע זיינען אָנגעקומען די לעצטע צייטן אויך פאַר דער שפּראַך־ און ביבל־פאָרשונג. ר׳ דוד קמחי איז געווען דער לעצטער פאַרטרעטער פון די פשוטע ביבל־דער־קלערער און גראַמאַטיקער. דער רמב״ן האָט אפילו אויך געשריבן אַ פּי־רוש אויף דער תורה און דאָ אַרויסגעוויזן אַ שטאַרק שפּראַך־געפיל, דאָס איז אָבער געווען פאַר אים נישט קיין צוועק פאַר זיך, נאָר אַ מיטל אָפּצו־שלאָגן די אויסטייטשונגען פון אַנדערע.

קאַפּיטל זיבעצן

די שרעקלעכע רדיפות און די וכוחים איבערן תלמוד

אין דער צייט פון די אינעווייניקסטע אָרומרייסענישן צווישן די פאַרשידענע שטרעמונגען אין יידנטום האָבן די יידן־פאַרפאָלגונגען מצד דער קירך אָנגענומען אַ שרעקלעכן כאַראַקטער. ווי אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקייט האָט זיך די שנאה צו יידן איבערגעטראָגן פון איין אָרט אין אַנדערן, און פון יאָר צו יאָר איז זי געוואָרן בלוטיקער און אכזריותדיקער. אינאָצענץ האָט געוואָלט אַראָפּדריקן די יידן ביז דער סאַמע נידעריקסטער שטופע; ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן טראָגן אויף זיך די לאַסט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. פירשטן, גייסטלעכע, בירגער און פויערים — אַלע זאָלן מיט זייער משא צוזאַמענפּרעסן דאָס הייפל יידן און אים אויף אַזאַ אופן פאַרמיאוסן, דערדריקן. דאָס פּראָסטע פאָלק האָט אָבער נישט געוואוסט פון קיין שום גרענעצן. אָט די אַליין פאַראַכטע און געפּלאָגטע מאַסע האָבן מער נישט באַדאַרפט, ווי באַקומען אַ גאַנצן קלאַס מענטשן טיף אונטער זיך. פאַר דעם המון איז דער ייד געוואָרן אַ ווילדע באַשעפעניש, וואָס קיינער נעמט זיך דערפאַר נישט אָן און מ׳קען עס אָן שום חרטה־געפילן באַעולהן און דערשלאָגן. די שענדלעכסטע פאַרברעכנס זיינען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף יידישע קעפּ, און דער צעווילדעוועטער המון האָט שטענדיק געגלויבט און געפונען זיינע קרבנות. דער בלוט־בלבול איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ אָפטער און זיכערער, און מיט דער צייט האָבן שוין אָנגעהויבן גלויבן אין אים אפילו די מער געבילדעטע קרייזן. צווישן לודא און בישאָפסהיים (אין באַדען) האָט מען געפונען דעם קערפּער פון אַ געהרגעטן קריסט. ווער־זשע איז דער מערדער געווען? פאַרשטייט זיך: יידן, און הונדערטער יידישע מענער, פרויען און קינדער ווערן אָן אַ שום חקירה ודרישה געטייט פון קריסטלעכע הענט. דערנאָך ערשט פאַרפירט מען כלומרשט אַ פּראָצעס קעגן אַכט אָנגעזעענע געלערנטע יידן און מען פאַרמשפּט זיי צום פאַרברענען (3—2 יאַנואַר 1235). דערביי זיינען נאַטירלעך נאָך מער יידישע הייזער צערויבט און צעשטערט געוואָרן. די אומ־

גליקלעכע פון די שכנישע ערטער לויפן צום פויפסט בעטן רחמים, און ער לאָזט אַרויס אַ בוללא (הייליקן באַפעל), וואָס פאַרבאָט צו אַכזריות־דיקע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן (3־טן מאַי 1235). דאָס פאָלק גלויבט אָבער דעם פאַרטרעטער פון הימל אויך נישט: אויב ער שטעלט זיך איין פאַר די „פאַרשאָלטענע" יידן, מסתמא האָבן זיי אים אונטערגעקויפט מיט געלט. אַזוי איז די אוממענטשלעכע באַציאונג צו דעם „גאָט־פאַרשאָלטע־נעם" שטאַם ביסלעכווייז איינגעזויגן געוואָרן אינעם בלוט פון דער גאַנ־צער קריסטלעכער וועלט, און אפילו די בעסטע און איידלסטע נאַטורן האָבן זיך פון דעם עלעמענטאַרן געפיל נישט געקענט באַפרייען. און דאָס איז אין דער צייט געווען, ווען יידן זיינען געווען כמעט די איינציקע פאַר־טרעטער פון גייסט און האַנדל אין גאַנץ אייראָפּע; ווען נאָר זיי אַליין האָבן געפלעגט און אַנטוויקלט פאַרשידענע געביטן פון דער וויסנשאַפט (באַזונדערס פילאָזאָפיע און מעדיצין) און זיי צוגענגלעך געמאַכט פאַר דער קריסטלעכער וועלט; ווען זיי די איינציקע האָבן פאַרזאָרגט די האַנדלס־פלעצער מיט סחורה און דעם ביכער־מאַרק מיט די שענסטע שאַ־פונגען פון דעם מענטשלעכן גייסט!

די באַציאונג פון דער מיטלאַלטערלעכער וועלט צו יידן לאָזט זיך באַזונדער בולט אילוסטרירן מיט דעם פאַרהאַלטן זיך צו זיי פון דעם גע־בילדעטן דייטש־רוימישן קייסער פרידריך דעם צווייטן, דער געניאַל־סטער און פאַרהעלטנישמעסיק פרייגעזונטסטער מאַנאַרך פון יענעם יאָר־הונדערט. מער סיציליאַנער, ווי גערמאַנער, האָט ער ליב געהאַט די וויסנ־שאַפט און מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט אירע טרעגער. ווען ער האָט געגרינדעט די אוניווערזיטעט אין נעאַפּאָל האָט ער געלאָזט איבערזעצן פון אַראַביש אַ סך פילאָזאָפישע און אַסטראָנאָמישע ווערק, און זיך דערביי באַנוצט מיט יידישע געלערנטע. מיט דעם באַרימטן געלערנטן ר' יהודה בן שלמה אבן־מתקה פון טאָלעדאָ איז דער קייסער געשטאַנען אין אַ בריוו־לעכן פאַרקער, און אויף זיין פאַרלאַנג איז אבן־מתקה אפילו געקומען קיין איטאַליע. אַן אַנדערע יידישע באַרימטקייט, ר' יעקב אַנאַטאָלי פון דרום פראַנקרייך, האָט פרידריך אַראָפּגעבראַכט ספּעציעל קיין נעאַפּאָל און אים באַשטימט אַ פירשטלעכע יערלעכע פּענסיע, כדי ער זאָל קענען אומגע־שטערט אַרבעטן איבער דער איבערזעצונג פון פאַרשידענע ווערק. פרידריך

האָט אפילו אַליין שטאַרק ליב געהאַט דעם רמב"מס „מורה נבוכים" און אים מיט פאַרגעניגן געלערנט.

ביי אַזאַ פאַרהאַלטן זיך צו יידישע ווּיסנשאַפטלעכע כחות וואָלט דאָך נאַטירלעך זיין, ווען דער קייסער זאָל נישט זיין שלעכט געשטימט אויך צו יידן אין אַלגעמיין. דאָס איז אָבער נישט געווען דער פאַל. אַ פאַר־ביטערטער קעגנער פון קריסטנטום און באַזונדערס פון דער פויפסטלעכער הייליקייט, איז פרידריך פונדעסטוועגן געווען נישט ווייניקער יידנפיינט, ווי לודוויק „דער הייליקער". אין זיין הויפטשטאָט פּאַלערמאָ האָט ער די יידן פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, און אין אַלגעמיין האָט ער בנוגע צו יידן אָפּגעהיט אַלע קירכלעכע באַגרענעצונגען און גזירות.

אַביסל בעסער איז געווען די יידישע לאַגע אין עסטרייך. דאָ האָט די ממשלה אָנערקענט די באַדייטונג פון דעם יידישן האַנדל פאַרן וואויל־שטאַנד פון לאַנד, און באַשטימט אפילו יידן פאַר הויכע מלוכה־באַאַמטע. לויט אַ באַפעל פון עסטרייכישן הערצאָג פרידריך דעם ערשטן (1244) איז די קריסטן אונטער טויט־שטראָף פאַרבאָטן געוואָרן צו טויטן אַ יידן; דער־ביי האָט דער הערשער באַשטעטיקט דעם געזעץ, אַז קיין פּראָצעס קען ניט פאַרפירט ווערן קעגן אַ יידן אויף דעם סמך פון בלויזע קריסטלעכע עדות. יידן האָבן דאָ אפילו באַקומען אייגענע געריכטן, און זייערע שולן און בית־עולמס זיינען רעספּעקטירט געוואָרן אויך פון דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג. דאָס פּראָצענט נעמען איז יאָ באַגרענעצט געוואָרן, דערפאַר האָט אָבער דער הערצאָג געגעבן יידן אַ סך הנחות אין מסחר און שטאַרק באַ־וואָרנט זייערע תביעות. מיט צוויי צענדליק יאָר שפּעטער האָבן די אַלע הנחות געגאָלטן אויך פאַר אונגאַרן, בעהמען, גרויספּוילן, מייסן, טהיריג־גען און דערנאָך אויך פאַר שלעזיע.

אָט די יידנפריינטלעכע מלוכה־פירונג פון דעם קליינעם עסטריי־כישן הערצאָג האָט שטאַרק באַאומרואיקט דעם מעכטיקן קייסער (פרידריך דעם צווייטן), און ער האָט באַפוילן דעם ערשטן, צו דערווייטערן יידן פון אַלע מלוכה־פּאָסטנס און בכלל זיך צו באַגיין מיט זיי שטרענג לויט די קאַנאָנישע געזעצן. מיט אַ באַזונדער באַפרידיקונג באַטאָנט דער פרייגע־זינטער מאַנאַרך דעם זאַך, אַז די יידן דאַרפן אומעטום באַהאַנדלט ווערן, ווי קאַמער־קנעכט פון קייסער, און אין דער צייט, ווען אין שפּאַניע האָט די מאַכט זיך נישט געמאַכט ווויסנדיק פון דעם שאַנד־צייכן און פאַרגעסן

אין אים, האָט פרידריך געצוואונגען אַלע יידן פון זיין מלוכה אים צו טראָגן. צו די גזירות זיינען נאָך צוגעקומען אומגעוויינלעך שווערע שטייערן, וואָס יידן האָבן געהאַט באַזונדער צו צאָלן, און דאָס האָט אויך נישט ווייניק מיטגעווירקט, צו פאַרשטאַרקן אין דער באַפעלקערונג די פאַראַכטונג צום יידישן מיטבירגער.

דאָס איז געווען אין רואיקע צייטן; אין אומרואיקע צייטן, ווען די בלוטיקע אינסטינקטן האָבן זיך צעשפּילט, האָבן יידישע לעבנס אין גאַנצן נישט געהאַט קיין ווערט. די מחנות פון דעם נייעם קרייץ־צוג האָבן זיך, ווי צערייצטע וועלף, אַרויפגעוואָרפן אויף די יידישע קהלות אין פראַנק־רייך; אַנזשו, פּאָאַטו, באָרדאָ, אַנגולעם און נאָך אַנדערע שטעט — אומע־טום זיינען די יידן געצוואונגען געוואָרן צום שמד. און ווען די „ווילדע עקשנים" האָבן זיך אויך דאָס מאָל אָפּגעזאָגט פון דעם „אמתן גלויבן", האָבן די קרייץ־פאָרער זיי צעטראָטן מיט זייערע פערד, אויפגעשניטן די בייכער פון זייערע פרויען, דערהרגעט זייערע ברוסט־קינדער, נישט גע־לאָזט באַגראָבן זייערע הרוגים, פאַרברענט זייערע הייזער, צערויבט דאָס האָב און גוטס, חרוב געמאַכט די שולן און געשענדעט די הייליקסטע ספרים. מער ווי דריי טויזנט יידישע נפשות זיינען אין דעם זומער אומגעקומען און איבער פינף הונדערט האָבן זיך געשמדט. (1236)

די איבערגעבליבענע קהלות האָבן ווידער געפּרואווט בעטן רחמים ביים פּויפּסט, און ער האָט ווידער צעשיקט אַ דערקלערונג, אַז די קירך הייסט נישט פאַרטיליקן די יידן און נישט אָפּשמדן זיי איבער געוואַלט (סעפּטעמבער 1236). אַזעלכע דערקלערונגען האָבן אָבער קיינעם נישט איבערצייגט — האָט דאָך די זעלביקע קירך אַרויסגעגעבן אַלערליי גזי־רות און באַגרענעצונגען פאַר די „גאָט־פאַרשאָלטענע" יידן! פאַר יידן איז נאָר געבליבן איין איינציק מיטל, זיך צו ראַטעווען פון די פאַנאַטישע בלוט־מענטשן — דאָס געלט. דערמיט האָבן די יידן פון ענגלאַנד אונטער־געקויפט דעם קעניג היינריך דעם דריטן און געפּועלט ביי אים, ער זאָל דורך ספּעציעלע העראָלדן אָנזאָגן אין אַלע זיינע לענדער, אַז קיינער זאָל די יידן נישט טשעפּען און נישט באַעולהן. דאָס דאָזיקע מיטל איז אָבער געווען אַ צווייזייטיקער מעסער; כדי צו קענען אויסהאַלטן די שווערע שטייערן, האָבן די יידן געמוזט אַרויספּרעסן פון דער קריסטלעכער באַ־פעלקערונג זייער גרויסע פּראָצענטן, און דאָס האָט, נאַטירלעך, ווידער

פֿאַרגרעסערט די אייביקע שנאה צו יידן און געבראַכט צו נייע ווילדע אויס־ברוכן. לודוויק דער נייגטער האָט אפילו באַגרענעצט דעם פּראָצענט־מסחר און גאַנץ אָפּט האָט ער הונדערטער יידישע חובות פֿון קריסטן אין גאַנצן קאַסירט. ווען דער זעלביקער קעניג האָט אָבער געפּרואווט אין גאַנצן פֿאַר־באָטן פּראָצענט, האָבן די צונויפגערופֿענע באַראָנען דערקלערט, אַז די פּויערים און סוחרים קענען פֿאַר קיין פֿאַל נישט אויסקומען אָן הלוואות, און אויב שוין יאָ דולדן פּראָצענטניקעס איז שוין בעסער יידישע, וואָרום די קריסטלעכע זיינען נאָך מער אַכזריותדיקער און פּרעסן אַרויס פֿון זייערע בעלי חובות נאָך גרעסערע פּראָצענטן.

ביי אַזאַ פֿאַראַכטונג פֿון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט און ביי אַזעל־כע גיהנומשע פֿאַרפֿאָלגונגען איז נאָך פֿונדעסטוועגן געבליבן איין ווינקל, וואו דער ייד האָט זיך געפֿילט פֿריי און געהויבן, וואו ער האָט פֿאַרגעסן אָן אַלע צרות — דאָס בית מדרש. פֿאַרטיפֿט אין דעם הלכהשן לאַבירינט פֿון תלמוד אָדער אין זיינע האַרציק־קינדישע אגדות, האָט דאָ דער ייד זיך אויסגעטון פֿון דער וואָכעדיקער וועלט, מיט איר גיפֿטיקער רשעות, מיט אירע גיהנם־יסורים. פּרינצן, אויסדערוויילטע קינדער פֿון אָן אויסדער־ווייטן שטאַם, מענטשן פֿון גייסט און געדאַנק — אַזעלכע זיינען אין די פֿיר ווענט פֿון בית־מדרש געוואָרן די אייביק־באַליידיקטע, אייביק־גע־רודפֿטע. לייענען אַ שווערע שטעל אין תלמוד, באַלייכטן עפּעס אָדער אויפֿטון עפּעס נייעס — דאָס איז געווען גליק, און די וויכטיקסטע, היי־ליקסטע און ליבסטע פֿון אַלע באַשעפֿטיקונגען איז געווען לערנען תורה, לערנען תלמוד (גמרא). ווי דאָס קינד האָט נאָר אָנגעהויבן פּלאַפּלען, האָט מען עס גלייך (מיט אַרומגעוויקלטע אויגן — עס זאָל נישט זען קיין אומ־ריינע זאַך) אָוועקגעפֿירט אין בית מדרש אָדער אין חדר, און דער טאָג, ווען דאָס קינד האָט אָנגעהויבן לערנען חומש אָדער גמרא, איז געווען אַ יום־טוב פֿאַר דער גאַנצער משפּחה. דער אָנגעזעענסטער קלאַס איז געווען דער פֿון די „לומדים", און אויב די לערע איז אפילו געווען זייער איינזייטיק, האָט זי אָבער דערפֿאַר געהאַט אין זיך אַ סך הייליקעס, אידעאַלעס.

אין דעם ווינקל האָט מען אָבער די יידן אויך נישט געלאָזט רואיק לעבן, אויך פֿון דאַנען האָט מען זיי געוואָלט פֿאַרטרייבן. די איניציאַטיווע דערצו האָט געשטאַמט פֿון אַ געטויפֿטן יידן, דאָנין, וועלכער האָט אויפֿ־געררייצט אַי די וועלטלעכע, אַי די גייסטלעכע מאַכט קעגן זיינע געוועזענע

גלויבנס־ברידער. ער האָט ווי אַ תלמודישער געלערנטער (אין לאַראָשעל, צפון פראַנקרייך) זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן געוויסע תלמודישע שטעלן און קעגן דער מסורה בכלל. דאָס האָט אויף אים אַרויפגעצויגן דעם כעס פון די יידישע גדולים, און זיי האָבן אויסגערופן אויף אים אַ חרם. דאַן האָט זיך דאָנין געשמדט און אָנגענומען דעם נאָמען ניקאָליי; דאָס איז אים אָבער געווען ווייניק. ער האָט זיך דורכויס געוואָלט נוקם זיין אי אין תלמוד, אי אין די רבנים, און נאָך דעם ווי זיין יידנפיינטלעכע אַגיטאַציע האָט שוין געבראַכט צו אַכזריותדיקע יידישע שחיטות, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט צום פויפסט גרעגאָר דעם ניינטן און פאַרמסרט פאַר אים דעם תלמוד. דער נייער קריסט האָט דערקלערט דעם פאָטער פון דער קירך, אַז דער תלמוד איז פול מיט פאַלשקייטן, גאָט־לעסטערונגען און באַזונדערס באַליידיקנדיקע שטעלן קעגן דעם נוצרי און זיין מוטער. אַזעלכע תלמודישע מאמרים קעגן קריסטנטום אָדער קעגן קריסטן האָט ניקאָליי־דאָנין צוזאַמענגעקליבן ביז פינף און דרייסיק, און אויף דעם יסוד איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שווערער באַשולדיקונגס־אַקט נישט בלויז קעגן תלמוד, נאָר קעגן אַלע יידן. דער פויפסט האָט גלייך פונאַנדערגעשיקט בריוו צו די בישאָפן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, קאַסטיליע, אַראַגאָן און פאָרטוגאַל און זיי באַפוילן, צו באַפאַלן די יידן אין אַ באַשטימטן שבתדיקן פרימאָרגן, ווען זיי זיינען אַלע פאַרזאַמלט אין די שולן, און קאָנפיסקירן אַלע עקזעמפּליאַרן פון תלמוד. די קאָנפיסקירטע עקזעמפּליאַרן האָבן געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער, — די זעלביקע, וועלכע האָבן געהאַט אין זייער מאַכט די אינקוויזיציע איבער ביכער און איבערצייגונגען; זיי האָבן געדאַרפט נאָכזען די אָנגעגעבענע שטעלן, און אין פאַל, אויב די באַשולדיקונג וועט זיך באַשטעטיקן, — פאַרברענען די עקזעמפּליאַרן אויף אַן עפנטלעכן שייטערהויפן.

אין שפאַניע און ענגלאַנד האָט מען זיך מיט דעם באַפעל גאָרנישט גערעכנט; נאָר אין פראַנקרייך, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון „הייליקן" לודוויק דעם ניינטן, האָבן די גייסטלעכע זיך אָנגעכאַפט אָן דעם נייעם אויפטו. עס איז פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס קעגן תלמוד, און אויפן באַפעל פון קעניג איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער וכוח איבער די אָנגעגעבענע ציטאַטן צווישן ניקאָליי־דאָנין און פיר רבנים. די רבנים זיינען געווען ר' יחיאל פון פאַריז, ר' משה פון קוצי, ר' יהודה בן

דוד פון מעלון און ר׳ שמואל בן שלמה פון שאַטאָ טיערי. פון זיי איז ר׳ יחיאל געווען דער הויפּט־רעדנער. דער וכוח איז פֿאָרגעקומען אין דער לאַטיינישער שפּראַך, אין קעניגלעכן הויף, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ מאַסע בישאָפן, דאָמיניקאַנער און דער קעניגן־מוטער בלאַנש (25סטן יוני 1240).

דאָניַן, ווי אַ געוועזענער תוספיסט, האָט געפאָדערט אַ שבועה פון ר׳ יחיאלן, אַז ער וועט ענטפערן לויט זיין פֿאַרשטאַנד און געוויסן און נישט מיט קיין צווייזייטיקע פּלפּולדיקע פשטלעך. אויף דעם האָט ר׳ יחיאל געענטפערט, אַז ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געשוואוירן און ער וויל איצט אויך נישט דערמאָנען אומזיסט גאָטס נאָמען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער וכוח, און ר׳ יחיאל האָט, ערשטנס דערקלערט, אַז דער תלמוד איז די נשמה פון דער יידישער אומה און אַז ער וועט זיך אפילו לאָזן אומברענגען פֿאַר אים; דאַן וואָס ס׳איז שייך צו די אָנגעגעבענע שטעלן, באַציען זיי זיך אין גאַנצן נישט צו קריסטן און צום נוצרי, ווארום עס זיינען דאָך געווען שוין אַ סך קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האָבן גוט געקענט דעם תלמוד און קיינער פון זיי האָט אין אים קיין באַליידיקונג פֿאַרן קריסטנטום נישט געפונען. אָט די טענות האָבן אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף איינעם פון די איינפלוסרייכע בישאָפן, און די עקזעמפּליאַרן האָבן שוין געזאָלט אומגעקערט ווערן צוריק. איז אָבער צום אומגליק אָט דער בישאָף געשטאָרבן גלייך נאָך דעם, און זיינע איבערגעבליבענע חברים האָבן דאָס אויסגעטייטשט, ווי אַ שטראָף פון גאָט פֿאַר זיין יידנפריינטשאַפט. דאַן האָט מען לויט אַ באַפעל פון קעניג צונויפגענומען אַלע קאָנפיסקירטע תלמוד־עקזעמפּליאַרן, זיי אַוועקגעפירט (אויף פיר און צוואנציק וועגענער) אויף אַן אָפענעם פלאַץ אין פּאַריז און פֿאַרברענט (1242). דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר דער גאַנצער אומה, און צוויי יונגע געלערנטע האָבן געשאַפן האַרץ־רייסנדיקע קינות וועגן דעם פֿאָלקס־אומגליק.

נאַטירלעך, האָבן זיך געציילטע עקזעמפּליאַרן פון תלמוד פֿאָרט דערהאַלטן ביי די פראַנצויזישע יידן, און זיי האָבן געפּרוּאווט לערנען אין זיי בגנבה. דאָס האָט אַרויסגערופן נייע רעפּרעסיעס און אין עטלעכע יאָר אַרום איז ווידער איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שייטערהויפן פֿאַרן פֿאַראורטיילטן תלמוד.

אַזוי האָבן די גזירות מיט די פֿאַרפֿאָלגונגען נישט אָפּגעלאָזט אפילו

אויף אַ קורצער צייט די אומגליקלעכע קינדער פון דעם אויסדערוויילטן שטאַם. באַזונדער האָבן זיך די רדיפות פאַרשטאַרקט אין דייטשלאַנד; ווען די מאָנגאָלישע און טאַטאַרישע מחנות האָבן זיך אַריינגעריסן אין אייראָפּע און פאַרשקלאַפּט רוסלאַנד מיט פוילן, האָט מען די יידן אין דייטשלאַנד באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געשטיצט די ווילדע אָנפאַלער, כדי זיך נוקם זיין אין די קריסטן. ס'זיינען, אמת, געווען יידישע קריגער אין די רייען פון די מאָנגאָלן, די אומאָפּהענגיקע יידישע שבטים פון לאַנד כאַראַזאַן אָדער די יידן פון הינטער די קאַספּישע בערג; יעדנפאַלס אָבער האָבן די אייראָפּעאישע יידן מיט זיי נישט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען, און דאָ האָט דער המון זיך שוין נוקם געווען אין די כלומרשטע „פאַררעטער".

נישט גערוט האָט אין דער צייט אויך די קירך אַליין. זי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם לעצטן בכבודיקן ווינקל, וואָס איז פאַר יידן געבליבן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, — די מעדיצין. כמעט יעדער פירשט האָט געהאַט זיין יידישן לייב־דאָקטאָר, וועלכער האָט געקענט מער אָדער ווייניקער ווירקן אויף אים לטובת די פאַרפאָלגטע און גערודפטע. דאָס האָבן די פאַרטרעטער פון דער קירך נישט געקענט פאַרטראָגן, און אויף זייער פאַרזאַמלונג אין בעזיער (1246) איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז קיין שום קריסט טאָר זיך נישט לאָזן היילן פון אַ יידישן דאָקטאָר. דאָס איז געווען דער דאַנק פון די קריסטלעכע איידל־לייט פאַר דער עשירות, וואָס יידן האָבן אַריינגעבראַכט אין דער דעמאָלטיקער מעדיציןליטעראַטור, פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן אויף דעם געביט אויפגעטון. צום גליק פון די יידישע מעדיקער, האָט די באַשטימונג זיך נישט אַזוי לייכט געלאָזט דורכפירן אין לעבן. דער פאַנאַטישסטער קריסט האָט אויך פאַרגעסן אַן אַלע פרומקייטן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן דער נשמה, נאָר וועגן זיין לייב, און דעם „הייליקן" לודוויקס ברודער אפילו, גראַף פון פּאָאַטו און טולוז, ווען ער האָט געליטן אויף די אויגן, האָט ער זיך כמעט איינגעבעטן ביי דעם יידן אברהם פון אַראַגאָניע, ער זאָל קומען אים היילן. אין מאָנפּעליע פלעגן יידן שטענדיק גערופן ווערן ווי פאַרהערער ביי דעם מעדיצינישן עקזאַמען און אַנדערע פון זיי האָבן פאַרנומען אויך פּראָפעסאָר־שטולן.

שרעקלעך איז געווען אין דער צייט די לאַגע פון די יידן אין ענג־

לאַנד. דער קעניג, היינריך דער דריטער, האָט אפילו דערלויבט יידן פון אַנדערע לענדער, זיך צו באַזעצן אין ענגלאַנד און באַשטימט פאַר אַלע קהלות איין רב הכולל מיט ברייטע פולמאַכטן. דער באַשטימטער רב־הכולל איז אָבער פּאַקטיש געווען נישט מער, ווי אַ שטייער־אויפזעער פון קעניג. ער האָט געמוזט אָנפילן די קאַסע פון דעם לייכטזיניקן און פאַר־שווענדערישן הערשער — פון יידישע אָפּצאָלונגען. יידן זיינען געווען פאַר דעם קעניג, ווי אַן אָפענע קאַסע, וואָס שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס, און איין מאָל האָט ער אפילו געלאָזט צונויפרופן אַ ספּעציעלן יידישן פאַר־לאַמענט, וואָס האָט געהאַט אויסצוגעפינען נייע קוואַלן פאַר אַן אומגע־הויערער סומע געלט. און דאָס געלט האָט געמוזט אַריינגעטראָגן ווערן — פאַר דעם זיינען די אָנגעזעענסטע יידן פאַראַנטוואָרטלעך געווען מיט זייע־רע ווייבער און קינדער. שפּעטער, ווען די קהלות זיינען פון דעם רויבערישן קעניג שוין אין גאַנצן אויסגעזויגט געוואָרן, האָט ער זיי ערשט פאַרקויפט זיין ברודער, וועלכער האָט זיי ווידער געדריקט און אַרויסגעפּרעסט פון זיי דעם לעצטן גראָשן. צו די רויבערישע אַפּעטיטן פון די וועלטלעכע הער־שער זיינען נאָך צוגעקומען די גייסטלעכע מיט זייערע קירכלעכע רדיפות. זיי האָבן אויסגעפּועלט ביים קעניג אַ געזעץ, אַז די יידן טאָרן נישט אויפ־שטעלן קיין נייע שולן און בתי־מדרשים, טאָרן נישט צו הויך שרייען בעתן דאַוונען און מוזן אַן אַ שום תירוץ טראָגן דעם „יידן־צייכן".

אָט די טאָפּלטע אַכזריותן האָבן אויף אַזוי פיל פאַרביטערט דאָס לעבן פון די ענגלישע יידן, אַז איינער פון די הויפּט־רבנים מיט נאָך עט־לעכע פאַרטרעטער פון די קהלות האָבן זיך געפּרואווט ווענדן צום קעניג אינעם נאָמען פון די לעצטע און אים בעטן, ער זאָל דערלויבן די יידן אויס־צוּוואַנדערן פון לאַנד. די בקשה איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן, און די אומגליקלעכע האָבן געמוזט פאַרבלייבן אין זייער גיהנם, אָפּגעבן דעם לעצטן פאַרהאָרעוועטן גראָשן און נעמען פראַצענטער, כדי כסדר אָנצופילן דעם אויסגעפּרעסטן שוואָם. אין אַ משך פון זיבן יאָר האָבן די ענגלישע יידן אַריינגעטראָגן אין היינריכס קאַסע איבער 422,000 פונט שטערלינג, און דער ייד אהרן פון יאָרק האָט דעם קעניג אין דער צייט איבערגעגבן ביז דרייסיק טויזנט זילבער־מאַרקן און דער קעניגן צוויי הונדערט גאָלד־רענדלעך.

ווען מ׳באַטראַכט די אַלע צרות און פאַרפאָלגונגען, וואָס יידן האָבן

געהאַט אויסצושטיין אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, מוז מען אַנערקענען די לאַגע פון די שפּאַנישע יידן פאַר אַ גליקלעכע. אין קאַסטיליע האָט דעמאָלט געהערשט אַלפאַנסאָ דער צענטער (1225 — 1284), וועלכער האָטווירקלעך ליב געהאַט די וויסנשאַפט און דערצו אויך פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די יידישע פאַרדינסטן פאַר דער מלוכה. ווען ער האָט זיך געשלאָגן פאַר סעווילאַ, האָבן זיך אין זיין מחנה געפונען אַ סך יידן, און נאָך דעם ווי ער האָט דאָס לאַנד איינגענומען, האָט ער די יידישע קריגער אָוועקגעשענקט אַ גרויסע שטרעקע ערד, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען יידישער דאָרף (אַלדעאַ דע לאָס כודיאָס). אין סעווילאַ גופא האָט אַלפאַנסאָ איבערגעגעבן די יידן דריי מאַכמעדאַנישע מאָשעען, וועלכע זיי האָבן איבערגעמאַכט פאַר שולן, און אַ גרויסער טייל פון שטאָט, אַרומגעצוימט מיט אַ געמויערטער וואַנט, האָט אַנגעהערט אין גאַנצן צו יידן.

אויס דאַנקבאַרקייט פאַר די באַוויזענע חסדים האָט די קהלה פון סעווילאַ אונטערגעטראָגן דעם קעניג אַ קאָסטבאַרן, קינסטלעך אויסגעאַרבעטן שליסל מיט אַן אויפשריפט אויף העברעאיש און שפּאַניש: מלך מלכים יפתח, מלך הארץ יבא (דער מלך איבער אַלע מלכים וועט עפענען, דער מלך פון לאַנד וועט אַריינטרעטן). אַלפאַנסאָ האָט יידן אָנפאַרטרויט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס פון דער מלוכה; זיין פינאַנץ־מיניסטער איז געווען דער געבילדעטער און תלמודיש־געלערנטער דון מאיר דע מאַליאַה, פון וועלכן דער פּאָסטן מיטן טיטל „אַלמאָקסאַריף“ איז איבערגעגאַנגען בירושה צום זון דון צאַג (יצחק). די פינאַנץ־פאַרוואַלטונג איז בכלל אַ לאַנגע צייט געלעגן אין יידישע הענט, און דערצו זיינען די יידן דאָ אויך, ווי אומעטום, געווען די איינציקע פאַרמיטלער אויף די געביטן פון מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע. אַלפאַנסאָ האָט געהאַט אַ יידישן לייב־דאָקטאָר, דון יהודה בן משה הכהן, וועלכער איז צוגלייך געווען אויך אַסטראָנאָם און אַסטראָלאָג פון קעניגלעכן הויף. אַן אַנדער באַדייטנדיקער יידישער אַסטראָנאָם, דער שול־חזן דון צאַג (יצחק) איבן־סעיד, האָט אויפן קעניגס פאַרלאַנג צונויפגעשטעלט די באַרימטע טאַבעלן (אַלפאַנסינישע טאַבעלן), מיט וועלכע די פאַכמענער האָבן זיך באַנוצט ביז די אַסטראָנאָמישע אַנטדעקונגען פון דער נייער צייט. אין אַלפאַנסאָס הויף האָט זיך געפונען נאָך אַ יידישער נאַטור־פאָרשער, מיטן נאָמען שמואל הלוי, וועלכער האָט דערפונדן דעם וואַסער־זייגער. נאַטירלעך, האָבן די

פאַרטרעטער פון דער קירך נישט אַזוי לייכט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ באַציאונג צו יידישע געלערנטע און דער פויפּסט ניקאָליי דער דריטער האָט דעם קעניג אַריינגעשיקט אַ שאַרפן מוסר־בריוו.

נאָך דעם אַלעמען וואָלט פונדעסטוועגן דאָך נישט ריכטיק זיין צוצושרייבן דעם קעניג אַלפאָנסאָ באַזונדער פריינטלעכע געפילן צום יידישן כלל. אין דעם באַרימטן קאָדעקס פאַר אַלע פעלקער פון זיין מלוכה, וואָס ער האָט געשאַפן אין דער קאַסטילישער שפּראַך (1257 — 66), פאַרנעמען די יידן אַ באַזונדער קאַפּיטל, און דאָרטן שטייט געשריבן: „כאָטש די יידן גלויבן נישט אין קריסטוסן, ווערן זיי דאָך געדולדעט אין אַלע קריסטלעכע לענדער, כדי צו זיין ווי אַן אייביקע דעראינערונג אַן יענעם שטאַם, וואָס האָט קריסטוסן געקרייציקט". אין דעם קאָדעקס זיינען אַריינגענומען געוואָרן אַלע באַשרענקונגען פאַר יידן נאָך פון די אַמאָליקע ביזאַנטינער און וועסטגאָטן, און אפילו דער „יידן־צייכן" איז דאָ אויך נישט אויסגעבליבן. עס האָט געהייסן, אַז יעדער ייד (אויך פרויען) מוזן טראָגן אויף דער קאָפּ־באַדעקונג אַ לאַטע פון אַ באַשטימטער פאַרב, אונטער דער שטראָף פון צען שמיץ פאַר די, וואָס וועלן עובר זיין אויף דעם געבאָט. יידן האָבן אויסער דעם נישט געטאָרט עסן מיט קריסטן צוזאַמען, זיך ווייזן אין גאַס אינעם הייליקן פרייטיק און אויך קיינעם נישט קרייציקן אין דעם טאָג — דער „קלוגער" הערשער האָט פעסט געגלויבט, אַז די יידן קרייציקן יעדעס יאָר אַ קריסטלעך קינד און טרינקען זיין בלוט, כאָטש דער פויפּסט אַליין, אינאָצענץ דער פערטער, האָט דעם בלבול אָפּגעלייקנט.

דאָס איינציקע, וואָס אַלפאָנסאָס קאָדעקס האָט די יידן איבערגעלאָזט איז געווען דער פאַרבאָט, נישט צו שענדן יידישע שולן און אַנדערע הייליקייטן, נישט אָפּצושמדן קיין יידן איבער געוואַלט, נישט צוצוציען אַ יידן צום געריכט אין די יידישע יום־טובים און צו לאָזן די יידן שווערן ביי אַ ספר תורה אַן די באַליידיקנדיקע צערעמאָניעס, וועלכע זיי האָבן געהאַט דערביי אויסצושטיין אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

די אַלע אויפּטועכצן פון דעם זיבן־טייליקן קאָדעקס האָבן נאָך דערווייל אייגנטלעך נישט געהאַט קיין פּראַקטישע באַדייטונג, און אַלפאָנסאָ אַליין האָט בנוגע צו יידן עובר געווען אויף אַ סך פון זיינע פאַראָרדענונגען. וואָס ווייטער אָבער איז די נייע געזעץ־זאַמלונג אַלץ מער איינגעפירט

געוואָרן אין לעבן, און אין דער שפּאַנישער אַמעריקע האָבן די דאָזיקע רשעותדיקע געזעצן געגאָלטן ביז דער נייסטער צייט.

אין דעם שכנישן אַראַגאָניע איז די יידישע לאַגע נאָך פיל ערגער געווען. דאָ האָבן יידן געהאַט אַ סך צו ליידן פון די דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבן דורכויס געוואָלט אָפּשמדן אַלע יידיש־ און מאַכמעדאַניש־גלויביקע פון לאַנד. צו דעם צוועק האָט מען אין די דאָמיניקאַנישע שולן געלערנט העברעאיש און אַראַביש, און באַלד איז פון די שולן אויסגעוואקסן אַ תל־מיד, וואָס האָט די דאָזיקע גרויסע ישועה פאַרן קריסטנטום געגלויבט צו דערגרענטערן מיט זיינע דרשות. דאָס איז געווען דער דאָמיניקאַנער פּאַבלאָ קריסטיאַני, אַ געשמדטער ייד, וועלכער האָט דער ערשטער גענומען פירן אַ מיסיאָנערישע אַגיטאַציע צווישן יידן. ער איז אַרומגעפאָרן פון קהלה צו קהלה און אומעטום אויפגעפאָדערט די יידן, זיי זאָלן זיך מיט אים מתוכח זיין וועגן דעם קריסטלעכן משיח. נאַטירלעך האָבן יידן זיך נישט זייער געאיילט צו דערפילן זיין מיסיאָנערישן פאַרלאַנג און די אַגיטאַציע־רייזע האָט נישט געבראַכט קיין גרויסע נוצן. דאַן איז דער דאָמיניקאַנער־גענעראַל פּעניאַפאָרטע געפאַלן אויף אַן אַנדער מיטל; ער האָט געצוואונ־גען עטלעכע יידישע גדולים אַרויסצוטרעטן אין אַן עפנטלעכן וכוח וועגן קריסטנטום מיט דעם משומד קריסטיאַני, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ווען אַזאַ אויטאָריטעט, ווי דער רמב״ן, למשל, וועט זיך אָפּשמדן, וועלן אים אַלע יידן נאָכטון און ענדלעך דאָך באַגליקן זייערע „פאַרבלאָנדזשע־טע״ נשמות. אַזוי זיינען די אָנגעזעענסטע יידישע קעפּ פון אַראַגאָניע, מיטן רמב״ן בראש, גערופן געוואָרן צום קעניג קיין באַרצעלאָנאַ, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער וכוח. דער רמב״ן האָט פאָראויס דער־קלערט, אַז ער פאָדערט פאַר זיך פולשטענדיקע פרייהייט פון ריידן, וואָס דער קעניג האָט אים געגעבן, און ווען פּעניאַפאָרטע האָט דערביי באַ־מערקט, אַז אָט די געשענקטע פרייהייט דערלויבט נאָך נישט צו לעסטערן דאָס קריסטנטום, האָט דער רמב״ן זיך שטאָלץ אַרויסגערופן: „איך ווייס אויך, וואָס טאַקט איז״. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער וכוח, וואָס האָט גע־דויערט פיר טעג (פון 20סטן יולי אָן) אין דער אָנוועזנהייט פון גאַנצן הויף, פיל הויכע גייסטלעכע, ריטער, פאָלקסמאַסן און יידן. דער רמב״ן האָט גלייך אין אָנהויב קאָנצענטרירט דעם וכוח און אים אָוועקגעשטעלט אויף דריי הויפּט־פּונקטן, וועלכע ער האָט איינציקווייז באַהאַנדלט. ווען

קריסטיאַני האָט געפּרואווט באַווייזן פון תלמודישע אגדות די הייליקייט פון דעם קריסטלעכן משיח, האָט דער רמב״ן אים שאַרף דערקלערט, אַז די אגדות זיינען נישט מער ווי פרייע שאַפונגען, אין וועלכע יידן זיינען נישט מחויב צו גלויבן. קריסטיאַני האָט זיך אָבער שטאַרק געהאַלטן ביי זיינע אגדות; דאַן האָט דער רמב״ן פשוט דערקלערט: אַלע נביאים האָבן אונדז פאַרגעזאָגט, אַז נאָך משיחס קומען וועט זיך אָנהייבן אַ צייט פון הויכער מאָראַל און געהויבענער מענטשלעכקייט; אַז דעמאָלט וועלן אַלע קריגע־רייען אויפהערן און קיין בלוט־פאַרגיסן וועט מער נישט געדאַכט ווערן, און דאָ זעען מיר, אַז זינט קריסטוס איז דערשינען איז די וועלט, פאַר־קערט גאָר, פול געוואָרן מיט גזילות און רציחות און מלחמות.

די שטאָלצע און פרייע האַלטונג פון רמב״ן האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן. זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל איבעררייסן דעם וכוח אין מיטן און נישט אויפרייצן מער די שוין אַזוי אויך אויפגערייצטע קריסטן. דער קעניג האָט אָבער דורכאויס פאַרלאַנגט, דער וכוח זאָל גע־ענדיקט ווערן, און דאַן האָט ער זיך אין אַ פּריוואַט־געשפּרעך אויסגעדריקט וועגן רמב״ן, אַז ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען אַ מענטשן פאַרטיי־דיקן אַן אומגערעכטע זאַך מיט אַזוי פיל גייסט. דעם קומענדיקן שבת איז פּעניאַפאָרטע צוזאַמען מיטן קעניג געקומען אין דער יידישער שול און ווידער באַנייט דעם וכוח מיטן רמב״ן; אויך דאָס מאָל אָבער האָט דער רמב״ן באַזיגט זיינע קעגנער און דער קעניג האָט אים אַפילו געשענקט אַן ערן־צייכן.

פּעניאַפאָרטע האָט פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן זיין האָ־פענונג אָפּצושמדן די יידן, און ער האָט ווידער אַרויסגעשיקט אַ גאַנצע מחנה מיסיאָנערן, וועלכע האָבן זיך אומעטום אַריינגעלאָזט אין וכוחים מיט יידן. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ נייע גזירה: זיי האָבן לויט אַ באַפעל פון קעניג געמוזט אויסהערן די „דרשנים״, געבן זיי די ספרים, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט און אַפילו דעקן די קאָסטן פון די דאָזיקע וכוחים. ווען אָט די אַלע מיטלען האָבן ווידער נישט געווירקט, האָבן זיך די דאָמיניקאַנער גענומען צום תלמוד אויפן שטייגער פון דעם באַרימטן דאָנין. זיי האָבן זיך געווענדעט צום פּויפּסט קלעמענס דעם פערטן מיט אַ מסירה אויפן תלמוד, און ער האָט באַפוילן צו קאָנפיסקירן אַלע תלמוד־עקזעמפּליאַרן און זיי פאַרברענען. דער קעניג האָט אָבער די גזירה פאַרלייכטערט. ער האָט גע־

הייסן נאָכזוכן די אָנגעגעבענע באַליידיקנדיקע שטעלן פון תלמוד און אויב זיי זיינען ווירקלעך באַליידיקנדיק פאַרן קריסטנטום — זיי אויסצו־מעקן. דאָס איז געווען די ערשטע דאָמיניקאַנישע צענזור איבערן תלמוד אין שפּאַניע.

די שנאה פון די פאַרביטערטע דאָמיניקאַנער האָט געטראָפן אויך דעם רמב״ן פערזענלעך. דער לעצטער האָט פאַרעפנטלעכט אַן העברעישן באַריכט פון דעם וכוח אין באַרצעלאָנאַ, וואו ער האָט אויספירלעך אי־בערגעגעבן זיינע תשובות אויף די טענות פון די קעגנער. דאָס האָט די באַזיגטע דאָמיניקאַנער אויפגעקאָכט, און זיי האָבן אים פאַרמסרט פאַרן קעניג, אַז ער פאַרשפרייט שלעכטע מיינונגען וועגן קריסטנטום. דער קעניג האָט דאַן צונויפגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע קאָמיסיע, וואָס האָט אַריינגעפאָדערט דעם אָנגעקלאָגטן זיך צו פאַרטיידיקן. דער רמב״ן האָט מודה געווען, אַז אין זיין באַריכט געפינען זיך ווירקלעך שטעלן קעגן דער קריסטלעכער אמונה, אָבער נישט מער און נישט קיין אַנדערע ווי יענע, וואָס ער האָט עפנטלעך אויסגעדריקט בעתן וכוח אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג און אַלע זיינע איצטיקע שופטים. אָט די טענה האָט די קאָמיסיע אין אַ געוויסער מאָס אָנגענומען, און זי האָט פאַרמשפּט דאָס ווערק צום פאַרברענען און דעם רמב״ן אַליין בלויז אויף צוויי יאָר גלות פון אַראַ־גאָניע. די דאָמיניקאַנער האָבן זיך אָבער מיט דעם אורטייל נישט באַ־פרידיקט, און ווען זיי האָבן געזען, אַז דער קעניג איז צום רמב״ן בכלל גוט געניי׳גט, האָבן זיי זיך געווענדעט וועגן דעם מיט אַן אָנקלאָגע צום פויפסט. און דאָס האָט געווירקט: דער קעניג האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם האַרבן מוסר פון פויפּסט, און דער זיבעציק־יעריקער רמב״ן האָט געמוזט פאַרלאָזן אַראַגאָניע אויף אייביק. אויסגעוואַנדערט האָט ער קיין ארץ ישראל, וואוהין עס האָט אים שוין לאַנג געצויגן, און ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט ער דאָרט געפונען אַ שרעקלעכן חורבן. דאָס איז געווען עטלעכע יאָר נאָך די ווילדע אָנפאַלן פון די מאָנגאָלן און טאַטאַרן אויפן גאַנצן מזרח (1260), פון וועלכע דאָס הייליקע לאַנד האָט אַמ־שטאַרקסטן געליטן. „וואָס הייליקער אַן אָרט איז, שרייבט דער רמב״ן אין זיין בריוו פון ארץ ישראל, אַלץ גרעסער איז זיין חורבן; ירושלים איז מער פאַרוויסט פון די שכנהשע שטעט און די — פון גליל״. ווען די מאָנגאָלן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון פּאַלעסטינע, האָבן זיך אין ירושלים געפונען

צוויי טויזנט מאַכמעדאַנער און עטלעכע הונדערט קריסטן, און יידן בלויז צוויי אָדער דריי משפחות, — די איבעריקע זיינען אַלע אויסגעטויט געוואָרן.

דער רמב"ן איז אָבער נישט געבליבן פאַרצווייפלט; ער האָט זיך גענומען שאַפן צוריק אַ יידיש כלל־לעבן אינעם לאַנד פון דער יידישער פאַראַנגענהייט. ער האָט אָרגאַניזירט קהלות, אויפגעבויט שולן און געגרינדעט אַ באַדייטנדיקע ישיבה, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַן אָנגעזעענער גייסטיקער צענטער פאַרן גאַנצן מזרח. עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט הונדערטער תלמידים ארום דעם פאַרטריבענעם שפּאַנישן גדול און ער האָט זיי געעפנט נייע האָריזאָנטן, נייע געביטן פון דענקען און שאַפן.

אין דער צייט איז דעם רמב"נס השפעה פאַרגעזעצט געוואָרן אויך אין דעם לאַנד, פון וואַנען ער איז געקומען, אַ דאַנק דער טעטיקייט פון זיינע דאָרטיקע תלמידים. זיי זיינען פעסט געשטאַנען אויף דער וואַך פון דעם יידישן גייסט, פון דער יידישער קולטור, אין דער צייט, ווען די מאַטעריעלע יידישע לאַגע איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער און פינצטערער. יידן זיינען געוואָרן דער „שעיר לעזאזל" פאַר אַלעמענס זינד און האָבן מיט זייער בלוט דורכגענעצט די ערד פון גאַנץ אייראָפּע. בעת דער אַנאַרכיע, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד נאָכן טויט פון קייסער פרידריך דעם צווייטן, זיינען טויזנטער יידן געפאַלן, און עס האָבן זיך געפונען הונדערטער דייטש־קריסטלעכע פאַמיליעס מיט דעם שטאָלצן טיטל „יודענברעטער", צום אָנדענק פון די „גאָט־פאַרשאָלטענע", וועלכע זיי האָבן אין שפּאַס פאַרברענט. און די קירך פון איר זייט האָט אויך נישט געשוויגן — זי האָט דערקלערט, אַז די יידן־לאַטע איז ווייניק, נאָר יעדער ייד מוז טראָגן אַ באַזונדער מין הוט (מיט שפּיצן און הערנער), וועלכן די גאַסן־שקצים זאָלן לחלוטין נישט קענען רואיק פאַרבייגיין (אויפן ווינער קירכן־קאָנגרעס, 1264).

אַ געזעץ אין דעם זעלביקן זין האָט אַרויסגעגעבן אויך לודוויק דער הייליקער. ער האָט באַפוילן, אַז יעדער ייד זאָל טראָגן אויפן אויבערמאַנטל אַ געלע טוכענע אָדער לעדערנע לאַטע אין דער געשטאַלט פון אַ ראָד, אי אויף דער ברוסט, אי אויף דער פּלייצע, „כדי די פאַראַכטעטע זאָלן ווערן דערקענט פון אַלע זייטן".

אין אַן אַנדער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידן אין אונגאַרן און אין

פוילן. די דאָזיקע האַלב־ווילדע קריגערישע פעלקער האָבן אָן יידן פשוט נישט געקענט אויסקומען. די יידן מיט זייערע אינדוסטריעלע פעאיקייטן און פראַקטישער געשיקטלעכקייט, האָבן פאַרשטאַנען אויסצונוצן די אומגעהייערע נאַטירלעכע עשירות פון די לענדער ארום דונאי און ווייסל און פוןביידע זייטן קאַרפּאַטן, און דאָס האָט די לענדער געמאַכט גרויס און שטאַרק. די אַלע השתדלותן מצד דער קירך אַרויסצערייסן פון יידישע הענט די העכערע מלוכה־פּאָסטנס און די אַרענדע פון פאַרשידענע שטייערן — האָבן דאָ דעריבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג, ווייל די מלוכה האָט פשוט נישט געהאַט מיט וועמען צו פאַרבייטן די אָפּגעזאָגטע יידן, און נישט ברענגען דערביי דאָס לאַנד צו אַ פולשטענדיקער ירידה. דער אונגאַרישער קעניג בעלאַ דער פערטער האָט כמעט אַלע שטייערן פון לאַנד איבערגעגעבן יידישע אַרענדאַטאָרן נאָך דעם, ווי דאָס לאַנד איז שרעקלעך פאַראָרעמט געוואָרן צוליב דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן. דער זעלביקער קעניג האָט איינגעפירט פאַר די יידן פון זיין לאַנד די געזעצן פון דעם עסטרייכישן הערצאָג פרידריך דעם ערשטן, וועלכע האָבן נישט בלויז געשיצט די יידישע רעכטן, נאָר אָפילו זיי פאַרברייטערט און פאַרגרעסערט. דאָס אַלץ האָט שטאַרק באַאומרואיקט דעם פּאָטער פון דער קירך, און ער האָט אַראָפּגעשיקט אין די קאַרפּאַטן־לענדער אַ גאַנצע מחנה דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער, וועלכע האָבן „דערצויגן" די דאָרטיקע פעלקער און איינגעפלאַנצט אין זיי אַלע שיינע מדות פון דעם ריינעם גלויבן. נאַטירלעך, האָבן די יידן איצט שוין נישט געקענט מער בלייבן אָן אַ באַזונדערער השגחה, און די צוזאַמענגערופענע קירכן־פאַרזאַמלונג, אונטערן פאָרזיץ פון פויפּסטלעכן שליח, האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע ריי באַגרענעצונגען פאַר יידן אין אונגאַרן, פוילן, דאַלמאַציע, קראָאַציע, סלאַוואָניע, לאָדאָמעריע און גאַליציע. זיי איז פאַרבאָטן געוואָרן יעדער מין אַרענדע פון שטייערן, „ווייל ס'איז געפערלעך, אַז יידן זאָלן וואוינען צוזאַמען מיט קריסטלעכע פאַמיליעס און פאַרקערן מיט זיי פריינטלעך אין די הויפן און אין די הייזער", אויך די געלע לאַטע האָבן די הייליקע נישט פאַרגעסן אַרויפצופרעסן אויף דער יידישער ברוסט — טאָמער וועט מען, חס ושלום, דעם יידן נישט דערקענען.

צום גליק פון די אונגאַרישע און פוילישע יידן האָבן די דאָזיקע געשריבענע פאַראָרדענונגען דערווייל נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג

און די הערשנדיקע באַפּעלקערונגען האָבן אַ לאַנגע צייט נאָך זיך אָפּגע־זאָגט צו פאַרשטיין דעם טיפן שכל פון די קירכלעכע הייליקע, לויט וועלכע מ׳טאָר קיין טרונק וואַסער נישט געבן אַ יידן, וואָס האָט נישט קיין געלע לאַטע אויפן מאַנטל. — אין קליין פּוילן האָבן יידן, אויסער די גייסט־לעכע, געהאַט קעגן זיך אויך די אַרבעטער־צעכן און מאַגיסטראַטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון איינגעוואַנדערטע דייטשן. די לעצטע, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און מלאכה, האָבן געזען אין יידן געפער־לעכע קאָנקורענטן און געוואָלט פון זיי פריי ווערן. די מלכים פון לאַנד האָבן אָבער געשיצט די יידן און זיי דערקלערט פאַר אַ פּריווילעגירטן גע־זעלשאַפטלעכן שטאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער דער באַזונדערער השגחה פון מלך אַליין, אַזוי אַז נישט די גייסטלעכע, נישט די וועלטלעכע מאַכט האָט דאָס רעכט יידן צו משפּטן אָדער צו באַשטראָפן.

דער ערשטער פון די פּוילישע מושלים, וואָס האָט זיך אַזוי באַצויגן צו יידן, איז געווען באָלעסלאַוו דער פרומער, דער דוכס פון קאַליש, אין זיין צייט האָבן קיין פּוילן איינגעוואַנדערט מאַסן יידן פון די שכנהשע לענ־דער, וואו עס האָבן געווילדעוועט די קרייץ־פאָרער און אַלערליי אַנדערע בלוט־מענטשן; דאָס האָט געבראַכט צו פאַרשידענע רייבונגען צווישן דער יידישער און דער אָרטיקער באַפּעלקערונג ,און דער דוכס האָט זיך גלייך געכאַפּט אויף דעם, אַז די באַציאונגען פון יידן צו דער מלוכה און צו די איבעריקע איינוואוינער מוזן קלאָר און גענוי רעגולירט ווערן. דאַן האָט ער אַרויסגעגעבן פאַר די יידן פון זיין מלוכה אַ ספּעציעלן סטאַטוט, וואָס האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע מיט אַ פולשטענ־דיקער אינערלעכער זעלבסט־פאַרוואַלטונג (1264).

אָן ענלעכע דערשיינונג איז פאָרגעקומען אויף דער פּירענעאישער האַלב־אינדזל. דאָ איז די קירך אויך הינטערשטעליק געבליבן מיט אירע גזירות און רדיפות צוליב דעם, וואָס די באַפּעלקערונג איז געווען געמישט פון קריסטן, מאַכמעדאַנער און יידן. דערצו איז דאָ נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די יידן האָבן פאַרנומען כמעט דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ אינעם קולטור־לעבן פון לאַנד און געקענט לייכט אַנטקעגנווירקן אַלע אָנפאַלן מצד די קירכלעכע פאַנאַטיקער. אַלפאָנסאָ („דער קלוגער״) אַליין, כאָטש ער האָט זיי אין זיין קאָדעקס אויסגעשלאָסן פון יעדן קולטורעלן און געזעל־שאַפטלעכן פּאָסטן, האָט דערוייל כמעט די באַדייטנדיקסטע פונקציעס פון

זיין מלוכה אָנפּאַרטרויט יידן. נאָר איין מאָל האָט זיך דער קעניג צע־בייזערט אויף זיין יידישן אַלמאָקסאַריף און דערביי האָט ער זיין צאָרן אויסגעגאָסן אויף אַלע יידן פון זיין מלוכה. דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם ווייטערדיקן אופן: דער אינפאַנט (קרוינפּרינץ) דאָן סאַנטשאָ איז געווען פיינטלעך געשטימט קעגן קעניג, און איין מאָל האָט ער דעם יידישן שאַצמייסטער דון צאַג געצוואונגען, אים אַרויסצוגעבן די עפנט־לעכע געלטער. פאַר דער שוואַכקייט האָט אַלפאָנסאָ געלאָזן דון צאַגן שמידן אין קייטן און אים פייניקן דעם פּרינץ אין די אויגן. דער לעצטער האָט געבעטן רחמים ביים פאָטער פאַר דעם אומשולדיקן שאַצמייסטער; דאָס האָט דעם צערייצטן הערשער נאָך מער אויפגעבראַכט און דעם פיינט־לעכן זון אויף צו־להכעיס, האָט ער געהייסן טייטן דעם פאַרמשפּטן און קאָנפיסקירן זיין פאַרמעגן (1280). נאָך דעם האָט ער געלאָזט איינשליסן אין געפענגעניש אַלע קאַסטילישע יידן און אויף אַזאַ אופן אַרויסגעפּרעסט פון זיי אַ גרויסע סומע געלט.

אָט די געוואַלט־מעשים האָבן אַלע שיכטן פון פאָלק אָוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון קרוינפּרינץ, און אין גיכן איז ער געוואָרן הערשער פון לאַנד. דער נייער קעניג האָט רעגולירט די יידישע שטייערן; ער האָט אנשטאָט דעם קאָפּ־שטייער ,וואָס יעדער ייד האָט ביז אַהער געמוזט אָפּ־צאָלן צום אָנדענק פון ישוס טויט, באַשטימט אַן אלגעמיינע סומע פאַר יעדער פּראָווינץ, און די יידישע פאָרשטייער האָבן שוין די סומע אַליין איינגעטיילט צווישן די קהלות. בסך הכל האָבן די אַכט הונדערט און פופ־ציק טויזנט יידן פון קעניגרייך קאַסטיליע געהאַט אַריינצוטראָגן יערלעך אין דער מלוכה־קאַסע 2.780.000 מאַראַוועדיס. אויף דעם זיינען געווען אַכציק יידישע קהלות, פון וועלכע די באַדייטנדיקסטע איז געווען טאָלעדאָ מיט אירע צוויי און זיבעציק טויזנט יידן.

נישט שלעכט האָט זיך יידן דעמאָלט געלעבט אויך אין קעניגרייך פּאָרטוגאַל, אונטער אַלפאָנסאָ דעם דריטן און דיניז. יידן זיינען דאָ פריי געווען פון דעם מעשר פאַר דער קירך און פון דעם שענדלעכן „צייכן" און די אַנגעזעענע פון זיי האָבן פאַרנומען באַדייטנדיקע פּאָסטנס. דאָס האָט געבראַכט צו שאַרפע סכסוכים צווישן דער וועלטלעכער און דער קירכלע־כער מאַכט, און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, אַז דיניז האָט כלומרשט איינגעפירט די קירכלעכע געזעצן, אָבער נישט מער, ווי אויפן פּאַפּיר.

קאַפּיטל אַכצן

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער קבלה

אויב די מאַטעריעלע לאַגע פון די שפּאַנישע יידן איז בכלל נישט פיל בעסער געווען פון דער יידישער לאַגע אין עטלעכע אַנדערע לענדער (פּוילן, אונגאַרן), זיינען זיי אָבער קולטורעל נאָך אַלץ געשטאַנען בראש פון גאַנצן יידנטום. דאָ האָט נאָך אַלץ אַמשטאַרקסטן פּולסירט דאָס גייס־טיקע לעבן, און די באַדייטנדיקסטע אויסדרוקן פון דעם יידישן שאַפן און דענקען זיינען פון דאַנען פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן אין אַלע טיילן פון דער דיאַספּאָראַ.

די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייט פון שפּאַנישן יידנטום פאַר דער עפּאָכע, איז געווען ר׳ שלמה בן אדרת פון באַרצעלאָנאַ (1245—1310), אָדער, ווי ער איז באַקאַנט אונטער דעם פאַרקירצטן נאָמען: דער רשב״א. אַ מענטש מיט אַ שאַרפן און קלאָרן פאַרשטאַנד און מיט אַ טיף אינער־לעכן, פעסטן גלויבן, האָט ער זיין גאַנצע טעטיקייט געווידמעט דעם שטור־דיום פון תלמוד; ער האָט זיך דערוואָרבן אַן אומגעוויינלעכע בקיאות אין דער גאַנצער תלמודישער געזעצגעבונג, און אַזוי ווי ער האָט באַהערשט דעם דאָזיקן אומגעהייער פאַרוויקלטן מאַטעריאַל מיט זיין גאונישן קאָפּ, האָט ער אין אים אַריינגעבראַכט ליכט און לעבן. ווי אַ תלמיד פון רמב״ן איז ר׳ שלמה נישט ווייט געווען אין גאַנצן פון דער אויבערפלעכלעכער פילאָזאָפיע, און אויך די קבלה האָט ער שטאַרק פאַרהייליקט. ער האָט אָבער געראַטן, צו זיין זייער פאַרזיכטיק מיט די אַלע למודים און זיי נישט צו פאַרשפּרייטן צווישן המון.

פערציק יאָר האָט דער רשב״א פאַרנומען דעם רבנות־שטול אין אין באַרצעלאָנאַ, און פאַר דער צייט איז זיין אויטאָריטעט איבערגעוואַקסן נישט בלויז די גרענעצן פון שפּאַניע, נאָר פון גאַנץ אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. די קהלות פון דייטשלאַנד און פון ארץ ישראל, אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין צפון־אַפריקע און די גרעסטע געמיינדעס פון בעהמען און אי־טאַליע — אַלע האָבן זיך מיט זייערע שאלות געווענדעט צו דעם גרויסן

גענזעץ־לערער אין שפּאַניע, און ער האָט קיין איינציקע שאלה נישט געלאָזט אָן אַ קלאָרן ענטפער.

ווי אַ תלמודישער געלערטער איז דער רשב״א געווען נישט איינער אין זיין צייט. אין שפּאַניע גופא האָט געלעבט ר׳ אהרן הלוי, וועלכער האָט אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר זיין טעטיקייט אויף דעם געביט פון דער יידישער הלכה. דער מנהיג הדור איז אָבער געווען דער רב פון באַר־צעלאָנאַ, ווייל ער האָט מער פון אַלע זיינע צייט־חברים זיך איינגעשטעלט פאַרן יידנטום און עס געשטיצט קעגן יעדן אָנגריף פון אינעווייניק ,ווי פון אויסן. דער רשב״א האָט אָפט געפירט וכוחים מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן וועגן די יסודות פון דער קריסטלעכער אמונה און ווען דער געלערנטער דאָמיניקאַנער ריימונד מאַרטין האָט אָנגעשריבן צוויי ביכער קעגן יידנ־טום, האָט דער רשב״א אָפּגעענטפערט מיט אַ קליינער בראָשור, אין וועל־כער ער האָט איינס נאָך איינס אָפּגעשלאָגן אַלע טענות פון די יידישע קעגנער.

אין דער צייט האָט צוריק אויפגעלעבט דער אַלטער קאַמף צווישן בילדונג און פרומקייט, און דאָס מאָל האָבן שוין די קבליסטן אויך געזאָגט זייער וואָרט. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעקאָכט די אַלטע פראַגע וועגן רמב״מס פילאָזאָפישע ווערק, צי זיינען זיי שעדלעך פאַר דער אמונה, צי נישט. נאָר אנשטאָט שפּאַניע און פראַנקרייך, זיינען איצט אַרויסגעטראָטן די קהלות פון דייטשלאַנד און איטאַליע. די דייטשע יידן, וועלכע האָבן ביז אַהער קיין אַנונג נישט געהאַט פון די אַלע פילאָזאָפישע חקירות און פשטלעך וועגן גאָט און וועלט, וואָס זיינען געווען אין גאַנצן פאַרזונקען אין דעם שטודיום פון דער יידישער הלכה, — האָבן איצט איבערגעלעבט דאָס אייגענע, וואָס די פראַנצויזישע תוספיסטן מיט פופציק יאָר צוריק. געדודפט און געפייניקט פאַר דער אמונה, האָבן די גדולים פון דייטשן יידנטום אָנגעהויבן קרום צו קוקן אויף אַלע יידישע פילאָזאָפן און אויף דער פילאָזאָפיע בכלל, וואָס זוכט צו דערקלערן יעדע זאַך „על פי שכל״ און גראָבט דערמיט ממילא אונטער די יסודות פון דער אמונה. אָט די שטילע אומצופרידנקייט איז שטאַרק פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן פון אַ הייסן מקובל און תלמודיסט, מיטן נאָמען ר׳ שלמה פּעטיט. אַליין אַ פאַרביסענער שונא פון יעדער מין בילדונג און חקירה, האָט דער דאָזיקער קנאי געוואָלט דורכויס פאַרטרייבן דעם רמב״ם פון דער יידישער גאַס, און

צו דעם צוועק איז ער געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד און פון קהלה צו קהלה קלייבן חתימות פון גדולים אויף אַ נייעם חרם. אויף אַזאַ אופן האָט דער אייראָפּעישער מקובל זיך דערשלאָגן קיין ארץ ישראל, און דאָרט (אין עכו) איז אים ענדלעך געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל: די רבנים פון ארץ ישראל האָבן אויך אייגעזען די שעדלעכקייט פון דער געפערלעכער פילאָזאָפיע און דער חרם איז אויסגערופן געוואָרן. עס האָבן זיך אַפילו געפונען פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן אויפן רמב״מס מצבה אויסגעקריצט די ווערטער: „משה בן מיימון איז אַן אפיקורס און ליגט אין חרם“.

מיט די מעשים האָט זיך די מחלוקת ערשט פונאַנדערגעקאָכט. ווען דעם רמב״מס אייניקל ר׳ דוד, דער נגיד פון עגיפּטן, האָט זיך דערוואוסט פון דער באַליידיקנדיקער אַגיטאַציע קעגן דעם נאָמען פון זיין גרויסן זיידן, האָט ער צונויפגענומען אַרום זיך די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פונעם מזרחישן יידנטום און זיי האָבן אויסגערופן אַ קעגן־חרם איבער אַלע, וואָס שענדן דעם נאָמען פון גרעסטן יידישן דענקער אָדער פון זיינע ווערק. ר׳ שלמה האָט זיך דעמאָלט ווידער אַוועקגעלאָזט קיין אייראָפּע און באַנייט אין די רבנישע קרייזן זיין שאַרפע אַגיטאַציע קעגן רמב״ם. איצט האָט זיך אים ווידער איינגעגעבן צו באַקומען אויף זיין צד כמעט אַלע יידישע גדולים פון דייטשלאַנד, און ער האָט זיך געלאָזט צוריק קיין פּאַלעסטינע דורך איטאַליע; דאָ האָט ער אָבער באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. די איטאַליענישע קהלות האָבן דעמאָלט גראָד אָנגעהויבן אויפבליען און אויפלעבן נאָך דעם, ווי זיי האָבן אין דעם משך פון עטלעכע יאָרהונדערט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום שפּור פון אַ גייסטיקן לעבן. עס איז געווען, ווי אַ מין אירלאָניע פון דער געשיכטע: די נאָענטסטע שכנים פון פּעטרוסעס שטול, די יידן אין די איטאַליענישע פּראָווינצן, האָבן נישט געוואוסט פון קיין קאַנאָנישע גזירות און באַגרענעצונגען! דער קעניג פון סיציליע האָט געהאַט אַ יידישן לייב־מעדיקער, פאַראַדיזש איבן־שלמה, וועלכער איז ווי אַ געלערנטער (אונטערן נאָמען פאַראַגוט) געווען באַרימט אויך אין די קריסטלעכע קרייזן; דער פּויפּסט אַליין אַפילו האָט עובר געווען אויף דער קירכלעכער גזירה, זיך נישט צו לאָזן היילן פון אַ יידן, און האָט זיין אייגענעם היילקן גוף אָנפאַרטרויט דעם יידישן מעדיקער יצחק בן מרדכי, וועלכער האָט געטראָגן דעם טיטל מאַעסטראָ גאַיאָ. יידן האָבן זיך דאָ בכלל זייער היימיש געפילט אין דעם לעבעדיקן האַנדל, ווי אין דער בליענ־

זיקער קולטור פון לאַנד, און זייערע גייסטיקע פירער זיינען גאַנץ ווייט געווען פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

איינע פון די טאָן־געבנדיקע יידישע פערזענלעכקייטן איז דאָ געווען דער דאָקטער הלל פון וועראָנאַ. ער האָט זיך באַזונדערס וואַרעם איינגע־שטעלט פאַרן רמב״מס כבוד און פאָרגעלייגט צונויפצורופן אַ ספּעציעלן רבנים־צוזאַמענפאָר פון גאַנצן מזרח, וואָס זאָל אַרויסטראָגן אַ באַשטימטן און שאַרפן אורטייל וועגן אַלע מעשים פון ר׳ שלמהס צד. דאָס איז אָבער שוין נישט געווען נייטיק נאָך דעם שאַרפן חרם, וואָס די אָנגעזעענס־טע יידישע פאָרשטייער פון די מזרח־לענדער האָבן אויסגערופן אויף די באַליידיקער פון רמב״ם.

אין יענער צייט האָבן די יידישע קהלות אין דייטשלאַנד געהאַט אויסצושטיין שווערע רדיפות און פאַרפאָלגונגען. דאָ האָבן זיך איבערגע־חזרט די צרות פון די ענגלישע יידן אין די צייטן פון היינריך דעם דריטן. נאָר מיט מער גראָבקייט און אכזריות. דער פלוצים אויפגעקומענער קיי־סער רודאָלף פון האַבסבורג האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין געלט, כדי צו באַפעסטיקן די מאַכט פון זיין דינאַסטיע, און דאָס האָט ער אָן אויפ־הער אַרויסגעפּרעסט פון זיינע יידישע אונטערטאַנען — אַמאָל פאַר דעם פרייז פון געוויסע הנחות און אַמאָל אונטער דער מורא פון שווערע גזירות און באַשולדיקונגען. רודאָלף האָט באַשטעטיקט פאַר די רעגענסבורגער יידן אַ גאַנצע ריי פון זייערע אַלטע פּריווילעגיעס, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַרבאָטן יידן זיך צו באַווייזן אין גאַס אין די טעג פון פסחא, „כדי נישט צו באַליידיקן דעם קריסטלעכן גלויבן״. פאַר די עסט־רייכישע יידן האָט רודאָלף באַפעסטיקט דעם באַרימטן סטאַטוט פון הער־צאָג פרידריך דעם ערשטן, וואָס האָט די יידן געשיצט פון יעדער מין נגישה מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און זיי געשענקט אַ סך פּרי־ווילעגיעס; דאַקעגן האָט ער עפנטלעך פאַרבאָטן צו באַשטימען יידן אויף וועלכן ס׳איז פּאָסטן. רודאָלף האָט עטלעכע מאָל באַשטעטיקט די פּויפּסט־לעכע בוללעס וועגן דער פאַלשקייט פון „עלילת דם״, און בכלל אָוועקגע־שטעלט די יידן אונטער זיין פערזענלעכן שוץ. פונדעסטוועגן איז די צייט פון זיין הערשן נישט אריבער אָן פּאָגראָמען און יידן־שחיטות. ביי איינעם אַזאַ פּאָגראָם, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַדאַנק דעם זעלביקן אָפּגע־לייקנטן בלוט־בלבול, זיינען צען יידן געוואָרן געטויט און אַ מאַסע יידישע

הייזער צערויבט (מיינץ 1283). אין דעם זעלביקן טאָג זיינען אין באַכראַך אומגעקומען פון דעם צעווילדעוועטן המון נאָך זעקס און צוואַנציק יידן, און מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט די מינכענער יידישע קהלה מקריב געווען נאָך אַ גרעסערע צאָל לעבנס. דאָ האָט זיך דער המון אויך צעבושעוועט איבער אַ בלוט־בלבול און דערשלאָגן צענדליקער יידן, און ווען די אומגליקלעכע האָבן זיך געפּרואווט פאַרקלאַפּן אין אַ שול, האָבן די פאַר־שיכורטע מערדערס געבראַכט ברען־מאַטעריאַל און פאַרברענט די שול מיט הונדערט אַכציק לעבעדיקע נפשות. אַזאַ בלוטיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך אין אָבערוועזעל, וואו איבער פערציק יידן זיינען אומ־געקומען (1280).

אָט די אומדערטרעגלעכע לאַגע האָט געבראַכט דערצו, אַז גאַנצע קהלות האָבן באַשלאָסן אויסצעוואַנדערן פון דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד. בראש פון די אויסגעוואַנדערטע קהלות איז געשטאַנען דער באַרימטער תלמודישער געלערטער, ר׳ מאיר פון ראָטענבורג (מהר״ם מרוטנבורג, 1220—1286), וועלכער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ קדוש. די אומגליק־לעכע האָבן זיך געלאָזט קיין ארץ ישראל, פאַרפירט פון עפּעס אַ פאַלשער האָפענונג וועגן אַ משיח, וואָס זאָל האָבן דאָרט דערשינען אויסצולייזן דאָס פאָלק ישראל.

און אינעם מזרח איז פאַר יענער צייט ווירקלעך פאָרגעקומען עפּעס באַזונדערעס, מערקווירדיקעס, כאָטש עס לאָזט זיך דערביי, נאַטירלעך, גאַנץ ווייניק ריידן וועגן אַ משיח. די מאָנגאָלן האָבן געגרינדעט אַ גרויסע מלוכה אין פּערסיע, וואָס האָט זיך געצויגן פון טייך פּרת ביזן קאַספּישן ים, און אָט האָט איינער פון די מאָנגאָלישע הערשער שטאַרק דערהויבן זיין יידישן לייב־מעדיקער סער אבראַולאַ. דער לעצטער איז געווען אַ מענטש מיט ברייטע קענטענישן, מיט אַ קלאָרן פּאָליטישן פאַרשטאַנד און מיט זייער אַ שיינער געשטאַלט. ער האָט דעריבער שטאַרק נושא חן גע־ווען ביים גרויס־כאַן, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַרן פאַקטישן פירער פון דער גאַנצער מלוכה.

עס קען אַלזאָ זיין, אַז די פאַרנעפּלטע ידיעות וועגן דעם „גרויסן שר" האָבן דאָס אויפגעמונטערט די דערשלאָגענע דייטשע יידן צו פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד. עס האָט זיך אָבער געפונען אַ משומד, וואָס האָט פאַר־מסרט דעם גרויסן ר׳ מאיר מיט דער גאַנצער מחנה אויסוואַנדערער, און

רודאָלף האָט ווי אַ שטראָף פאַר דער שלעכטער כונה געלאָזט אַריינזעצן דעם פאַרהייליקטן גאון אינעם שלאָס פון עלזיסהיים (עלזאָס, ד׳ תמוז 1286). אין געפענגעניש האָט מען ר׳ מאירן גאַנץ ווייך באַהאַנדלט, ווייל פאַקטיש איז ער געזעסן בלויז ווי אַ משכון פאַר די קייסערלעכע „קאַמער־קנעכט״, זיי זאָל נישט איינפאַלן נאָך אַמאָל זיך צו וועלן ארויס־גנבענען פון לאַנד און צונעמען דערמיט ביים קייסער אַ באדייטנדיקע הכנסה. ר׳ מאירס געפענגעניש איז געווען נישט מער, ווי אַ מין הויז־אַרעסט; ער האָט געמעגט אָננעמען, ווע‏מען ער האָט געוואָלט, לערנען מיט די תלמידים און בכלל אויספירן אַלע רבנישע פונקציעס, נאָר דעם אָרט נישט בייטן. די הייזער און פלעצער ווידער פון די אויסגעוואַנדערטע יידן האָט דער קייסער פאַר זיך צוגענומען, ווי אַ ירושה פון זיינע קאַ־מער־קנעכט.

די דייטשע יידן האָבן געפּרואווט אָנווענדן דאָס אַלטע מיטל. זיי האָבן דעם קעניג געגעבן צוואַנציק טויזנט מאַרק און דערפאַר געזאָלט אויס־פועלן ביי אים עטלעכע זייטיקע הנחות און הויפּטזעכלעך ר׳ מאירס פריי־הייט. דער יידישער גדול האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון אַזאַ אויסלייזונג, כדי נישט צו ווייזן קיין וועג פון אַרויספּרעסן ביי יידן געלט דורך אַזעלכע מיטלען. ער איז בכן פאַרבליבן זיצן אין געפענגעניש ביז זיין טויט, און אויך דעמאָלט האָט רודאָלפס נאָכפאָלגער נישט געוואָלט אַרויסגעבן דעם קערפּער פון גרויסן נפטר אינעם משך פון אַ לאַנגער צייט. דאַן האָט זיך געפונען אַ רייכער פראַנקפורטער ייד, ר׳ אַלעקסאַנדער זיסקינד ווימפּפען, וועלכער האָט באַצאָלט דעם קייסער אַן אומגעהייערע סומע געלט, און דער מהר״ם איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה (אין מיינץ).

נאָך אומגליקלעכער פון די דייטשע יידן זיינען געווען אין דער צייט די יידן אין ענגלאַנד. די ערשטע יאָרן פון עדוואַרד דעם ערשטנס ממשלה זיינען אַריבערגעגאַנגען אין אַ געוויסער מאָס בשלום, און די יידישע באַ־פעלקערונג האָט געליטן בלויז פון שווערע שטייערן אַליין. דאַן איז אָבער פאָרגעקומען אַ פאַל, וואָס האָט אין גאַנצן אוממעגלעך געמאַכט דאָס יידי־שע לעבן אין דעם לאַנד. ראָבערט רעדדינגזש, אַן איינפלוסרייכער באַרימ־טער דאָמיניקאַנער דרשן, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט שטודירט די העברעישע שפּראַך און איר ליטעראַטור, כדי צו קענען בעסער קעמפן מיט דער יידישער „עקשנות״, — איז אַליין „אַראָפּ פון וועג״. ער האָט אויף

אַזוי ווייט ליב באַקומען דאָס יידנטום, אַז נישט געקוקט אויף דער אכזריות־דיקער שטראָף, וואָס האָט אים געדראָט, האָט ער זיך מגייר געווען און חתונה געהאַט כדת משה וישראל מיט אַ יידישער טאָכטער (1275). אָט דער פאַקט האָט די דאָמיניקאַנער אין גאַנצן צעווילדעוועט און זיי האָבן אויסגעלאָזט זייער גאַנצן כעס צו די יידן פון לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שענדלעכע בלוטיקע רדיפות קעגן די „פאַרשאָלטענע פאַרפי־רער", אין וועלכע די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט נישט דער קעניג, נאָר די קעניגן־מוטער עלעאָנאָראַ. באַאיינפלוסט פון דער קעניגן מיט אירע דאָמיניקאַנישע יועצים האָט דער פּאַרלאַמענט אַרויסגעגעבן אַ סטאַטוט וועגן יידן, וואָס האָט זיי — ווי ס'דריקט זיך אויס אַן ענגלישער שריפט־שטעלער פון יענער צייט — אַוועקגעשטעלט כמעט אין איין לאַגע מיט די יידן אינעם אַמאָליקן מצרים, נאָר אנשטאָט די ציגל, וואָס יענע האָבן געדאַרפט אויסאַרבעטן פאַר פרעה פּאַלאַצן, האָבן די ענגלישע „קאַמער־קנעכט" געמוזט ברענגען — גאָלד.

דערצו האָט זיך די פאַרביטערטע יידנפיינד באַלד געמאַכט אַ גע־לעגנהייט, אַרויסצוטרעטן מיט אַ שווערער באַשולדיקונג קעגן די ענגלישע יידן. עס האָבן צירקולירט אין ענגלאַנד פאַלשע מטבעות, וואָס פלעגן אַריינ־געפירט ווערן פון אויסלאַנד אָדער פאַבריצירט ווערן בגנבה אין לאַנד גופא. האָט מען די באַשולדיקונג אַרויפגעוואָרפן אויף די אייביקע „שול־דיקע", און אין איין טאָג (17־טן נאָוועמבער 1278) זיינען אַלע יידן פון ענגלאַנד מיט די פרויען און קינדער אַריינגעזעצט געוואָרן אין געפענגע־ניש. ביים משפט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויסער אַ געוויסער צאָל יידן, זיינען אין דעם ענין פאַרמישט אויך מאַסן קריסטן און אַפילו עט־לעכע לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטן. דאָס האָט אָבער די לאַגע נישט געענ־דערט; הונדערטער יידן זיינען פאַרמשפט געוואָרן צום הענגען און צו אָנ־דערע אכזריותן, בשעת די קריסטן זיינען אָפּגעקומען מיט געלט־שטראָפן. דער אויסגאַנג פון דעם משפט איז געווען אַזוי שרעקלעך פאַר יידן, אַז נאָך אַ צייט לאַנג פלעגן די שכנהשע קריסטן דראָען די יידן מיט פאַר־מסרן און אויף אַזאַ אופן אַרויספּרעסן פון די אומגליקלעכע דעם לעצטן גראָשן. די זאַך איז ענדלעך דערגאַנגען צום קעניג, און ער האָט באַפוילן, נישט אָנצונעמען מער קיינע באַשולדיקונגען קעגן יידן פאַר פאַלש־מינ־צעריי.

אינעם זעלביקן יאָר האָבן די דאָמיניקאַנער אויסגענוצט נאָך עטלעכע „געלעגנהייטן”. אין נאָטהאַמפּטאָן האָבן יידן, ווי ס׳האָט געהייסן, „גע־קרייציקט” אַ קריסטלעך קינד, און צענדליקער יידן זיינען געטויט געוואָרן מיט מיתות משונות (2־טן אַפּריל 1279). מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן געלעסטערט די קריסטלעכע הייליקייטן און ווידער זיינען יידן געטויט און געפּייניקט געוואָרן: דערנאָך האָבן זיך די ידאָמיניקאַנער גענומען צו זייערע פריערדיקע דרשות. די יידן זיינען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַלערליי מיסיאָנערן און האָבן געמוזט מיט זיי זיך מתוכח זיין. דער קעניג האָט אפילו געלאָזט אויפ־שטעלן אַ ספּעציעלן בנין פאַר יידישע משומדים, און ווען דאָס האָט אַלץ נישט געהאָלפן, האָט דער באַרימטער פראַנציסקאַנער געלערטער דונס סקאָטוס פאָרגעלייגט דעם קעניג, ער זאָל באַפוילן איבער געוואַלט אָפּצו־רייסן די יידישע קינדער פון זייערע עלטערן און זיי דערציען אין קריסט־לעכן גלויבן. פון די זעלביקע קרייזן איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויך אַ מסירה צום פּויפּסט אין רוים (האָנאָריוס דעם ניינטן), אַז די יידן באַגיין זיך שלעכט מיט קריסטן, באַנוצן זיך מיט שבת־גויים, נייטן זיי, צו קניען פאַר דער תורה און צווינגען די משומדים צוריק זיך אומקערן צום יידנ־טום. אויף דער מסירה האָט זיך דער פּויפּסט אָפּגערופן מיט אַ שטרענגען בריוו, וואָס האָט אַרויסגערופן נייע רדיפות און באַגרענעצונגען (1286).

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט די קירכן־פאַרזאַמלונג אין עקסעטער באַ־שטעטיקט אַלע ביז אַהעריקע גזירות פאַר יידן, און אין פערצן טעג אַרום האָט דער קעניג ווידער געזאָלט איינזעצן אין געפּענגעניש אַלע ענגלישע יידן מיט די ווייבער און קינדער, און שפּעטער זיי באַפרייט פאַר אַן אומ־געהייערער סומע אויסלייז־געלט. די פאַרשטייער פון דער קירך האָבן זיך אָבער נאָך אַלץ נישט באַפרידיקט, און אין יאָר 1290 האָט דער קעניג באַפוילן אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון לאַנד. זיי איז געגעבן געוואָרן אַ קורצער טערמין, צו פאַרקויפן זייער האָב און גוטס און אָפּצוגעבן אַלע קריסטלעכע משכנות, וואָס האָבן זיך ביי זיי געפונען, און נאָך דעם טער־מין האָט קיין איינציקער ייד — אונטער טויט־שטראָף — נישט געטאָרט זיך געפינען אין די גרענעצן פון ענגלאַנד. די אומגליקלעכע האָבן אַפילו נישט אויסגעוואַרט די גאַנצע צייט: זיי האָבן פאַרלאָזט ענגלאַנד נאָך פאַר דעם באַשטימטן טערמין, און איבערגעלאָזט הייזער און פּלעצער, וואָס

האָבן הונדערטער יאָרן געהערט צו זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס. די אכזריות האָט שוין נאָכן אויסוואַנדערן אויך נישט אויפגעהערט. איין שיף־קאַפּיטאַן האָט הונדערטער פאַמיליעס פון די אומגליקלעכע צוגעפירט צו אַ זאַמד־באַנק און זיי דאָרט איבערגעלאָזט פאַר די כוואַליעס פון ים. ער האָט אַראָפּגעשריגן פון זיין שיף, אַז משה וועט פאַר זיי שפּאַלטן דאָס וואַסער און פירן דורך דער טריקעניש. — ווען דער קעניג האָט זיך דערנאָך דערוואוסט פון דער רציחה, האָט ער דעם קאַפּיטאַן געלאָזט אויפהענגען; וויפיל אָבער אַזעלכע רציחות זיינען נישט אנטדעקט געוואָרן?

צוזאַמען מיט די ענגלישע יידן האָבן געמוזט אויסוואַנדערן פון לאַנד אויך די יידן פון גאַסקאָניע, וואָס האָט געהערט צו דער ענגלישער קרוין. די דאָזיקע יידן האָבן געפּרואווט זיך באַזעצן אין פראַנקרייך; זיי זיינען אָבער באַלד פון דאָרטן אויך פאַרטריבן געוואָרן (1291).

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן אויך די יידן פון די מזרח־לענדער באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ. אַ לאַנגע צייט האָבן זיך דאָ יידן געפילט זיכער און פעסט, אַדאַנק דער שטיצע פון סער אבראולא, דעם מעכטיקן יידישן פירער פון דער גרויסער מאָנגאָלישער מלוכה. דער יידישער שטאַאַטסמאַן האָט איינגעפירט געזעצלעכקייט און אָרדענונג אין דער האַלב־ווילדער אימפעריע פון כאַן אַרגון, פאַרפלאַנצט דאָרטן קולטור און וויסנשאַפט און אַפילו פאַרקניפּט באַציאונגען מיט אייראָפּע. דערביי האָט ער יידן, נאַטירלעך, געטאָן באַזונדערע טובות און זיי איבערגעגעבן די באַדייטנדיקסטע פּאָסטנס, בשעת די אָרטיקע מאַכמעדאַנישע באַפעלקערונג, צו וועלכער דער כאַן אַליין איז אויך געווען פיינטלעך געשטימט, איז דערווייטערט געוואָרן פון יעדן אָנטייל אין דער מלוכה־פירונג. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן צאָרן קעגן דעם יידישן שני למלך און נאָכן כאַנס טויט האָט אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד, בעת וועלכן סער אַבראַולא איז געטויט געוואָרן. דער מאַכמעדאַנישער המון האָט זיך אויך נוקם געווען אין די יידישע באַדריקער און אין באַגדאַד איז עס געקומען צו אַ באַוואָפנטן קאַמף צווישן יידן און מאַכמעדאַנער.

די צווייטע העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט, וואָס איז אַזוי רייך געווען אין פאַרגאָסן יידיש בלוט און ביטערע יידישע טרערן, האָט אַ שטאַרקן שטויס געטון פאַרויס די לערע פון דער קבלה. די לעצטע האָט

איצט שוין באַהערשט די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער
אינטעליגענץ און פון דעם קליינעם שטעטל כעראָנאַ האָט זי זיך אַרײַ־
בערגעקליבן אין דער אַריסטאָקראַטיש־רייכער טאָלעדאָ. דאָ האָט זי גע־
וואונען פאַר זיך דעם טאָן־געבער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן
לעבן אין גאַנץ קאַסטיליע, ר׳ טודרוס בן יוסף הלוי אבולעפיאַ (1234—
1305) און דערמיט איז איר פּאָזיציע נאָך פעסטער און שטאַרקער געוואָרן.
אַבולעפיא האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין קעניגלעכן הויף,
וואו ער איז שטאַרק באַליבט געווען, און די יידן האָבן געקוקט אויף אים,
ווי אויף זייער נשיא. ווען דאָס שפּאַנישע קעניגס־פּאָר איז געפאָרן זיך
טרעפן מיטן קעניג פון פראַנקרייך (לודוויג דעם שיינעם), האָט זיך אַבו־
לעפיא געפונען אין זייער סוויטע און די דרום־פראַנצויזישע יידן האָבן
דעם יידישן שר פייערלעך באַגריסט. אָט דער געשעצטער אַריסטאָקראַט
און באַגאַבטער שטאַטסמאַן איז אָבער געווען אַ ביטערער שונא פון יע־
דער מין חקירה און פילאָזאָפיע. ער האָט דעם רמב״ם נישט געקענט מוחל
זיין זיינע גרינגשעצונגען בנוגע צו שדים און רוחות און נאָך אַזעלכעס, און
דאַקעגן האָט ער אין דער קבלה געזען אַ געטלעכע חכמה. די זעלביקע באַ־
ציאונג צו דער קבלה האָבן אַרויסגעוויזן אויך אַבולעפיאַס צוויי זין לוי און
יוסף, און באַלד האָבן זיך אַרום דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע גרופּירט
די דריי באַדייטנדיקסטע קבליסטן פון דער עפּאָכע: ר׳ יצחק אבן לאַטיף,
ר׳ אברהם אַבולעפיא און ר׳ משה דע לעאָן.

ר׳ יצחק אבן־לאַטיף (אָדער אַללאַטיף) איז אַליין נאָך געשטאַנען
אויף דעם באָדן פון דער פילאָזאָפיע, און ווי אַלע סכאָלאַסטיקער פון יענער
צייט האָט ער אויך געזוכט צונויפבינדן די לאָגישע חקירות מיט די סו־
דות פון דער קבלה. גאַנץ אַנדערש איז געווען זיין צייט־חבר ר׳ אברהם
אַבולעפיאַ פון סאַראַגאָסאָ (1240 — 1291). דאָס איז געווען אַן עקסצענ־
טרישער קאָפּ פול מיט ווילדע פאַנטאַזיעס, און דערצו אַן אומגעוויינלעך
רירעוודיקע, באַוועגלעכע נאַטור. דאָס גאַנצע לעבן פון דעם דאָזיקן מערק־
ווירדיקן גייסט איז געווען אַ קייט פון אויפפאַלנדיקע געשעענישן און אי־
בעראַשנדיקע אַרויסטרעטונגען. צו צוואַנציק יאָר האָט זיך אַבולעפיאַ
אָוועקגעלאָזט זוכן דעם לעגענדאַרישן טייך סמבטיון, וואו ס׳האָבן זיך גע־
זאָלט געפינען די אַלטע עשרת השבטים. אַזוי איז ער געקומען קיין פּאַ־
לעסטינע און פון דאָרט קיין גריכנלאַנד, וואו ער האָט זיך פאַרליבט אין

אַ מיידל, גלייך מיט איר חתונה געהאַט און גלייך טאַקע... איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. ערשט אויפן דריי און דרייסיקסטן יאָר קומט אַבולעפיא צוריק קיין שפאַניע און פאַרטיפט זיך מיט אַן אומגעוויינלעכער התמדה אין די קוואַלן פון דער קבלה. דאָס האָט זיין פאַנטאַזיע אין גאַנצן צעשרויפט, און ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, איז ער פון דאַן אָן גאַנצע פופצן יאָר אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, ווי אין אַ וועלט פון כאַאָטישע בילדער און געשטאַלטן. איינס נאָר איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די פילאָזאָפיע, מיט וועלכער ער האָט זיך פריער אַ סך באַשעפטיקט, איז נישט אימשטאַנד צו באַפרידיקן דעם דורשט נאָך אַ קלאָרן, אַלזייטיקן אמת. אים איז די עלעמענטאַרע קבלה אויך ווייניק געווען — ער האָט געבענקט נאָך אַ נבואה־ליכטיקייט, וואָס זאָל אים פאַר איין מאָל אַלץ באַלייכטן. און נאָך אַ ריי יאָרן פון אָנגעשטרענגטער געהירן־אַרבעט און פאַנטאַסטישע געדאַנקען־בילדער האָט ער ענדלעך אַליין אָנגעהויבן גלויבן אין זיינע כלומרשט־נביאישע אַנטפלעקונגען. דערביי האָט ער דערפונדן אַ מין העכערע קבלה, וואָס שטיצט זיך אויף געהיימע צונויפשטעלונגען פון די ביבלישע אותיות (צרופים) און זייער צאָל (גמטריות) און נאָך אַנדערע הייליקע פאָרמולעס.

באַגייסטערט פון דער „אַנטפלעקונג״ און פול מיט כאַאָטישע פלענער און געדאַנקען, פאַרלאָזט אַבולעפיאַ ווידער זיין פאָטערלאַנד און פאָרט קיין איטאַליע. דאָ פרואווט ער אין פאַרשידענע פאָרמען אַרויס מיט זיין „אַנטפלעקונג״ (1279), און ענדלעך פאַלט אים גאָר איין אַ משוגענער געדאַנק: ער וועט גיין צום פויפסט, מאַרטין דעם פערטן, און אים מאַכן פאַר אַ יידן. פאַר דעם אויפטו איז ער אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש און אים האָט געדראָט טויט־שטראָף; סוף כל סוף האָט ער זיך אָבער פון דאַנען אויך ווי ס'איז אַרויסגעדרייט און איז אַוועק קיין סיציליע, וואו ער האָט זיך שוין אָנגעגעבן נישט בלויז פאַר אַ נביא, נאָר אויך פאַר אַ משיח. לויט זיין בשורה האָט די גאולה געדאַרפט קומען אין יאָר 1290, און ס'האָבן זיך געפונען נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם הייליקן אַסקעט און זיינען גרייט געווען, זיך צו לאָזן מיט אים קיין ארץ־ישראל. די פירער פון די קהלות זיינען אָבער געווען פיל פאָרזיכטיקער; זיי האָבן אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום באַרימטן ר' שלמה בן אדרת פון באַרצעלאָנאַ און אים אָנגעפרעגט וועגן דעם שפאַנישן משיח. דער רשב״א האָט, נאָ־

טירלעד, געוואָרנט די סיציליאַנישע יידן פון אַבולעפיאַס חלומות, און דער לעצטער האָט קעגן דעם זיך שטאַרק געוועדט. מיט צאָרן און ביטערקייט שרייט אויס דער נישט אָנערקענטער נביא און משיח: „די יידן זיינען אומ־גלויביק; אָנשטאָט צו באַרעכענען די אותיות פון גאָטס נאָמען, רעכנען זיי בעסער, וויפיל געלט זיי האָבן". פון סיציליע איז אַבולעפיא אַוועק ערגעץ אין א שכניש לאַנד, און מער זיינען צו אונדז פון אים נישט דער־גאַנגען קיין ידיעות.

אין דער זעלביקער צייט — און אפשר אונטער דעם איינפלוס פון דעם זעלביקן אַבולעפיאַ — זיינען אין שפּאַניע אויך אויפגעטראָטן צוויי מיסטישע משיח־טרוימער, וואָס האָבן אַרויסגערופן נישט קיין קליינעם טומל. דאָס זיינען געווען צוויי יונגעלייט פון אילאָן און אווילאַ, וועלכע האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן צו זאָגן נביאות וועגן דער נאָענטער גאולה. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן גערודער אין דיביידע קהלות, און די מער געלאַסענע האָבן זיך ווידער געווענדט צום רשב"א. דער לעצטער האָט דאָן דערקלערט, אַז די דערשיינונג גופא איז אים פאַר אים אויך אַן אומדער־קלערלעכע רעטעניש: פונדעסטוועגן געפינט ער דאָך נישט פאַר מעגלעך צו אָנערקענען די „וואָרזאָגער" פאַר אמתע געטלעכע נביאים. אָט די וואָר־זונג האָט די נביאים נישט איבערגעשראָקן און זיי האָבן באַשטימט דעם טאָג פון דער גאולה אין יאָר 1295. און דער המון האָט געגלויבט: אַ סך האָבן געפאַסט, תשובה געטון, געטיילט צדקה און זיך ריין געוואַשן פון אַלע זינד צו דעם גרויסן טאָג פון דער אויסלייזונג. אין באַשטימטן טאָג האָבן זיך די גלייביקע, געקליידט יום־כפורדיק, פאַרזאַמלט אין שול און געוואַרט אויפן שופר של משיח; נאַטירלעך, איז קיין זאַך נישט געשען, און ווי די לעגענדע דערציילט, זאָלן די אָפּגענאַרטע, ווען זיי זיינען אַרויסגע־גאַנגען פון שול, האָבן באַמערקט אויף די קליידער קליינע צלמימלעך. דאָס האָט אויף זיי שטאַרק געווירקט: אַ סך האָבן זיך געשמדט און אַ סך זיינען אַראָפּ פון זינען. וואָס מיט די צוויי נביאים איז געוואָרן — איז נישט באַ־וואוסט.

מיט אַ ווייטערער ווירקונג אויף די קומענדיקע דורות און מיט אַ רייכערער גייסטיקער ירושה איז געווען די טעטיקייט פון דעם דריטן פון די טעאָרעטישע קבליסטן אין יענער צייט, ר' משה בן שם־טוב דע־לעאָן (1250 — 1305). עס איז שווער צו זאָגן עפּעס באַשטימטס וועגן דער דאָ־

זיקער מערקווירדיקער פֿערזענלעכקייט; זיכער איז בלויז דאָס, אַז ער האָט אין אַ גרויסער מאָס באַזעסן די קונסט פֿון אויסדרוק — אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פֿון נישט אויסדרוקן — געדאַנקען אין אַ שיינער, אַביסל פֿאַר־נעפּלטער פֿאָרם. אַ געבוירענער אַ שפּאַניער האָט ער זיין גאַנץ לעבן גע־וואַנדערט אין דעם לאַנד פֿון קהלה צו קהלה און זיך מפרנס געווען פֿון זיינע חבורים. אַזעלכע זיינען געווען דער „ספר הרמון", „ספר המשקל", „שקל הקודש" און „ספר הסודות", וואו ער פּאָלעמיזירט מיט דער פֿילאָ־זאָפֿיע און פֿאַלט וואָס ווייטער אַלץ מער אַריין אינעם טאָן פֿון דער זייער גאַנגבאַרער קבלה. צוויי פֿון די ספרים ווידמעט ער די רייכע אַבולעפֿיאַס און ווערט דערפֿאַר פֿון זיי שטאַרק געשטיצט. דאָס איז אָבער דע לעאָנען ווייניק און ער פֿאַלט אויף דעם זעלביקן מיטל, אויף וועלכן עס איז שוין געפֿאַלן אַ מקובל פֿאַר אים: ער לאָזט אַרויס אַ גרויס ווערק, אַ מין קבליס־טיש מדרש אָדער אַ פּירוש אויף דער תורה, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון קונציקע, מיסטיש־איינגעהילטע מאמרים און בילדער, אונטערן נאָמען זהר (גלאַנץ, שיין), און שרייבט אים צו דעם פֿאַרהייליקטן תנא ר' שמעון בן יוחאי. דער לעצטער זאָל האָבן געשאַפֿן אָט דעם הייליקן ספר אין די דרייצן יאָר, ווען ער איז געווען באַהאַלטן אין אַ פֿאַרבאָרגטער מערה. דע־ריבער איז די שפּראַך פֿון דעם ספר נישט העברעאיש, נאָר כאַלדעאיש (אַראַמיש). אויף דער פֿראַגע: פֿון וואַנען האָט זיך עס פּלוצים גענומען אַזאַ הייליק ווערק און פֿאַרוואָס האָט מען ביז אַהער גאָרנישט געוואוסט פֿון אים? — האָט דער געשיקטער מחבר געענטפֿערט מיט דעם קלאַנג, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, אַז דער רמב"ן, ווען ער איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט דאָרטן געפֿונען דעם הייליקן כתב־יד און אים איבערגעשיקט קיין שפּאַניע, וואו ער, דע־לעאָן, האָט זוכה געווען אים צו באַקומען, כדי צו פֿאַרשפּרייטן אין דער יידישער וועלט. די דאָזיקע אַלע עפֿעקטן האָט דע־לעאָן אַזוי קונציק אַרומגעאַרבעט, אַז נאָר ווייניקע האָבן געפּועלט ביי זיך צו צווייפֿלען אין זייער ריכטיקייט, און כדי זיך אין גאַנצן צו פֿאַר־זיכערן האָט דע־לעאָן נאָך איין קלייניקייט אויפֿגעטון: ער האָט געלאָזט דעם הייליקן תנא אַליין (אין „זהר" גופא) פֿאַרזאָגן, אַז זיין געטלעכע שאַ־פֿונג וועט אַנטפּלעקט ווערן אין אַנהויב פֿון זעקסטן טויזנט ד"ה נאָכן יאָר 1240 לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג.

דער כלומרשטער מחבר פֿון זהר, בן יוחאי, טרעט דאָ אַרויס, ווי אַ

מין „הייליק ליכט“, וואָס באַקומט דירעקטע אַנטפּלעקונגען פון די סאַמע העכסטע הימל־ספערן וועגן מענטש, וועלט און לעבן. אין איין אָרט פון זהר שרייט בן יוחאי אויס: „איך נעם פאַר עדות די הייליקע הימלען און די הייליקע ערד, אַז מיר איז איצט אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס, וואָס איז קיין שטערבלעכן נישט אַנטפּלעקט געוואָרן, זינט משה איז צום צווייטן מאָל אַראָפּ אויפן באַרג סיני; מיין אַנטפּלעקונג איז אפילו נאָך גרעסער, ווען משה האָט נישט געוואוסט, אַז זיין געזיכט שטראַלט און איך ווייס דאָס יאָ“.

בנוגע צו דער יידישער מסורה איז די שטעלונג פון „זהר“ אַ צווייזייטיקע: ער גיט צו דעם מינדסטן יידישן מנהג אַ מיסטישע, וועלט־ענדערנדיקע באַדייטונג, און פון דער צווייטער זייט באַציט ער זיך גרינגשעציק צום תלמוד און צו דער גאַנצער הלכהשער לערע, — נאַטירלעך, אין זייער פאַרשטעלטע אַנדייטונגען און רמזים. דער זהר פאַרגלייכט דעם תלמוד מיט אַ נידעריקער שקלאַפן אָדער מיט אַ האַרטן פעלדז, פון וועלכן ס׳לאָזט זיך קיין זאַך נישט אַרויספּרעסן, בשעת די האַרנטע קבלה איז ענלעך צו אַ רייכפליסנדיקן קוואַל, פון וועלכן עס גיסט זיך לעבן, טוי און פרישקייט.

די דערשיינונג פון „זהר“ האָט אַרויסגערופן שטוינען און איבעראַשונג אין די קבליסטישע קרייזן. פון אַלע זייטן האָט מען זיך געווענדט צו דעם גליקלעכן באַזיצער פון דעם הייליקן אוצר און געפאָדערט קאָפּיעס, פאַר וועלכע מ׳האָט אים גוט באַצאָלט, — וואָס ס׳איז אפשר געווען זיין איינציקע כונה. איין מאָל איז אפילו פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וואָס האָט אַנטדעקט דעם גאַנצן שווינדל: ווען דער מקובל ר׳ יצחק פון עכו (ארץ ישראל) איז געקומען קיין שפּאַניע און געזען דעם הייליקן ספר פון ר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכן דער רמב״ן זאָל כלומרשט האָבן אַנטדעקט אין דער זעלביקער שטאָט, — איז ער נבהל ונשתומם געוואָרן. דען אויסער דעם, וואָס ער איז דאָרטן געבוירן און דערצויגן געוואָרן, איז ער געווען אויך פון רמב״נס נאָענטסטע תלמידים, און ביי דעם אַלעם האָט ער פון אַזאַ מין „מציאה“ קיין מאָל נישט געהערט. אַזוי צוגעדריקט צום וואַנט, האָט דע־לעאָן פייערלעך געשוואוירן, אַז ער האָט ביי זיך אין דער היים דעם אָריגינעלן כתב־יד פון ר׳ שמעון בן יוחאי אַליין, פון וועלכן ער מאַכט די קאָפּיעס. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן; דאַן האָבן זיך

געפונען עטלעכע בעלנים, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט דער אָרימער אלמנה גרויסע סומעס געלט פאַר דעם אמתן כתב־יד און זי האָט בתמימות דער־קלערט, אַז איר מאַן האָט אַזאַ מין כתב־יד קיין מאָל נישט געהאַט און דעם „זהר" האָט ער אַליין אויפגעשריבן „פון קאָפּ". אָט די אַנטדעקונג האָט אַרויסגערופן אַ שטיקל גערודער אין אַן ענגערן קרייז, וואו מ'האָט וועגן דעם נישט ווייניק גערעדט. בכלל אָבער איז די רעפּוטאַציע פון „זהר" שוין גענוג פעסט געווען און ער איז אויך אויף ווייטער פאַרבליבן הייליק און פאַרגעטערט, ווי אַ נביאישע אַנטפּלעקונג פון אַ געטלעכן קדמון. אַזוי האָט זיך אין דער געדאַנקען־וועלט פון יידנטום אַריינגעגנבעט אַ ניי ווערק, וואָס איז געוואָרן די ביבל פון דער קבלה און איר וועג־ווייזער. אַ שטיקל מעלה האָט דער „זהר" געהאַט: ער האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשוואַכט די טרוקנקייט פונעם הלכהשן שטודיום און אים צוגעגעבן פאַנטאַזיע, לי־רישע ווייכקייט, האַרציקייט; דערפאַר האָט ער אָבער אויך פאַרפינצטערט דעם יידישן פאַרשטאַנד, אים אַרומגערינגלט מיט אַלערליי שדים און רו־חות און אין אַלגעמיין פאַרצויגן דיווירקלעכע וועלט מיט אַ מיסטישן נעפּל.

נאַטירלעך, האָט דער אַנדערער צד זיך נישט אַזוי שנעל אונטערגע־געבן, און אויף וויפל די קבליסטן זיינען ווייט פאַרגאַנגען אין זייערע מיס־טישע פאַנטאַזיעס, אויף אַזוי פיל און נאָך ווייטער זיינען די מיימוניסטי־שע ראַציאָנאַליסטן אַוועק אין זייער פרייהייט בנוגע צו די באַגריפן פון דער מסורה. אַנשטאָט די סודות, כונות און צרופים פון די מיסטיקער, האָבן די פילאָזאָפן אַריינגעלייגט פילאָזאָפישע חקירות און געדאַנקען אין די הייליקע שריפטן און אין תלמוד, און דערמיט לחלוטין אונטערגעגראָבן די באַדייטונג פון אַלע מצוות און געבאָטן. וואָרום אויב די דאָזיקע געבאָטן זיינען נישט מער ווי פאַרשטעלונגען פון אַ געוויסן געדאַנק, איז דאָך שוין נישט וויכטיק די אויספירונג פון דעם געבאָט גופא, קוים איז דער געדאַנק אַליין קלאָר און פעסט. אַנדערע פון די ראַציאָנאַליסטן האָבן אפילו אָפּגע־לייקנט די נבואה פון משה רבינו און אים אַוועקגעשטעלט אויף איין מדרגה מיט די געזעצגעבער פון אַלע איבעריקע פעלקער.

דער טאָן־געבער פון די חוקרים איז געווען אַ געוויסער ר' לוי בן חיים פון ווילפראַנש (1240 — 1305). ער האָט אין יעדן וואָרט פון דער יידיש־רעליגיעזער ליטעראַטור אַריינגעלייגט אַן אַנדער פילאָזאָפיש

פּשטל, אויף דעם שטייגער פון די אַמאָליקע אַלעקסאַנדרינישע העלעניסטן. אַזוי ווי ער איז געווען אַליין זייער אָרעם האָט ר׳ לוי זיך געזוכט שוץ אין דעם דערבייאיקן שטעטל פּערפּיניאַן ביים דאָרטיקן גביר און למדן דון שמואל הסולמי אָדער סען עסקאַליטאַ, וועלכער איז זייער גערימט געוואָרן פאַר זיין לומדות און פאַר זיינע גוטע מדות. אין פּערפּיניאַן האָט דאַן גע־לעבט ווי אַ רב פון שטאָט דער גייסטרייכער תּלמודישער געלערנטער דון ווידאַל מנחם בן שלמה המאירי, וועלכער איז אויך געווען אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון פילאָזאָפישע חקירות, כאָטש פון די אַלעגאָריעס אַליין האָט ער נישט קיין סך געהאַלטן.

נישט אומעטום אָבער האָט מען זיך אַזוי רואיק באַצויגן צו די פריי־דענקערישע חקירות. אין מאָנפּעליע, די פראַנצויזישע היים פון פּשוטן אָר־טאָדאָקסישן יידנטום, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן רודערן קעגן די פילאָ־זאָפן מיט זייערע חקירות, און ס׳איז באַלד געקומען דערצו, עס זאָל זיך ווידער פאַנאַנדערקאָכן אַ פייערדיקע מחלוקת. דער פאָרשטייער פון די איצ־טיקע קנאים איז געווען ר׳ אַבא מרי בן משה, מיט זיין אַלגעמיינעם נאָמען: דאָן אַסטרוק דע ליונעל, אַ מענטש פון אָנגעזעענעם יחוס, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זיין שטאָט (מאָנפּעליע). ער האָט זיך גע־ווענדט מיט אַ בריוו צום אויטאָריטעטן רשב״א פון באַרצעלאָנאַ, אין וועלכן ער האָט אים געשילדערט די גאַנצע שעדלעכקייט פון די חקרנישע און אַלעגאָרישע ביבל־אויסטייטשונגען און אים אויפגעפאָדערט, שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דער דערשיינונג. בן אדרת האָט זיך אפילו אין אָנהויב אָפּגעזאָגט אַריינצומישן אין ענינים פון פרעמדע קהלות. ביסלעכווייז איז ער אָבער דאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם טומל און אויף זיין פאַרלאַנג האָט דון שמואל הסולמי אויפגעהערט צו שטיצן דעם „אַפּי־קורס״ לוי בן חיים. דאָס איז אָבער די קנאים ווייניק געווען: זיי האָבן געוואָלט מיט אַ חרם פאַרבאָטן בכלל צו לערנען וויסנשאַפטלעכע ספרים (אויסער מעדיצינישע) אַלע יונגעלייט, יינגער פון דרייסיק יאָר. צו דעם צוועק האָט ר׳ אבא מרי געוואָלט געווינען פאַר זיך אויך דעם אָנגעזעענעם ר׳ יעקב בן מכיר אבן־תבון פון מאָנפּעליע, וועלכער איז שטאַרק געשעצט געווען אין די יידישע, ווי אין די קריסטלעכע קרייזן (זיין פאַך־וויסנשאַפט איז געווען מעדיצין; דערצו איז ער געווען טיף געלערנט אויך אין מאַ־טעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, און גוט געקענט די יידישע ליטעראַטור).

דער לעצטער איז, כאָטש אַ דעקאַן אין אוניווערזיטעט, דאָך געשטאַנען אין גאַנצן אויף דעם באָדן פון דער יידישער מסורה, און ר׳ אַבא מרי האָט אים געפּרוּווט פאַרלייגן, ער זאָל זיך אויך אונטערשרייבן אויף דעם דערמאָנטן חרם, אויף וועלכן עס זיינען שוין געווען די חתימות כמעט פון אַלע דרום־פראַנצויזישע גדולים. דער אַלטער בן מכיר (מיטן אַלגעמיינעם נאָמען דאָן פּראָפיאַט) האָט אָבער שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ ווילדער באַגרענע־צונג פאַר דער וויסנשאַפט, און באַלד האָבן זיך אַרום אים גרופּירט אַלע פרייערע עלעמענטן, וואָס האָבן דעריבער באַקומען דעם נאָמען תבונידן. אָט די פּאַרטיי האָט געפאָדערט פרייהייט פאַר דעם מענטשלעכן פאַר־שונגס־גייסט און דערביי האָט זי אונטערגעשטראָכן, אַז זי האָט נישט קיינע שלעכטע כוונות קעגן דער תורה. „אויב מ׳האָט אייך געזאָגט, — שרייבט ר׳ יעקב בן מכיר אין זיין פּראָטעסט־בריוו צום רשב״א — אַז עס זיינען פאַראַן צווישן אונדז אַזוינע, וואָס לייקענען אין די עקרים, האָט איר געדאַרפט די זאַך גוט נאָכפאָרשן און נישט זיך פאַרלאָזן אויף איין עדות״.

דער באַרצעלאָנער גאון איז אָבער געווען מער געניינט צום צווייטן צד, צום צד פון די קנאים, צו וועלכן עס זיינען פאַר דער צייט שוין גע־האָט צוגעשטאַנען די קהלות ארזשאנטיע, ע׳ אוויניאָן און ליונעל. אין פּערפּיניאָן האָבן ביידע צדדים געוואָלט באַקומען פאַר זיך די חתימה פון דעם זייער אָנגעזעענעם ר׳ קלונימוס בן טודרוס, און ענדלעך איז ער אַרי־בער אויף דער זייט פון די קנאים. דערווייל איז ווידער די צאָל פון די תבו־נידן אויך געוואַקסן און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער רשב״א האָט זיך נישט געאיילט מיטן חרם: ער האָט געפאָדערט פריער נישט ווייניקער, ווי צוואַנציק חתימות פון גרויסע קהלות. און עס וואָלטן זיך אפשר אַזוי פיל קנאישע קהלות נישט געפונען, ווען נישט די נייע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אין דער צייט באַוויזן אויף דעם האָריזאָנט פון מערב־איי־ראָפּעאישן יידנטום.

דאָס איז געווען ר׳ אשר בן יחיאל פון דייטשלאַנד (געב. 1250, געשט׳ 1327). אַ תלמיד פון דעם באַרימטן מהר״ם מרוטנבורג (ר׳ מאיר פון ראָטענבורג), האָט ר׳ אשר (דער רא״ש) זיך איינגעאיבט אין דעם שאַרפזיניקן לער־סיסטעם פון תוספיסטן; דערביי האָט ער געהאַט מער זין פאַר אָרדענונג און קלאָרקייט. נאָך ר׳ מאירס טראַגישן טויט (אין גע־פענגעניש) איז ר׳ אשר אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דייטשן יידנ־

טום; די שרעקלעכע רציחות און רדיפות האָבן אים אָבער נישט געלאָזט אַנטוויקלען קיין טעטיקייט. נאָך די איבערגעלעבטע רציחות פון די קרייץ־צוגן האָט זיך אין לאַנד פונאַנדערגעקאָכט אַ בלוטיקער בירגער־קריג, וואָס האָט ווידער איינגעשלונגען הונדערטער יידישע קרבנות. אינעם שטעטל ר'עטינגען האָט מען יידן באַשולדיקט אין שענדן די האָסטיע און דאָס האָט געבראַכט צו אַ נייעם קרייץ־צוג קעגן די יידן פון אַלע אַרומיקע שטעט, שוין נישט גערעדט וועגן רעטינגען גופא. דאָ זיינען אַלע מיטגלידער פון דער קהלה פאַרברענט געוואָרן (אַפּריל 1298); דעם זעלביקן גורל האָט גע־האַט ווירצבורג (יולי). אין נירנבערג האָבן די יידן זיך געפּרואווט ראַטע־ווען אין אַ פעסטונגס־שלאָס און אפילו זיך שלאָגן מיט געווער; זיי זיינען אָבער דאָך באַזיגט און ביז איינעם אויסגעטויט געוואָרן. בעת דער שחיטה איז אומגעקומען דער גאון ר' מרדכי בן הלל מיט זיין פרוי און פינף קינ־ד'ער, און אַ סך פון די, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע קינדער, טאָמער וועלן זיי דעם נסיון נישט ביישטיין, — האָבן פריער זיי אין די פלאַמען אַריינגעוואָרפן און דערנאָך זיך.

פון פראַנקן און בייערן האָבן זיך די צעווילדעטע בלוט־מחנות אַרי־בערגעטראָגן קיין עסטרייך, וואו זיי האָבן פאַרניכטעט איבער הונדערט און פערציק יידישע קהלות מיט אַ באַפעלקערונג פון מער ווי הונדערט טויזנט נפשות. די בלוטיקע באַנדע וואָלט זיכער פאַרטיליקט דאָס גאַנצע דייטשע און עסטרייכישע יידנטום, ווען דער בירגער־קריג וואָלט זיך דער־ווייל נישט געענדיקט. דער אויסגעווילטער קייסער האָט זיך גענומען צו־ריק אויפשטעלן די אָרדענונג אין לאַנד און די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטיי־ליקט אין די שחיטות פון זיינע „קאַמער־קנעכט", זיינען געוואָרן האַרט באַ־שטראָפט. דער קייסער האָט אפילו דערלויבט די געצווייפלטע יידן, וואָס האָבן זיך געשמדט אונטער דער שרעק פון טויט, איבערצוגיין עפנטלעך צום יידנ־טום.

נאָך די דאָזיקע שחיטות און הריגות האָט זיך דער ראַ"ש געפילט נישט גוט אין דייטשלאַנד, און ווי ס'ווערט דערציילט האָט דער קייסער גאָר געפאָדערט פון אים די סומע אויסלייז־געלט פאַרן טויטן קערפּער פון מהר"ם מרוטנבורג, פאַר וועלכער ער האָט ערב געווען. דאָס האָט גורם געווען דעם ראַ"ש צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד (1303) און ער האָט אַ לאַנגע צייט געוואַנדערט מיט זיין ווייב און קינדער פון לאַנד צו לאַנד ביז ער

האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן קיין טאָלעדאָ (1305), וואו ער איז מיט פֿרייד און כבוד אויפֿגענומען געוואָרן פֿאַר אַ רב.

דאָס איז געווען נאָך פֿאַר דעם קולטור־קאַמף, וואָס האָט דערנאָך אויסגעבראָכן אין שפּאַניע און דרום־פֿראַנקרייך. שוין דעמאָלט אָבער האָט ער אַרויסגעוויזן זיין שאַרפֿע התנגדות צו אַלע מיני וועלטלעכע למודים. דער פּשוט גלויבנדיקער צדיק און תלמודישער גאון האָט לחלוטין נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַ פֿרומער ייד קען אָפּגעבן צייט און מוח אויף צו דערלערנען „חכמות חצוניות" אין דער צייט, ווען עס איז פֿאַראַן אַזאַ גרויסער תלמוד מיט אַזוי פֿיל נאָך אַנדערע הלכהשע קוואַלן. שפּעטער, ווען דער קאַמף האָט אויסגעבראָכן, איז דער רא"ש נאַטירלעך צוגעשטאַנען צו די קנאים; ער איז אָבער אַוועק נאָך ווייטער פֿון זיי: פֿאַר אים איז ווייניק געווען דער פֿאַרבאָט זיך צו באַשעפֿטיקן מיט וויסנשאַפֿט ביז דרייסיק יאָר, און שפּעטער, און נאָך דרייסיק יאָר. מעג דען אַ ייד זיך אַוועקזעצן און עוסק זיין אין דברים בטלים? זיין פּלאַן איז דעריבער געווען, צונויפֿרופֿן אַ גרויסע אספֿה פֿון רבנים, וואָס זאָל באַפֿעלן אַלע יידן צו לערנען אויסשליסלעך נאָר תורה און תלמוד, ווי דער פּסוק זאָגט אָן: והגית בו יומם ולילה (דו זאָלסט דיך פֿאַרטיפֿן אין איר (אין דער תורה) בייטאָג און ביינאַכט); ווייל־זשע אייבער דורכאויס זיך פֿאַרנעמען מיט חכמות חצוניות אויך, זאָל ער עס טאָן, „ווען ס'איז נישט טאָג נישט נאַכט".

אָט די פֿעסטע אמונה פֿון דעם דייטשן גאון האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די געמיטער פֿון די שפּאַנישע יידן. דער רשב"א אַליין אפֿילו, וועלכער האָט זיך ביז אַהער אַביסל געוואַקלט אין דער דעה, האָט מיט אַמאָל דערקלערט, אַז ער איז גרייט אויסצורופֿן דעם פּראָיעקטירטן חרם, און אינעם „שבת חזון" (23־טן יולי 1305) איז אונטער פֿייערלעכע צערעמאָניעס געלייענט געוואָרן די שרעקלעכע תוכחה קעגן אַלע יונגערע פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר, וואָס לייענען וויסנשאַפֿטלעכע ספֿרים, אין אָריגינאַל אָדער אין אַ העבּרעאישער איבערזעצונג. אין דעם חרם זיינען אַריינגענומען געוואָרן אויך אַלע יענע, וואָס טייטשן אויס די תורה על פּי שכל אָדער לייגן אַריין אין איר וועלכע ס'איז פֿילאָזאָפֿישע חקירות און כוונות. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן נאָר פֿאַר דער מעדיצין, ווייל דער תלמוד אַליין האָט גערנישט קעגן דעם. דער טעקסט פֿון חרם

וואָס איז אויסגערופן געוואָרן אויף פופציק יאָר, איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן (מיט דער חתימה פון רשב״א און נאָך זעקס און דרייסיק פאַרשטייער פון דער באַרצעלאָנער געמיינדע) אין אַלע יידישע קהלות פון שפּאַניע, דרום־פראַנקרייך, צפון־פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

דערמיט האָט זיך אָבער דער שטרייט נאָך נישט געענדיקט. די תבונידן האָבן זיך פריער דערוואוסט פון דעם שריט, וואָס דער רשב״א קלויבט זיך צו מאַכן ,און זיי האָבן זיך מקדים געווען. דער אַלטער ר׳ יעקב בן מכיר מיט נאָך פיל אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון מאָנאָפּאָליע האָבן אויסגערופן אָ קעגן־חרם קעגן יענע, וועלכע שטערן זייערע קינדער זיך צו באַשעפטיקן מיט וויסנשאַפט; באַליידיקן דעם אָנדענקען פון גרויסן רמב״ם און לעסטערן בכלל אַ גלויביקן מחבר פאַר זיינע פילאָזאָפישע איבערצייגונגען. דער חרם איז אויך אויסגערופן געוואָרן זייער פייערלעך אין דער שטאָטישער שול, אין דער אָנוועזנהייט פון דער גאַנצער קהלה.

די אָנהענגער פון קולטור און וויסנשאַפט האָבן באַקומען פאַר זיך נאָך אַ שטאַרקע קראַפט אין דער פּערזאָן פון ידעיה הבדרשי פון בעזיער (1340־1280). ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ שיינע זאַמלונג פון עטיש־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען אין דער געשטאַלט פון ספר קהלת, אונטערן נאָמען „בחינת עולם״, וואָס איז זייער באַליבט געוואָרן, און ווי אַ הייסער פאַרערער פון רמב״ם און אבן־עזרא האָט אים דעם רשב״אס חרם שטאַרק אויפגעקאָכט. ער האָט זיך דעריבער געווענדעט מיט אַ שאַרפן בריוו צו דעם באַרצעלאָנער גאון, וואָס לייענט זיך, ווי אַ שווערער באַשולדיקונגסאַקט. ר׳ ידעיה דערקלערט דרייסט, אַז ער נעמט זיך אָן נישט פאַרן כבוד פון דער באַליידיקטער וויסנשאַפט — זי איז געטלעך און שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיין חרם; אים אַרט נאָר דער כבוד פון די דרום־פראַנצויזישע קהלות, אויף וועלכע מ׳האָט אַרויפגעוואָרפן פאַלשע באַשולדיקונגען. זייער איינציקע זינד איז די וויסנשאַפט, מיט וועלכער זיי גיבן זיך אָפּ, און זי איז נישט קיין פרעמדע אין יידנטום, מיט איר האָבן זיך באַשעפטיקט אַלע יידישע גדולים פון שפּאַניע און פּראָוואַנס אינעם משך פון פינף הונדערט יאָר, ווייל זי איז בעצם אַ נייטיקער טייל פון יידנטום גופא. און ווי קורצזיכטיק איז דער אויסנאַם פאַר מעדיצין! ערשטנס, קען מען מעדיצין נישט גרינטלעך דערלערנען אָן די איבעריקע חכמות, און צווייטנס, קען די מעדיצין אליין אויך ברענגען צו כפירה און אפּי־

קורסות. און ר׳ ידעיה ענדיקט זיין בריוו מיט דער פאָדערונג אָפּצורופן צוריק דעם חרם אויף דער וויסנשאַפט און איר ווערק, ווייל עס וועט נישט העלפן; יידן וועלן זיך פון דער וויסנשאַפט נישט שיידן „אזוי לאַנג, ווי עס וועלן נאָר זיין נשמות אין זייערע קערפּערס; און ווען אפילו עס וואָלט קומען יהושע בן נון און דאָס זאָגן מיט זיין אייגענעם מויל, וואָלטן זיי אים אויך נישט געפאָלגט, ווייל זיי האָבן פאַר זיך דעם גרויסן לערער (רמב״ם) מיט זיינע ספרים; פאַר זיין כבוד זיינען זיי גרייט צו קעמפן און פאַר זיין לערע וועלן זיי זייער געלט און זייער לעבן מקריב זיין״.

דער פייערדיקער בריוו האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אויפן רשב״א מיט זיינע יועצים, און זיי האָבן אָנגעהויבן רופן צו שלום און צו אחדות. „הערט אויף, רבותי, זיך אַרומצוקריגן, — בעט זיך דער רשב״א אין זיינע בריוו פון דער צייט — הערט אויף צו זידלען, צו דערווייטערן און צו אסרן — אונדז (באַרצעלאָנער) וועט גאָרנישט אַרן, ווען מ׳וועט זיך מיט אונדזער באַשטימונג (חרם) נישט שטאַרק רעכענען״. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט; די ליידנשאַפטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעקאָכט, פון ביידע זייטן זיינען געווען באַליידיקטע, וואָס האָבן אויף זייער כבוד נישט געוואָלט מוחל זיין און אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן די געפאַר פון אַ שרעקלעכער מחלוקת, וואָס וואָלט זיך געוויס געענדיקט מיט אַ שאַרפער שפּאַלטונג אין יידנטום, — ווען עס וואָלט נישט אָנקומען פּלוצים אַ גרויס אומגליק אויף די פראַנצויזישע יידן.

קאַפּיטל ניינצן

דער גירוש פון פראַנקרייך

גלייכצייטיק מיט דעם קולטור־קאַמף אין יידנטום האָבן אויסגע־בראָכן שאַרפע סכסוכים צווישן דעם קעניג פיליפּ (דער שיינער) דער פער־טער פון פראַנקרייך און דעם פויפּסט באָניפאַציוס דעם אַכטן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאַכט און געלט, מיט וועלכע די ביידע הערשער האָבן זיך נישט געקענט איינטיילן. דאָס האָט נאָך יידן נישט שטאַרק נוגע געווען און זיי האָבן דערפון נישט געליטן; דאַן האָט אָבער אויס־געבראָכן אַ צווייטער סכסוך צווישן פיליפּן מיטן דייטשן קייסער אַל־ברעכט, און דאָס מאָל האָט עס געבראַכט צו אַ שרעקלעכן קלאַפּ פאַרן גאַנצן פראַנצויזישן יידנטום. פיליפּ האָט אין שטרענגסטן סעקרעט באַ־פוילן זיינע באַאַמטע, צו באַפאַלן פּלוצים אַלע יידן פון דער פראַנצוי־זישער מלוכה און זיי מיט די ווייבער און קינדער איינצוזעצן אין געפענ־געניש (תשעה באב 1306). דאָרט האָט מען די אומגליקלעכע מודיע געווען, אַז אין אַ חודש אַרום טאָר קיין איינציקער פון זיי נישט איבער־בלייבן אויף דער פראַנצויזישער ערד און אַלץ וואָס זיי באַזיצן און פאַר־מאָגן (אויך די חובות פון קריסטן), גייט איבער צום קעניג.

די סיבה פון דער אומגעווייינלעכער אכזריות איז געווען נישט די שנאה צו יידן, נאָר די שטאַרקע ליבע צו זייער פאַרמעגן, וואָס איז דעם קעניג גראָד זייער נייטיק געווען. פיליפּס אָרעמקייט איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז „קיין הון אין טאָפּ, ווי ס'האָט זיך געזונגען אין אַ פאָלקס־לידל, איז נישט זיכער געווען פון קעניגס גאָפּל". דערצו איז אָבער צו־געקומען נאָך אַן אומשטאַנד, וואָס האָט אים געבראַכט צו דעם באַשלוס. דער דייטשער קייסער אַלברעכט, וועלכער האָט מיט פיליפּן געהאַט פאַר־שידענע חשבונות, האָט אים פּלוצים אַרויסגעשטעלט דריי שאַרפע פאָ־דערונגען: ער זאָל אָוועקגעבן דער דייטשער קרוין די פּראָווינץ אַרל, ער זאָל איבערגעבן דייטשלאַנד דעם דערנער־קראַנץ פון ישו הנוצרי, וואָס געפינט זיך אין אַ פראַנצויזישער קירך און... די פראַנצויזישע יידן זאָל

ער אים, אַלברעכטן, אָפּגעבן, ווייל זיי זיינען זיינע, זיי געהערן נאָר אים אליין, ווי אַ נאָכפאָלגער פון די רוימישע מלכים. נאַטירלעך, האָט אַל־ברעכט נישט פאַרלאַנגט די יידן אליין, נאָר זיין טייל פון זייערע הכנסות, און דאָס האָט פיליפּן שטאַרק געקרענקט. ער האָט געפּרואווט נאָכפאָרשן פריער, צי די טענה פון דעם דייטשן קייסער איז יורידיש אויסגעהאַלטן, און ווען זיינע יוריסטן האָבן אָנערקענט, אַז די יידישע „קאַמער־קנעכט״ געהערן ווירקלעך צו דעם יורש פון די רוימישע מלכים, איז פיליפּ געפאַלן אויף דעם שכל, אַוועקצונעמען ביי זיינע אידן אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן און דאַן זיי, נאַקעט און בלויז, אָפּגעבן אַלברעכטן. און דער אויפטו האָט זיך פולשטענדיק איינגעגעבן: פיליפּס משרתים האָבן אָן רחמנות אַוועק־גענומען ביי די אומגליקלעכע נישט בלויז זייער געלט און זייערע נחלאות, נאָר אפילו — די קליידער פון לייב. גאַנצע וועגענער מיט יידיש גאָלד, זילבער, איידלשטיינער און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן האָבן זיך פון אַלע עקן לאַנד געצויגן אין פיליפּס פּאַלאַץ, און די קליידער און איבעריקע קלייניקייטן זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר גראָשנס. פון דעם גאָלד האָבן די אומגליקלעכע געפאַנגענע באַקומען אַלע גלייך צו אַ באַשטימטער צאָל מטבעות — אויף איין טאָג צום לעבן.

צום באַשטימטן טערמין (סעפּטעמבער 1306) האָבן איבער הונדערט טויזנט יידישע נפשות פאַרלאָזט דאָס לאַנד, וואו זייערע אור־אור־עלטערן האָבן זיך באַזעצט נאָך אַ צייט לאַנג פאַר דער רוימישער רעפּובליק, ד. ה. איידער די פראַנקן מיטן קריסטנטום זיינען אריינגעדרונגען אין פראַנק־רייך. די באַרימטע פלעצער, וואו ס׳איז אַמאָל געווען אַזויפיל תורה, די ישיבות פון רש״י און די בעלי־התוספות, די היסטאָרישע שולן און בתי מדרשים, — אַלץ איז פאַרקויפט אָדער אַוועקגעשענקט געוואָרן דעם ערשטן און בעסטן, און קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן זיך צו רעכע־נען מיט דער הייליקייט פון די בנינים. איין פּאַריזער שול האָט פיליפּ אַוועקגעשענקט — זיין קוטשער, און וויפיל ס׳האָבן אריינגעבראַכט די פאַרקויפטע יידישע נחלאות איז צו זען דערפון, וואָס אין דער פּראָווינץ אָרלעאַן אליין האָט דער קעניג פאַר זיי באַקומען 337.000 פראַנק.

דער שרעקלעכער גירוש איז נישט אַריבער אויך אָן נאָכווייעניש: פיל האָבן זיך געשמדט, פיל האָבן בלויז צוגעזאָגט זיך צו שמדן און האָבן דערנאָך דערפאַר אויפן שייטערהויפן מיט זייער לעבן באַצאָלט. די פאַר־

טריבענע ווידער האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ־ישראל, די מערסטע אָבער זיינען פאַר־בליבן נעענטער צו די גרענעצן פון זייער ליבער פראַנקרייך: אין די פראָ־ווינץ־שטעט, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון דייטשלאַנד און אין דער פּראָווינץ רוסיליאָן, וואָס האָט אָנגעהערט צום אַראַגאָנישן קעניג. די אומגליקלעכע האָבן געוואָלט אָפּוואַרטן אויף בע־סערע צייטן, און זיי האָבן זיך ווירקלעך נישט גענאַרט; דער זעלביקער פיליפּ איז באַלד געוואָרן ווייכער און האָט דערלויבט געוויסע קאַטעגאָ־ריעס יידן זיך אומצוקערן אין לאַנד.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס דער קאַמף צווישן די אויפגעקלערטע און די אָרטאָדאָקסן האָט זיך איבערגעטראָגן צוזאַמען מיט די פאַרטריבענע אין יענע ערטער, וואו דער טרויעריקער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן. אַ טייל פון די תבונידן האָט זיך באַזעצט אין פּערפּיניאַן, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דעם נישט זייער יידנפריינדלעכן מאַלאָרקישן קעניג, און ווען אַהין איז אָנגעקומען אויך דער באַרימטער ר׳ אבא מרי, כדי זיך דאָרט צו באַזעצן, האָבן די משכי־לים אָנגעווענדעט זייער גאַנצן איינפלוס אין די הויכע ספערן, כדי דאָס צו שטערן. דערפון האָט זיך דאָס פייער פונדאָסניי פאַנאַנדערגעקאַכט און ווידער האָבן די שפּאַנישע גדולים, דער רשב״א מיטן רא״ש, זיך געמוזט אריינמישן אין דעם ענין. פון זיי האָט דער לעצטער, ר׳ אשר, איצט נאָך מער אַרויסגעוויזן צאָרן קעגן די משכלים, וועלכע זיינען נישט בעסער געוואָרן אפילו נאָך די שרעקלעכע צרות, און אַזוי ווי דער רשב״א איז אין גיכן געשטאָרבן (1310), איז ער געבליבן די איינציקע אויטאָ־ריטעט אין אַלע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן פון דעם יידישן לעבן פאַר גאַנץ מערב־אייראָפּע. צום רא״ש זיינען צוגעקומען זיינע זין און תלמי־דים, וועלכע זיינען מיט אים צוזאַמען געקומען פונעם פינצטערן דייטש־לאַנד, און זיי האָבן ביסלעכווייז אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל — דעם שטעמפּל פון פּיינלעך־פרומער, איינזייטיק־ערלעכער יידישקייט — אויף אַלע יידן פון דער לעבנס־לוסטיקער, ליכטיקער פּירענעיאישער האַלב־אינדזל. דער תלמוד האָט אַלעמען באַהערשט און אַלע אַנדערע חכמות פאַרטונקלט. אַלט און יונג האָט זיך פאַרזונקען אין דעם פאַרוויקלטן לאַ־

בירינט פון דער תלמודישער הלכה, און דער גרויסער רא״ש האָט גע־לערנט, געפירט און דעם וועג געוויזן.

אין דער צייט איז די מאַטעריעלע לאַגע פון שפּאַנישן יידנטום גע־ווען נישט קיין שלעכטע. דער קעניג פערדינאַנד דער פערטער (1295־1312) האָט געהאַט אַ יידישן שאַצמייסטער מיטן נאָמען שמואל, וועלכער האָט אים געדינט אויך פאַר אַ דיפּלאָמאַטישן יועץ. צוליב די סכסוכים צווישן קעניג און זיין מוטער איז אָבער שמואל שטאַרק פאַרהאַסט געווען פון דער לעצטער און זי האָט אפילו אונטערגעשיקט איינעם, וואָס האָט דעם שאַצמייסטער געוואָלט טויטן. שפּעטער, ווען די זעלביקע קעניגן האָט איבערגענומען די הנהגה פון דער מלוכה, האָט זי אויך געהאַט אַ יידישן פינאַנץ־פאַרוואַלטער (דון משה (1312־1329). די לאַגע האָט זיך נישט געענדערט אויך פאַר דער צייט פון רעגענט דאָן כואַן עמנואל (1319־1325), וועלכער איז אליין געווען אַ באַדייטנדיקער שריפטשטעלער און דיכטער. זיין יידישער ליבלינג און יועץ איז געווען ר׳ יהודה בן יצחק אבן־וואַקאַר, וועלכער איז גאַנץ ווייניק אָפּגעשטאַנען פון רא״ש אליין בנוגע צו פאַ־נאַטישער פרומקייט. די וועלטלעכע מיט דער גייסטלעכער מאַכט האָבן דאָ אויף אַזאַ אופן געבילדעט איין האַרמאָנישע גאַנצקייט און דאָס האָט די אַטמאָספערע פון שפּאַנישע יידנטום נאָך מער פאַרפינצטערט און פאַרווילדעוועט. אבן־וואַקאַר האָט, למשל, פאַרמשפּט אַ יידישן גאָט־לעסטערער, אים אויסצושניידן די צונג און אַ יידיש מיידל, וואָס האָט געהאַט קערפּערלעכע באַציאונגען מיט אַ קריסט, איר אָפּצושניידן די נאָז, — שטראָפן, וואָס האָבן זיך גאַנץ זעלטן פּראַקטיצירט אין דער ביז־דעמאָלטיקער יידישער געזעצגעבונג. און דער רא״ש האָט די משפּטים נישט נאָר באַשטעטיקט — ער האָט ר׳ יהודהן פאַר זיי געמאַכט קאָמ־פּלימענטן און געדאַנקט.

ערגער האָט זיך יידן געלעבט אין צפון־שפּאַניע און אין דרום־פראַנקרייך. די יידן האָבן אין אָנהויב געהאַט אַ געוויסע טרייסט, ווען לודוויק דער צענטער האָט מבטל געמאַכט זיין פאָטערס גזירה און זיי געבעטן ,זיי זאָלן זיך צוריק באַזעצן אין פראַנקרייך. די פריערדיקע (מיט ניין יאָר צוריק) אַרויסגעטריבענע האָבן זיך דערלויבט צו שטעלן אפילו באַדינגונגען: לודוויק האָט זיי געמוזט פאַרזיכערן, אז קיינער וועט זיי נישט שטערן זיך צו באַזעצן, וואו זיי האָבן געוואוינט פאַרן גירוש; אַז

מ׳וועט זיי אומקערן זייערע שולן, בית־עולמס און ספרים אָדער שענקען פלעצער אויף דעם, און ענדלעך, אַז זיי וועלן קענען אויפמאָנען זייערע אַלטע חובות פון די קריסטן. פון זייער זייט ווידער האָבן די יידן מסכים געווען צו טראָגן דעם „צייכן״ פון אַ באַשטימטער פאַרב, און אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן אַ פאַרמעלער אָפּמאַך צווישן די יידן און דעם קעניג אויף צוועלף יאָר, ד״ה, אַז אויב ער וועט נאָך דעם טערמין זיי ווידער וועלן אַרויסטרייבן פון לאַנד מעג ער עס טאָן, נאָר ער פאַרפליכטעט זיך, זיי וועגן דעם מודיע צו זיין מיט אַ יאָר פריער. דאַן האָט לודוויק אַרויסגעלאָזן אַ דעקרעט, אין וועלכן ער האָט דערקלערט, אַז זיין פאָ־טער האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון לאַנד, ווייל ער איז פאַרפירט גע־וואָרן פון שלעכטע יועצים; און אַזוי ווי די אַלגעמיינע שטים פון פאָלק פאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן זיך צוריק אומקערן אין לאַנד, טוט ער נאָך זיין גרויסן זיידן, וועלכער האָט אויך פריער פאַרטריבן די יידן און דערנאָך זיי צוריק אויפגענומען. דער הערשער נאָך אים, פיליפּ דער פינפטער, האָט די יידישע פריווילעגיעס נאָך פאַרמערט און באַפעס־טיקט; אומדירעקט האָט ער אָבער אַרויסגערופן נייע אכזריותן און שרעק־לעכע יידן־שחיטות.

פיליפּן איז איינגעפאַלן צו אָרגאַניזירן אַ נייעם קרייץ־צוג, כדי ענדלעך פאַרט אַרויסצורייסן דאָס הייליקע לאַנד פון די הענט פון די אומגלויביקע. די העכערע קרייזן האָבן זיך פון דעם פּלאַן אויסגעלאַכט און אפילו דער פּויפּסט אליין, יאָהאַן דער צוויי און צוואַנציקסטער, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים. דערפאַר האָט אָבער דער המון זיך באַגייסטערט מיט דעם געדאַנק פון גיין קעמפן קעגן די אומגלויביקע. עס האָט זיך געפונען אַ יונגער פאַסטוך מיט אַ צעהיצטער פאַנטאַזיע, וואָס האָט דערקלערט אַז די הייליקע יונגפרוי האָט זיך צו אים באַוויזן און געהייסן זאַמלען קרייץ־טרעגער. אָט די „אַנטפּלעקונג״ איז פון גע־וויסע גייסטלעכע שטאַרק פאַנאַנדערגעבלאָזן געוואָרן און אין גיכן האָט זיך אַ מחנה פון איבער פערציק טויזנט פאַסטוכער געלאָזן מיט געזאַנג און הייליקע פאָנען — אויסלייזן דעם הייליקן קבר (1320). דאָס פאָלק האָט אין אָנהויב מיט באַגייסטערונג געקוקט אויף דער אומגעוויינלע־כער פּראָצעסיע, וואָס האָט זיך געצויגן פון שטאָט צו שטאָט, און אַרויס־געוויזן די העלדן אַ שטאַרקע ליבע. דאַן האָבן זיך אָבער צוגעשלאָסן צו

זיי אויך אַלערליי גנבים און רוצחים און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון יידישע שחיטות. אויפן גאַנצן וועג פון אזשאַן ביז טולוז האָבן די פּאַסטוכער קיין איינציקן יידן נישט געלאָזט לעבן. פינף הונדערט יידן האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין דער פעסטונג ווערדון, און ווען זיי האָבן געזען, אַז זיי וועלן נישט אויסהאַלטן דעם שטורעם פון דער שטאַר־קער מחנה, האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע אויסגעשחטן, כדי נישט אריינצופאַלן אין די הענט פון דער צעווילדעוועטער באַנדע. דערביי איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער אינצידענט: די אומגליקלעכע האָבן אויסגעוויילט דעם עלטסטן און אָנגעזעענסטן פון זיך פאַרן „שוחט"; ער איז אָבער צו שוואַך געווען דערצו, און האָט גענומען אַ יונגן מיט־העלפער, וועלכער האָטווירקלעך אַלע אויסגעשחטן, אויך דעם אַלטן אליין; נאָר אויף זיך אליין האָט ער זיין האַנט נישט געוואָלט אויפהויבן — ער איז אַרויס צו די זיגער און זיי פאַרגעלייגט, זיך צו לאָזן אָפּ־שמדן. יענע זיינען אָבער געווען גערעכטער און זיי האָבן דעם פאַרעטער צעריסן אויף שטיקער.

אין טולוז האָט זיך די אַדמיניסטראַציע אָנגענומען פאַר יידן און אפילו אַרעסטירט אַ סך פון דער מחנה פאַר זייערע פריערדיקע רציחות. דאָס האָט אָבער נאָר אויפגערייצט דעם קריסטלעכן המון, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר די „קדושים", און דערביי איז די גאַנצע יידישע קהלה אומגעקומען. סך הכל זיינען פון דעם פּאַסטוכער־צוג חרוב גע־וואָרן איבער הונדערט און צוואַנציק יידישע קהלות אין פראַנקרייך און צפון־שפּאַניע, און די איבערגעבליבענע זיינען אויך צערויבט און שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן.

מיט איין יאָר שפּעטער האָט אַן אַנדער אומגליק איינגעשלונגען נייע טויזנטער יידישע לעבנס. דאָס מאָל האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט אַ שענדלעכן בלבול פון מצורעים (קרעציקע); די לעצטע פלעגן אין מיטל־אַלטער באַהאַנדלט ווערן, ווי לעבעדיקע טויטע, און האָבן געמוזט אויס־שטיין אומענטשלעכע יסורים. דאָס האָט עטלעכע פון זיי שטאַרק פאַר־ביטערט קעגן די געזונטע און זיי האָבן פאַרגיפטעט דאָס וואַסער פון אַלע שטאָטישע ברונעמס, פון וואָס עס זיינען פיל מענטשן געשטאָרבן (1325). נאַטירלעך איז מען די זאַך דערגאַנגען און די באַשולדיקטע שרעקלעך געפייניקט; דאַן זיינען זיי געפאַלן אויף אַן אָריגינעלן גע־

דאַנק: זיי האָבן דערקלערט, אַז יידן האָבן זיי אָנגערעדט צו פאַרגיפטן די ברונעמס.

און דאָס איז געלונגען: אין פאַלק האָבן גלייך אָנגעהויבן אַרומגיין פאַרשידענע דערקלערונגען צו דער משונהדיקער באַשולדיקונג (אַז יידן האָבן זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר זייערע קרבנות פון דעם פאַסטוכער־צוג א״א) און געענדיקט האָט זיך עס — מיט שחיטות און שייטערהויפנס. אין שינאָן האָט מען אָנגעפילט אַ טיפע גרוב מיט פייער און אריינגעוואָרפן אַהין אַכט יידישע מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך זינגענדיק איבערגעגעבן דעם טויט אין די אָרעמס. כדי נישט איבערצולאָזן די קינדער אונטער דער געפאַר פון שמד, האָבן די מוטערס פריער זיי אין די פלאַמען אַריינגעוואָרפן, און אַזוי זיינען דעמאָלט צוזאַמען ביז פינף טויזנט יידישע נפשות געוואָרן פאַרברענט אָדער דערשטאָכן. דאָס איז אָבער נאָך ווייניק געווען. פיליפ האָט געוואָלט אויך זיין קאַסע אָנפילן אויף דעם סמך פון דער באַשולדיקונג, כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז זי האָט לחלוטין קיין שום גרונט נישט געהאַט. עד האָט דעריבער אַרויפגעלייגט אויף די פראַנצויזישע יידן אַ מין קאָנטריבוציע פון 150.000 פונט, וועלכע זיי האָבן אליין איינגעטיילט צווישן די קהלות.

אינעם זעלביקן יאָר איז פאַרגעשטאַנען אַ גרויסע געפאַר דער עלטסטער יידישער קהלה אין אייראָפּע, און דאָס איז אויך געקומען אומדערוואַרטעט. יידן האָבן זיך אין רוים געלעבט זייער רואיק זייט עטלעכע יאָרהונדערטער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פון דאַנען האָט זיך די יידישע שנאה פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט. דאָ איז בכלל די גאַנצע פינצטערניש פון מיטאַלטערלעכן קריסטנטום קיינמאָל נישט געווען אַזוי געדיכט, ווי אין די איבעריקע לענדער, און דערצו האָבן אין איטאַליע פאַר דער צייט (אין אָנהייב פון פערצנטן יאָרהונדערט) אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע ווינטן — ווינטן פון גייסט, שיינקייט און ליבע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן די ערשטע קלאַנגען פון אַ נייער מוזיק — פון דער מוזיק, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַנאַנדערגעשפּילט איבער גאַנץ אייראָפּע און צעשמעטערט אַלע קייטן פון מענטשלעכער קנעכטשאַפט און גייסטיקער פינצטערניש.

די יידן זיינען נאַטירלעך נישט אָפּגעשטאַנען פון דער אַלגעמיינער

שטימונג און עטלעכע פון זיי האָבן אפילו געשפּילט נישט קיין באַדייטנ־דיקע ראָל אין דער אַזוי גערופענער „אויפלעבונג". זיי האָבן קודם כל ארייננעבראַכט די יידישע גייסטיקע אוצרות אין די קרייזן פון דער גייסט־דורשטיקער קריסטלעכער אינטעליגענץ, און דערביי האָבן זיי אליין אויך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרק געפיל פאַר די נייע שטרעמונגען און באַגריפן. דער קעניג פון נעאַפּאָל האָט געהאַט ביי זיך אַ יידישן לערער, ביי וועלכן ער האָט געלערנט די ביבל אין אָריגינאַל, און אזוי ווי ער איז געווען אין דרום־פראַנקרייך האָט ער פון דאָרטן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ הויך־געבילדעטן יידישן סאַטיריקער, מיטן נאָמען ר' קלונימוס בן קלונימוס (1284־1337). ער האָט געקענט די אַראַבישע שפּראַך און אין דער יוגנט שוין איבערגעזעצט אין העברעאיש מעדיצינישע, אַסטראָנאָ־מישע און פילאָזאָפישע ווערק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער גע־שריבן עטלעכע אָריגינעלע ווערק וועגן פראַגן פון מאָראַל אין דער פאָרם פון סאַטירישע שילדערונגען. די אַלגעמיינע שטימונג פון דער דאָזי־קער סאַטירע איז מער אַ לייכטע, פרייזיניקע, אָדער דיכטער שילדערט למשל, ווי גוט אים וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געבוירן ווערן אַ פרוי: ער וואָלט פאַרשפּאָרט צו לערנען אַזוי פיל גמרות, פוסקים, חכמות און וואָלט אויך פטור געווען פון דעם גאַנצן באַרג מצוות און דינים און חומרות און סיגים. דער לעזער קען אָבער נישט אָנווייזן די אמתע כונה פון דיכטער, איבער דעם צווייזייטיקן טאָן. דאָס זעלבע איז אויך מיט זיין שפּאַס „מסכת פורים", וואָס איז אַ קינסטלערישע פּאַראָדיע אויפן תלמוד.

מער דיכטעריש און באַגאַבט איז געווען זיין עלטערער פריינד און פאַרערער ר' עמנואל בן שלמה הרומי (1265־1330), וועלכער האָט גע־האַט דאָס גליק אויפגענומען צו ווערן אינעם קרייז פון דעם באַרימטן דאַנטע. ר' עמנואל איז געווען די ערשטע וועלטלעכע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער ליטעראַטור פאַר דער צייט פון גאַנצן מיטלאַלטער, גייסטרייך, שאַרפזיניק און לעבעדיק־לייכט, האָט ר' עמנואל „פאַרוואַנדלט די צניעותדיקע, טיף־פאַרדעקטע יונגפרוי פון דער העברעאישער מוזע אין אַ לייכט־איינגעהילטער טענצערן, וואָס וואַרפט כסדר בליקן אַרום זיך און מאַכט חנדלעך". ר' עמנואל איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין גרויסן איטאַליענישן צייט־חבר, דאַנטע, און האָט איינגעפירט די

איטאַליעניִשע קונסט־פאָרם אין דער העברעאישער פּאָעזיע. ער האָט אָנגעשריבן אַ מאַסע קליינע נאָוועלן, עראָטישע לידער, דיאַלאָגן און הו־מאָריסטישע לויב־דרשות. אין איינער פון די נאָוועלן שילדערט עמנואל אַ סצענע מיט אַ העברעאישן גראַמאַטיקער. דער לעצטער, אַ שרעקלעכער פּעדאַנט, פּירט מיט זיך אַ יונג שיין ווייבל, און דער דיכטער לאָזט זיך אריין מיטן מאַן אין אַ טיפן וכוח וועגן דער גראַמאַטיק, כדי צו קענען דערוויַיל בעסער באַטראַכטן די בליענדיקע שיינהייט. און דער וכוח ענ־דיקט זיך מיטן דיכטערס דורכפאַל אין דער גראַמאַטיק, דערפאַר אָבער מיט זיין נצחון אין דער ליבע. עמנואל האָט אפילו געפּרואווט נאָכ־מאַכן דעם גרויסן דאַנטע און אויך אָנגעשריבן אַ פאַנטאַסטישע שיל־דערונג פון גיהנם און גן עדן; ער איז אָבער אויך דאָ געבליבן בלויז סאַטיריקער, און בשעת דאַנטע האָט געשאַפן אַ געניאַלע „געטלעכע קאָמעדיע", איז זיין שילדערונג נישט מער, ווי אַ געוויינלעכע דיכטער־רישע הלצה איבער אַלע פאַלשקייטן און קאָמישע זייטן אינעם לעבן פון דער מענטשלעכער (באַזונדער יידישער) געזעלשאַפט. זיך אַליין לאָזט עמנואל מיט גרויס פּאַראַד אריינפירן אין גן־עדן; דערביי לויפן אַלע אבות, נביאים, חכמים און צדיקים אים אַנטקעגן און רופן אויס באַגייס־טערט: „אָ, באַלד וועט פריילעך ווערן — עמנואל איז געקומען!".

אַזוי האָבן די יידן אַ לאַנגע צייט געלעבט רואיק אויף דער אי־טאַליעניִשער ערד און אומגעשטערט זיך באַטייליקט אין אַלע צווייגן פון איר געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. איצט איז אָבער אָט די יידישע מנוחה איבערגעריסן געוואָרן און זיי האָבן מיט אַמאָל דאָ אויך דערפילט אויף זיך די אייזערנע הערשאַפט פון דער קירך מיט אירע דינער. אויפן פאַרלאַנג פון זיין שוועסטער, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן באַליידיקט אַ הייליקע פּראָצעסיע, — האָט דער פּויפּסט יאָהאַן דער דריי און צוואַנציקסטער באַפוילן, אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון דעם רוימישן געביט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע צערודערונג אין די יידישע קרייזן און זיי האָבן געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום פּויפּסט קיין אַוויניאָן און צום קעניג פון נעאַפּאָל; דער לעצטער האָט דאַן די יידן געטאָן אַ טובה, און נאָך דעם ווי דער פּויפּסט מיט זיין שוועסטער האָבן באַקומען 20.000 דוקאַטן, איז די באַשולדיקונג קעגן יידן צוריקגעצויגן געוואָרן און צוזאַמען מיט איר אויך די גזירה.

דער איינציקער פונקט אין אייראָפּע, וואו יידן האָט זיך געלעבט פאַר דער צייט אין גאַנצן רואיק און גליקלעך, איז נאָך דערווייל אַלץ געווען — שפּאַניע. יידן האָבן דאָ נישט בלויז זיך באַטייליקט, נאָר אפילו אויך באַהערשט אין אַ געוויסן זין דאָס קולטור־לעבן פון לאַנד, און אנשטאט די יידישע איינגעבויגענע רוקנס מיט דער שענדלעכער לאַטע אויף דער פּלייצע, וואָס זיינען שוין לאַנג געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, האָבן דאָ געלעבט שטאָלצע, רייכע יידן מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, וואָס האָבן זיך געקליידט אין גאָלד און זייד.

אין אַ פיל ערגערער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידן אין אַראַגאָ־ניע, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַראייניקט מיט מאַלאָרקאַ און סיציליע, אין נאַוואַראַ, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער פראַנצויזישער קרוין, האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג קעגן דער פראַנצויזי־שער איבער־הערשאַפט, און געענדיקט האָט זיך דאָס מיט ווילדע פּאָגראָ־מען, בעת וועלכע איבער זעקס טויזנט יידן זיינען געטויט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן.

דער דאָזיקער המונישער צאָרן קעגן יידן האָט זיך, אגב, שוין אָנגעהויבן אַרויסווייזן דאָן אויך אינעם גליקלעכן קאַסטיליע. אַזוי איז פאָרגע־קומען, אַז דער שאַצמייסטער און פּריוואַט־סעקרעטאַר פון קעניג דון יוסף בן אפרים בנבנישתי־יהלוי איז באַפאַלן געוואָרן פון צעווילדעוועטן המון, וועלכער האָט אים דורכויס געוואָלט טויטן, און נאָר דער קעניג אַליין, וואָס איז געקומען צולויפן אויפן פּלאַץ מיט אַ מחנה ריטער, האָט אים געראַ־טעוועט פון דער געפאַר. דער צווייטער יידישער שר אין אַלפאָנסאָס הויף איז געווען דער אויבנדערמאָנטער דון שמואל אבן־וואַקאַר, וועלכער האָט דאָרט פאַרנומען די פּאָסטנס פון אַ לייב־דאָקטער און אַן אַסטראָנאָם. ער האָט באַקומען פון קעניג אויך די אַרענדעס פונעם גרעסטן טייל שטייערן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך עט־לעכע מאָל אָפן אַרויסגעזאָגט קעגן יידישע שאַצמייסטערס און שטייער־אַרענדאַטאָרן. דאָס האָט געדינט פאַר אַ גוטן מאַטעריאַל אין די הענט פון פאַרשידענע יידנפיינט, וועלכע האָבן אויפגערייצט דאָס פאָלק און אים אָנגעוויזן אויף די יידישע מוכסניקעס און פּראָצענטניקעס, ווי אויף די איינציקע שולדיקע אין אַלע זיינע צרות. אין אָט דער יידן־פיינטלעכער

אַגיטאַציע האָבן געשפּילט, ווי אַלע מאָל, די הויפּט־ראָל די פאַרשטייער פון דער קירך, און צווישן זיי האָט זיך ביי דער אַרבעט באַזונדער אויס־געצייכנט דער משומד אבנר (מיטן קריסטלעכן נאָמען: אַלפאָנסאָ בורגענ־זיס דע וואַלאַדאָליד), פון וועלכן יידן האָבן מיט דער צייט געהאַט אויס־צושטיין שרעקלעכע צרות. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט ברייטע יידישע און אַלגעמיינע קענטענישן (לויט דער פּראָפעסיע אַ דאָקטאָר), וואָס האָט פון לעבן אַ סך געפּאָדערט און זיך נישט באַפרידיקט מיט זיין אָרימער לאַ־גע. צו דעם צוועק האָט ער זיך געשמדט און אָנגעהויבן נישט גיין, נאָר לויפן אויף דעם לייטער פון דער קירכלעכער היעראַרכיע, וואָס האָט צו יענער צייט געגעבן אי עשירות, אי מאַכט. געהאָלפן דערביי האָט אים זיין געלערנטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און זיין אָנגעבוירענע פעסט־קייט, און כדי נאָך מער צו פאַרשטאַרקן זיין פּאָזיציע ווי אַ קירכן־זייל האָט ער אָנגעהויבן מיט אַן אומגעוויינלעכער אַכזריות פאַרפאָלגן זיינע געװעזענע גלויבנס־ברידער. אַלפאָנסאָ האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווערק מיט שאַרפע זלזולים קעגן יידנטום און זיי אַריינגעשיקט זיין געוועזענעם פריינט ר׳ יצחק פּולגאַר. דער לעצטער איז דאַן אַרויס מיט אַ בייסנדיקער סאַטירע קעגן דעם געוויסנלאָזן משומד און פון אַלע זייטן האָט מען אים גענומען ענטפערן אויף זיינע זלזולים. אויף אַזאַ אופן איז אַנטשטאַנען אַ פאַרביטערטע פּאָלעמיק צווישן יידנטום און קריסטנטום, און דער סוף איז געווען, אַז אַלפאָנסאָ האָט פשוט פאַרמסרט דעם יידישן גלויבן. ער האָט דערקלערט דעם קעניג, אַז די יידן לעסטערן אין זייערע תפילות דעם נוצרי און שעלטן זיינע אָנהענגער, און נאָך אַן עפנטלעכן וכוח, וואָס איז פאָרגעקומען וועגן דעם אין קעניגס קעגנוואַרט צווישן דעם משומד און יידישע פאַרטרעטער, האָט דער קעניג באַפוילן, אויסצומעקן די אָנגעגע־בענע תפילות (1336). אַזוי איז די יידנפיינט געלונגען צו געווינען אויף זייער זייט דעם יידן־פריינטלעכן קעניג.

דאַן איז עס שוין געגאַנגען כסדר. די יידישע הויף־לייט זיינען אין גיכן פאַרהאַסט געוואָרן פון זייער פריערדיקן באַשיצער, און ער האָט זיי געלאָזט איינזעצן אין געפענגעניש און פייניקן. עס איז אפילו געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַרויסטרייבן אַלע יידן פון קאַסטיליע, כדי אַרויס־צופרעסן פון זיי — אויפן שטייגער פון לודוויק דעם פראַנצויזישן — די הוצאות אויף דער מלחמה מיט גראַנאַדאַ, נאָר די באַראַטונג ביים קעניג

האָט געפונען, אַז עס איז נישט פּראַקטיש, אַרויסצולאָזן פון די הענט אַ שטענדיקע הכנסה צוליב אַ חיי־שעה.

צום גליק פון די קאַסטילישע יידן, איז דער הויפּט־אויפטוער פון די אַלע יידישע רדיפות, גאָנזאַלאָ מאַרטינעז, אין גיכן געטויט געוואָרן פאַר פאַרראַט, און די פאַרפאָלגטע האָבן ווידער אָפּגעאָטעמט אַביסל פרייער. עס זיינען ווידער אַוועק אַ ריי יאָרן פון מנוחה און רייכטום פאַר דעם קאַס־טילישן יידנטום; עס איז שוין אָבער געווען גייסטיק פאַראַרעמט, און אוי־סער אויף דעם געביט פון דער תלמודישער הלכה האָבן די קאַסטילישע יידן מער קיין זאַך נישט געשאַפן פאַר די קומענדיקע דורות. איבער דער יידישער גאַס האָט זיך דאָ פאַרצויגן אַ שווערע פינצטערניש, אַזוי אַז קוים האָט זיך יאָ געפונען אַ ייד מיט גייסט און געפיל, האָט ער שוין מער ביי יידן גופא קיין אָרט נישט געהאַט און געמוזט איבערגיין צו דער אַלגעמיי־נער קולטור פון לאַנד.

אין דער הלכה דאַקעגן האָבן די קאַסטילישע יידן געשאַפן באַדייטנ־דיקעס. דער רא״ש מיט זיינע אַכט זין, קרובים און תלמידים, האָבן פאַר־שפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד אַ נעץ פון ישיבות, וואו ס׳איז געלערנט גע־וואָרן בלויז תלמוד, און באַלד האָבן זיך אויף דעם געביט באַוויזן גרויסע שאַפונגען, וואָס דערמאָנען די קלאַסישע צייט פון דער תלמודישער לערע.

דער באַדייטנדסטער פון ראש״ס זין איז געווען ר׳ יעקב (1280 — 1340). ער האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע אָרדענונג אין דעם הלכהשן לאַ־בירינט פון תלמוד. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַלע קוואַלן, וואָס ער האָט געפונען פאַר זיך פון פריער (אלפס, רמב״ם א״א) און האָט געשאַפן אַ צווייטן אָפּגעשלאָסענעם רעליגיע־קאָדעקס (אין פיר אָפּטיילונגען, טורים, אַרום 1340). אין דעם קאָדעקס האָט ר׳ יעקב אַריינגענומען נישט בלויז די מסקנות פון תלמוד, נאָר אויך אַלע רבנישע אויפטועכצן, מנהגים און באַגריפן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אינעם דייטשן יידנטום פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער. לויט דער פאָרעם און דעם סטיל זיינען ר׳ יעקבס „טורים" פיל נידעריקער פון רמב״מס „יד־החזקה". דאָך זיינען זיי גלייך אָנגענומען געוואָרן פון אַלע תלמודישע אויטאָריטעטן און אין אַלע קהילות האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט זיי, ווי מיט פּראַקטישע געזעץ־ביכער. דער צווייטער זון נאָך ר׳ יעקבן (דעם „בעל הטורים") איז געווען ר׳ יהודה. ער האָט איבערגענומען פון פאָטער די רבנות אין טאָלעדאָ און

איז פון אַלעמען זייער פאַרערט געוואָרן. אים איז אָבער שפּאַניע נישט געווען צום האַרצן, און זיינע זין האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך אומקערן קיין דייטשלאַנד, די היים פון זייער פאַמיליע.

יידן מיט מער זין פאַר אַלגעמיינע פראַגן זיינען פאַרבליבן נאָך געציילטע, און דאָס אויך מער אין דרום־פראַנקרייך, ווי אין שפּאַניע. דער באַדייטנדיקסטער צווישן די יחידים איז געווען ר' לוי בן גרשון (רל"בג, 1288 — 1345). דאָס איז געווען אַ פילזייטיקער און גרינטלעכער גייסט, וואָס האָט נישט פאַרטראָגן קיין האַלבקייט און אויבערפלעכלעכקייט. ווען ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַסטראָנאָמיע, האָט ער דערפונדן אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, כדי צו קענען מאַכן גענויע באַאָבאַכטונגען. ווען ער איז איבערגעגאַנגען צו מעדיצין האָט ער אויך דערפונדן נייע הייל־מיטלען. און אין דער תלמוד־לערע אפילו האָט ער אויך אַריינגעבראַכט אַ באַשטימטן סיסטעם אין זיין מעטאָדאָלאָגישן פירוש אויף דער משנה. אָט די אַלע אויפטועכצן האָבן אָבער נישט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם ווי זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישער „מלחמות ד'" מיט די פרייע מעטאַפיזישע געדאַנקען, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעזאָגט. דער זעלבסטשטענדיקער שאַרפער דענקער וויל נישט וויסן נישט פון רעליגיעזע כוונות און נישט פון פילאָזאָפישע אויטאָריטעטן. אַלץ מוז דורכגיין דורך דער קריטיק פון זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, וואָס אורטיילט מיט איין און דער זעלביקער פילאָזאָפישער רואיקייט וועגן די פסוקים פון דער תורה, ווי וועגן די הנחות פון אַריסטו און רמב"ם. ביי דעם אַלעמען האָט דער רלב"ג דאָך כמעט קיין איינפלוס נישט געהאַט אויף דער יידישער געדאַנקען־וועלט. די אָרטאָדאָקסישע קרייזן האָבן אים גלייך דערקלערט פאַר אַן אפיקורס און זיין ספר „מלחמות פון גאָט" (מלחמות ד') האָבן זיי אָנגערופן „מלחמות קעגן גאָט". דאַקעגן האָט מען אין דער קריסטלעכער וועלט יאָ אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון רלב"ג און עטלעכע פון זיינע ווערק זיינען נאָך פאַר זיין לעבן איבערגעזעצט געוואָרן אין לאַטייניש (1342).

ענלעך אין אַ געוויסן זין צום רלב"ג איז געווען ר' משה בן יהושע פון נאַרבאָן (הנרבוני) אָדער, ווי מ'האָט אים גערופן מיט זיין אַלגעמיינעם נאָמען, מאַעסטראָ ווידאַל. ער האָט געשריבן פירושים צו פאַרשידענע פילאָזאָפישע ווערק, באַזונדער צו די פון רמב"ם און אבן־רשד. ער האָט אויך פיל געריייזט און מיט אַן אומגעוויינלעכער רואיקייט באַאָבאַכטעט די

פאַרשידנסטע לעבנס־דערשיינונגען. דערביי איז ער אָבער נישט געווען אַזוי אָריגינעל, ווי דער רלב״ג און זיינע „אפיקורסישע״ געדאַנקען האָט ער אויך אַרויסגעזאָגט נישט דרייסט און פאַרשטעלט. געשטאָרבן איז ר׳ משה אין סאָריאַ, צו דרום־זייט פון די פירענעען, ווען ער האָט זיך געקליבן אומצוקערן אין זיין געבוירנלאַנד.

קאַפּיטל צוואַנציק

דער „שוואַרצער טויט" און די שרעקלעכע יידן־שחיטות

די גליקלעכע לאַגע פון דער יידישער קאָלאָניע אין שפּאַניע אין דער צייט פון אַלפאָנסאָ דעם עלפטן האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער ווילדער אויסברוך קעגן יידן אין אַלע לענדער פון דער קריסטלעכער וועלט, אַן אויסברוך, וואָס האָט איבערגע־שטיגן אַלע ביז־דעמאָלטיקע יידישע שחיטות מיט זיין סטיכישער גרויזאַמקייט. עס האָט זיך ווי אַ שרעקלעכער בלוט־שטורעם אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון דער גאַנצער יידישער אומה און געוואָלט זי דערשטיקן, מיט די כוואַליעס איינשלינגען און פּייניקן, פּייניקן ביז משוגעת, ביז אומ־מענטשלעכער ווילדקייט.

געעפנט אָט דעם טויט־טאַנץ האָט דייטשלאַנד. דער קייסער לוד־וויק פון בייערן האָט קודם־כל געוואָרפן אַן אויג אויפן יידישן פאַרמעגן און געזוכט אַרויסצופּרעסן פון זיינע „קאַמער־קנעכט" וואָס מער געלט. צו דעם צוועק האָט ער זיי באַלעסטיקט מיט די שווערסטע שטייערן און דערצו אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ ספּעציעלן לייב־אָפּצאָל פון אַ גילדן אַ יאָר — אַ זכר פון דעם קאָפּ־שטייער, וואָס די יידן האָבן אַמאָל געמוזט צאָלן וועספּאַסיאַנען און טיטוסן, די פּאָטערס פון דער איצטיקער דייטש־רוימישער אימפּעריע. דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען דאָס שרעקלעכס־טע: דער המון האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף די פאַרשאָלטענע יידן, ווי אויף אַ פּריווילעגירטן שטאַנד, וואָס פּויעלט אויס ביים קייסער אַלערליי הנחות אויף זיין חשבון, און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצוחזרן די אַלטע דערשיינונגען. בעת דעם בירגער־קריג, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין לאַנד, האָבן צוויי יאָר דורכאַנאַנד געבושעוועט פולשטענדיק אָרגאַניזירטע פּויע־רים־מחנות, אונטערן נאָמען „יידנשלעגער", וואָס האָבן כלומרשט באַקו־מען אַ באַפעל פון אויבן, זיך נוקם צו זיין אָן די יידן פאַרן טויט פון דעם געקרייציקטן משיח. אַזוי האָבן פינף טויזנט פּויערים, באַוואָפנט מיט העק, זעגן, שנייד־מעסערס און שפּיזן, זיך אַוועקגעלאָזט איבער די געגנטן אַרום

רהיין און אומגעבראַכט טויזנטער יידישע לעבנס. די אומגליקלעכע האָבן שוין גאָרנישט געוואַרט אויפן טויט פון שונא — זיי האָבן זיך אַליין צע־קוילעט איינער דעם אַנדערן און געוואָרפן אין די פלאַמען. דער קייסער איז אפילו געשטאַנען אויף דער זייט פון די יידן און געפּרואווט זיי שיצן; עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דערפאַר האָט ער איינעם פון די אָנ־פירער פון די מחנות, דעם ריטער אַרמלעדער, באַשטראָפט מיטן טויט.

אין דער זעלביקער צייט האָט אין אַן אַנדער דייטשער פּראָווינץ גע־שטראָמט אויך נישט ווייניקער יידיש בלוט. דער מאַגיסטראַט פון דער שטאָט דעקענדאָרף אין בייערן האָט געוואָלט זיך און די קריסטלעכע ביר־גער באַפרייען פון די יידישע חובות: דאָס איז גענוג געווען, כדי עס זאָל איבערגעחזרט ווערן די לעגענדע וועגן שענדן די קירכלעכע הייליקייטן מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן. לויט אַ גענוי־אויסגעאַרבעטן פּלאַן, ביי סיגנאַלן פון קירכן־גלאָקן און אין אַ באַשטימטן טאָג, האָט זיך דער המון, אונטער דער אָנפירונג פון ריטער, אַרויפגעוואָרפן אויף די אומבאַוואָפנטע יידן און גערויבט, געברענט און געטויט. צום אָנדענקען פון דעם גרויסן נס, וואָס איז געשען מיט דער האָסטיע פון יידן דורכגעשטאָכן, איז אפילו אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע קירך, וואו די „געשענדטע" האָסטיע גופא האַלט זיך אויף נאָך ביז היינטיקן טאָג.

פון דאַנען האָבן זיך די שרעקלעכע יידן־שחיטות איבערגעטראָגן קיין בעהמען, מעהרן און עסטרייך. טויזנטער יידן זיינען אויף די אַכזריות־דיקסטע אופנים געטויט און געפּייניקט געוואָרן. נאָר די בירגער פון ווין און רעגענסבורג האָבן זיך אָנגענומען פאַר זייערע יידישע שכנים. דער פּויפּסט האָט אפילו געשריבן די בישאָפן, זיי זאָלן מאַכן אַ חקירה ודרישה וועגן דעם כלומרשטן פאַקט מיט דער האָסטיע און שטרענג באַשטראָפן די שולדיקע, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די באַשולדיקונג איז פאַלש געווען, — וואָס ס'האָט זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן. די ווילדקייט פונעם דעמאַלטיקן קריסטלעכן המון איז שוין אָבער לאַנג איבערגעוואַקסן אָט די אַלע נאָרמען פון רעכט און גערעכטיקייט, און זי האָט אפילו נישט אָנער־קענט די קירך אַליין, וואו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן די „פאַרשאָלטענע" יידן. — און טאָמער האָבן זיך געפונען עטלעכע יידן, וואָס זיינען אין דעם נאָך נישט געווען איבערצייגט, האָבן זיי דאָס באַלד געזען בחוש. עס האָט זיך אָנגעהויבן די שווידערהאַפטע עפּידעמיע („די שוואַרצע מגפה"), וואָס

האָט אין אַ משך פון גאַנצע פיר יאָר (1348 — 1352) כסדר געשניטן מענטשלעכע לעבנס, ווי מ'שניידט אונטער זאַנגען אין פעלד. די מגפה האָט זיך פאַרשפּרייט פון ביגע איבער גאַנץ אייראָפּע, און האָט איינגעשלונגען אין דער צייט אַ פערטל פון דער דעמאָלטיקער מענטשהייט, קרוב צו פינף און צוואַנציק מיליאָן קרבנות, און נישט געשוינט קיין שטאַנד, קיין פאָלק און קיין עלטער.

און דאָ איז געשען עפּעס אומגלויבלעכעס: די צעווילדעטע קריסטלעכע מאַסן האָבן אויך אָט דעם אומגעהויערן נאַטור־אויסברוך צונויפגעבונדן מיט יידן. עס האָט געהייסן, אַז יידן האָבן געבראַכט די מגפה אויף דער וועלט (דורך פאַרגיפטן די לופט און אַלע וואַסערן), כדי אויף אַזאַ אופן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערן פון זייערע אייביקע שונאים, די קריסטן. והראיה: ערשטנס, פאַלן יידישע קרבנות אַ סך ווייניקער פון קריסטלעכע (דאָס איז גיכער געווען אַ רעזולטאַט פון דעם יידישן מעסיקן און היגיעניש לעבן), און צווייטנס — פון וועלכער אמונה אויף דער וועלט האָבן יידן נאָך געליטן אַזוי פיל צרות, ווי פון דער קריסטלעכער?... ווי אַזוי אָבער האָבן עס די יידן אַזאַ גרויסע זאַך געקענט אַדורכפירן? ווער האָט זיי אין דעם געהאָלפן? גאַנץ פּשוט: די שפּאַנישע יידן, וועלכע זיינען אַזוי רייך און אַזוי געבילדעט, זיי האָבן אויסגעקלערט דעם טייוולאָנישן פּלאַן צו פאַרטיליקן פאַר איין מאָל אַלע קריסטן. זיי האָבן פונאַנדערגעשיקט אומעטום דעם סם, און די יידן אין גאַנץ אייראָפּע האָבן געפאָלגט — זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן חרם פון די מעכטיקע ספרדים. און באַלד זיינען אויך אויסגעוואַקסן נעמען: יעקב אַ פּאַסקאַטע פון טאָלעדאָ האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גיפט קיין שאַמבערי, און פון דאַנען פונאַנדערגעשיקט גאַנצע מחנות יידישע גיפטמישער אין אַלע שטעט און לענדער.

אַזעלכע אומגעלומפּערט־נאַרישע לעגענדעס, וועלכע זיינען געוואָרן פון דער צעהיצטער פאַנטאַזיע נאָך פּילפּאַכיק פאַרגרעסערט און איבערגעטריבן, האָבן באַשעפטיקט נישט בלויז דעם המון. גאַנצע געריכטס־קאָלעגיומס זיינען געזעסן און געפּאַרשט די באַשולדיקטע, — נאַטירלעך מיט אַלערליי פּייַן־ און צוואַנגס־מיטלען. דאָס איבעריקע האָט שוין געטון דאָס פאָלק אַליין. אין איין דרום־פראַנצויזישער שטאָט זיינען אַלע יידישע מענער, פרויען און קינדער פאַרברענט געוואָרן אין איינעם מיט די הייליקע

ספרים (מאי 1348). פון דאַנען האָט זיך דער שטורעם אַריבערגעטראָגן קיין קאַטאַלוניע און אַראַגאָניע, נאָר דאָ האָט דער אַדל זיך איינגעשטעלט פאַר יידן, און זיי זיינען אָפּגעקומען מיט עטלעכע צענדליק קרבנות. דער פויפּסט אַליין אפילו האָט צעשיקט אַ שטרענגן באַפעל, נישט שלעכטס צו טון קיין יידן אָן אַ געריכטלעכער אויספאָרשונג. דער באַפעל איז אָבער געבליבן כמעט אָן אַ שום ווירקונג אין די איבעריקע קריסטלעכע לענדער, אויסער פראַנקרייך און שפּאַניע. אין דער געגנט פון גענף זיינען הונדערטער יידן געפאַנגען און געפּייניקט געוואָרן ווי פאַרדעכטיקע אין דער פאַרגיפטונג, און דער סוף איז געווען, אַז עטלעכע האָבן די יסורים נישט געקענט אַריבערטראָגן און אָנגעגעבן כלומרשט באַשטימטע שטעט, וואו זיי האָבן דעם גיפט אָוועקגעלייגט. אויף דעם סמך זיינען אַלע יידן פון דער געגנט געוואָרן פאַרברענט. פון גענף האָט זיך די געריכטלעכע „אָנטפּלעקונג" פונאַנדערגעטראָגן איבער גאַנץ שווייצאַריע און באַלד האָבן זיך דאָ אויך אָפּגעשפּילט די זעלביקע סצענעס פון גריבער און שייטער־הויפנס. דער פויפּסט האָט זיך איצט נאָך אַמאָל געווענדט צו דער קאַטוילישער וועלט און פּשוט אַריינגעלייגט אין חרם יענע, וואָס פאַרמשפּטן אָדער טויטן אַ יידן פאַר דער פאַלשער באַשולדיקונג. אָבער אומזיסט! דאָס קינד איז איבערגעוואַקסן זיין דערציער, דער פויפּסט איז מער נישט געווען קיין אויטאָריטעט.

ווילדער און אַכזריותדיקער איז צוגעגאַנגען די יידישע פאַרטיליקונג אין דער הייליקער רוימיש־דייטשער מלוכה. דאָ האָט אויך דער קייסער בפירוש באַפוילן נישט צו לאָזן פאַלן אפילו איין האָר פון זיינע „קאַמער־קנעכט". ווער קען זיך עס אָבער רעכנען מיט באַפעלן דאָרט, וואו עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן, וואָס האָבן פאַרגיפטעט אַלע ימען, טייכן, קוואַלן, ברונעמס, פעלדער, לאַנקעס און אפילו — די לופט?! בלויז געציילטע איינצלנע קריסטן האָבן זיך געפונען, וועלכע זיינען געווען גענוג ניכטער און קלאָר, כדי צו פאַרשטיין די גאַנצע לעכערלעכקייט פון אַזאַ מין באַשולדיקונג. אַזעלכע האָבן זיך געפונען אין יעדער שטאָט און זיי האָבן ווירקלעך געשיצט מיט אַלע כחות די אומגליקלעכע און נישט געלאָזט זיי שלעכטס טון.

אין בענפעלדען (עלזאַס) האָט די באַראַטונג וועגן יידן באַשלאָסן, זיי, אמת, נישט צו פאַרברענען, נאָר צו פאַרטרייבן פון לאַנד. עס איז

אָבער דאָך דערביי נישט געבליבן און דער גרעסטער טייל יידן פון באַ־זעל, פרייבורג און אַנדערע רהיין־שטעט זיינען געוואָרן פאַרברענט אָדער גלאַט אַזוי געטויט. אין שטראַסבורג איז די גאַנצע קהלה — צוויי טויזנט נפשות — איינגעזעצט געוואָרן אין געפענגעניש און גלייך אויף צומאָרגנס האָט מען די אומגליקלעכע אַוועקגעפירט אויפן יידישן בית עולם. דאָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הילצערנע געביידע, אין וועלכער זיי האָבן אַלע געמוזט אַריינגיין, און דאַן האָט מען זי אונטערגעצונדן. נאָך דעם איז דאָס יידישע פאַרמעגן צעטיילט געוואָרן צווישן די בירגער, און דער מאַ־גיסטראַט האָט באַשלאָסן, אַז אין אַ משך פון הונדערט יאָר זאָל זיך אין שטראַסבורג נישט געפינען קיין איינציקער ייד.

דאַן איז אָנגעקומען די ריי צו דער עלטסטער יידישער קהלה אין דייטשלאַנד, צו וואָרמס (ווירמייזא). דאָ האָבן די יידן גאָרנישט געקענט האָפן אפילו אויף אַ שוץ פון קייסער, ווייל ער האָט זיי נאָך פריער „אַוועק־געשענקט" דער שטאָט און די בירגער. די לעצטע האָבן אויף אַזאַ אופן גע־קענט טון מיט „זייערע" יידן אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, אָן אַ שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און זיי האָבן אָן גרויסע שהיות באַשלאָסן נאָכ־צוטון זייערע חברים פון שטראַסבורג. די יידן האָבן אָבער נישט געוואַרט אויף די תלינים — זיי האָבן אַליין אונטערגעצונדן זייערע הייזער און זיך אַריינגעוואָרפן אין די פלאַמען. דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען אויך אין אָפּענהיים און פראַנקפורט־אַם־מיין.

אָט די טויזנטער יידישע קרבנות האָבן נאָך נישט געשטילט אין גאַנ־צן דעם פייערדיקן בלוט־דורשט, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעקאָכט אין די קריסטלעכע מאַסן, און קוים איז די כלומרשטע באַשולדיקונג פון גיפטמי־שעריי אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן איז אַנטשטאַנען אַ נייע באַוועגונג מיט נייע לאָזונגען, וואָס האָט ווידער זיך אויסגעלאָזט צו יידישע קעפּ. די מגפה האָט אַרויפגעוואָרפן אַ פחד אויף די גלייביקע קריסטן און זיי האָבן אָנגע־הויבן זיך צו פאַרנעמען מיט תשובה און פייניקונגען. אין דייטשלאַנד האָבן זיך געצויגן פון שטאָט צו שטאָט גאַנצע מחנות פון האַלב־נאַקעטע אַסקעטן, וואָס האָבן, ווי די אַמאָליקע כהנים פון אָפּגאָט בעל, זיך געשלאָגן ביז צו בלוט און אין אַלגעמיין געפייניקט דעם קערפּער מיט אַלערליי ענויים. די דאָזיקע ווילדע פראַצעסיעס האָבן שטאַרק געווירקט אויפן פראָסטן פאָלק און צעקאָכט אין אים דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פאַר וועלכן די זעלביקע

„גיפטמישער” זיינען ווידער אויסגעוואקסן אין דער געשטאַלט פון „אומ־גלויביקע”, פון „משיח־פייניקער”. פון די הייליקע בעלי־תשובות אַליין זיי־נען אויך געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך מיט שטאָלץ אָנגערופן „יידנשלעגער”, און די גרויסע יידן־שחיטה אין פראַנקפורט איז געווען כמעט אין גאַנ־צן זייער אַרבעט. פון פראַנקפורט האָבן זיך די הייליקע געלאָזט קיין מיינץ, דאָ איז אָבער זייער פּלאַן אַביסל געוואָרן געענדערט. די מיינצער יידן האָבן באַ־שלאָסן נישט אַוועקצוגעבן זייערע לעבנס אומזיסט: זיי האָבן באַגעגנט די ווילדע מחנה מיט געווער אין די הענט און האָבן פון איר אויסגעטויט ביז צוויי הונדערט מאַן. אָט די „חוצפה” האָט, נאַטירלעך, נאָך מער אויפגעצ־רייצט די קריסטלעכע באַפעלקערונג, און עס האָט זיך פונאַנדערגעקאָכט אַ בלוטיקער קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן נצחון פון די קריסטן. דעמאָלט ערשט האָבן די באַזיגטע — זעקס טויזנט נפשות — זיך פאַרמאַכט אין זייערע הייזער און זיי אונטערגעצונדן. אינעם זעלביקן טאָג איז אויך קעלן באַפאַלן געוואָרן, און נישט געקוקט אויף דער שטיצע פון בירגערמייסטער זיינען אַלע יידן פון שטאָט אומגעקומען. אין שוואַבען און בייערן זיינען אויף דעם זעלביקן אופן חרוב געוואָרן כמעט אַלע יידישע קהלות.

מחוץ דייטשלאַנד זיינען די אויסברוכן געווען פאַרהעלטנישמעסיק מענטשלעכער. דער אונגאַרישער קעניג, לודוויק, האָט אין דער זעלביקער צייט אַרויסגעטריבן די יידן פון זיין לאַנד, אמת, נישט ווי גיפטמישער, נאָר ווי אומגלויביקע. אין פּוילן, וואו די מגפה האָט אויך שטאַרק געבושעוועט, האָבן די יידן כמעט נישט געוואוסט פון קיין שום פאַרפאָלגונגען, ווייל דער דעמאָלטיקער קעניג, קאַזימיר דער גרויסער, האָט זיי געשיצט. קאַזימיר האָט באַשטעטיקט פאַר יידן די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן באַקומען פון באָלעסלאַוו דעם פרומען, און בכלל אַרויסגעגעבן פאַר זיי זייער גינסטיקע געזעצן. דער גרויסער „הערשער פון די פּויערים און אָרימע לייט” האָט גע־קוקט אויף יידן, ווי אויך אַ לעבעדיקן מלוכה־קאַפּיטאַל, וואָס פאַרדינט נישט בלויז שוץ, נאָר אויך אַכטונג. „יידן — זאָגט זיך אין איין דערקלערונג פון זיין סטאַטוט — מוזן זיין די געלט־מענטשן און ווי אַן אייגנטום פון דער מלוכה, דאַרפן זיי איר שטיצן מיט געלט, ווען זי בייטיקט זיך אין דעם”. וועגן דעם זעלביקן קעניג דערציילט זיך, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל פון אָפּאָטשנאַ (לעבן סאַנדאָמירזש), מיטן נאָמען אסתר, צו־

ליב וועלכער ער האָט פאַרלאָזט זיין פריערדיקע בעהמישע געליבטע. אסתר־ זאָל האָבן געלעבט פריער אין איר געבוירנשטאָט און דערנאָך אין דעם שלאָס לאָבזאָווא ביי קראָקע, וואו זי האָט דעם קעניג געבוירן צוויי זין מיט צוויי טעכטער.

אויף דער מערב־זייט פון דייטשלאַנד, אין בעלגיע, זיינען די יידן בעת דער שוואַרצער מגפה שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן. אין בריסל זיינען די אָנגעקומענע „קדושים" באַפאַלן אַלע יידישע הייזער, אַרויסגעטריבן די איינוואוינער אין גאַס און דאָרט זיי אַלע (ביז פינף הונדערט מאַן) אויסגעהרגעט. די געליטענע קהלות זיינען אָבער אויך נישט זיכער געווען פון אַ צווייטן איבערפאַל, און דאָס האָט זיי געצוואונגען צו טראַכטן וועגן אָננעמען מיטלען. אין אַראַגאָניע, למשל, האָבן די יידן געזאָלט צונויפזאַמלען אַן אַלגעמיינעם געלט־פאָנד אויפן פאַל פון אַ פאָלקס־אומגליק; זיי האָבן געוואָלט אויספועלן אַ זיכערע שטיצע פון קעניג און פון פויפסט. פון די פלענער איז אָבער גאָרנישט געוואָרן און די יידן זיינען, ווי ביז אַהער, אויך ווייטער געבליבן הענגען צווישן שרעק און האָפענונג.

אונטער דער צייט איז אין די לענדער, וואו די ערד איז נאָך געווען פייכט פונעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט, פאָרגעקומען עפּעס מערקווירדיקעס: מ'האָט אָנגעהויבן זוכן יידן און זיך רייסן פאַר זיי. די דריי הונדערט שטעט, וואָס האָבן זייערע יידן פאַרברענט און זיך פאַרשוואוירן אויף הונדערטער יאָרן, נישט אַריינצולאָזן מער ביי זיך קיין איינציקן פון דער פאַרשאָלטענער אומה, — האָבן זיך מיט אַמאָל אַרומגעזען אַז זיי קענען אָן די דאָזיקע „פאַרשאָלטענע" יידן נישט אויסקומען. די פאַרניכטונג פון די יידן האָט אויך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן פון לאַנד: עס איז אָפּגעשטאָרבן דער האַנדל, קיין שום אונטערנעמונגען האָבן נישט געקענט אויסגעפירט ווערן צוליב מאַנגל אין געלט און דערצו האָבן זיך שטאַרק פאַרקלענערט די מלוכה־אָפּצאָלן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די פירשטן, מאַגיסטראַטן און בישאָפן: יעדער פון זיי האָט געוואָלט „האָבן יידן", האָבן ביי זיך וואָס מער פון דעם מענטשן־קאַפּיטאַל, וואָס ברענגט אַזוי פיל הכנסה. דער בישאָף פון אויגסבורג האָט זיך משתדל געווען ביים קייסער קאַרל דעם פערטן, ער זאָל אים דערלויבן „צו האַלטן יידן און זיי אויפצונעמען". דאָס זעלבע האָבן געטון אויך די קורפירשטן, נאָר אָנשטאָט זיך משתדל צו זיין, האָבן זיי פעסט געפאָדערט דאָס רעכט, צו קענען באַזיצן „קאַמער־

קנעכט", — דאָס רעכט, וואָס האָט ביז אַהער געהערט בלויז צום קייסער אַליין. און קאַרל האָט געמוזט נאָכגעבן: ער האָט אין דער באַרימטער „גאָלדענער בוללע" פון יאָר 1355 נאָכגעגעבן די פאָדערונג פון זיבן דייטשע קורפירשטן, צו מעגן עקספּלאָטירן די נאַטירלעכע אוצרות פון זייער ערד (גאָלד זילבער און אַנדערע מינעס) און אויך „צו האַלטן יידן". צו די מעטאַל־גרייבער און אַנדערע נאַטור־אוצרות האָט זיי דער קעניג, הייסט עס, צוגעגעבן נאָך אַ מקור פון עשירות: יידן. די קלענערע פירשטן, דאַקעגן, און די מאַגיסטראַטן האָבן דאָס רעכט נישט געהאַט: „זייערע" יידן זיינען, ווי פריער, געבליבן „קאַמער־קנעכט" פון קייסער.

דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען אויך אין פראַנקרייך. אויך דאָ האָבן די הערשער געזוכט אַריינצוברענגען די יידן צוריק אינעם לאַנד, כדי עס צו ראַטעווען פון אַ שרעקלעכן קריזיס. די יאָרן־לאַנג דויערנדיקע מלחמות מיט ענגלאַנד האָבן פאַראָרעמט די מלוכה־קאַסע און דאָ איז נאָך דער קעניג יאַהאַן אַליין געוואָרן געפאַנגען פון די ענגלענדער. ביי אַזאַ לאַגע איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער יונגער רעגענט האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן יידן, ווי אָן די איינציקע רעטער. ער האָט געפונען אַ יידן מיטן נאָמען מנשה (מאַנעסיע) דע וועזו, וועלכער האָט אים געהאָלפן אָנפילן צוריק די פראַנצויזישע שטעט מיט יידישע איינוואוינער, — די זעלביקע שטעט, פון וועלכע יידן זיינען געוואָרן אין איינע פופציק יאָר פאַרטריבן, צוריקגערופן און ווידער פאַרטריבן. איצט איז דער אָפּמאַך געוואָרן געשלאָסן אויף צוואַנציק יאָר; יידן האָבן געמעגט זיך באַזעצן, וואו זיי ווילן, באַזיצן אייגענע נחלאות, האַנדלען און זיך פריי באַוועגן איבערן גאַנצן לאַנד. נאָר צאָלן האָבן זיי געדאַרפט אַ סך: אויסער דעם שטייער (14 גילדן פון פאָטער און צו איין גילדן פון יעדן פאַמיליע־מיטגליד) ביים אָנקומען, האָט נאָך יעדע פאַמיליע געהאַט צו צאָלן אויך אַ יערלעכן קאָפּ־שטייער. דערפאַר זיינען זיי נישט געשטאַנען אונטער דעם קאַפּריז פון די אַלגעמיינע געריכטן, נאָר געהאַט אַן אייגענעם הויפּט־שופט — אַ פּרינץ פון דער קעניגלעכער פאַמיליע. די קלענערע משפטים זיינען פאָרגעקומען פאַר אַ יידישן בית־דין פון עטלעכע דיינים מיט עטלעכע בייזיצנדיקע. די יידן זיינען גאַראַנטירט געוואָרן פון געוואַלד־מעשים אויך מצד דעם אַדל און די גייסטלעכע; קיינער האָט נישט געטאָרט טשעפּען זיך צו זייערע ספרים און אויך נישט זיי צווינגען אויסצוהערן זייערע מיסיאָנערישע דרשות. באַזונדער זיינען רעספּעקטירט געוואָרן די יידי־

שע רעכט אין האַנדל: זיי האָבן געמעגט פאַרלייען געלט ביז אויף אַכציק פּראָצענט, נעמען משכנות און בכלל מאַכן אַלערליי געלט־אָפּעראַציעס.

נאַטירלעך, האָבן די דאָזיקע פּריווילעגיעס גופא שוין געשאַפן אַ באָדן פאַר אַלערליי רייבונגען און פיינטשאַפטן מצד די פאַרשידנסטע שיכטן פון פאָלק, און די מלוכה האָט געפּרואווט עטלעכע מאָל אָפּנעמען איינציקע פון די יידישע זכיות. נאָר ווען קאַרל דער פינפטער איז אַרויף אויף דעם פראַנ־צויזישן טראָן, האָט ער פאַרלענגערט דעם טערמין פון יידישן וואוין־רעכט אין פראַנקרייך און ביי דער געלעגנהייט ווידער באַפעסטיקט אַלע זייערע פריערדיקע פּריווילעגיעס. ער האָט זיך אפילו אָפן געשטעלט איוף דער זייט פון די יידן קעגן דער קירך, און אין דער צייט, ווען די גייסטלעכע האָבן אַריינגעלייגט אין חרם יעדן קריסט, וואָס גיט אַ יידן אַ טרונק וואַסער אָדער פאַרקויפט אים עפּעס, — האָט קאַרל באַפוילן זיינע באַאַמטע שטרענג צו באַשטראָפן יעדן, וואָס וועט אַ יידן באַליידיקן אָדער שלעכטס טון.

אַזוי האָבן די יידן אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך אַביסל אויפגע־לעבט נאָך דעם נאָר־וואָס איבערגעלעבטן חורבן. זייער גייסטיק לעבן איז אָבער נאָך אַלץ געווען אָפּגעשוואַכט. אין פראַנקרייך זיינען געווען בלויז גע־ציילטע רבנים, וועלכע זיינען איבערגעוואַקסן די גרענעצן פון זייערע קהלות. פון זיי איז דער באַדייטנדיקסטער געווען ר׳ מתיתיהו בן יוסף הפּרובנסי. ער איז פון קעניג געווען אַזוי געאַכט, אַז אים מיט זיין גאַנצער פאַמיליע איז דערלויבט געווען, זיך צו קליידן אַן דעם באַשטימטן יידן־צייכן. ר׳ מתיתיהו האָט אַ סך אויפגעטון פאַרן פראַנצויזישן יידנטום; ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין פּאַריז, וואו ס׳זיינען דערצויגן געוואָרן רבנים פאַר אַלע קהלות פון לאַנד, און דערצו האָט ער געלאָזט פונדאַסניי קאָפּירן אַ גרויסע צאָל עק־זעמפּליאַרן פון תלמוד, וואָס איז, איבער די אָפטע קאָנפיסקאַציעס, שוין גע־וואָרן אַ יקר המציאות. פאַר די פאַרדינסטן איז ער מיט דער צייט באַשטימט געוואָרן ווי רב הכולל פון גאַנץ פראַנקרייך.

אין דייטשלאַנד האָבן די שרעקלעכע שחיטות אויך צוגענומען די בעסטע גייסטיקע כוחות פון דעם יידישן קבוץ. עס איז נישט געבליבן כמעט קיין איינציקער, וואָס זאָל קענען זיין אַן אויטאָריטעט בנוגע צו אַלע פראַגן פון דעם רעליגיעזן לעבן, און אַזוי ווי די צייט האָט איצט גראָד אַרויסגע־רופן אַ סך זייער פאַרוויקלטע שאלות (וועגן די איבערגעבליבענע עגונות א״א), האָבן די רבנים אָרגאַניזירט אַ צוזאַמענפאָר, וואָס האָט באַשטעטיקט

פיל באַשטימונגען פון די פריערדיקע צייטן און אַרויסגעגעבן נייע (תקנות שו״ם, 1381). די זעלביקע גייסטיקע אָרעמקייט פון דייטשן יידנטום האָט געבראַכט אויך צו דער תקנה פון דעם ווינער ר׳ מאיר בן ברוך הלוי (געשט׳ 1390), אַז קיינער טאָר נישט אויספירן די פונקציעס פון אַ רב (פּסקענען שאלות, מסדר זיין קדושין און גטן אאז״וו) איידער ער באַקומט סמיכה — מיטן טיטל מורנו — פון אַן אָנערקענטן גדול.

מיט ווייניקער צרות ווי אומעטום איז דער שוואַרצער טויט אַריבער פּאַר די יידן פון שפּאַניע. געבילדעטער און פון אַלטע יאָרן ענג צוזאַמענגעלעבט מיט יידן, איז דאָ דער באַפעלקערונג גאַרנישט איינגעפאַלן אפילו חושד צו זיין די יידישע מיטבירגער אין אַזאַ שענדלעך־נאַרישן פאַרברעכן. דערפאַר האָט דאָ די מגפה גופא צוגענומען פיל אַנגעזעענע יידישע קרבנות. צווישן זיי אויך די פאַמיליעס אַבולעפיא, אבן־שושן און אשרי (די אייניקלעך פון ראַ״ש).

אַ קרבן פון דער מגפה איז געווען אויך דער קאַסטילישער קעניג אַלפאָנס דער עלפטער, און אונטער דער הערשאַפט פון זיין יורש דאָן פּעדראָ (1350 — 1360) איז דער יידישער איינפלוס נאָך גרעסער געוואָרן. דאָן פּעדראָ האָט געהאַט קעגן זיך דעם פאָטערס אומגעזעצלעכע פרוי מיט אירע צוויי זין, וועלכע האָבן אים מיט זיין מוטער שטאַרק גערודפט; ער האָט דעריבער געמוזט אָנווענדן קעגן זיי שאַרפע מיטלען און דערפאַר האָט ער באַקומען ביטערע שונאים אין די קרייזן פון שפּאַנישן אַדל און אויך דעם ביינאָמען „דער גרויזאַמער״. די יידן, דאַקעגן, צוזאַמען מיט די ברייטע מאַסן פון פאָלק זיינען שטאַרק געווען איבערגעגעבן דעם געבילדעטן הערשער, כאָטש זיי איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו ליידן דערפאַר.

דאָן פּעדראָס לערער אין דער שפּאַנישער פּאָעזיע איז געווען דער יידישער דיכטער שם־טוב (סאַנטאָס) דע קאַריאָן (1300 — 1350). דאָס איז געווען אַ געבילדעטער און באַגאַבטער דיכטער, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ רייכע ירושה אין דער שפּאַנישער ליריק פון יענער עפּאָכע. דער צווייטער אָנגעזעענער ייד אין הויף איז געווען דער שאַצמייסטער און פּריוואַט־סעקרעטאַר פון קעניג דון שמואל בן מאיר הלוי פון די אַבולעפיאַס. ער האָט זיך באַטייליקט אין די וויכטיקסטע באַראַטונגען וועגן אַלערליי מלוכה־פראַגן און צו זיין מיינונג האָט מען זיך שטענדיק צוגעהערט. דאָן פּעדראָ האָט געהאַט אויך אַ יידישן לייב־דאָקטער און אַסטראָלאָג, אברהם אבן־

צרצל, און בכלל איז ער געווען אַרומגערינגלט פון אַזוי פיל יידן, אַז די שונאים האָבן חוזק געמאַכט פון זיין „יידישן" הויף. און אפשר אונטער דעם איינפלוס טאַקע פון די יידישע מקורבים האָט דער קעניג אַרויסגעוויזן יידן אַ באַזונדער האַרציקע פריינטשאַפט. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל גע־עפנט דעם אַדלס־פּאַרלאַמענט (קאָרטעס) אין וואַלאַדאָליד (מאַי 1351), האָבן די דעפּוטאַטן פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל אָנולירן די ספּעציעלע גע־ריכטן פאַר יידן און נישט לאָזן זיי מער באַשטימען קיין אייגענע שופטים. אויף דעם האָט דאָן פּעדראָ געענטפערט, אַז די יידן, ווי אַ שוואַכע קליינע אומה, מוזן האָבן אַ באַזונדערן שוץ: די קריסטלעכע ריכטער ווען זיי נישט יושרדיק משפטן אָדער פאַרשלעפּן זייערע פּראָצעסן.

דאָן איז פאָרגעקומען אַ סכסוך איבער דעם קעניגס שדוך, וואָס האָט באַדייטנדיק פאַרערגערט די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די אַריס־טאָקראַטן פון הויף האָבן דעם יונגן קעניג דורכאויס געוואָלט פאַרבינדן מיט דער פראַנצויזישער הערצאָגין בלאַנקאַ, און אין דער צייט האָט זיך דער קע־ניג אַליין שטאַרק פאַרליבט אין אַ שפּאַנישער אַדל־פרייל מאַריאַ דע פּאַדי־לאַ. דער פאַרליבטער קעניג האָט אין אָנהויב זיך אונטערגעגעבן דער פּאָלי־טיק און חתונה געהאַט מיט דער פראַנצויזישער הערצאָגין. ער האָט אָבער מער ווי צוויי טעג נישט געקענט זיין מיט איר. דאָן האָט אויסגעבראָכן אַ שאַרפער פּאַרטיי־קאַמף: איינע האָבן געהאַלטן פאַר דער פאַרשטויסענער קעניגין און די אַנדערע פאַר מאַריאַ דע פּאַדיליאַ. דערביי זיינען די יידן געשטאַנען אויפן צד פון דער לעצטער, ווייל זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין דער קורצער צייט, וואָס די פראַנצויזישע הערצאָגין האָט פאַרבראַכט אינעם שפּאַנישן הויף, האָט זי זיך פאַראייניקט מיט די יידנפיינט און אפילו שוין געטראַכט וועגן אַרויסטרייבן אַלע יידן פון שפּאַניע. די יידישע הויף־לייט האָבן אַלזאָ אַלע זיך פאַראייניקט מיטן קעניג, און באַזונדער האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל דון שמואל הלוי. ער האָט באַקומען אין זיין רשות כמעט די גאַנצע הנהגה פון דער מלוכה און נישט פאַרלאָזט דעם קעניג אין די גוטע, ווי אין די שלעכטע צייטן. איין מאָל האָבן די שונאים פאַרנאַרט דעם קעניג מיט זיין יידישן יועץ אין אַ פעסטונג און זיי דאָרטן געדראָט צו טויטן; דון שמואלן איז אָבער געלונגען אַרויסצו־ראַטעווען זיך מיט זיין הערשער פון דער געפאַנגענשאַפט, און ווען עס האָט דערנאָך אויסגעבראָכן אַ בלוטיקער בירגער־קריג האָבן די יידן פאַר־

טיידיקט טאָלעדאָ מיט זייערע לעצטע כחות און אויף אַזאַ אופן דערהאַלטן פֿאַר דאָן פּעדראָ דעם קאַסטילישן טראָן. דאָס האָט דעם קעניג נאָך מער פֿאַרפליכטעט קעגן זיין יידישן פריינט און ער האָט אים אויפגעהויבן איבער אַלע שפּאַנישע גראַנדן הן אין מאַכט, הן אין עשירות.

וואָס שייך ספּעציעל צו יידן, האָט דער דאָזיקער נשיא נישט אַרויסגעוויזן קיין שטאַרקע ווייטזיכטיקייט. ער האָט באַשיצט די יידישע זכיות און זיי איבערגעגעבן פֿאַרשידענע מלוכה־פּאָסטנס, קיין נייע קולטור־צענטערן האָט ער אָבער נישט געגרינדעט און בכלל זיך ווייניק אינטערעסירט מיט פראַגן פון גייסט. דאָס איינציקע, וואָס דון שמואל האָט געלאָזט נאָך זיך פאַר דעם קאַסטילישן יידנטום, איז געווען אַ נעץ פון נייע שיינע שולן. די פּרעכטיקע שול אין טאָלעדאָ, וואָס איז נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ צירונג פֿאַר דער שטאָט (ווי אַ קירך), איז, געבויט האַלב אין גאָטישן, האַלב אין מורישן סטיל, ווי ס'רוב שפּאַנישע קירכן פון יענער עפּאָכע. הינטער פייךגעשניצטע אַראַבעסקן איז אויף איין גרינער וואַנט אויסגעקריצט מיט ווייסע, בולטע אותיות דאָס גאַנצע אַכציקסטע קאַפּיטל פון תהלים, און די דרום־ און צפון־זייטן זיינען פול מיט קונציקע אויפשריפטן, וואָס פאַראייביקן די פאַרדינסטן פון דעם נשיא דון שמואל בן מאיר הלוי. די קהלה דאַנקט אין די אויפשריפטן דעם „אַלמעכטיקן גאָט, וואָס האָט נישט אָפּגעטון קיין גנאָד פון זיין פאָלק און אויפגעשטעלט גרויסע מענער, וואָס זיינען אים מציל פון פיינטלעכע הענט. אויב ישראל האָט נישט מער קיין קעניג, האָט גאָט דאָך אויסדערוויילט איינעם פון זיין פאָלק, אים געגעבן לייטזעליקייט אין די אויגן פון קעניג דאָן פּעדראָ, וועלכער האָט אים איבער אַלע גרויסע דערהויבן, געמאַכט פאַרן יועץ פון זיין מלוכה און אָפּגעגעבן כמעט אַ קעניגלעכן כבוד". צום סוף ווערט דאָ אויסגעדריקט דער וואונטש, אַז דער גרויסער שר דון שמואל זאָל זוכה זיין צו דערלעבן די דערוואַרטעטע אויפבויאונג פון בית המקדש און דאָרט מיט זיינע זין באַדינען די כהנים ביי דער עבודה ווי אַ לוי.

די לעצטע ברכה האָט אַ שטיקל שייכות צו די פאַרשידענע נאָענטע „קץ"ן", וואָס זיינען אין יענער צייט אויסגערעכנט געוואָרן: כמעט יעדער

מקובל האָט אָנטפּלעקט אַ נייעם קץ1), און זיך געשטיצט דערביי אויף אַן אַנדער פּסוק אָדער אויף אַן אַנדער רעכנונג. די מער ווייטזיכטיקע גדולים האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע משיח חשבונות קענען ברענגען צו טרויע־ריקע קאָנסעקווענצן, און באַזונדער איז קעגן די מחשבי־קצים (קץ־רעכ־נער) אַרויסגעטראָטן דער תלמודישער גאון ר' נסים בן ראובן גערונדי פון באַרצעלאָנאַ (דער ר"ן, 1340 — 1380). ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די אַנטוישונג נאָך די אַלע חשבונות, אויב זיי וועלן זיך נישט פאַרווירק־לעכן, קען ברענגען צו פולשטענדיקער כפירה און פאַרצווייפלונג.

און פון די האָפענונגען איז ווירקלעך גאָרנישט געבליבן — דער שטערן פון דעם גרויסן שר איז אויך באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן. דעם קעניגס ברידער, די קעניגין בלאַנקאַ און דער גאַנצער אָדל — אַלע האָבן זיך פאַראייניקט אין קאַמף קעגן דעם יידישן קאַנצלער, און זיי האָבן מיט זייערע מסירות די זאַך אַזוי ווייט געבראַכט, אַז דאָן פּעדראָ האָט געלאָזט איינזעצן שמואלן אין געפענגעניש און קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון אים מיט זיינע קרובים, וואָס האָט באַטראָפן אַן אומגעהויערע סומע. כדי אַרויסצובאַקומען פון שמואלן ידיעות וועגן זיינע באַהאַלטענע געל־טער, האָט מען אים אין געפענגעניש שטאַרק געפייניקט און דערפון איז ער געשטאָרבן.

די באַציאונג פון קעניג צו די יידן פון לאַנד איז פונדעסטוועגן גע־בליבן נישט געענדערט, און די חשובערע פון זיי האָבן ווידער באַקומען גרויסע אויסצייכענונגען. דאָס האָט די יידנפיינט ווידער אויפגערייצט קעגן קעניג און זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, אים צו באַ־זייטיקן. אונטער דער צייט איז דאָן פּעדראָן איינגעפאַלן, צו לאָזן טויטן די קעניגין בלאַנקאַ און דאָס האָט גלייך אויסגענוצט זיין נישט־כשרער ברודער, ענריקע דע טראַסטאַמאַראַ. ער איז אַוועק קיין פראַנקרייך און באַקומען אויף זיין צד דעם פראַנצויזישן קעניג מיט די בורבאָנען. דאַן האָט ער געוואונען פאַר זיך אויך דעם פּויפּסט, פאַר וועלכן ער האָט דער־קלערט, אַז מאַריאַ דע פּאַדילאַ איז אַ יידישע טאָכטער, אַז דאָן פּעדראָ

1) קץ — ענדע, משיחס צייטן. אַ מער דייטלעכער רמז אויפן קץ גע־פינט זיך אינעם ביבלישן ספר דניאל און אויף דעם האָבן זיך באַצויגן אַלע חשבונות.

אַליין שטאַמט אויך פון יידן און אַז ער האָט די גאַנצע מלוכה איבערגע־געבן יידן.

אַזוי האָט ענריקע באַפעסטיקט זיין פּאָזיציע פון אַלע זייטן און ענד־לעך איז ער מיט אַ געדונגענער מחנה אַריבער די שפּאַנישע גרענעץ און איינגענומען דעם שפּאַנישן טראָן. בעת דעם בירגער־קריג האָבן די יידן פאַרטיידיקט „זייער" קעניג מיט געלט און בלוט; דערפאַר האָט זיי ענ־ריקע איצט באַשטראָפט מיט אַ גרויסער סומע געלט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דער העלדנמוטיקער פּרינץ פון אועלס איינגעשטעלט פאַרן פאַרטריבענעם געזעצלעכן קעניג און אים צוריק אומגעקערט די שפּאַנישע קרוין (1367). באַלד האָט אָבער ענריקע זיך ווידער אַריינגעריסן אין לאַנד און די מלחמה האָט זיך פונדאַסניי פונאַנדערגעקאָכט. און ווידער האָבן די יידן זיך אָנגענומען פאַר זייער הערשער; זיי זיינען אים ביז דער לעצטער מינוט געבליבן טריי, בשעת די קריסטלעכע בירגער פלעגן מיט פרייד עפענען פאַר ענריקען די טויערן פון זייערע שטעט.

ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָט ענריקע נאָך אַמאָל אַרויפ־געלייגט אַן אומגעהויערע קאָנטריבוציע אויף די יידישע קהלות, און די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך מיט דעם נישט באַגנוגנט. זי האָט פאַרלאַנגט פון קעניג, ער זאָל קיין אייניציקן יידן נישט באַשטימען אויף וועלכן ס'איז אַנשטענדיקן פּאָסטן, אפילו אויך נישט פאַר קיין לייב־דאָק־טער. ענריקע האָט אָבער מורא געהאַט צו מאַכן אַזאַ שריט: ער האָט נאָר צוגעזאָגט, אַז ער וועט די יידישע באַאַמטע נישט געבן צופיל מאַכט אין הויף.

אונטער דער צייט האָט דאָן פּעדראָ אויך נישט גערוט. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט נאָך אין לאַנד אַ שטאַרקן צד פאַר זיך אין דער יידישער באַ־פעלקערונג, און נאָך דעם ווי דער פּרינץ פון אועלס (דער שוואַרצער פּרינץ) האָט אים נישט געהאָלפן, האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן מאַכמעדאַנישן הערשער פון גראַנאַדאַ. אָט די לאַנגע אַרומרייסעניש האָבן די יידן פון קאַסטיליע אָוועקגעשטעלט צווישן צוויי פייערן. דאָן פּעדראָס שטיצער האָבן געקוקט אויף די יידן, ווי אויף ענריקעס הפקר־בירגער און ענריקעס סאָלדאַטן — ווי אויף איבערגעגעבענע פריינט פון דאָן פּעדראָ. אַזוי האָבן די ענגלענדער חרוב געמאַכט עטלעכע יידישע קהלות (ווילאַדיעגאָ און אַגולאַר), די מאַכמעדאַנער האָבן דריי הונדערט יידישע פאַמיליעס אָוועק־

געפירט ווי געפאַנגענע קיין גראַנאַדאַ, און בעת דער באַלאַגערונג פון טאָ־לעדאָ איז די יידישע קהלה כמעט אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן פון הונ־גער און קריגס־אומגליקן.

געענדיקט האָט זיך דער ברודער־קאַמף מיט דאָן פעדראָס טויט. פאַרן טויט האָט ענריקע באַגעגנט דעם ברודער, און אים אין פנים גע־שליידערט די באַליידיקונג: „וואו איז ער דער ייד, דער זון פון אַ שאַנד־פרוי, וואָס רופט זיך קעניג פון קאַסטיליע?!" די ברידער האָבן זיך דאַן גענומען ראַנגלען איינער מיטן אַנדערן און ענריקע איז אַרויס דער זיגער. ווען דער פויפסט (אורבאַן דער פינפטער) האָט באַקומען די ידיעה וועגן דאָן פעדראָס טויט, האָט ער מיט פרייד אויסגערופן: „די קירך דאַרף זיך פרייען איבער דעם טויט פון אַזאַ טיראַן, פון אַזאַ מורד קעגן קריסטנטום און באַשיצער פון יידן און מאַכמעדאַנער". די קירך האָט זיך ווירקלעך געמעגט פרייען: די קאַסטילישע יידן האָבן מיט דאָן פעדראָס טויט פאַר־לוירן זייער אָנזען און פון דער צייט הייבט זיך אייגנטלעך אָן זייער ירידה.

דערווייל האָט ענריקע איבערגענומען די ממשלה איבערן לאַנד און די יידן האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. טויזנטער פון זיי זיינען אומגעקומען בעת דעם לאַנגיעריקן קריג און די איבערגעבליבענע זיינען געווען שרעקלעך פאַראָרעמט. דערצו האָבן זיי שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם נייעם הערשער: צי וועט ער זיך איצט נישט נוקם זיין אָן זיי פאַר זייער קעמפן קעגן אים? און ער האָט דאָך דעם פויפסט געגעבן אַזוי פיל הבטחות, צו באַהאַנדלען יידן לויט די קאַנאָנישע געזעצן. די מורא האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַגרינדעט; נאָך די אַלע הבטחות, וואָס ענריקע האָט געגעבן, האָט ער דאָך נישט געקענט אויסקומען אָן יידן, אַזוי ווי עס האָבן נישט געקענט אויסקומען אָן זיי די דייטשע און פראַנצויזי־שע מלכים. די יידישע פינאַנץ־פאַרוואַלטער, ווי די יידישע קאַפּיטאַליסטן בכלל, זיינען געווען כמעט די איינציקע שטיצע פון דעם דעמאָלטיקן מלוכה־מעכאַניזם, און ענריקע האָט זיך אין זיי נאָך מער געניייטיקט, ווי אַלע איבעריקע הערשער. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַ געדונגענע מחנה, וואָס האָט אים אַריינגעצויגן אין אומגעהייערע חובות. דאָס לאַנד איז שרעקלעך פאַראָרעמט געוואָרן, קיין רעגלמעסיקע הכנסות זיינען נישט גע־ווען, — וואָר־זשע דען, אויב נישט יידן, האָבן אים דאָ געקענט העלפן? ענריקע האָט דעריבער גלייך געענדערט זיין טאַקטיק, און אָנשטאָט זיך צו

טשעפּען צו די באַזיגטע יידן, האָט ער זיי כלומרשט געחנפהט פאַר דער נאָבעלער איבערגעגעבנקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן בנוגע צו זייער קעניג. דאַן האָט ער אויך באַשטימט צוויי יידן פון סעווילאַ אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס, און איינעם פון זיי, דון יוסף פּיכון, געמאַכט פאַרן אויבער־שטייער־איינמאָנער פון לאַנד. צו די צוויי גרויסע שרים זיינען באַלד צוגעקומען נאָך פיל קלענערע באַאַמטע, וואָס האָבן ווידער פול געמאַכט דעם הויף און די גאַנצע אַדמיניסטראַציע, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן צאָרן מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין טאָראָ (1371) האָט זיך באַקלאָגט פאַרן קעניג אויף דעם „שלעכטן און חוצפּהדיקן שטאַם", אויף די פיינט פון גאָט און קריסטנטום, וועלכע פאַרנעמען אַלע אַמטן, האָבן אין זייערע הענט די אַרענדע פון אַלע שטייערן און האַלטן אויף אַזאַ אופן די קריסטן אין אָפּהענגיקייט און מורא. אויף דעם סמך האָבן זיי געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן נישט צוגעלאָזט ווערן צו קיין אַמט, נישט וואוינען מיט קריסטן צוזאַמען, נישט רייטן אויף מויל־אייזלען, נישט אָנרופן זיך מיט קריסטלעכע נעמען און דורכאויס טראָגן דעם באַשטימטן „צייכן". פון די פאָרגעלייגטע באַשרענקונגען האָט ענריקע אָנגענומען נאָר צוויי: די קאַסטילישע יידן האָבן געמוזט אָנהויבן טראָגן די שענדלעכע „לאַטע" און פון די קריסטלעכע נעמען האָבן זיי זיך געמוזט אָפּזאָגן. דאָס איז געווען נישט אַזוי ווייט אַ מאַטעריעלער, ווי אַ מאָראַלישער קלאַפּ. די שטאָלצע יידישע גראַנדן זיינען געוואָרן בירגער פון צווייטן ראַנג, און צוגלייך מיט אַלע יידן אין די קריסטלעכע לענדער האָבן זיי אויך געמוזט טראָגן אויף זיך אַן אויסערלעכן שאַנד־צייכן.

ענריקע האָט געמאַכט דער קירך נאָך פיל אַנדערע הנחות. לויט זיין באַפעל האָבן די יידן זיך נישט געטאָרט אָפּזאָגן צו דיספּוטירן מיט קריסטלעכע מיסיאָנערן, ווען יענע האָבן עס פאַרלאַנגט, און צוויי געשמדטע יידן האָבן באַלד גענומען איינאָרדענען די דאָזיקע געצוואונגענע רעליגיע־דיסקוסיעס אין פאַרשידענע קאַסטילישע שטעט. ווען די שמועסן האָבן נישט געבראַכט קיינע נוצן, האָבן די משומדים אַרויסגעפאָדערט יידן אויף אַן עפנטלעכן וכוח אין אַווילאַ (1375), וואוהין עס זיינען זיך צונויפגעקומען פיל קריסטן און מאַכמעדאַנער. דאָס מאָל איז דער פאָרשטייער פונעם יידישן צד געווען דער דאָקטאָר ר' משה הכהן דע טאָרדעסילאַס, — דער זעלביקער, וועלכער איז בעת דעם בירגער־קריג באַרויבט און פאַרוואונ־

דעט געוואָרן פון אַ קריסטלעכער באַנדע. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן זייער רואיק און מיט קורצע תשובות אָפּגעשלאָגן די טענות פונעם משומד יאָהאַן (פון וואַלאַדאָליד), וועלכער האָט פון דער תורה געוואָלט דערווייזן די דאָגמעס פון קריסטנטום. דאָס אייגענע איז געווען אויך מיטן צווייטן משומד, וועלכער האָט די זעלביקע דאָגמעס געוואָלט באַווייזן פון תלמוד. שפּעטער האָט ר' משה פאַרעפנטלעכט זיינע תשובות אין אַ באַזונדערן ספר און ביי דער געלעגנהייט זאָגט ער אָן, מ'זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק ביי אַזעלכע פאַלן און זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין צו־שאַרפע אויס־דריקן, ווייל „די קריסטן קענען מיטן פויפּסט צווינגען, אָנצונעמען זייערע אמתן".

כמעט אין איין צייט מיט ר' משה הכהן האָט אַן אַנדער שפּאַנישער ייד, ר' שם טוב בן יצחק שפרוט, אויך פאַרפאַסט אַ פּאָלעמיש ווערק קעגן קריסטנטום. אין דעם ספר האָט ר' שם טוב אויפגעטון אַ וויכטיקע זאַך: כדי די יידן זאָלן נישט פרעמד זיין פון די קריסטלעכע יסודות און וויסן, מיט וואָס זיי אָפּצושלאָגן, האָט ער איבערזעצט אויף העברעאיש די מער באַדייטנדיקע שטעלן פון דער עוואַנגעליע, און צוגעגעבן צו זיי אויפ־קלערנדיקע באַמערקונגען. אָט די ווערק האָבן עס געזאָלט אויספילן דעם פלאַץ פון מענטשן, פון גייסטרייכע פערזאָנען, וואָס זאָלן קענען אַליין זיך אַן עצה געבן מיט אַזעלכע וכוחים און זיין גענוג באַוואָפנט דערצו מיט וויסן און פעאיקייטן. וואָרום גרויסע גייסט־מענטשן זיינען צו יענער צייט געווען אין שפּאַניע גאַנץ ווייניק, און די תלמודישע גדולים האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום חקירות.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

די ירידה פון שפּאַנישן יידנטום

מיט דער צווייטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט הייבט אָן דאָס שפּאַנישע יידנטום צו פאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. די מאַטעריעלע, אויסערלעכע לאַגע פון די שפּאַנישע יידן איז נאָך דערווייל כמעט, ווי געווען: זיי ווערן צוגעלאָזט צום הויף, פאַרנעמען אַלערליי מלוכה־פּאָסטנס, האָבן אַ פולשטענדיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונג און ווייסן נישט פון קיין ממשותדיקע באַגרענעצונגען. דערפאַר הייבן זיך אָבער אָן צו באַמערקן אין זיי שטאַרקע סמנים פון אינערלעכער צעפוילטקייט, פון גייסטיקער געפאַלנקייט. ווען די קריסטן האָבן באַשולדיקט די יידישע גראַנדן אין אומערלעכקייט און שרייענדיקער חוצפה, איז דאָס געווען נישט אין גאַנצן פאַלש, און אויך אין יידישע קרייזן האָט מען וועגן די אַריסטאָקראַטן נישט געהאַט קיין בעסערע מיינונג. די דרשנים און מאַראַליסטן פון יענער צייט קלאָגן זיך אַלע איבער דער פאַרדאָרבנקייט פון די גבירים און שילדערן זיי מיט זייער פינצטערע פאַרבן. „אין אַלע פאַלקס־אומגליקן — שרייבט איינער — זיינען די יידישע פירשטן, אַריסטאָקראַטן און גבירים צום מערסטן שולדיק; זיי טראַכטן נאָר וועגן אוצרות און וועגן זייער כבוד, און גאָטס אָנזען גייט זיי גאָרנישט אָן". אַן אַנדערער דרשן שילדערט די לאַגע פיל אויספירלעכער: „די מערסטע יידישע גדולים, — שרייבט ער — וועלכע האָבן אַ צוטריט צום קעניגלעכן הויף און באַזיצן די שליסלען פון דער מלוכה־קאַסע, האַלטן זיך גרויס מיט זייער עשירות, און הויכע פּאָסטנס און טראַכטן גאָרנישט וועגן די אָרימע לייט. זיי בויען זיך פּאַלאַצן, פאָרן אין פּראַכט־עקיפּאַזשן און באַצירן זייערע ווייבער און טעכטער, ווי פירשטנס, מיט גאָלד, פּערל און איידלשטיינער. זיי זיינען קאַלט אין גלויבן, פאַראַכטן די באַשיידנקייט, האַסן יעדער מלאכה און האָבן פאַרגעניגן פון ליידיקגיין; זיי האָבן ליב טענץ און מוזיק, קליידן זיך ווי די קריסטן און גייען מיט צוגעקעמטע בערד; זיי פילן אָן זייער לייב מיט אַלע גוטע מאכלים, בשעת די תלמידים פון די ישיבות

האָבן קוים ברויט מיט וואַסער (דעריבער זייַנען די רבנים אַזוי פּאַראַכט, און די ברייטע קלאַסן פון פאָלק מאַכן זייערע קינדער ליבער פאַר בעלי מלאכות, איידער פאַר געזעץ־לערער...) אין יעדער שטאָט רייסן זיי זיך אַרום איבער נידעריקע ענינים און ברענגען צו מהלוקות... נאָך ערגער איז די קנאה־שנאה, וואָס הערשט צווישן זיי: איינער פאַרגינט נישט דעם צווייטן און פאַרמסרט אים פאַרן קעניג".

די מסירות זייַנען טאַקע געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שפּאַנישן יידנטום, און די רבנים האָבן זיך גענומען קעמפן קעגן דער דערשיינונג מיט די שטרענגסטע מיטלען פון יידישן געזעץ. אַזוי ווי די בית דינס אין שפּאַניע האָבן געמעגט משפטן אויך דיני־נפשות, פלעגן זיי די מוסרים פשוט פאַרמשפטן צום טויט און אויסבעטן ביים קעניג אַ באַשטעטיקונג אויף דעם אורטייל. די אינערלעכע צעפוילטקייט איז אָבער דערגאַנגען אויך ביז די בית דינס גופא, און אויך דאָ זייַנען אָפגעטון געוואָרן שרעקלעכע מעשים. זייטיקע מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט די בית דינס, כדי אָפּצורוימען פון וועג זייערע קאָנקורענטן אָדער שונאים, און איין מאָל האָט אַזאַ מין רציחה געבראַכט צו זייער טרויעריקע רעזולטאַטן פאַרן גאַנצן שפּאַנישן יידנטום.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אויבנדערמאָנטן דון יוסף פּיכון פון סעווילאַ, וועלכער האָט פאַרנומען ביים קאַסטילישן קעניג דעם פּאָסטן פון אַן אויבער־שטייער־איינמאַנער און זיך דערוואָרבן אַן אומגעהייערע עשירות. דעם דאָזיקן שר האָבן זייַנע שונאים פאַרמסרט פאַרן קעניג, און ער איז איינגעזעצט געוואָרן אין געפענגעניש. דערנאָך האָט ער געמוזט באַצאָלן דעם קעניג אַ גרויסע סומע געלט. אָט די מסירה האָט דון יוסף נישט געקענט מוחל זייַן, און נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, האָט ער ווידער איינעם פון זייַנע מוסרים פאַרוויקלט אין אַ שווערן פּראָצעס. דערווייל איז דער קעניג, ענריקע, געשטאָרבן און דעם טראָן האָט געירשנט זייַן זון כואַן (1379); האָבן די רבנים אויסגענוצט דעם טומל פון דער קאָראָנאַציע און אויף גיך פאַרמשפּט דון יוסֿפן צום טויט — גאָר אַן זייַן וויסן און אונטער די אויגן. דערביי האָבן זייַנע שונאים פאַר געלט אַרויסבאַקומען די נויטיקע פאַרמאַליטעטן — אויך דעם קעניגס אונטערשריפט — און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן נאָך איידער אימיצער האָט צייט געהאַט, זיך אַרומצוקוקן. לאַנג האָט אָבער די זאַך נישט

געקענט בלייבן פֿאַרשוויגן, און ווען דער יונגער קעניג האָט זיך דער־וואוסט, אַז מ׳האָט אויסגענאָרט ביי אים זיין אונטערשריפֿט אויף אַן אומגערעכטן טויט־אורטייל, האָט ער געלאָזט טויטן די עקזעקוטאָרס פֿון דעם יידישן געריכט, וואָס האָבן דעם אורטייל אויסגעפֿירט, איינעם פֿון די רבנים־ריכטער און דעם פֿאַרשטייער פֿון דער מאַכט, וואָס האָט געהאָלפֿן אַרויסבאַקומען די נייטיקע פּאַפּירן. חוץ דעם האָט דער קעניג אָפּגענומען פֿון די יידישע געריכטן דאָס רעכט צו משפּטן דיני נפשות, און בכלל אָנגעהויבן שטאַרק נאָכצוקוקן און צו קאָנטראָלירן די אינעווייניקסטע יידישע ענינים.

אָט די יידנפֿיינטלעכע שטימונג פֿון קעניג איז באַלד אויסגענוצט געוואָרן פֿון דער קריסטלעכער קאַסטילישער באַפֿעלקערונג, וועלכע איז אויך געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט איבער דער רציחה פֿון דעם יידישן בית דין, און די קאָרטעס (פֿאָלקס, אַדלס־פֿאַרזאַמלונגען) אין וואַלאַדאָליד האָבן פֿאַרגעלייגט דער רעגירונגס־מאַכט, איינצופֿירן פֿאַר יידן דעם קאָדעקס פֿון די אַמאָליקע וועסטגאָטישע מלכים. און דאָן כּואַן האָט ווירקלעך באַשטעטיקט אַ גרויסן טייל פֿון דעם קאָדעקס. יידן איז אונטער אַ שטרענגער שטראָף פֿאַרבאָטן געוואָרן צו וואוינען אין איינעם מיט קריסטן, צו האַלטן קריסטלעכע אַמען פֿאַר זייערע קינדער און מגייר צו זיין אַ מאַכמעדאַנער אָדער ווען ס׳איז פֿון אַן אַנדער גלויבן. שפּעטער האָט דער זעלביקער הערשער דערווייטערט יידן כמעט פֿון אַלע מלוכה־פּאָסטנס.

אין דער צייט האָבן זיך געשטאַרקט די רדיפֿות קעגן יידן אויך מצד דער קירך. דאָס קאַטוילישע קריסטנטום האָט אין פֿערצנטן יאָרהונדערט דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון מיטלאַלטערלעכן באַרבאַריזם, און דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די ליידנשאַפֿטלעכע אַרומרייסעניש און מחלוקתן אין די רייען פֿון דער קירך גופֿא, וואָס האָבן די גיפֿטיקע יידן־שנאה נאָך מער פֿונאַנדערגעקאָכט. אין פּראַג האָבן די גייסטלעכע אויפֿגעהעצט די באַפֿעלקערונג צו אַ שרעקלעכן פּאָגראָם: עס זיינען טויזנטער יידן געטויט געוואָרן און דערצו האָבן די רוצחים געשענדט אַלע יידישע הייליקייטן (1389). נישט פֿיל מער מענטשלעכקייט בנוגע צו יידן האָבן אַרויסגעוויזן די גייסטלעכע אין פֿראַנקרייך. מיט יעדן טאָג זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן נייע באַשולדיקונגען קעגן די „אומגלויביקע״, פֿון וועלכע זיי האָבן קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט, זיך ריין צו וואַשן, ווייל יע־

נע, וואָס האָבן די באַשולדיקונגען אַרויסגעשטעלט, זיינען אַליין אויך אי־בערצייגט געווען אין זייער נישטיקייט. ביי אַזאַ לאַגע איז דאָס לעבן פון די אומגליקלעכע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייביקן גיהנם. און דערצו האָבן זיי שטענדיק געמוזט גרייט האַלטן דעם וואַנדער־שטעקן; דען פראַנקרייך האָט זיך געשפּילט מיט אירע יידישע געמיינדעס, ווי מיט שוצלאָזע פּאַראַכטע ציגיינער: אין אַ משך פון עטלעכע צענדליק יאָר האָט זי די יידן פאַרטריבן, צוריקגערופן און ווידער פאַרטריבן, אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון אירע קירכלעכע טאָנגעבערס.

און ביי די קאַפּריזן אַליין האָט זיך די קירך נישט אָפּגעשטעלט. די רעליגיע פון דער גרויסער ליבע האָט זיך פאַרבענקט נאָך מענטשן־בלוט, נאָך פאַקלצונגען פון מענטשלעכע לייבער, און באַלד האָט זיך אויף דער פּי־רענעאישער האַלב־אינדזל אָנגעהויבן די אָרגיע פון דער אינקוויזיציע מיט אירע אויטאָ־דאַ־פעס, — די אָרגיע, וואָס האָט מיט פייער און בלוט באַ־פעסטיקט דעם שטראַלן־קראַנץ אויפן קאָפּ פונעם אייביקן מאַרטירער, איי־ביקן וואַנדערער און אייביקן ייד.

(ע נ ד ע פ ו ן פ י נ פ ט ן ב א נ ד)

Este libro se terminó de imprimir
el día 28 de diciembre de 1949 en
los Talleres Gráficos "Optimus",
calle Valentín Gómez 2715 - 19.
Buenos Aires - Argentina